STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02581

# ZIKHROYNES FUN A YIDISHER REVOLUTSIONERIN

Puah Rakovska

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by The Yiddish Book Center*
*in honor of*
*Arnee Winshall, in appreciation of her generosity, dedication and commitment*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Sin fines comerciales

פועה ראַקאָווסקי

# זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע יידנטום

# 99

רעדאַקטאָר:

**מאַרק טורקאָוו**

פאַרלאַגס-לייטער:

**אברהם מיטלבערג**

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

פועה ראַקאָווסקי

# זכרונות פון א יידישער רעוואָלוציאָנערין

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1954 — תשי״ד



# איינע פון די ערשטע*)

דאָס דאָזיקע בוך וואָס ווערט צוגעטראָגן צו דער לייענער־מאַסע, האָט אַלס ציל צו געבן אַן אויסשעפנדיקן מאַטעריאַל וועגן דער פערזענלעכקייט און לעבנס־וועג פון אַ פראָטאָטיפ פון ערשטן דור ייִדישע פרויען אין מזרח־איראָפּע, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן בירגערשאַפט און גלייכבאַרעכטיקטע פליכטן אין דער רענעסאַנס־באַוועגונג פון זייער פאָלק. נישט ווייניק איז געשריבן וועגן דעם לעבן פון די פיאָנערן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן די פרינציפן פון ציוניזם און סאָציאַליזם, אָבער וועגן דעם אָנטייל פון דער פרוי אינעם דאָזיקן היסטאָרישן פראָצעס זענען פאַראַן ווייניק דאָקומענטן, און מיטן בוך פון פועה ראַקאָווסקי איז אונדז צוגעקומען אַ וויכטיק קאַפיטל וועגן דעם לעבנס־וועג פון דער ייִדישער טאָכטער אינעם תחום המושב, וועלכע האָט געשטעלט די ערשטע טריט ווי אַן איבערגעגעבן קינד צו דער ייִדישער טראַדיציע אין דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט און געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, געטריי זיין געוויסן און באַוווסטזיין. די קאַנווע פונעם בוך איז: פוילן און ארץ־ישראל און טיילווייז אויך דער ראַטנפאַרבאַנד; דאָרט ווו עס האָט עקזיסטירט אַ פאַרצווייגטע אויסערגעוויינלעך לעבנספעיִקע משפחה וואָס האָט צוגעשטעלט זין און טעכטער צום דינסט פון אַלע מיני געטער; דאָ זענען פאַרוויקלט טראַגישע גורלות פון דער ייִדישער יוגנט וואָס האָט געזוכט און געבלאָנדזשעט; און דאָ האָט געהערשט דער באַוווסטזיין זיך קעגנצושטעלן אַלע לעבנס־געפאַרן און וואָס האָט תמיד געשטרעבט צו גייסטיקע אַקטיוויטעטן.

אַלס צוואַנציק־יעריקע — שוין דאַן אַ מוטער פון צוויי קינדער — האָט פועה ראַקאָווסקי אָנגעהויבן איר זעלבסטשטענדיק לעבן, און נאָך אַ שווערן איבערברוך, וואָס האָט איר באַפרייט פון פאַמיליע־לעבן, וואָס אירע עלטערן האָבן אויף איר אַרויפגעצוווּנגען קעגן איר ווילן, איז זי געוואָרן די ערשטע גרינדערין פון אַ העברעיִשער מיידל־שול אין גלות,

*) הקדמה צו דער העברעישער איבערזעצונג, וואָס איז דערשינען אין הוצאת ספרים נ. טברסקי, תל־אביב, תשי״ב, א. נ. „לא נכנעתי", ספר זכרונות, תרגם מכתב־יד: דויד קלעי,

אַלס גרינדערין פון אַ נאַציאָנאַלער פרויען־באַוועגונג אין גלות, וואָס האָט ביז איר נישט געהאַט קיין שום פאַרגלייך, אַלס ערשטע פאַרווירקלעכערין פון דערציִונג דורך מלאכה פאַר פרויען, אַלס איינע פון די ערשטע אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַלס איבערזעצערין פון צענדליקער פרעכטיקע פרעמדשפּראַכיקע ביכער אין ייִדיש — די שפּראַך פון די ברייטע מאַסן פון איר פאָלק. און אין גאַנצע שטורעם פון איר געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט זי דורכגעמאַכט אַ פּערזענלעך ברויזנדיק לעבן, פון ליבע מיט יסורים און קרבנות, אַ לעבן פון אַ גליקלעכער מוטער פול גליק און צער און פאַרוואַנדלט איר באַשיידענער וווינונג, אַ דירה פון אַ לערערין, אין איינעם פון די גייסטיקע צענטערן פאַר דער יונגער ייִדישער באַפעלקערונג אין וואַרשע.

אויך דער עצם־פאַקט פון דערשיינען פונעם בוך דאַרף ספּעציעל אונטערגעשטראָכן ווערן. מיטן קומען פון פועה ראַקאָווסקי אין ארץ־ישראל צום צווייטן מאָל, בכדי זיך אַנטגילטיק צו באַזעצן (אין יאָר 1935 — אין עלטער פון 70 יאָר — האָבן מיר איר געטראָפן אַלס איינע פון די חברות וועלכע סטימולירן און זוכן טעטיקייטס־געביטן פאַר זיך. מיט אַ שאַרף אויג האָט זי באַטראַכט אַלץ אַרום איר, זי האָט אַלץ באַזוכט און גרויס הנאה געהאַט, אָבער זי האָט נישט מוותר געווען אויף קיין שום שותפותדיקער באַטייליקונג אויף אַלע עפנטלעכע טריבונעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און צווישן אַרבעטנדיקע מאַסן. דאַן האָט איר די מועצת הפועלות פאָרגעלייגט אָנצושרייבן אירע זכרונות, בכדי צו פאַרהיטן פאַר די נאָכקומענדיקע דורות די טריט פון אַזאַ רייכן לעבן, וואָס האָט אויסגעפלאַסטערט אַ וועג פאַר אַ סך. אַזוי אַרום האָבן זיך אָנגעהויפּט צענדליקער העפטן פון זכרונות געשריבן אין ייִדיש, ביז דוד קלעי ז״ל, וועלכער האָט דאַן אָנגעפירט דעם אַרכיון־העבודה פון דער הסתדרות און וועלכער איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון פוילן און איינער פון פועה ראַקאָווסקיס פאַרערער פון דעם נאָכקומענדיקן דור — האָט מסכים געווען צו איבערזעצן און רעדאַגירן די דאָזיקע העפטן. ווען מיר האָבן אויף אַזאַ אומגעריכטן אופן פאַרלוירן דוד קלעי, איז אויף זיין טיש געפונען געוואָרן די זכרונות פון פועה איבערזעצט אויף העברעיִש. דאָס איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען זיין לעצטע אַרבעט מיט וועלכע ער האָט זיך באַשעפטיקט, און וואָס ער האָט נישט זוכה געווען צו זען אין דרוק. אין אַן אַרטיקל געווידמעט פועה ראַקאָווסקי, ווען זי איז אַלט געוואָרן אַכציק יאָר (אונטערגעשריבן מיטן פסעוודאָנים דקלב, אין „דבר הפועלות״, באַנד י״א,

אלול תש״ה) שרייבט קלעי, וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט די טעטיקייטן פון פועה ראַקאָווסקי אין פוילן:

„די געשיכטע פון פוילישן ייִדנטום, די גרעסטע אין צאָל פון אַלע תפוצות, וואָס איז מיטן סאַמע וואָרצל אויסגעריסן געוואָרן, וועט נישט זיין פולקאָם אויב עס וועט נישט אָנגעצייכנט ווערן קיין ערן־אָרט פאַר דער פרוי, וואָס האָט אויסגעפילט די פונקציע פון אַ באַ־נייערין און דערציערין צווישן דעם פוילישן ייִדנטום. אָבער די באַדייטונג פון פועה ראַקאָווסקי באַגרענעצט זיך נישט אין שטח פון אירע אַקטיוויטעטן, וואָס פון זיי האָבן גענאָסן די איינוווינער פון איין לאַנד, און זאָל דאָס זיין אפילו די גרעסטע און די וויכטיקסטע פון די לענדער. איר עיקר־ווערט ליגט אין איר פערזענלעכקייט. פועה דאַרף פאַררעכנט ווערן צו די יעניקע וועלכע זענען געבענטשט געוואָרן מיט שאַפונגס־דראַנג, וואָס זייער גאַנצע שטורעמדיקייט איז נישט מער ווי אַ קאָרידאָר צו דער שאַפנדיקער ווירקלעכקייט״.

איינער פון די באַנייער פון דער העברעיִשער פאָלקס־ליטעראַטור, בן־אביגדור, האָט געווידמעט פועהן אַ דערציילונג אין זיינע „ספרי אגורה״, מיט וועלכן עס האָבן זיך געשפּייזט די העברעיִשע לייענער אינעם דור פון דער צווייטער עליה. ער האָט צו־ביסלעך אויפגעהויבן דעם שלייער פונעם קאָמפּליצירטן פּערזענלעכן לעבן פון דער דאָזיקער גוניאַלער פרוי, פון טיפער פאַרערונג צו איר באַפרייונגס־קאַמף. „רבי שפרה״ האָט ער אָנגערופן די דאָזיקע דערציילונג, ווייל אין די אויגן פון איר דור איז שפרה — דאָס איז פועה — צוליב איר אַלזייטיקן וויסן, מיט איר קלאָרן פאַרשטאַנד און רייכן גייסטיקן לעבן, געגאָלטן ווי אַ דערשיינונג וואָס האָט נישט איר גלייכן צווישן פרויען.

דאָס מעמואַרן־בוך פון פועה ראַקאָווסקי האָט געזאָלט דערשיינען אין תש״י, צו איר 85יעריקן געבוירנטאָג, אָבער צוליב דער טראַגישער עפּאָכע פון די לעצטע יאָרן איז די זאַך אָפּגעשלעפּט געוואָרן ביז איצט. און איז איר איצט צוגעטראָגן געוואָרן — זי וווינט מיט איר טאָכטער אין חיפה — אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר איר לעבנס־ווערק, און דעם ייִדישן לייענער אַלס גרינטלעכער צוגאָב צו דער מעמואַרן־ליטעראַטור, געוויד־מעט אַ גרויסער פּערזענלעכקייט פון אונדזער רענעסאַנס־באַוועגונג.

רחל כצנלסון־שזר

ירושלים

# קאַפּיטל איינס

איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1865 ביי אַ פּופּצניאַריקער מוטער און אַ זיבעצניאָריקן פּאָטער. פון דעם טאַטנס צד שטאַם איך פון זעקס און דרייסיק דורות רבנים. אונדזער יחוס דערגייט ביז רש״י. אויף דעם זאָגט עדות אונדזער ספר־היחוס וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן איינער פון אונדזערע קרובים אין וואַרשע, חיים זאַקהיים, אַ פיינער ייִד נאָר אַ גרויסער קבצן. ער האָט כסדר אָפּגעזוכט אַלע אונדזערע קרובים און זיי מזכה געווען מיט דעם יחוס פון אונדזער אָפּשטאַם. ער פלעגט דערציילן אַז אונדזער משפחה איז זייער אַ פאַרצוויגטע. נישטאָ כמעט קיין שטאָט אין רוסלאַנד און אין רוסיש־פּוילן, וווּ מיר זאָלן נישט האָבן קיין קרובים. מיין מוטער איז געווען אַ געבוירטיקע פון ביאַליסטאָק. איר פאָטער האָט זי נישט געדענקט, ווייל זי איז קליינערהייט געבליבן אַ יתומה. דער מוטערס מוטער, יענטע שרה, וועלכע איך געדענק נאָך זייער גוט, איז געווען אַן אמתע אשת־חיל. אין סופּראַסלע, אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון ביאַליסטאָק, האָט זי געהאַט אַ גרויסע וואַסער־מיל און אין ביאַליסטאָק — אַ גרויסן מעל־סקלאַד. די באָבע יענטע שרה האָט געשמט פאַר אַ פייערדיקע סוחרטע און אַ גרויסע פּקחית. אָט דער באָבען האָבן אירע עלטערן חתונה געמאַכט צו צוועלף יאָר און צו דרייצן יאָר האָט זי זיך שוין אָפּגעגט מיט איר ערשטן מאַן. שפּעטער האָט זי זיך אַליין אָפּגעקליבן אַ צווייטן מאַן, וועלכער איז געוואָרן דער פאָטער פון מיין מאַמען. דאָס איז געווען אַ בחור אַן עילוי. ער פלעגט זיצן און לערנען און זי, דאָס ווייב, האָט געפירט די געשעפטן, מפרנס געווען די משפּחה. יענטע שרהס צווייטער מאַן איז געווען, ווי מ׳פלעגט עס רופן אין יענע יאָרן, אַ זיידענער יונגערמאַן, אַ צורבא דרבנן און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַ קנאַפּער גבור. מיט אים האָט מיין באָבע געהאַט נאָר צוויי טעכטער — מיין מוטער און

איר עלטערע שוועסטער. אין איינעם אַ טאָג איז מיין זיידע, דער דאָזיקער זיידענער יונגערמאַנטשיק אַריין אין מעל־סקלאַד און זיך צוגעקוקט ווי די טרעגערס נעמען אויף די פּלייצעס זעק מעל און גייען מיט זיי. דאָס זענען געווען יונגע יידן, צוגעוווינטע צו דער שווערער אַרבעט. דעם זיידן אָבער האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי שווער. ער האָט זיך דערפאַר געוועט מיט איינעם פון די טרעגערס אַז אויך ער קען טון די דאָזיקע אַרבעט. אַרויפגענומען אויף דער פּלייצע אַ זעקל מעל, אָבער דערטראָגן עס האָט ער נישט באַוויזן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער זיידע באַקומען אַ בלוטשטורץ, געקרענקט דערנאָך אַ פּאָר יאָר אויף די לונגען און געשטאָרבן גאָר אַ יונגער. די באָבע, אַ יונגע אלמנה און זייער אַ שיי־נע, האָט ווייטער געפירט אירע גרויסע מסחרים און געפירט אין ביאַליס־טאָק, אין צענטער שטאָט, איר גרויס הויז. און אינטערעסאַנט: די באָבע האָט אויסער יידיש נישט געקענט קיין שום אַנדערע שפּראַך, פונדעסטוועגן פלעגט זי אָנקומען צו הויכגעשטעלטע שררות, אַפילו צום גראָדנער גובער־נאַטאָר האָט זי אָנגעשפּאַרט; און זי האָט געהאַט מזל צו פּראָצעסן, ווייל צום פּראָצעסירן זיך האָט זי געהאַט אַ מין שוואַכקייט: און שטענדיק האָט זי אירע משפּטים געוווּנען.

פון אירע צוויי טעכטער האָט די באָבע יענטע שרה פאַרלוירן די עלטערע. זי איז געשטאָרבן ביי דער געבורט פון איר דריטן קינד און די מאַמע פון דער געשטאָרבענער — מיין באָבע הייסט עס — האָט צוגע־נומען צו זיך די דריי קליינע יתומים וועלכע האָבן זיך געהאָדעוועט ביי איר. דער פאָטער פון די יתומימלעך האָט באַלד חתונה געהאַט פון ס'ניי און זיין גאַנץ לעבן זיך נישט געזאָרגט פאַר זיינע קינדער. ווען די קינדער זענען אויסגעוואַקסן האָט די באָבע חתונה געהאַט צום דריטן מאָל. דער דריטער מאַן דער באָבעס איז געווען כמעט אין די זעלבע יאָרן וואָס זי. ער איז שוין געווען אַ ייד אַ סוחר; זי אָבער, די באָבע מיינע, איז ווייטער געבליבן די גרויסע אשת־חיל, די גאַנצע געשעפטס־פירערין און דער מאַן איז אַלע זיינע יאָרן געווען דער עוזר־כנגדה. ער האָט בלויז מיטגעהאָלפן. זי האָט געהייסן און ער האָט געפאָלגט. קוים האָט ער ווען־נישט־איז זעלבסטשטענדיק געשלאָסן עפּעס אַ געשעפטל, האָט עס טאַקע נישט געטויגט. פון דעם דאָזיקן דריטן מאַן האָט די באָבע אויך געהאַט צוויי

טעכטער, ס׳הייסט: געהאַט האָט זי מיט אים אויך זיבן יינגלעך, נאָר זיי זענען אַלע אויסגעשטאָרבן קליינערהייט. מחמת אָט דער קללה האָט די באָבע גענומען אויף זיך אַ נדר איר גאַנץ לעבן נישט אַ קוש צו טון נישט אירע קינדער און נישט אירע אייניקלעך.

אין איר צייט איז די באָבע יענטע שרה געווען אַן אינטערעסאַנטער טיפּ פון אַ פּרימיטיווער, זעלבסטשטענדיקער פרוי, עפּעס אַ פאַרבלאָנ־דזשעטער פונק פון אַלטערטימלעכן מאַטריאַרכאַט. און קוים האַלטן מיר פון אַטאַוויזם און פּרוידס ירושה־טעאָריעס קען מען דרייסט זאָגן אַז אין מיר, דער היינטצייטיקער קעמפערין פאַר פרויען־רעכט, איז פאַרבאָרגן אַ ניצוץ וואָס איך האָב געירשנט פון מיין לאַנג פאַרשטאָרבענער באָבען.

ווי עס וואָלט געווען ערשט היינט געדענק איך, אַז בעת כ׳בין געווען אַ קינד פון 6—8 יאָר און עמעצער האָט מיר געוואָלט מאַכן אַ קאָמפּלי־מענט, פלעגט מען זאָגן: „דער באָבע יענטע־שרהס קעפּל״.

נישט האָבנדיק קיין זין, האָט מיין באָבע ווייזט אויס געשטרעבט צו דערגאַנצן דעם בלויז מיט געראָטענע איידעמס. זי האָט באמת טאַקע געטון מיט אירע טעכטער זייער שיינע שידוכים. אירע איידעמס זענען געווען קינדער פון באַרימטע רבנים און סתם גרויסע מיוחסים. ווערדליק דעם מנהג פון יענער צייט האָט זי אירע טעכטער געגעבן היפּשע נדנים, גענומען צו זיך די איידעמס אויף קעסט, אָפּגעגעבן זיי דירות אין איר גרויס הויז און בכלל זיי געהאַלטן אַרום זיך.

בעת איך בין אַלט געווען אינגאַנצן אַכט יאָר האָט מיין מאַמע גע־בוירן שוין ס׳פינפטע קינד. בכלל האָט זי באַוויזן צו האָבן פופצן קינ־דער — אַ יאָר געזויגן און ניין חדשים געטראָגן. דעמאָלט האָבן מיר נאָך געוווינט אויפן ערשטן שטאָק ביי דער באָבען אין הויז. די באָבע גופא האָט דאָרט פאַרנומען אַ גרויסע דירה אויפן פאַרטער. מיין פאָטער, אַ בן־הרב — דער זיידע ר׳ לייבעלע איז דעמאָלט געווען רב אין סטאַ־וויסק וואָס איז לאָמזשער גובערניע — האָט אויך געהאַט סמיכה אויף רבנות און די באָבע האָט טאַקע שטאַרק געוואָלט, ער זאָל ווערן רב. באַלד נאָך דער חתונה איז מיין פאָטער טאַקע געזעסן און געלערנט צוזאַ־מען מיט זיין חבר ר׳ חיים־הערץ האַלפּערן, דעם זון פון ביאַליסטאָקער רב ר׳ ליפּע האַלפּערן. מיין טאַטע האָט אָבער קיין רב נישט געוואָלט זיין.

אין דער זעלבער צייט ווען ער האָט עוסק געווען אין תורה־לערנען האָט ער איינער אַליין, אָן שום לערער, זיך געלערנט רוסיש, דייטש, געשיכטע, נאַטורוויסנשאַפט און בוכהאַלטעריע. אין בוכהאַלטעריע איז ער שפּעטער טאַקע געוואָרן אַזאַ ספּעציאַליסט אַז דירעקטאָרן פון ביאַליסטאָקער בענק פלעגן זיך אָפט ווענדן צו אים נאָך עצות אין ענינים פון בוכפירונג.

ווען די משפחה אין מיין טאַטע־מאַמעס הויז האָט זיך פאַרגרעסערט און מ׳איז נאָך אַלץ געזעסן אויף קעסט, האָט זיך מיין פאָטער אויפגעהויבן און איז אַוועק קיין קאָוונע. דאָרט איז ער געוואָרן אַ קאָמיסיאָנער. דער דאָזיקער פרווו זיינער האָט זיך אָבער געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. דער טאַטע האָט אָנגעווירן דעם גאַנצן נדן. צוריקקומענדיק אַהיים האָט ער גענומען זוכן פרנסה אויפן אָרט. ער האָט זיך אַריבערגעוואָרפן צום עקספּעדיטאָר־פאַך. די מעלה איז געווען וואָס דערצו האָט מען נישט באַדאַרפט קיין געלט. סוחרים פלעגן געבן זייערע באַן־קוויטאַנציעס און פאַר זיי האָט מען געדאַרפט אָפּנעמען די סחורה. פאַר דער טרחה פלעגט מען דעם עקספּעדיטאָר אָפּצאָלן אַ געוויסן שכר. ביי דעם איז געווען וויכטיק צו האָבן וואָס מער קליענטן. שוין דעמאָלט האָט מיין פאָטער געהאַט זייער אַ גוטן נאָמען, מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַן ערלעכן און קלוגן מענטש, האָט ער זיך באַלד דערוואָרבן אַ גרויסע קונדשאַפט. דער טאַטע האָט גיך אָנגעהויבן דערפון ציִען פרנסה. אַפּנים, דער פאָטער גופא איז געווען שטאַרק צופרידן פון זיין נייעם דרך. פון זיין ערשטן זעלבסטשטענדיקן פאַרדינסט פלעגט דער טאַטע אָפט דערציילן אַ טשיקאַווען עפּיזאָד: אין גרויסן בית־מדרש האָט ער געהאַט אַ גוטן באַקאַנטן, וועלכער האָט שטאַרק געאַכט דעם פאָטער פאַר זיינע מידות־טובות. דער דאָזיקער יִיד — איך געדענק נאָך אפילו זיין פאַמיליע־נאָמען, נאָר איך וויל נישט פורש־בשמו זיין מחמת ער איז געווען אַ מלווה, אַ פּראָצענטניק — האָט זיך אָפּגעזאָגט מיין פאָטער צו באָרגן עטלעכע רובל וואָס זענען אים געווען נייטיק אויף אַ קורצער צייט, און דאָס אויף אַרויסצונעמען פון דער באַן סחורות פאַר אַ צאָל קליענטן. דער מלווה האָט גוטמוטיק אויסגעהערט דעם טאַטנס בקשה און לסוף געזאָגט: — רב מענדל, איך קען אייך ווירקלעך פאַר זייער אַ פיינעם, ערלעכן מאַן, אָבער פון וואַנען וועט איר נעמען געלט מיר אָפּצוגעבן?

מיין טאַטע האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך שטיל אָפּגעזעגנט און איז אַוועק. מיט יאָרן שפּעטער, ווען מיין פאָטער איז שוין געווען אַ גרויסער סוחר, איינער פון די אָנגעזעענסטע ייִדן אין ביאַליסטאָק און איז געווען באַוווסט ווי דער פּקח שיער נישט פון דער גאַנצער גראָדנער גובערניע, פלעגן מענטשן, וואָס האָבן געדענקט די דאָזיקע מעשה, דאָס איבערדערציילן ווי אַ ראיה־גדולה אַז אַזוי דאַרף אַ ייִד זיך נישט נוהג זיין. מ׳דאַרף גלייבן אַ מענטשן!... די ייִדן פלעגן טאַקע איבערגעגעבן אַז דער מלווה האָט דערנאָך פאַרלוירן זיין גאַנצן פאַרמעגן און איז לא־עלינו געשטאָרבן אַ גרויסער אביון.

טאַקע פון יענער צייט, ווען מיין פאָטער איז געוואָרן עקספּעדי־טאָר הייב איך אייגנטלעך אָן די געשיכטע פון מיינע קינדער־יאָרן. קיין קינדהייט, ווי מ׳פאַרשטייט עס היינט, אַ קינדהייט מיט אַ קינדער־שטוב, מיט שפּילצייג, מיט אַ גן־ילדים און מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג וואָס שטייט אונטערן לאָזונג: „הכל לילד״, אַלץ פאַרן קינד — אָט־אָ־דאָס האָב איך נישט געהאַט. בכלל, ווער האָט מיט כמעט דריי דורות צוריק געהאַט ביי ייִדן אַ קינדהייט? און וועלכע פּופּצניאַריקע מאַמע און זיבעצנ־יאָריקער טאַטע האָבן געקענט עפּעס געבן זייערע קינדער? מיין טאַטע, למשל, פלעגט דערציילן אַז בעת ער האָט געוואָלט מיך נעמען אויף די הענט, האָט ער געזאָגט: „גיט מיר איר אין אַ טיכעלע״. ווער האָט דעמאָלט געוווּסט פון דערציִונג בעת מ׳האָט געבוירן פּופּצן קינדער ווי עס איז געווען דער פאַל ביי מיין מאַמע? מיינע באָבעס פוןביידע צדדים זענען געלעגן אין קימפּעט מיט אַכצן קינדער און איין מומע, טאַקע די פרוי פון מיין פעטער, דעם שרייבער אברהם־אבאַ ראַקאָווסקי, איז גאַנצע איין און צוואַנציק מאָל געלעגן געוואָרן. די ערשטע זיבן קינדער אירע האָבן זיך נישט געהאָדעוועט, מיטן אַכטן איז מען אַרומגעפאָרן צו אַלע רביים, אָנגעטון אים ביז דרייצן יאָר אין לייוונט און אָנגעווענדט נאָך אַזעלכע מיני סגולות. דאָס אַלץ מאַכט אָבער נישט אויס. מיט דריי דורות צוריק האָט מען ייִדישע קינדער נישט דערצויגן; זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדהייט, זיי זענען געוואַקסן ווי די ביימער אין פעלד — כי האדם עץ השדה; געזען בלויז די ביישפּילן פון אָנשטענדיקן לעבן ביי זייערע על־טערן און געוואַקסן און אויסגעוואַקסן געזינטערע מענטשן ווי די „גוט־

דערצויגענע״ פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ביי אַלע פעלקער און ביי אונדז ייִדן בתוכם.

איז בין איך געוואַקסן ווי אַלע ייִדישע קינדער אין מיין צייט. צו זעקס יאָר האָב איך געלערנט אין חדר צוזאַמען מיט ייִנגלעך. דעם רבין געדענק איך ווי איצט. אַ הויכער, שיינער ייִד איז ער געווען מיט אַ לאַנ־גער, בלאָנדער באָרד. גערופן האָט מען אים יוסף ציגאַרנמאַכער. פאַרוואָס ער האָט אַזוי געהייסן איז פאַר מיר אומדערקלערלעך ביזן היינטיקן טאָג. אין חדר האָב איך אים קיינמאָל נישט געזען מאַכן קיין ציגאַרן. ער איז געזעסן און געקנעלט מיט אונדז ווי גאָט האָט געבאָטן: פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט. געלערנט האָב איך ביי דעם דאָזיקן ערשטן מלמד נאָר איין זמן. נאָך דעם איז דער רבי געקומען צו מיין טאַטן און אים געמאָלדן:

— רב מענדל, פאַר אייער מיידל האָב איך שוין נישט קיין תורה. זי דאַרף שוין אַ גרעסערן רבין. אייער ייִנגל קען נאָך בלייבן ביי מיר אין חדר.

אַ חוץ דעם חדר האָב איך געהאַט אַ לערער אויף ייִדיש. דעמאָלט האָט אַזאַ נישט געהייסן לערער, נאָר אַ „שרייבער״ ביי וועמען אַ גרופּע ייִנגלעך מיט מיידלעך האָבן זיך געלערנט לייענען און שרייבן ייִדיש.

נאָכן חדר, צו זיבן יאָר, האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין אַ פּריוואַטער ייִדישער שול ווו די אונטעררריכט־שפּראַך איז געווען רוסיש און דער פּראָגראַם איז געווען פון אַ מלוכהשער פאָלקסשול. דער לערער האָט געהייסן עזריאל קאַפּלאַן. אָבער אפּנים, ער איז געווען ווינציק פאַר מיר און פאַר מיינע יאָרן. אין דער היים איז צו מיר נאָך געגאַנגען אַ רבי וועלכער האָט מיט מיר געלערנט חומש. דאָס לערנען איז, אמת, מיר אָנ־געקומען גאַנץ לייכט, לעקציעס האָב איך כמעט נישט געדאַרפט מאַכן; מיט די שריפטלעכע אַרבעטן פלעג איך זיך אָפּפאַרטיקן גאָר גיך. עס איז אויך אמת אַז אַ מתמידה בין איך געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. אַ מינדלעכע דערציילונג, אַ שיר, איז מיר געגוג געווען בלויז צו הערן בעת דער לעקציע און איך האָב זי שוין געדענקט. פאַרן שלאָף פלעג איך די זאַך נאָך איבערלייענען איין מאָל, אַרונטערלייגן ס׳ביכל אונטערן קישן

(איך האָב עס געהאַלטן פאַר אַ סגולה) און אויף מאָרגן אינדערפרי האָב איך אַלץ געקענט „ווי אַ וואַסער".

דאָס לערנען איז נאָך נישט געווען אַלץ. איך בין געווען אַ גאַנצן טאָג שטאַרק פאַרנומען. אַהיימגעקומען פון שול בין איך געווען דעם טאַטנס אַרויסהעלפערקע אין געשעפט און כ'בין געווען אַ האַנט צו העלפן דער מאַמען זיך אומגיין מיט די יינגערע קינדער. איך בין דאָך געווען די בכורה, די עלטסטע פון אַלע. דער טאַטע פלעגט מיך שיקן צו דער באַן־סטאַציע. דאָס איז געווען אין די פאַלן ווען עמעצער פון די סוחרים האָט אומגעריכט געהאַט עפעס צו באַזאָרגן און דער טאַטע איז גראָד געווען אויפן באַן. אויסערדעם פלעג איך די קלענערע קינדער וואַשן, קאַמען, געבן עסן. קיין שום אַרבעט איז מיר נישט געווען שווער, וואָרעם אַלץ וואָס כ'האָב געטון איז געווען דיקטירט פונעם פליכט־געפיל וואָס איך האָב געהאַט ווי די עלטסטע פון די קינדער אין הויז. ווי אַזאַ בין איך מחויב מיטצוהעלפן. דער דאָזיקער עול האָט מיך געצווונגען בלויז אַ פאָר יאָר — כל־זמן מיין פאָטער איז געווען נאָר אַ שטאָטישער עקספּע־דיטאָר, ס'הייסט: ווי לאַנג ער האָט געהאַט צו טון נאָר מיט סוחרים פון ביאַליסטאָק. ס'האָט נישט לאַנג געגומען און דער טאַטע האָט געעפנט אַן עקספּעדיציע־קאַנטאָר און גרויסע סוחרים פון אַ סך שטעט אין רוסלאַנד האָבן אים אַנפאַרטרויט הונדערטער וואַגאָנעס סחורה וואָס זענען אָפּגע־שיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. בעיקר איז דאָס געווען תבואה וואָס איז געגאַנגען דורך גראַיעווע־פּראָסטקען קיין קעניגסבערג. קיין דירעקטע באַן־פאַרבינדונג איז אין יענער צייט נאָך נישט געווען, האָט מען גע־מוזט יעדן וואַגאָן סחורה אויסלאָדן און איבערפירן פון איין באַנליניע אויף דער אַנדערער. דער צוטרוי צו מיין טאַטן איז געווען גאָר גרויס און די צאָל קונדן איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. אין מיין טאַטנס קאַנטאָר זענען שוין געזעסן אָנגעשטעלטע, די אַרבעט איז געווען זייער אָנגעשטרענגט. גאַנצע נעכט פלעגט מען זיצן כדי צופרידנצושטעלן די קונדן. אין מיינע עלטערנס הויז האָט זיך שטאַרק פאַרבעסערט דער מצב, מ'האָט גענומען אַ גרעסערע וווינונג, מ'האָט זיך אַרויסגעצויגן פון דער באַבען. אין שטוב איז אַריינגענומען געוואָרן אַ דינסט, די מאַמע האָט זיך געקענט אָפּרוען פון איר שווערער אַרבעט. זי האָט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט כלל־זאַכן,

בעיקר מיט צדקה־אַרבעט: געשאַפן פאַרשידענע חברות ווי גמילת־חסדים, הכנסת־כלה וכדומה. איינקויפן אין מאַרק אַריין פלעגט זי שוין נישט גיין אַליין. זי האָט געהייסן אַלץ שיקן אַהיים. „זאָלן אָרעמע ווייבער אויך פאַר־דינען, אויב גאָט האָט אונדז געהאָלפן", פלעגט זי טענהן.

מיין מוטער איז געווען שטאַרק פרום, אַז אַלע גרויסע רביצנס האָבן געמעגט קומען זיך לערנען ביי איר פרומקייט. און געאַכט האָב איך איר, ווייל איר פרומקייט איז געווען אַן עכטע ייִדישע, מענטשלעכע גוטסקייט, מער גוטסקייט טאַקע ווי פרומקייט. אין אַזאַ סביבה פון ריינער ייִדישקייט זענען מיר געוואַקסן און אַזאַ ליבשאַפט ווי צווישן מיין טאַטע־מאַמע האָב איך נישט געזען מיין גאַנצן לעבן, אפילו נישט ביי קיינס פון די מאָדערנע פאַרפעלקער וואָס האָבן חתונה געהאַט פון ליבע, כביכול.

אונדז, קינדער, האָט מען טאַקע נישט דערצויגן, נישט דרעסירט, אָבער אויך קיינמאָל נישט געשלאָגן. אַז דער טאַטע פלעגט אַמאָל אויף עמיצן פון אונדז ווערן אין כעס און וועלן אונדז שלאָגן, פלעגט ער זיך צעלאַכן ביז ער איז צוגעגאַנגען צום פאַרשולדיקטן קינד. אויך וועגן מיין זיידן דעם רב פלעגט מען דערציילן, אַז בעת ער האָט אַמאָל אַ קלאַפּ געטון אַ קינד, האָט ער עס געמאַכט מיט דער אויסווייניקסטער זייט פון זיין דלאָניע. אַ גלעט אַזאַ איז עס געווען און נישט מער.

איך בין געווען זייער אַ רירעוודיקע. שוין אין דער שול האָב איך אַרויסגעוויזן פעיִקייטן פאַר אַגיטאַציע. פון כאַראַקטער אַ שטאַרק פריי־לעכע, מיט טעמפּעראַמענט, פלעג איך זינגען און טאַנצן. תמיד בין איך געווען דאָס ליבלינג פון גאַנצן קלאַס, די איניציאַטאָרקע פון אַלע שפּי־לערייען. צו דעם אַלעם בין איך געווען אַ פרומע, שיער נישט ווי מיין מאַמע: געדאַוונט אום שבת, געלייענט דעם טייטש־חומש, דעם מנורת־המאור, תהילים געזאָגט, זיך נישט געקאַמט, נישט געוואַשן זיך מיט זייף און אַז איך פלעג שבת אַריינקומען צו מיינער אַ חברטע און געפונען איר ביים לייענען אַ רוסיש ביכל, האָב איך אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר און אַנטלאָפן. אַזוי איז עס געווען ביז כ'בין אַלט געוואָרן דרייצן יאָר.

נאָכן ענדיקן די שול האָב איך געבעטן דעם פאָטער ער זאָל מיך אָפּגעבן אין אַ העכערער שול. געווען איז דעמאָלט אין ביאַליסטאָק אַ פיר־קלאַסיקע פּראָגימנאַזיע, אַ פּריוואַטע און אַ רעגירונגס־גימנאַזיע. דאָס האָב

איך אָבער נישט געקענט פועלן ביים טאַטן. ער איז געווען קעגן מיין ווייטערדיקן לערנען אין די דאָזיקע לערן־אַנשטאַלטן מחמת דעם וואָס דאָרט האָט מען געמוזט שרייבן אום שבת. אַז איך זאָל ווייטער לערנען האָט מיין פאָטער דווקא געוואָלט. ער פלעגט אָפט זאָגן: אַ גרויסער שאָד וואָס דו ביסט געבוירן געוואָרן אַ מיידל און נישט קיין יינגל. צום באַדויערן איז דאָס געווען געווען דער קוק פון יידישע עלטערן, אפילו פון אינטעליגענטע, אַז מיידלעך דאַרפן נישט לערנען דאָס וואָס יינגלעך; ווער רעדט נאָך, אַז אַ מיידל זאָל וועלן לערנען לשון־קודש! דאָס איז שוין זיכער אפיקורסות , ווייל כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תופלות. אונדזער פאָלק האָט טייער באַצאָלט פאַר דער דאָזיקער אָפּגעלעבטער אָנשויונג. אויב אונדזערע זיידעס און טאַטעס און אונדזערע רבנים, ווי גייסטיקע פירער, וואָלטן זיך נישט געהאַלטן אָן דעם־אָ כלל, נאָר פאַרקערט, אַז תורה־בילדונג דאַרף נישט וויסן פון קיין געשלעכטס־אונטערשידן, אַז יידישע טעכטער, פונקט ווי די זין, דאַרפן דערצויגן ווערן אויף אונדזער תורה, אויף אונדזער קולטור און זיטן־לערע, וואָלטן מי־יודע וויפל טויזנטער יידישע מאַמעס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַסימילאַציע, פון שמד און דורך זיי אויך די יידישע זין, וועלכע מיר האָבן פאַרלוירן צוליב דער דערציונג, וואָס זיי האָבן באַקומען פון זייערע אַסימילירטע מוטערס. אויך פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג האָבן מיר פאַרלוירן מחנות יידישע זין. אין דעם פּרט קען איך צו מיינע עלטערן נישט האָבן קיין טענות, הלמאי זיי האָבן מיך נישט געשיקט לערנען אין אַ העכערער שול. זיי האָבן מיך געוואָלט פאַרהיטן פון שרייבן אום שבת, אָבער זיי האָבן מיך ווייטער געלערנט פּריוואַט — רוסיש און אַלע אַנדערע קעגנשטאַנדן וואָס זענען געלערנט געוואָרן אין גימנאַזיע. איך האָב אויך געלערנט דייטש, וועלכע איז אַמאָל געווען איינע פון די לשונות וואָס זענען גערעדט געוואָרן אין ביאַליסטאָק, מחמת אונדזער שטאָט האָט בשעתו געהערט צו דייטשלאַנד. איינצייטיק האָב איך געלערנט העברעיש. מיין ערשטער העברעיש־לערער איז געווען דער משורר מענדל דאַליצקי. ער איז געווען אַ זון פון אַ ביאַליסטאָקער שוחט. אַליין אַ געוועזענער ישיבה־בחור וואָס איז אַרויס לתרבות־רעה, איז מענדל דאַליצקי געוואָרן אַ העברעיש־לערער און אַ גרויסער אפיקורס.

לאַנג איז מיר נישט באַשערט געווען ביי אים צו לערנען און דאָס צוליב אַזאַ סיבה: ער האָט מיט אונדז געלערנט „איוב" און מיין פּאָטער האָט צופעליק זיך צוגעהערט ווי ער פּאַרטייטשט מיר דעם פּסוק: „מבשרי אחזה אלה — פון מיין לייב זע איך גאָרנישט". פאַרן פאָטער איז דער טייטש געווען געגנוג אויף אָפּצוזאָגן דעם לערער, וואָרום ער האָט מורא געהאַט איך זאָל חלילה אונטער זיין השפּעה נישט קאַליע ווערן. נאָך דער מעשה האָט דער טאַטע איינגעלאַדן אַ נייעם לערער פאַר מיר און מיין ברודער, וועלכער איז געווען ייִנגער פון מיר מיט קנאַפּע צוויי יאָר. דער דאָזיקער לערער איז געקומען פון קרינעק גאָר אַ יונגערמאַן, אָבער ער האָט שוין געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער. געהייסן האָט ער אשר כאַוועס. ער איז געווען אַ טיפּ פון אַ דעמאָלטיקן משכיל, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, אַן אויטאָדידאַקט. ער האָט געקענט גוט רוסיש, דייטש און געווען טאַקע אַ לערער פון גאָטס גענאָד. ער איז אָבער געווען ווייט פון די הפקרדיקע משכילים, די אַזוי גערופענע „ברויט מיט ליכט"־אפּיקורסים. נישט קיין להכעיס־אפּיקורס, נאָר אַזאַ וואָס האָט געהאַלטן, אַז מ'דאַרף די מאַסע אויפקלערן, לערנען, דערציִען. מיין לערער אשר כאַוועס איז געווען אַ גוטער פאַמיליע־פאָטער, אַ לערער אַן אידעאַליסט. יעדן שבת און יום־טוב פלעגן מיר, קינדער, קומען צו אים אַהיים. ער האָט מיט אונדז געפירט פאַרשידענע שמועסן און שפּעטער, ווען מיר זענען עלטער געוואָרן, האָט ער אונדז אָנגעוויזן וואָס צו לייענען. ביי דעם לערער האָב איך געלערנט ביז דער צייט ווען מ'האָט מיך געהאַלטן פאַר מאַכן פאַר אַ כלה. מיין ברודער האָט געהאַט ווייניקער חשק צו לערנען; ער האָט געהאַט גערן צו זיצן בעסער ביי מיין פאָטער אין קאַנטאָר. דער לערער האָט נישט געקענט סובל זיין למאי דאָס ייִנגל געגאַרט זיך אָפּ פון לערנען און ער איז אין איינעם אַ טאָג צו צו מיין פאָטער און אים מודיע געווען:

— ר' מענדל, מיט אייער ייִנגל וויל איך מער נישט לערנען. אַ שאָד אייער געלט און מיין אַרבעט. לאָזט מיך בעסער אָפּגעבן די צייט פאַר אייער טאָכטער. קיין אומזיסט געלט וויל איך ביי אייך נישט נעמען.

אגב — דער דאָזיקער אשר כאַוועס איז ווייט נישט געווען קיין גביר און מיר איז ער לאַנגע יאָרן געבליבן אַ פריינט אָדער, ווי ער פלעגט עס רופן, מיין גייסטיקער פאָטער.

# קאַפּיטל צוויי

עס וועט זיכער קלינגען אויסטערליש אויב איך וועל זאָגן, אַז פּונקט ווי איך האָב נישט געהאַט קיין קינדהייט, האָב איך אויך נישט געהאַט קיין יוגנט. באַקומענדיק הויזלעכע בילדונג בין איך געזעסן גאַנצע טעג, ווי מ׳זאָגט עס, על התורה ועל העבודה. אַלע מיינע חושים האָב איך פון מיינע פּרי־עסטע יאָרן אָפּגעגעבן אויף לערנען.

מיט 50—60 יאָר צוריק האָבן יידישע טעכטער פון פרומע היימען נישט געוווסט פון קיין פלירט, זענען נישט געזעסן מיט קאַוואַלירן אין קאַפע־הייזער, נישט געגאַנגען אין טאַנצקלאַסן. אין מיינע יונגע יאָרן פלעגן בחורים אפילו נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון אַן אָנשטענדיק יידיש הויז כדי צו פאַרברענגען מיט די דערוואַקסענע מיידלעך. אַ מיידל איז נאָר דערלויבט געווען צו רעדן מיט בחורים וואָס זענען געווען נאָענטע קרובים און דאָס ווען טאַטע־מאַמע זענען בייגעווען ביים שמועס; ווער שמועסט — גיין חלילה מיט אַ בחור שפּאַצירן. פון דעם האָט מען אפילו נישט געטאָרט קלערן. טאָמער פלעגט זיך אַמאָל אַנטוויקלען אַזוינס ווי אַ שטילער ראָמאַן צווישן קינדער פון קרובים, האָט יעדער איינער געקענט נאָר שמאַכטן אין דער שטיל. עס איז נישט געווען קיין מוט דאָס אַרויסצו־ווייזן אָפן. פון יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, פּאָליטישע באַוועגונגען אָדער ספּאָרט־פאַראיינען האָט מען דעמאָלט נאָך נישט געוווסט. יידישע בחורים זענען געזעסן אין בתי־מדרשים אָדער אין ישיבות און האָבן גע־לערנט. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַהאַלטענע קולטור־אַרבעט, טאַקע אין די גרויסע ישיבות, ווו די מענלעכע יוגנט פלעגט בגנבה לייענען אַ רוסישן ביכל אָדער אַ העברעישן ספר, אַלץ פאַרשטעלטערהייט, אונטער די גמרות. פון יענע אפיקורסים זענען דער־נאָך אויסגעוואַקסן אַ סך פון אונדזערע באַרימטע קולטור־טוערס, דיכטער, געלערנטע, פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, פּאָליטישע אַקטיוויסטן און רעוואָ־לוציאָנערן וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען ווי אויך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. צווישן די דאָזיקע אויפגעקלערטע יונגעלייט זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן פאַרטריבן פון

זיך די אומגעבעטענע אפוטראָפסים פון דעמאָלטיקן ייִדנטום, די טרעגערס פון אָפגעלעבטן לאָזונג „כל ישראל ערבים זה בזה". די דרייסטע האָבן בגוואַלד זיך אַרויסגעריסן פון דעם גערנווייליק אויפגעשטעלטן ייִדישן געטאָ; זיי האָבן געפונען דעם וועג צו אַלגעמיינער בילדונג, צו השכלה. זיי האָבן אפילו צעריסן די באַנדן וואָס האָט זיי ענג צונויפגעקניפט מיט זייערע משפחות, וואָס האָבן זיך געהאַלטן נאָר אין די אַלטע טראַדיציעס. אַנדערש איז עס געווען מיט די פרויען. הגם אַ סך פון זיי זענען שוין גְעווען פאַרכאַפט פון די השכלה־ווינטן, זענען זיי אָבער געבליבן ווייטער שטעקן אין דער פינצטערניש. זיי האָבן געבויגן די קעפ פאַרן טאַטנס באַפעל און שפעטער, נאָך דער חתונה, געמוזט זיך אונטערוואַרפן דעם כלל פון והוא ימשל בה. ייִדישע טעכטער זענען נישט געווען גענוג דרייסט זיך אַרויסצורייסן פונעם גדר פון האַרטע מנהגים וואָס האָבן זיי ממש פאַרקנעכטעט. אַ מיידל האָט אפילו נישט געהאַט די העזה זיך קעגנצו־שטעלן דעם שידוך וואָס דער טאַטע האָט געטון מיט איר. און געפירט האָט זיך, אַז אין רוב פאַלן האָט די כלה נישט געקענט דעם חתן ביז צו דער חתונה. וועלכע ייִדישע טאָכטער וואָלט זיך דערוועגט צו קלערן וועגן אַ שידוך פון ליבע בעת פון קינדווייז אָן האָט מען איר איינגעשמועסט, אַז איר זיווג איז מן השמים, אַז מיט איר באַשערטן האָט מען זי פאַרזאָרגט אין הימל נאָך איידער זי איז געבוירן געוואָרן.

וואָס שייך מיר, האָבן זיך מיינע יוגנט־יאָרן אָנגעהויבן גאָר פרי. צו צען יאָר בין איך שוין געווען, ווי מ׳רופט עס ביי ייִדן, אַ פאָלנער מענטש. אַ חוץ דעם לערנען וואָס כ׳האָב געלערנט מיט פלייס, בין איך שוין דעמאָלט געווען אַ „גאָט־זוכערן". עפעס איז מיר געווען ענג, ס׳האָט אין מיר געברויזט און איך האָב געוואָלט נאָך עפעס, אויסערן לערנען. צו דרייצן יאָר פלעג איך שבת בייטאָג צוזאַמענרופן אַלע דינסטמיידלעך פון הויף און פאַר זיי פאָרלייענען די סדרה פון טייטש־חומש, אויך קאַ־פיטלעך פון „מנורת־המאור", פון תהילים און אפילו פון פרק. ימים־נוראים בין איך געווען אין דער ווייבער־שול, ווו הין מ׳פלעגט מיך מיטנעמען ווי אַ פירזאָגערין פאַר די ווייבער, וועלכע האָבן אַליין נישט געקענט לייענען. אין דער זעלבער צייט, ווען כ׳בין געווען דרייצן יאָר אַלט, איז אין מיר פלוצלינג געבוירן געוואָרן אַ ווילדער געדאַנק: איז פאַראַן אַ

גאָט, צי נישט? נישט מער און נישט ווייניקער האָב איך געוואָלט דערגיין. איך געדענק עס ווי ס׳וואָלט געווען אָקערשט איצט: פאַר קיינעם האָב איך דאָס נישט דערציילט, פשוט פאַרן געדאַנק אַליין האָב איך מורא געקריגן. אָבער קיין רו האָט מיר די מחשבה נישט געגעבן. אפשר אַ האַלב יאָר דורכאַנאַנד האָב איך נישט געקענט שלאָפן אין די נעכט, כ׳האָב געקלערט און געקלערט און סוף כל סוף דערגאַנגען צום אויספיר, אַז קיין גאָט איז נישטאָ. אויב אַזוי, האָב איך מיר געזאָגט, דאַרף מען דאָך נישט זיין פרום. און איך האָב טאַקע אויפגעהערט צו דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג, כ׳האָב אָנגעהויבן זיך קאַמען, וואַשן זיך מיט זייף, לייענען ביכלעך און כ׳האָב גלייכצייטיק גענומען אָפּן אַרויסזאָגן מיינע געדאַנקען. דעמאָלט האָבן זיך פאַרערגערט די באַציִונגען צווישן מיר און טאַטע־מאַמע. בעיקר איז די מאַמע געווען אויפגעטראָגן אויף מיר. מיר איז דעמאָלט געווען ווייניק וואָס איך גופא בין שוין נישט פרום; איך האָב דווקא געוואָלט ווירקן אויף אַנדערע, זיי זאָלן זיך פאַרקוקן אויף מיר. איך האָב אַגיטירט די יינגערע קינדער אין שטוב, מיינע חברטעס און יעדן וועך עס האָט נאָר געוואָלט מיט מיר רעדן, מיך אויסהערן. מיין מאַמען, ווען זי האָט מיך גענומען מוסרן, פלעג איך תמיד זאָגן:

— מאַמע, פאַרוואָס פאַרשטייט איך, אַז דו קענסט נישט זיין אַזוי ווי איך און דו ווילסט נישט פאַרשטיין, אַז איך קען נישט זיין אַזוי ווי דו.

צו אָט דער גייסטיקער רייפקייט מיינער איז אויך צוגעקומען דאָס, וואָס צו 13—14 יאָר בין איך אויך פיזיש שוין געווען גוט אַנטוויקלט און מיינע עלטערן האָבן אָנגעהויבן קלערן וועגן אַ שידוך פאַר מיינעטוועגן. נאַטירלעך, זיי האָבן דאָס־אַ שוין פאַרבונדן מיטן געדאַנק, אַז אַ שידוך איז דער איינציקער וועג מיך אָפּצוראַטעווען פון מיין שטאַרקן חשק צום לערנען און פון מיינע אפיקורסישע מחשבות. דערצו איז צוגעקומען נאָך אַ שטאַרקער גורם: מיין קינדער־ליבע מיטן יינגסטן ברודער פון מיין פאָטער.

מיין באָבע, די פלאָצקער רביצין, האָט פון מיין פריסטער קינדהייט מיך זייער ליב געהאַט. זי אַליין איז נאָך געווען זייער אַ יונגע, אַ פרוי אַן אמתע יפת־תואר און יפת־מראה. איך געדענק, אַז בעת זי איז געקומען צו אונדז קיין ביאַליסטאָק און איך בין געגאַנגען מיט איר שפּאַצירן

אין גאַס, האָבן מענטשן זיך אָפּגעשטעלט. מ׳האָט איר נאָכגעקוקט. און ס׳געדענקט זיך, אַז דאָס יִינגסטע קינד פון מיין באָבען איז פון מיר עלטער געווען נאָר מיט איין יאָר. די דאָזיקע באָבע האָט געבוירן איר יִינגסטן זון מיט אַ יאָר פריִער איידער איך בין געקומען אויף דער וועלט. ווי אַ קינד פלעגט מיך מיין פאָטער אָפט מיטנעמען ווען ער איז געפאָרן צו גאַסט צום זיידן. על פּי רוב איז אים אויסגעקומען צו מאַכן אַזעלכע רייזעס ווען עס איז געווען אַ חתונה ביי זיינער אַ שוועסטער אָדער אַ ברודער. די באָבע האָט מיך פּשוט געטראָגן אויף די הענט. שטענדיק פלעגט זי זאָגן מיין טאַטן:

— דו ווייסט, מענדל, אַז דיין פּועה וועט זיין מיין יִינגסטע שנור. מיין יעקב־משה און דיין פּועה זענען אַ געפּאַסטע פּאָר. ער איז עלטער פון איר נאָר מיט איין יאָר און זי וועט טאַקע מיט גאָטס הילף ווערן זיין כלה.

אַזוי האָט מען אונדז ביידן איינגערעדט פון קינדווייז אָן, אַז מיר זענען חתן־כלה. און באמת: שוין אַלס קינדער פלעגן מיר שרייבן גרוסן איינער צום צווייטן און אָפטמאָל אַפילו קורצע בריוולעך. דער דאָזיקער יונגער פעטער מיינער איז געווען אַ יִינגל נישט קיין מיאוסער, געקליידט ווי אַ רבנישער בחור אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, אָבער אויך אַ ביסל עלע־גאַנט: שטענדיק ריין, מיט געפּוצטע שטיוול. דערצו איז ער געווען אַ פעיִק יִינגל, געלערנט מיט חשק און געגרייט זיך צו סמיכה אויף רבנות. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט אַז ער זאָל זיך אַרויסווייזן אַ טעמפּעראַמענט־פולער, אַ קלוגער אָדער, ווי מ׳רופט עס — קליגער ווי פרימער. מיין פאָטער האָט מסכּים געווען צו דעם שידוך און אַפילו זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז ער וועט יעקב־משהן נעמען צו זיך און אים לאָזן זיך לערנען פּאָר אַן אַדוואָקאַט. ווען מיר איז געווען פערצן יאָר און מיין יִינגסטער פעטער איז אַלט געווען פופצן יאָר איז מיין באָבע פּלוצלינג קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס און יונגערהייט געשטאָרבן. אונדזער ראָמאַן האָט זיך געצויגן אויך אַ שטיקל צייט נאָך דער באָבעס טויט, אָבער אים איז באַשערט געוואָרן איבערגעריסן צו ווערן; ריכטיקער — אונדזער ליבע איז צע־שטערט געוואָרן אויף אַן אויסטערלישן אופן. און געשען איז עס אַזוי:

מיין פאָטערס עלטסטע שוועסטער — געווינט האָט זי אין אַ קליין

שטעטל נישט ווייט פון ביאַליסטאָק — האָט אויך געהאַט אַ מיידל. זי איז געווען עלטער מיט אַ פּאָר יאָר פון מיין אַזוי גערופענעם חתן. פון שיינקייט איז זי געווען ווייט, אָבער אַ כשרע יידישע טאָכטער פון קליינ־שטעטלדיקע גבירים איז זי געווען, און פון גרויסן יחוס האָט זי גע־שטאַמט. זי איז געשטאַנען אין שידוכים, אָבער ס׳איז שווער געווען אָפּצו־זוכן דעם ריכטיקן זיווג אויף וועלכן מ׳איז מכריז מן השמים. אַ קורצע צייט נאָך דער באָבעס טויט האָט יענע מומע זיך מיישב געווען און גע־שיקט צום זיידן קיין פּלאָצק אַ בריוו בזה הלשון: „פועה איז נאָך אַ יונג קינד, זי וועט קריגן אַן אַנדער חתן. מיין באַשקען גיב איך צוויי טויזנט רובל נדן, משה־יענקלען — ווי זיי האָבן אים גערופן — וועל איך באַ־פרייען פון זעלנעריי, די קינדער נעם איך צו זיך אויף אייביקע קעסט און פון דיר, טייערער טאַטע, נעם איך אַראָפּ דעם גאַנצן יאָך".

דעם בריוו האָט דער זיידע איבערגעשיקט צו מיין פאָטער און אים געפרעגט, צי ער איז גרייט מוותר צו זיין אויפן שידוך לטובת דער טאָכ־טער פון זיין עלטערער שוועסטער אָדער ער וויל דורכויס זיין יינגסטן ברודער פאַר אַ חתן פאַר זיין פועהן. ווי עס וואָלט געווען היינט, דערמאָן איך זיך: דער פאָטער האָט מיך אַריינגערופן צו זיך אין קאַנטאָר, איבער־געלייענט מיר ביידע בריוו, דעם זיידנס און דער מומעס און צום סוף מיר געזאָגט: לאָז דעם חתן פאַר באַשקען. דו וועסט קריגן אַן אַנדערן חתן.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך אויף דעם גאַנצן ענין כמעט נישט רע־אַגירט, מחמת דעמאָלט האָט עס פאַר מיר אויסגעקוקט ווי אַ קינדערשפּיל. מיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט גאָר אַנדערע זאַכן. לערנען זיך און לייענען ביכער איז מיר געלעגן אין זינען. צו פופצן יאָר האָב איך שוין געשיקט אין „הצפירה" אַן איבערזעצונג פון פּרוגס אַ דער־ציילונג „ספוג" האָט זי געהייסן און מ׳האָט זי אָפּגעדרוקט. די פראַגע: ווערן אַ כלה אָדער גאָר חתונה האָבן, איז מיך לגמרי נישט אָנגעגאַנגען. זיכער האָב איך דעמאָלט נאָך נישט פאַרשטאַנען וואָס אייגנטלעך וויל מען פון מיר. און מיין פאָטער האָט טאַקע באַלד געענטפערט דעם זיידן, אַז ער האָט גאָרנישט קעגן דעם אַז משה־יענקל זאָל חתונה האָבן מיט באַשקען. נאָכן באַקומען די תשובה פון מיין פאָטער האָט דער זיידע זיך צונויפגערעדט מיט זיין עלטסטער טאָכטער — חתן־כלה האָבן זיך,

נאַטירלעך, כמעט נישט געקענט — און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן. היות ווי קירצלעך פּאַרט מען סיי־ווי אויף דער חתונה פון זיין יינגסטער טאָכטער (זי האָט אויך געהייסן פּועה), איז געבליבן אַז ווען מ׳וועט אין אַ מזלדיקער שעה פאָרן אין מחותנס גוט אַריין, וואָס ביי ביאַליסטאָק, וועלן אַלע קינדער זיך טרעפן פריִער ביי מיין פעטער אַברהם־אַבאַ ראַקאָווסקי אין זעמבראָווע און דאָרט וועט מיט מזל גע־שריבן ווערן די תנאים צווישן ראַשקען מיט משה־יענקלען. ס׳האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט. די גאַנצע גרויסע משפחה איז זיך צונויפגעקומען קיין זעמבראָווע — איך אויך בתוכם. מיך פלעגט מען תמיד מיטנעמען אויף אַלע חתונות אין דער משפחה. מיטן זיידן, דער מומע פּועה און מיט מיין געוועזענעם חתן האָבן מיר זיך נאָך פריִער געטראָפן אויף דער סטאַ־ציע טשיזשעוו. זיי זענען געקומען מיט דער באַן פון וואַרשע און איך מיטן טאַטן — פון ביאַליסטאָק. און שוין אונטערוועגס, פאַרנדיק אויף דער פור האָט מיין יינגסטער פעטער, מיין געוועזענער חתן בסוד־סודות מיר געמאָלדן, אַז פון זיין שידוך וועט גאָרנישט ווערן. זיין כלה, האָט ער מיר געזאָגט, איז נישט באַשקע, נאָר איך. מיינע דעמאָלטיקע געפילן צו דעם דאָזיקן בחור איז מיר באמת שווער צו שילדערן איצט. ווערליק איך באַנעם עס, איז דאָס לגמרי נישט געווען קיין געפיל, נאָר אַ קינדע־ריש שפּיל.

אין אָוונט, ווען מיר אַלע זענען שוין געווען אין זעמבראָווע ביי מיין פעטער אַבאַ, זענען אָנגעפאָרן די מומע שיינקע מיט איר מאַן און דער טאָכטער באַשקע, דאָס כלה־מיידל. זיי זענען געקומען מיט פערד פון שטעטל סאָקאָלאָוו. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און מ׳האָט זיך געזעצט שרייבן תנאים. בינו־לבינו האָט די כלה באַוויזן צו כאַפּן אַ דרעמל. מ׳האָט זי געמוזט אויפוועקן, זי זאָל אונטערחתמענען די תנאים. צי זי האָט גוט געזען דעם חתן, ווייס איך נישט עד־היום. איין פאַקט געדענק איך יאָ. צווישן די קרובים האָט מען זיך אָנגעהויבן וויצלען, ווער עס ס׳קומט שדכנות־געלט פאַר דעם שידוך. אויף דעם האָב איך זיך דרייסט אָפּ־גערופן:

— זיידע, דאָס שדכנות־געלט קומט נישט קיינעם, נאָר מיר, ווייל איך האָב באַשקען אָפּגעלאָזן דעם חתן.

דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון מיין ענטפער און מ׳האָט מיט מזל געבראַכן טעלער. אויף צומאָרגנס זענען מיר אַלע געפאָרן מיט פורן אין גוט ביי סטאַוויסק צו דער חתונה פון מיין מומע פועה.

די גאַנצע וואָך, וואָס עס האָט געדויערט, האָט מען דעם דעמאָלטיקן מנהג אָנ־געהאַלטן די חתונה, איז מיר נאָכגעגאַנגען מיין יינגסטער פעטער. ער האָט געהאַלטן אין איין טענהן צו מיר, אַז נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיי האָבן געשריבן תנאים, וועט ער מיט באַשקען קיינמאָל נישט חתונה האָבן. די מוטע שיינקע האָט גוט געזען ווי ער גייט מיר נאָך, זי איז אַפילו געגאַנגען דאָס דערציילן דעם זיידן. דער בחור האָט דערפאַר באַ־קומען פון זיידן די אמתע גאָב; מ׳האָט אים גערדאָט, מ׳וועט אים אָפּ־געבן פאַר אַ זעלנער, אויב ער וועט נישט מסכים זיין אויפן שידוך.

דעם יונגנמאַן איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. די צייט פון דער תנאים ביז זמן־חתונה האָט זיך געצויגן. ס׳האָט גע־דויערט אַ גאַנץ יאָר. דערווייל האָט ער געטון אַלץ וואָס ער האָט געקענט אין אַזעלכע באַדינגונגען: ער האָט דער כלה נישט געשריבן. דערפאַר האָט ער יאָ געשיקט אַנאָנימע בריוו צו אירע עלטערן, זיי זאָלן אָפּלאָזן דעם שידוך, וואָרעם קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען. ענלעכע בריוו האָט אויך באַקומען מיין פאָטער, ער זאָל נישט לאָזן אומגליקלעך מאַכן דריי מענטשן, ווייל ער, דער חתן, יעקב־משה, וועט נישט חתונה האָבן מיט קיין אַנדערער ווי מיט פועהן, זיין טאָכטער. קיין זאַך האָט אָבער נישט געהאָלפן. מ׳האָט דעם בחור חתונה געמאַכט דווקא מיט באַשקען. פאַרשטייט זיך, אַז צו דער חתונה קיין סאָקאָלאָוו בין איך אויך געפאָרן. מ׳האָט מיר פאַר דער חתונה אויפגענייט אַ פיאָלעט־פאַרביקע זיידענע קלייד און אין שטעטל האָט מען שפּעטער דערציילט, אַז ווען דער חתן איז געקומען באַדעקן באַשקען האָט ער געקוקט אויף מיר. איר דאַרפט וויסן אַז די גאַנצע שטעטל סאָקאָלאָוו איז געווען גרויס ווי אַ גענעץ. די פאַמיליע פון דער כלה האָט געהערט צו די פני־העיר און אַלע האָבן געוווסט פון דער גאַנצער „טראַגעדיע”. איך דאַרף נאָך צוגעבן אַז אַ שטיקל צייט נאָך דער חתונה האָט מיין יינגסטער פעטער נאָך געפירט אַ קאַמף קעגן זיין עלטסטער שוועסטער, דער שוויגער זיינער, און אַפילו קעגן איר טאָכטער, דער פרוי זיינער, דער צווייטער צד איז אָבער געווען שטאַרקער.

סוף כל סוף האָבן זיי אים גובר געווען. ער אָבער האָט נישט לייכט נאָכגעגעבן.

בערך אַ צוויי חדשים נאָך זיין חתונה איז ער אין איינעם אַ טאָג אַראָפּגעקומען צו אונדז קיין ביאַליסטאָק. געהייסן האָט עס, ער האָט באַקומען עפּעס אַ האַלדז־קרענק און דער אָרטיקער דאָקטער האָט אים געהייסן פאָרן קיין ביאַליסטאָק צו אַ ספּעציאַליסט. ער איז געזעסן ביי אונדז עטלעכע טעג, געגאַנגען כלומרשט צום ספּעציאַליסט, אָבער בסוד האָט ער געזוכט אַ געלעגנהייט פאַר מיר זיך מודה צו זיין, אַז געקומען איז ער נישט צו אַ דאָקטאָר, נאָר צו מיר. ער האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט צו מיר. ער וועט בשום אופן מיט באַשקען נישט בלייבן. ער וועט אַזוי לאַנג אַרומאַרבעטן ביז זי וועט מסכים זיין צו נעמען פון אים אַ גט.

מיין פאָטער האָט זיך גלייך געכאַפּט אַז זיין קרענק איז נאָר אַן אויסרייד. ער האָט אים געהייסן זיך פאַרנעמען פון זיין שטוב און אָנגעזאָגט, אַז מער זאָל זיין פוס נישט אַריבערטרעטן זיין שוועל. באַלד ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים איז צו אונדז אַראָפּגעקומען מיין מומע, ס׳הייסט זיין שוויגער און זי האָט דערציילט מיין טאַטן וואָסערע צרות זיי האָבן פון דעם יונגנמאַן. ער שרייט מ׳זאָל זיי אָפּגטן. בשעת־מעשה האָט זי געעצהט מיין טאַטן אַז אַזוי ווי ער איז דאָך פאַרליבט אין מיר זאָל איך, נאָך דעם גט, גלייך מיט אים חתונה האָבן. כ׳בין פּאָרט אים אַ שוועסטער, האָט די מומע געטענהט — נישט קיין שוויגער. מיין פאָטער האָט זיך אָפּגעבייזערט אויף דער מומע און איר העפטיק געזאָגט, אויב ער זאָל וועלן מיך חתונה מאַכן מיט משה־יענקלען וואָלט ער דאָך דאָס געקענט מאַכן פריִער... ער האָט איר, דאַכט זיך, צוגעזאָגט, צו טון אַלדאָס מעגלעכע אַז ס׳זאָל נישט קומען צו קיין גט. דער טאַטע איז טאַקע צוזאַמען מיט זיין שוועסטער געפאָרן קיין סאָקאָלאָוו און צוריקגעקומען מיט אַ שמחה, באשר ער האָט צווישן יונגן פאַר געמאַכט שלום.

און ערשט דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר די ריכטיקע צרות. מיין מומע שיינקע איז אַלץ נאָך נישט געווען אינגאַנצן רויִק מיטן איידעם און זי האָט נישט אויפגעהערט צו מאַטערן מיין טאַטן, ער זאָל מיך וואָס גיכער חתונה מאַכן.

— כל־זמן דיין פועה זיצט אַ מיידל — האָט זי כסדר געטענהט — וועט ער זיך נישט באַרויקן. ער וועט אַלץ קלערן וועגן פועהן.

און כדי נישט צו דערפירן חלילה אַז דער מזבח זאָל זען טרערן פון אַ גט ביי אַזאַ ערשטן גליקלעכן זיווג, האָט מען אָנגעהויבן מיט ליכט זוכן אַ שידוך פאַר מיר.

מיין זיידע, דער רב האָט, נאַטירלעך, געוווּסט וועגן דעם גאַנצן פּלאַנטער און אויך אים איז שטאַרק געלעגן אויפן האַרצן צו דערפירן צו אַ תכלית. אויך ער האָט געזוכט אַ שידוך פאַר דער פּופּצניעריקער „אַלטער מויד״.

נאָך דער באָבעס טויט, שוין האָבנדיק אויסגעגעבן אַלע קינדער, האָט דער זיידע חתונה געהאַט מיט דער באָבעס אַ ייִנגערער שוועסטער, אַ גרושה. ער האָט פאַרלאָזן פּלאָצק און באַקומען אַ כסא־רבנות אין מסטיס־לאַוול, סמאָלענסקער גובערניע. אויף ייִדיש האָט דעם זיידנס שטאָט זיך גערופן אַמציסלאַוו. אין פּלאָצק איז דער זיידע געווען רב גאַנצע 17 יאָר, כאָטש פון דאָרט האָט ער די אַלע יאָרן געוואָלט אַנטלויפן.

מיין זיידע ר׳ לייבעלע פּלאָצקער איז געווען אַ גרויסער מתנגד, האָט פיינט געהאַט חסידים בתכלית השנאה און זיי, די חסידים, האָבן אים דערפאַר אָנגעטון געבערענטע צרות. אין סטאָוויסק למשל, ווו ער איז געווען רב, האָט מען אין איינעם אַ פּרייטיק — דער זיידע איז דעמאָלט נאָך געווען אַ יונגערמאַן — אין דער איינציקער וואַנע, וואָס איז געגרייט געוואָרן פאַרן רב, אָנגעלייגט טשוועקעס מיט די שפּיצן אַרויף. צופעליק איז ביים זיידן אין שטוב גראָד קראַנק געוואָרן אַ קינד. דערפאַר איז ער נישט אַרויס פון דער היים און זיך נישט באַנוצט מיט דער וואַנע. ווען מ׳האָט דערנאָך אויסגעגאָסן ס׳צוגעגרייטע וואַסער, האָט מען געפונען די טשוועקעס וואָס זענען אַריינגעהאַקט געוואָרן אינעם דנאָ פון דער וואַנע. נאָך דער געשיכטע איז דער זיידע אַוועק קיין פּלאָצק. אויך דאָרט איז געווען אַ גרויסע עדה חסידים. כסדר האָט זיך געפירט אַן אָפענער קאַמף צווישן די מתנגדים, די אָנהענגער פון רב און די חסידים וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר בפירושע קעגנער זיינע.

מיין זיידע איז געווען באַרימט פאַר אַ גרויסן איש־אמת. קוים האָט ער געהאַט עמעצן עפּעס צו זאָגן, האָט ער זיך מיט קיינעם נישט גערעכנט.

דער דאָזיקער האָט געמעגט זיין פון די פּני־העיר, אפילו זיינער אַן אָנ־העגגער, צי אַ קעגנער — ער האָט געזאָגט וואָס ער האָט באַדאַרפט זאָגן. די חסידים האָבן אים דערפאַר געררודפט. איין פאַל אַזאַ קען איך נישט פאַרשווייגן. די מעשה איז פאָרגעקומען אין אַ יום־כפּור־טאָג, פאַר נעילה. דער זיידע האָט געהאַלטן אין מיטן פון זיין דרשה. אַגב איז ער געווען אַן אויסערגעוויינלעכער רעדנער און פלעגט זיינע צוהערער ממש היפּ־נאָטיזירן. פּלוצלינג, אין מיטן דער דרשה, האָט ער באַמערקט אויף דער בימה אַ גויע מיט אַ קינד אויף די הענט. זי האָט זיך דערנענטערט גלייך צום רב און געפאָדערט פון אים מזונות פאַר זיין קינד. דער זיידע האָט זיך באַהערשט און גאַנץ רויִק געזאָגט דער גויע:

— אויב דאָס איז מיין קינד, ווייסטו דאָך וווּ איך וווין. טאָ קום צו מיר אַהיים, — און מיט דעם זעלביקן אינערלעכן גלייכגעוויכט און מיטן פריִערדיקן ברען פאַרענדיקט זיין דרשה.

שפּעטער האָט מען דערציילט אין שטאָט אַז אָט די גויע איז געווען אַן איבערגעטועענער גוי, וועלכער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַרן הדרת־פּנים און פאַר דער האַלטונג פונעם ראַבין און איז דערנאָך געקומען אי־בערגעבן די נעמען פון די חסידים, וועלכע האָבן אים געשיקט צו דעם „משא־ומתן". די אָנהענגער פון מיין זיידן האָבן מיט יאָרן שפּעטער אי־בערגעגעבן אַז די אַלע לייט האָבן געהאַט אַ ביטערן סוף.

דער זיידע אָבער האָט מער אין אַזאַ שטאָט נישט געוואָלט בלייבן. באַלד נאָכן תענית האָט ער פאַרלאָזן די שטאָט. זיינע אָנהענגער האָבן אים אָבער אָנגעיאָגט, אויסגעשפּאַנט די פערד, אַליין זיך איינגעשפּאַנט אין דער קאַרעטע און מיט גרויס פאַראַד אים געבראַכט צוריק.

לאַנג נאָך דער דאָזיקער געשיכטע איז דער זיידע שוין נישט געבליבן אין פּלאָצק. ווי דערמאָנט — ער איז אַריבער קיין אַמציסלאָוו. און טאַקע אין דעם דאָזיקן אַמציסלאָוו האָט מען אָנגעהויבן זוכן פאַר מיר אַ חתן. מ'האָט אָבער נישט געפונען. מיין באָבע, די צווייטע פרוי פון מיין זיידן, זייער אַן ענערגישע און אַ גרויסע פּקחית, האָט נישט געוואָלט פאַרשוועכן אונדזער יחוס און האָט דאָך אויסגעפונען פאַר מיר אַ חתן און טאַקע פון גרויסן יחוס. ער איז געווען אַ קרוב, האָט געשטאַמט פון קאַרלין — געווען אַן אוראייניקל פון רבי יענקעלע קאַרלינער; זי האָט אים דער־

ווישט און אַ מינוט נישט געצווייפלט אַז דאָס איז מיין אמתער זיווג, אשר עליו הכריזו בשמים אין די טעג פון מיין געבוירן ווערן.

מיינע עלטערן איז דער שידוך זייער געפעלן געוואָרן און אויך פון דעם חתנס צד האָט מען גלייך מסכים געווען. בלויז איך איינע האָב פון דער גאַנצער מעשה נישט געוווּסט אַפילו. ערשט אין איינעם אַ טאָג האָט מען מיר צווויסן געטון אַז אין אָוונט קומט מיך זען דעם חתנס אַ באָבע. דעם מחותנס מוטער איז געווען אַ טאָכטער פון רבי יענקעלע קאַרלינער, אַ פרוי וועלכע האָט אין יענע צייטן גוט גערעדט און פאַר־שטאַנען פראַנצויזיש, נישט קיין פאַרקנייטשטע רבנישע טאָכטער. דעם עקזאַמען האָב איך גוט אויסגעהאַלטן ביי דער באָבען און זי האָט גלייך אָוועקגעשריבן צום זון קיין פינסק בכן, אין דער כלה געפינט זי נישט קיין שום חסרונות. יידן בעלי־תורה דאַרפן זיך אָבער פילפולן, האָבן זיי אויסגעטייטשט אירע ווערטער, אַז אויב זי האָט נישט געפונען ביי דער כלה קיין חסרונות איז משמע אַז זי האָט אויך קיין מעלות נישט געפונען. די יידענע האָט זיך דעריבער גלייך אויפגעהויבן, צוריקגעפאָרן קיין פינסק און פאַרבעטן מיין פאָטער, ער זאָל קומען זען דעם חתן. דער טאַטע האָט נישט געמאַכט קיין גרויסע שהיות און אין עטלעכע טעג אַרום געשיקט פון פינסק אַ דייטשישע טעלעגראַמע: Waare prima. באַלד נאָך דעם האָט ער געשריבן אַן אויספירלעכן בריוו, אין וועלכן ער האָט געבעטן די מאַמע זאָל אַרויסקומען מיט מיר קיין בריסק ווו מ׳וועט שרייבן תנאים. געווען איז עס זומער, טאַקע אין די ערשטע טעג פון תמוז. מיר, קינדער, זענען דעמאָלט געווען אויף זומערוווינונג אין גרויסן וואַלד ביי ביאַליס־טאָק. אַהין פלעגט מען פאָרן פון שטאָט מיט „קאָנקעס״, מיט אַ פערד־טראַמווי. פרייטיק נאָכמיטאָג איז די מאַמע אַרויסגעקומען צו אונדז מיט דער פריילעכער בשורה אַז מאָרגן אי״ה שבת־צונאַכטס גלייך נאָך הבדלה פאָרן מיר קיין בריסק. מ׳וועט שרייבן תנאים. נאָך היינט געדענק איך וואָס כ׳האָב געזאָגט דער מאַמען:

— מאַמע, וואָס ווילט איר אייגנטלעך פון מיר האָבן? איך וויל נ״ נישט קיין חתן און פאַר נישט אויף קיין תנאים. לאָזט מיך צורו. איך האָב נאָך צייט. איך דאַרף זיך דאָך פריִער לערנען.

## פועה ראַקאָווסקי

דערויף האָב איך זיך ביטער צעוויינט און אויף מאָרגן אַ גאַנצן טאָג נישט אויפגעהערט וויינען.

עס האָט מיר נישט געהאָלפן ס׳וויינען און קלאָגן. מיין מאַמע האָט מיר אָנגעהויבן איינרעדן אַז פאָרן מוז איך, ווייל דער טאַטע זיצט שוין דאָרט און וואַרט מיטן חתן און די מחותנים. מענטשן קען מען דאָך נישט פאַר־שעמען. זיי האָבן דאָרט שוין זיכער איינגעלאַדן צו די תנאים קרובים און באַקאַנטע. וואָס קען איך דען אָנווערן מיטן פאָרן? — האָט זי מיך ווייך געמאַכט. — אַז דער חתן וועט מיר נישט געפעלן, וועלן זיי מיך נישט צווינגען.

אַזוי אַרום האָט די מאַמע מיך אַוועקגעפירט קיין בריסק. דעם חתן האָט מען מיר נישט געוויזן ביז די תנאים. ערשט זונטיק אָוונט האָט מען מיך געבראַכט אין אַ גרויסן האָטעל־זאַל ווו עס איז שוין געזעסן אַ גרויסער עולם ביי געדעקטע טישן: מחותנים זענען געזעסן אויבנאָן און דער חתן צווישן זיי. איך האָב פון דער וויטנס געזען אַ יונגנמאַן מיט אַ געל בערדל און אַ קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. ער איז געווען עלטער פון מיר מיט אַ צען יאָר, ווי זיין טאַטע־מאַמע האָבן געזאָגט. דערזען מיך בעת די מאַמע האָט מיך צוגעפירט צו דער מחותנתטע, האָט ער געוואָרפן אויף מיר שעמעוודיקע בליקן. קענטיק, אַלץ איז געווען שוין צוגעגרייט. מ׳האָט באַלד געשריבן די תנאים און געבראָכן טעלער. ביים טראַסק פון די טעלער האָב איך זיך צעוויינט. בשעת־מעשה האָט די מחותנתטע געפרעגט מיין מוטער: „וואָס וויינט עפּעס די כלה? אפשר וויל זי נישט דעם חתן?״

איך האָב זיך געמאַכט נישט הערנדיק און גאָרנישט געענטפערט. כ׳האָב נאָר געהערט ווי די מחותנתטע רעדט מיט מיין מאַמען, דערציילט אויס די מעלות פון חתן. צווישן אַלע מעלות זיינע רעכנט זי אויס אַז ער איז אַן איידעלער און אַז מיט גאָטס הילף, באַלד נאָך דער חתונה וועט זי געבן געלט, מיר זאָלן ביידע פאָרן „אין די בעדער״.

באַלד אויף צומאָרגנס נאָך די תנאים איז דער חתן מיט זיינע עלטערן אַוועקגעפאָרן. זיי זענען אַוועק פריער פאַר אַלעמען. ווי עס איז מיר געווען אויפן האַרצן איז שווער אויסצומאָלן.

דער איינציקער מענטש, פאַר וועמען איך האָב — קומענדיק פון די תנאים — געקענט זיך אויסוויינען מיין ביטער האַרץ, איז געווען דער העברעישער לערער אשר כאַווס. אין אַ פּאָר טעג אַרום, בעת ער איז געקומען אָפּגעבן מזל־טוב מיינע עלטערן, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און ביי מיין בייזיין געזאָגט צו מיין פאָטער:

— איך וואָלט געווען צופרידענער ווען איך גיב אייך אָפּ דעם מזל־טוב מיט פינף יאָר שפּעטער.

און אָט האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ נייע פּלאָג: די קאָרעספּאָנדענץ מיטן חתן. צי קען זיין אַ גרעסערע פּיין ווי שרייבן ליבע־בריוו צו אַ מענטשן וואָס איז דיר פרעמד? און היות מ׳האָט מיך אָנגעגעבן פאַר אַ גרויסער העברעערין, וואָס שרייבט שוין אַפילו אין „הצפירה״, האָט די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ געמוזט זיין אין לשון־קודש. און דאָס דערפאַר אַז דער חתן מיט די מחותנים זאָלן קענען אַרומטראָגן די בריוו און זיי וויזן די קרובים און באַקאַנטע: זעט, וואָס פאַרא געראָטענע כלה שמעון האָט געקראָגן!

אָבער שרייבן בריוו איז נאָך נישט אַלץ. די תנאים זענען געשריבן געוואָרן אָנהייב זומער און אויף סוכות האָט מען דעם חתן „אָפּגעאַכט״ צו גאַסט. אַז דער טאַטע האָט אים יום־טוב מיטגענומען צום דאַווענען אין גרויסן בית־המדרש אַריין, האָט אים איינער פון זיינע ידידים געזאָגט:

— ר׳ מענדל, מ׳וועט דאָך נישט וויסן ווער עס איז דער איידעם און ווער — דער שווער; ער זעט דאָך אויס עלטער פון אייך!

אָבער ביי דעם איז עס געבליבן. אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט מען שוין אָנגעהויבן זיך גרייטן צו דער חתונה. אין יענער צייט בין איך געווען אַ רייכע כלה. דער חתן האָט געהאַט טויזנט רובל נדן און מיין טאַטע האָט מיר געגעבן צוויי טויזנט רובל נדן מיט צוויי יאָר קעסט. מיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער סוחר פון הערינג, זאַלץ און נאַפט. די־אָ סחורות פלעגט מען דעמאָלט ברענגען פון דייטשלאַנד וואַגאָנעס־ווייז. גאַנץ אָפט איז מיין טאַטע געפאָרן נאָך סחורה קיין קעניגסבערג, מעמעל, דאַנציג. איין מאָל, פאַר מיין חתונה, האָט ער מיך מיטגענומען קיין קעניגסבערג און דאָרט מיר איינגעקויפט דעם גאַנצן אויסשטייער. געפאָרן בין איך גערן, געוואָלט זען נאָך אַ לאַנד. די קניות האָבן מיך

ווינציק אינטערעסירט. פאַרן געלט, וואָס איך האָב באַקומען פון חתנס צד אויף כלה־מתנות, האָב איך שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען אַז ס׳איז וויכטי־קער צו קויפן ביכער איידער צירונג. מיין לערער כאַוועס, זעענדיק אַז סיי־ווי איז אַלץ פאַרפאַלן, מ׳וועט מיך שוין חתונה מאַכן קעגן מיין ווילן, האָט ער מיך געוואָלט כאָטש צוגרייטן צו מיין לעבנס־באַרוף. דערפאַר האָט ער מיר געקויפט אַלע ביכער פון ד״ר קלענקע: „די פרוי אַלס גאַטין“, „די פרוי אַלס מוטער“, „די מוטער אַלס דערציִערין פון אירע זין און טעכטער“, „דאָס קראַנקע קינד“ אאַ״וו.

וועלן איצט שילדערן וואָס איך האָב איבערגעלעבט פאַרן יאָר פון מיין כלה־פעריאָד, מוז איך זאָגן אַז עס איז געווען אַ צושטאַנד פון אַ מין הינערפלעט. געטון האָט זיך אַלץ אָן מיר, איך האָב אויף קיין זאַך נישט רעאַגירט ווי נישט מיך מיינט מען עס, נאָר אַן אַנדערן. איך בין געוואָרן אַן אויטאָמאַט, אַ באַשעפעניש פול רעזיגנאַציע. וואָס מער עס האָט זיך דערנענטערט די זמן־חתונה, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן מיין אַפּאַטיע: אויף אַלץ האָב איך געענטפערט מיט אַ „לאָזט מיך געמאַך“, „טוט וואָס איר ווילט“, „עס איז נישט מיין זאַך“. אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך זיך געפונען בעת אַ ספּעציעלע שניידערין האָט ביי אונדז אין שטוב גענייט דעם שיינעם אויסשטייער, אַפילו בעת זי האָט מיר געמאָסטן דאָס ווייסע אַטלאַסענע חופּה־קלייד מיטן לאַנגן שלעפּ און די שטוב־מענטשן האָבן דערפון געכאַפּט די התפּעלות.

די חתונה האָט מען באַשטימט אויף ראש־חודש תמוז. די שמחה האָט זיך אָבער אָנגעהויבן מיט אַ גאַנצער וואָך פריִער. פון אַלע שטעט און שטעטלעך זענען זיך צונויפגעפאָרן אונדזערע נאָענטע און ווייטע קרובים; אַ וואָך נאָכאַנאַנד האָט מען יעדן טאָג געמאַכט מאָלצייטן פאַר אָרעמעלייט און די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט וועגן דעם. און עס איז נישט געווען קיין סוד אַז איך וויל נישט דעם חתן. אינעם טאָג פון דער חופּה האָט מען אַפילו געוווסט צו דערציילן, אַז איך וועל מן הסתם אַנטלויפן פון אונטער דער חופּה.

אויף מאָרגן נאָך דער חופּה האָט מען מיר אָנגעטון אַ גרויס שייטל אַז מ׳זאָל חלילה נישט אַרויסזען קיין איינציקע פון מיינע אייגענע האָר. בכלל האָט מען אָפּגעטון איבער מיר אַלץ וואָס מ׳האָט געפונען פאַר

ריכטיק און פּאַר נייטיק ווי עס פּאַסט פּאַר אַ כשרער יידישער טאָכטער פון אַ פרומער משפּחה. איך בין נאָך אַלץ געווען אַפּאַטיש, אויף גאָרנישט פּראָטעסטירט, גלייך עס וואָלטן אַטראָפירט געוואָרן אַלע מיינע געפילן.

## קאַפּיטל דריי

עס איז געווען די טרויעריקסטע צייט מיינע. עד־היום קען איך נישט פאַרשטיין וואָס אַזוינס עס האָט פּאַראַליזירט דעם שטורמישן גייסט, מיט וועלכן איך בין בלי־ספק געבוירן געוואָרן. צי די סיבה דער־פון איז געווען דאָס וואָס איך בין נאָך געווען זייער יונג — כמעט אַ קינד — אָדער דער אַטאַוויזם פון דורות פאַרשקלאַפטע יידישע טעכ־טער האָט זיך אָפּגערופן אין מיר. מ׳האָט מיך איינגעשפּאַנט און איך בין געגאַנגען אין יאָך.

טאַטע־מאַמע האָבן צוגעזאָגט צוויי יאָר קעסט, האָט מען אונדז געדונגען אַ דירה אויפן זעלבן הויף, וווּ מיינע עלטערן האָבן געוווינט: מ׳האָט אונדז שיין אויסמעבלירט און עסן פלעגן מיר קומען צו די עלטערן. נאָכן האָניק־חודש האָט מען אָנגעהויבן קלערן וועגן מאַכן אַ געשעפט. ס׳האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און אויפן זעלבן הויף האָבן מיר געעפנט אַ סקלאַד פון שויבן־גלאָז. פון אַ גרויסער גלאָז־פאַבריק פלעגט מען אונדז שיקן גאַנצע טראַנספּאָרטן גלאָז־טאָוולען געפּאַקטע אין קעסטלעך און קאַסטנוויז האָבן מיר דאָס פאַרקויפט אין די אַרומיקע שטעטלעך אַריין; ביי אונדז פלעגן קויפן טאָוולען גלאָז די שטאָטישע גלעזערס.

דער איידעם טאַטע־מאַמעס איז — ווי שוין געזאָגט — געווען אַן „איידעלער״ יונגערמאַן, איז ער ווינטער מער געזעסן אין שטוב און איך בין געוואָרן די אמתע אשת־חיל, די גאַנצע סוחרטע. דער מסחר האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. „כי הרוצה לאבד את מעותיו יעסק בזכו־כית״; מ׳האָט איינגעבראָכט אין דעם מסחר אַ טייל פונעם נדן און מ׳איז אַוועק פון אים. בינו־לבינו בין איך צו זיבעצן יאָר מיט ניין חדשים געוואָרן אויס עקרה און געבוירן אַ זון. באַלד האָט מען ווידער אָנגעע־

הויבן זוכן פרישע געשעפטן. ביאַליסטאָק איז דאָך געווען אַ שטאָט פון גרויסע טוך־פאַבריקן, האָט מען באַשלאָסן אַז דער איידעם זאָל ווערן אַ קאָמיסיאָנער. אויף אַ געוויסער צייט איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פּינסק צו זיינע עלטערן און אַ צאָל פּינסקער סוחרים האָבן צוגעזאָגט צו אונדז צו פאַרפאָרן און דורך אונדזער פאַרמיטלונג קויפן סחורות ביי די ביאַליס־טאָקער פאַבריקאַנטן. פאַרשטייט זיך — פאַר אַזאַ פאַרמיטלונג פאַרדינט מען פראָצענטער אַזוי פון פאַבריקאַנט ווי פון דעם קונה. אין יענע יאָרן איז עס אין ביאַליסטאָק געווען נישט קיין שלעכטע פּרנסה. און האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די קונדן איז נישט ער געווען דער קאָמיסיאָנער, נאָר איך בין געוואָרן די קאָמיסיאָנערין.

ביז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מיין אַפּאַטיע האָט נישט לאַנג געדויערט. איך האָב אָנגעהויבן שפּירן אַז אַזוי קען ווייטער נישט בלייבן. אין מיר איז פאָרגעקומען אַן אינערלעכער געראַנגל. אָבער ערשט ווען איך האָב צו צוואַנציק יאָר געבוירן ס׳צווייטע קינד, אַ מיידעלע, איז אין מיר פאָרגעקומען דער נייטיקער איבערברוך. אין מיר האָט זיך דערוועקט דער אָפּגעשטאָרבענער רעוואָלוציאָנערער גייסט און כ׳האָב באַ־שלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דעם אומדערטרעגלעכן מעמד. וואָרן מיין צוזאַמענלעבן מיטן מאַן האָט מיר פאַרשאַפט אומאויפהערלעכע פיזישע און מאָראַלישע פּיין. איך מוז אָבער זיין גערעכט לגבי אים און זאָגן, אַז ער איז אייגנטלעך נישט געווען דער שולדיקער אין דעם, וואָס מ׳האָט אים אָנגעוואָרפן — מיר. מיט ווען מ׳וואָלט מיך דעמאָלט נישט חתונה געמאַכט — צו זעכצן יאָר — וואָלט איך אָן שום ספק צו צוואַנציק יאָר אַנטלאָפן פון אים. און וואָלט דער זעלבער יונגערמאַן חתונה געהאַט מיט איינער פון מיינע יינגערע שוועסטער, וואָלטן זיי גליקלעך אָפּגע־לעבט זייערע יאָרן. איך האָב עס נישט געקענט. גענוג צו זאָגן, אַז נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין פאַרלויף פון מיין טראַגישן, קורצן פאַמיליע־לעבן, ווען מיר איז אויסגעקומען צו האַנדלען מיט שויבן־גלאָז, צי ווערן אַ טוך־קאָמיסיאָנערין און צו האָבן צוויי קינדער, וועלכע איך האָב אַליין געהאָדעוועט, האָב איך פונדעסטוועגן באַוויזן זיך צו האַלטן אַזוי, אַז כ׳זאָל נישט פאַרטעמפּט ווערן. ווי אַ פרומער ייד וואָס היט אָפּ ס׳דאַווענען יעדן אינדערפרי, האָב איך יעדן טאָג געלערנט תנ״ך, געהערט מדרש און

אַ גאַנצן קורס „עין יעקב‟ ביי חיים־יעקב קרעמער. איך האָב אַ סך געלייענט און זיך אינטערעסירט מיט דער חיבת־ציון־באַוועגונג. דער מאַן פלעגט טאַקע זיך באַקלאָגן אויף דעם און שרייען: „הלוואי וואָלטסטו געקענט אויסברעכן דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט בכלל געלערנט!‟

ער איז געווען איבערגעצייגט אַז אַלע זיינע צרות שטאַמען פון מיין לערנען, פון מיין אַזוי געררופענער בילדונג. געקומען צו דער מסקנה, אַז איך מוז ענדלעך צעברעכן די קייטן וואָס שמידן מיך, האָב איך אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי אַזוי מיין פּלאַן צו פאַרווירקלעכן. אַז מיינע עלטערן וועלן מיר זיכער נישט צוהעלפן אין דעם (פאַרקערט, זיי וועלן מסתמא שטערן), האָב איך גוט געוווּסט. קוים בין איך שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַזעלכע געדאַנקען, האָב איך מיטאַמאָל אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיטן געשעפט און האָב געבראַכן די מצווה פון „איזו אשה כשרה העושה רצון בעלה‟. צווישן אונדז האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקע מחלוקת. ער פלעגט מיר אָנטון ממש געברענטע צרות, גיין מסרן אויף מיר פאַר מיין טאַטע־מאַמע. זיי פלעגן אים שטענדיק געבן גערעכט. געווען בטבע אַ קאַרגער און איז די פּרנסה אַוועק גאָר שלעכט, האָט מיר שטענדיק אויסגעפּעלט אויף דער הוצאה. ער האָט נישט געוואָלט געבן קיין געלט און דאָס האָב איך אויסגענוצט פאַר אַ תירוץ זיך צו קענען אַרויסראַטעווען. אַז די עלטערן פלעגן מיך כסדר מוסרן, למאי איך באַהאַנדלט נישט דעם מאַן ווי ס׳קער צו זיין, — און מיינע אינערלעכע ליידן האָב איך זיי נישט געקענט אַנטפּלעקן, מחמת זיי זענען נישט געווען אין שטאַנד מיך צו פאַרשטיין — האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און געטענהט אַז ער איז מוראדיק קאַרג; עס איז מיר אוממעגלעך אויסצוהאַלטן פון אים. כדי דאַך צו קענען הויזן מיט אים, נישט דאַרפן צוקוקן אים אין האַנט אַריין ר׳זאָל געבן אויף די הוצאות, האָב איך באַשלאָסן זיך אויסלערנען אַ פאַך. דאָס האָט געהאַט אַ פּעולה. די לאַגע האָב איך אויסגענוצט קודם־כל צו ווערן זעלבסטשטענדיק. עס איז אַ מיטל צום ווייטערדיקן ציל, אָבער אין שטוב איז געוואָרן וואָס אַ מאָל אומדערטרעגלעכער. די סכסוכים צווישן אונדז האָבן זיך פאַרשאַרפט און די פּרנסה איז בכלל אונטערגעגאַנגען. ביים מאַן איז געבליבן צו ליקווידירן דאָס געשעפט. אין דער זעלבער צייט איז מיין מאַנס קוזין, אַ רייכער



פועה ראַקאָווסקי
אין עלטער פון 18 יאָר



אויף דער ווע־
ראַנדע פון איר
זומער־ווױנונג
אין אָטוואָצק,
אין יאָר 1919

יונגערמאַן, אַוועק קיין אָדעס און דאָרט האָט ער געמאַכט גרויסע מסחרים.ביידע שוועסטערקינדער האָבן זיך צונויפגעשריבן און יענער האָט גערופן צו זיך מיין מאַן אויף אַ פּאָסטן. דעמאָלט איז פאַר מיר געקומען דער מאָמענט צו האַנדלען ענערגיש. איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּעטער־בורג צו לערנען זיך אויף אַקושערסקע קורסן, געבן דאָרט העברעיִשע לעקציעס אין רייכע יידישע הייזער. אין אַ גרויסן שניידער־מאַגאַזין האָב איך אינדערשטיל אַרויסבאַקומען אַ באַשטעטיקונג אַז איך בין אַ שניי־דערין און אַזאַ צייגעניש האָט געגעבן ווינרעכט אויסערן תחום־המושב. געהאַט דאָס פּאַפּיר אונטערגעשריבן פון ביאַליסטאָקער שניידער־צעך, האָב איך נאָך געדאַרפט האָבן אַ באַשטעטיקונג פונעם מאַן אַז ער דער־לויבט מיר צו פאָרן זיך לערנען. דאָס האָב איך געוואָלט דורכפירן פאַר זיין אָוועקפאָרן, און דאָ איז אויסגעבראָכן דער אמתער רעש. לכתחילה האָב איך מיט אים גערעדט מיטן גוטן — אַזוי ווי מיט מיינע עלטערן: דו זעסט דאָך, אַלע פּרוּוון מיטן מסחר האָבן זיך נישט איינגעגעבן, איך מוז האָבן אַ פאַך אַז כ'זאָל קענען פאַרדינען. און ווּעסטו נאָך האָבן אַ פּאָסטן ביי דיין קוזין, וועלן מיר זיך שטעלן אויף די פיס...

אויסגעהערט מיינע טענות איז ער אַרויס מיט אַ ליאַרעם:

— וואָס, פאַר אַן אַקושערקע ווּעסטו זיך לערנען? טאָ גיי און שמד זיך ליבער — פאַר מיר איז דאָס איינס און דאָסזעלבע!

אויך מיין טאַטע־מאַמע זענען געווען אויף זיין צד.

ס'איבערדברן זיי האָב איך געלאָזן אויף שפּעטער. דער עיקר איז מיר געווען דאָס אַרויסקריגן זיין אונטערשריפט. דערצו בין איך דעמאָלט נאָך געווען מינדעריעריק, נאָך נישט קיין פולע 21 יאָר.

אַז ער האָט מיר פעסט געענטפערט אַז קיין דערלויבעניש גיט ער נישט, בין איך אַוועק אין אַפּטייק, געבראַכט אַ פלעשעלע סם און אים געמאָלדן:

— אָדער דו גייסט מיט מיר צום נאָטאַריוס אָדער איך פאַרסם זיך דאָ גלייך אין דיינע אויגן.

דאָס האָט געווירקט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער קען מיך דערפירן צו אַזאַ שריט און ר'איז אַוועק מיט מיר צום נאָטאַר און אונטערגעשריבן אַ דערלויבעניש.

שוין געהאַט אין האַנט אַלע נייטיקע פּאַפּירן — און ער האָט געזען אַז די זאַך איז ערנסט — האָט ער זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אַריין קייז אָדעס. ערשט איז פאַר מיר נאָך געשטאַנען די שוועריקייט ווי אַזוי קריגט מען געלט אויף הוצאות קיין פּעטערבורג? מיינע עלטערן האָבן דערפון נישט געוואָלט הערן; פשוט זיך אויסגעלאַכט, מחמת זיי האָבן געוווסט אַז קעגן זייער רצון קען איך נישט פאָרן, ווייל מיינע צוויי קינדער מוז איך דאָך דערווייל לאָזן ביי זיי. געהאַט אין מיין פאַרמעג אַ גאָלדן זייגערל די גרויס פון אַ רוסישער קאָפּיקע, בין איך אַוועק צו אַ זייגערמאַכער דאָס פאַרקויפן. ער האָט געוואָלט מיר געבן דערפאַר זעכציק רובל, האָב איך דאָס דערציילט דעם מאַן, האָט ער מיר געזאָגט אַז פאַר זעכציק רובל וועט ער אָפּקויפן ביי מיר ס׳זייגערל.

אַזוי איז טאַקע געשען. האָב איך, הייסט עס, שוין געהאַט אויף הוצאות־הדרך אויך. פאָרן אָבער זיך לערנען מיט צוויי קינדער אויף די הענט איז, פאַרשטייט זיך, געווען אוממעגלעך און מיינע עלטערן האָבן מיר קאַטעגאָריש געמאָלדן:

— אויב די גייסט טון אַזאַ זאַך, ווילן מיר נישט קענען נישט דיך און נישט דיינע קינדער. פאַר אַן אַקושערקע וועסטו זיך לערנען, פאַר־שוואַרצן אונדזער נאָמען. מיר האָבן נאָך מיט זעקס מיידלעך שידוכים צו טון. מיט וועמען וועלן מיר קענען זיי חתונה מאַכן אויב די עלטסטע טאָכ־טער וועט זיין אַן אַקושערקע. נעם דיינע קינדער און גיי וווהין דו ווילסט!

בינו־לבינו האָט מען געמוזט ליקווידירן נישט נאָר דאָס געשעפט, נייערט אויך די דירה און דער מאַן איז אַוועק קיין אָדעס. היינט שטעלט זיך פאַר מיין האַרץ: געבליבן זיצן ביי טאַטע־מאַמע מיטביידע קינדער אָן שום אויסוועג. כאָטש נעם און וואַרף זיך אין וואַסער אַריין. גערעכנט זיך אַרויסצורייסן אין דער וועלט אַריין, צוציאָגן אין פּעטערבורג דאָס, וואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט ביז איצט — ערשט האָסטו געבונדענע הענט!

אָפּגעוואַרט אַ שטיקל צייט, האָב איך אָנגעהויבן מיט טאַטע־מאַמע רעדן מיט גוטן:

— איר פאַרשטייט דאָך שוין איצט אויך אַז אַזוי זיצן קען איך

נישט. איך מוז זיך אויסלערנען אַ פאַך און קענען פאַרדינען. קיין אַקו־שערקע געפעלט אייך נישט, לאָזט מיר זיך עקזאַמענירן, וועל איך ווערן אַ לערערין און עפענען אַ שול טאַקע אין ביאַליסטאָק.

גערעדט, געשמועסט און אויף דעם האָבן זיי מסכים געווען.

געהאַט דעמאָלט אין וואַרשע צוויי מומעס, דער מוטערס שוועסטער, האָב איך געבעטן טאַטע־מאַמע זיי זאָלן מיך לאָזן פאָרן קיין וואַרשע צו איינער פון די מומעס. דאָרט וועל איך זיך לערנען, שטעלן זיך צום עקזאַמען און באַקומען אַ לערער־באַשטעטיקונג כדי צו קענען עפענען אַן אייגענע שול. נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער פּלאַן איז זיי געפעלן געוואָרן, האָבן זיי בשום אופן נישט געוואָלט איך זאָל אַוועקפאָרן אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי וואַרשע, כאָטש ס׳איז אין גאַנצן געווען פיר שעה מיט דער באַן פון ביאַליסטאָק. דער תירוץ איז געווען אַז איך בין דאָך אַזוי יונג און שיין — און פרום בין איך נישט, כ׳וועל נישט דערציילן אַז כ׳האָב שוין אַ מאַן, דעריבער טאָר מען מיך אין ערגעץ נישט לאָזן פאָרן. דערצו האָבן זיי געלעבט מיטן בטחון אַז דער אידעם וועט זיך גוט איינאָרדענען אין אָדעס און וועט אַריבערנעמען מיך מיט די קינדער. דעמאָלט וועל איך מיר אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַלע מיינע ווילדע פאַנטאַ־זיעס. אַז איך וועל מער נישט זיין די פרוי פון זייער אויסדערוויילטן אידעם, דאָס איז זיי דעמאָלט נישט איינגעפאַלן, מחמת איך האָב זיי דעם אמת נישט דערציילט. איך האָב זיי נאָר פאַרזיכערט אַז קוים איך וועל אַליין קענען פאַרדינען, וועט אַלץ זיין ווויל און גוט.

דאָ דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד, צוליב וועלכן איך האָב ווידער אַמאָל איבערגעלעבט אַ שווערע טראַגעדיע.

אין דער צייט ווען איך האָב מיך געפּלאָגט אין מיין מ׳שטיינס־גע־זאָגטן פאַמיליע־לעבן האָט חתונה געהאַט מיין ברודער, וועלכער איז געווען יינגער פון מיר מיט אַ יאָר און ניין חדשים. דעם דאָזיקן שידוך האָט איך אויסגעפירט מיין באָבע, דעם זיידנס צווייטע פרוי. ווידער אַמאָל האָט זי נישט געלאָזן געלאָזן פאַרפרעמדט ווערן דעם יחוס און זי האָט פאַר מיין ברודער אָפּגעזוכט אַ כלה אַזש פון טיף רוסלאַנד, פון סאַמאַרע. זי איז טאַקע געווען אַ קרובה אויכעט. דער כלהס פאָטער איז געווען אַ געוויסער וואָלף פרענקעל, אַ ייד אַ משכיל, אַפילו אַ שטיקל אַפּיקורס, וועלכער

האָט זיך באַזעצט אין סאַמאַרע און דאָרט געוואָרן אַן אָנגעזעענער סוחר. ער האָט געשטאַמט פון סלוצק. געהאַט האָט ער דריי זין און אַן איינציקע טאָכטער. די מוטער זייערע איז געווען דווקא אַ פרומע. זעענדיק אַז די זין גייענדיק אין פאָטערס דרכים, לערנען זיך אין גימנאַזיע, דער עלטסטער אַפילו שוין אויפן אוניווערסיטעט, האָט זי געוואָלט אָפּראַטעווען כאָטש די איינציקע טאָכטער און זי חתונה מאַכן מיט אַ בחור פון אַ פרומער יידישער שטוב. אָט מכוח דעם האָבן זיך דורכגעשריבן די צוויי נאָענטע קרובות און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן בלי־ראיה. מיין זיידע, ר׳ לייבעלע, איז דעמאָלט געווען רב אין אַמציסלאַוו, סמאָלענסקער גובערניע, האָט די באָבע געשריבן קיין סאַמאַרע אַז זי האָט אַ חתן פאַר זייער טאָכטער, טאַקע אַ קרוב. מ׳האָט באַלד אַוועקגעשיקט קיין סאַמאַרע מיין ברודערס פאָטאָגראַפיע און פון דאָרט איז תיכף אָנגעקומען דער כלהס בילד. אויף אַזאַ אופן זענען חתן־כלה זיך געפעלן געוואָרן און מ׳האָט באַשלאָסן זיך צונויפצופאָרן קיין סמאָלענסק צו פּראַווען די תנאים. און ווען חתן־כלה פערזענלעך זיך געפעלן ווערן, וועט מען נישט נאָר תנאים שרייבן, מ׳וועט באַלד, אויף אָן אָרט שטעלן אַ חופּה. און כך הוה. מיין זיידע מיט דער באָבע, מיינע עלטערן מיטן חתן און די כלה מיט איר טאַטע־מאַמע זענען זיך צונויפגעקומען אין סמאָלענסק און ס׳איז טאַקע געשטעלט געוואָרן אַ חופּה.

מיינע עלטערן זענען צוריקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק, די מחותנים האָבן זיך אומגעקערט קיין סאַמאַרע, דער זיידע מיט דער באָבע קיין אַמציסלאַוו און די יונגע ווייבל איז געבליבן מיט איר מאַן. דאָס דאָזיקע פּאָרפאָלק האָט גליקלעך אָפּגעלעבט זייערע יאָרן און געהאַט ניין קינדער — אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן.

געקומען מיטן יונגן ווייבל קיין ביאַליסטאָק, איז מיין ברודער געווען אויף קעסט ביי מיינע עלטערן. אין אונדזער הויז זענען זיי געזעסן ביז זיי האָבן געעפנט אין מאַלקין (פיר סטאַציעס פון ביאַליסטאָק) אַ פיליע פון טאַטנס געשעפט. אַראָפּגעקומען צו אונדז האָט די שוועגערין מיך זייער ליב געקראָגן. מיט איר בין איך געווען נאָענט אַלע מיינע יאָרן כאָטש לגמרי אַן איר שולד האָב איך דורכגעמאַכט אַ טרויעריקע איבערלעבונג. באַזעצט זיך ביי אונדז, האָט די שוועגערין מיר כסדר דערציילט וועגן איר

ברודער משה, אַ סטודענט פון כעמיע אין ריגער אוניווערסיטעט. איין מאָל האָט זי מיר אַ זאָג געטון: „ווען מיין ברודער מאָיִסע! וואָלט דיך דערזען, וואָלט ער זיך גלייך אין דיר פאַרליבט!“

אירע רייד האָבן אין מיר אַ ציטער געטון; עפּעס האָבן זיי מיך געשראָקן און זי האָט מיר באַלד געוואָלט ווייזן זיין פאָטאָגראַפיע, האָב איך איר געזאָגט אַז כ׳וויל זי נישט זען און כ׳בין אַנטלאָפן, אַפילו זיינע בריוו, וואָס זענען אָנגעקומען צו איר, פלעג איך נישט וועלן לייענען ווען זי איז צוגעשטאַנען צו מיר וועגן דעם. ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוווּסט האָט דאָס אַלץ איר נישט געשטערט כסדר צו שרייבן איר ברודער וועגן מיר. אַזוי האָט עס זיך געצויגן ביז מיין ברודער מיט דער פרוי האָבן געענדיקט עסן קעסט ביי אונדז אין הויז און זענען אַוועק קיין מאַלקין.

דערווייל האָב איך געוואַרט ביז מיינע עלטערן וועלן מסכים זיין אויף מיין רייזע קיין וואַרשע. אַ מאָל — ס׳איז גראָד געווען זומערצייט — מיין פאָטער האָט געדאַרפט פאָרן געשעפטלעך קיין וואַרשע, האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים באַגלייטן. מיט וואָס פאַרא געמיט איך גיי אַרום האָט מען געזען אינדערהיים.

— נעם מיט — זאָגט מיר דער טאַטע — די קינדער, וועסטו זיי אַראָפּלאָזן אין מאַלקין ביי יענטען — אַזוי האָט געהייסן מיין שוועגערין — און דו וועסט פאָרן מיט מיר קיין וואַרשע.

נאָך איידער מיר האָבן זיך פאַרנומען אין וועג אַריין, האָט די שוועגערין מיר געשריבן איך זאָל אויף זומער אַריבערקומען צו איר מיט די קינדער. צו וואָס זיצן אין די חמימות אין ביאַליסטאָק, אַז דו קענסט זיין אויף אַזאַ גוטער זומערוווינונג ווי מאַלקין? דערצו — שרייבט זי — וועסטו דאָ האָבן אַן אינטערעסאַנטע געזעלשאַפט. מיין ברודער קומט אויך אַהער פון ריגע אויף די פעריען. דווקא די דאָזיקע צושריפט האָט ביי מיר אָפּגענומען דעם חשק צו איר צופאָרן. אַ שרעק האָט מיך באַפאַלן ווען איך האָב געטראַכט וועגן דער דאָזיקער באַגעגעניש. ווילנדיק, ערשטנס, אַז די קינדער זאָלן געניסן פון פרישער לופט און אפשר וועט מיר איינצווישן געלונגען צו פועלן ביים טאַטן, איך זאָל בלייבן ביי איינער פון די מומעס אין וואַרשע כדי זיך צוצוגרייטן צום עקזאַמען, האָב איך גענומען

די קינדער און געפאָרן. אין מאַלקין האָט די שוועגערין אונדז אָפּגעוואַרט ביים צוג. צוגענומען די קינדער צו זיך און איך מיטן פאָטער זענען געפאָרן קיין וואַרשע. דער טאַטע איז געווען בלויז אַ פּאָר טעג און איך בין געבליבן אויף נאָך עטלעכע טעג ביי מיין עלטערע מומע בערמאַן. איך האָב אָבער צוגעזאָגט דעם טאַטן, אַז דערווייל, אויף זומער, פאָר איך קיין מאַלקין. געזעסן בערך אַ וואָך אין וואַרשע, שוין געקלערט צופאָרן צו דער שוועגערין, וועלכע האָט מיך אַגב פאַרוואָרפן מיט בריוו, הלמאי איך זיץ אום זומער אין דושנעם וואַרשע, אָבער פאָרן צו איר האָב איך זיך געשראָקן. אומדערקלערלעך איז געווען די שרעק פאַר דער דאָזיקער באַגעגעניש און איך בין לאַנג נישט געפאָרן. ענדלעך האָב איך זיך געמוזט אַנטשליסן אויף דעם. געקומען קיין מאַלקין צוועלף ביינאַכט, איז מען ביי מיין ברודער אין שטוב נאָך נישט געשלאָפן. אַלע זענען געזעסן ביים טיש און צווישן אַלעמען מאָזעסי, מיין שוועגערינס ברודער פון ריגע. וויבאַלד איך האָב אים דערזען, האָב איך גלייך דערשפּירט אַז נישט בחינם האָב איך זיך געשראָקן פאַר דער דאָזיקער באַגעגעניש. שפּעטער האָט אויך ער מיר דערציילט זיינע איבערלעבענישן, אַז דער שוועסטערס בריוו וועגן מיר האָבן אין אים אַרויסגערופן אַזעלכע געפילן אַז ער האָט זיך אין מיר פאַרליבט — פון דערווייטנס. ער האָט זיך קוים דערוואַרט אויפן טאָג צו קענען פאָרן אַהער. עס איז געווען ביי אים אַ געפיל אַז דאָ וועט ער זיך טרעפן מיט אַ מענטשן אויף וועלכן עס איז אים באַשערט געווען צו וואַרטן יאָרן ביז אַ צופאַל וועט זיי צונויפפירן.

עס האָט נישט לאַנג גענומען און ביי אונדז איז אויפגעקומען אַן עכטע, ריינע ליבע — אַ ליבע נישט קיין פיזישע, נישט קיין באַנאַלע, נאָר אַ גייסטיקע, אַ פּלאַטאָנישע, אַזאַ וואָס האָט געקענט געבוירן ווערן נאָר אין דער תקופה פון ראָמאַנטיזם.

געווען זענען מיר צוזאַמען ביי מיין ברודער איבער דער פעריען־צייט, בערך צען וואָכן, און מער האָבן מיר זיך שוין נישט געטראָפן אין אונדזער לעבן. מיר האָבן זיך צעשיידט אין דעם גלויבן אַז עס איז נאָר אַ דערווייליקע צעשיידונג; עס איז געווען אַ גלויבן אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ קראַפט וואָס זאָל קענען צעשטערן אונדזער גליק. ער איז געווען אויפן דריטן קורס און האָט נאָך געהאַט כמעט דריי יאָר ביזן ענדיקן דאָס שטו־

דירן, בעת איך האָב ערשט געדאַרפט אָנהייבן קעמפן אויף לעבן און טויט אויף צו באַקומען אַ גט. פאַר מיר איז אָט־די שטרעבונג געווען באַגלייט פון אַ דערהויבענעם געפיל. דאָס געפיל איז מיר געווען אַזוי הייליק אַז איך האָב זיך מיט אים פאַר קיינעם נישט פאַרטרויט, אַפילו נישט פאַר מיין שוועגערין. צוריקקומענדיק קיין ביאַליסטאָק האָב איך זיך געמוזט פאַר־טרויען פאַר מיין העברעיִשן לערער כאַוועס, כדי צו קענען באַקומען בריוו אויף זיין אַדרעס. איין זאַך האָב איך אָבער פאַר אים פאַרשוויגן — אַז מאָ׳סעי איז אַ כהן. וועגן דעם האָבן מיר ביידע נישט געקלערט, נישט איך און נישט ער. ער איז געווען אַזוי ווייט פון ייִדישע דינים, אַז ער האָט זיך דערפון בכלל אויסגעלאַכט; איך, ווידער, מיט מיין אַפּיקורסישן וועלטבאַנעם האָב זיך געזאָגט: זאָל איך נאָר האָבן דעם גט, פאָרט מען אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד. זיין פאַמיליע־נאָמען איז פרענקעל, נישט כהן, האָט מען חתונה אָן דעם הכשר פון אַ רב. פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע געשעעניש האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אין מיר דעם ווילן וואָס גיכער צו ווערן זעלבסטשטענדיק. ווידער האָב איך אונטערגענומען גאַנץ ערנסטע שמועסן מיט טאַטע־מאַמע אַז איך מוז פאָרן מאַכן אַן עקזאַמען, ווערן אַ לערערין, עפענען אַ שול. סוף כל סוף האָט מיין טאַטע געפונען אַן אויסוועג. מיין זיידע האָט פאַרלאָזן אַמציסלאַוו און פאַרנומען דאָס כסא הרבנות אין מאַריאַמפּאָל, סוואַלקער גובערניע. ער איז שוין געווען אַ ייִד פון זיבעציק און האָט געוואָלט זיינע עלטערע יאָרן פאַרברענגען אין דער שטאָט ווו ער איז געווען רב — אָן שכירות — נאָך ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַן. כידוע זענען מיינע זיידעס געווען גוטבאַזיצערס. ביי מאַ־ריאַמפּאָל איז געווען אַ גוט זאַלשוף, האָט דער זיידע דאָרט זיך באַזעצט אין זיין יוגנט און איינצייטיק זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט. געהייסן האָט טאַקע דער זיידע ר׳ לייבעלע זאַלשופער. אין מאַריאַמפּאָל איז אויך געווען דאָס קבר פון זיין מאַמען, דער סוואַלקער רביצין פועה, וואָס נאָך איר האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבן. ווען מיין טאַטע האָט זיך איבערגע־צייגט אַז מיט מיר וועט ער גאָרנישט אויפטון, נאָר פאָרן לערנען וועל איך שוין באַשטימט, זאָגט ער צו מיר אין איינעם אַ שיינעם טאָג:

— אויב דו ווילסט דווקא פאָרן זיך לערנען, האָב איך אַן עצה: דו וועסט פאָרן צום זיידן קיין מאַריאַמפּאָל. דאָרטן איז דאָ אַ מענער־

גימנאַזיע. ביים זיידן איין שטוב קענסטו לערנען וויפל דיין האַרץ גלוסט און אין גימנאַזיע שטעלן זיך צום עקזאַמען.

— וואָס רעדסטו, — האָב איך געזאָגט אַ דערשראָקענע — ווי קען איך פאָרן צום זיידן, בעת איך בין נישט אַזוי פרום און צי וועט דער זיידע מיר לאָזן לערנען?

— דאָס איז שוין מיין זאַך — ענטפערט דער טאַטע. — אָט גלייך מאָרגן פאָר איך קיין מאַריאַמפּאָל און וועל דיר ברענגען אַ בריוו פון זיידן אַז דו זאָלסט קומען זיך זעצן לערנען צום עקזאַמען.

און כך הוה. דער טאַטע איז געפאָרן, מיר געבראַכט אַ בריוו פון זיידן. אין אַ ליבהאַרציקן טאָן רופט מיך דער זיידע צו זיך; ער וועט מיר נישט שטערן זיך לערנען ביז וואַנען איך וועל דורכמאַכן דעם נייטיקן עקזאַמען. איך האָב זיך נישט געלאָזן לאַנג בעטן און גענומען זיך גרייטן אין וועג אַריין. מיין דריייאָריקע מיידעלע האָט גענומען צו זיך מיין שוועגערין. דאָס יינגעלע, אַ פינפיאָריקער איז שוין געגאַנגען אין חדר. צו זיבן יאָר האָט ער געלערנט זיבן בלאַט גמרא אַ וואָך און מיין טאַטע איז געווען זיכער אַז פון אים וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער רב. געווען איז בלויז איין שטערונג: אויסגעגאַנגען לתרבות־רעה האָב איך אַראָפּגעוואָרפן דאָס גרויסע שייטל, וואָס מ׳האָט מיר אָנגעטון נאָך דער חתונה; היינט ווי פאָרט מען צום זיידן, צום דב, מיט די אייגענע האָר? איך האָב מיר לסוף אַן עצה געגעבן: איך האָב מיר געלאָזן מאַכן אַזאַ מין קליינע גזשיווקע, ווי מ׳האָט עס דעמאָלט גערופן. מען פלעגט דאָס טראָגן מער אויפן שטערן ווי אויפן קאָפּ. אויף דעם פלעגט מען אַרויסקאַמען די אייגענע האָר. אַזוי צוגעפּראַוועט מיין פריזור און אין אַפּריל 1888 בין איך מיט מזל אַוועקגעפאָרן קיין מאַריאַמפּאָל.

צוזאַמען מיט מיר איז דעמאָלט געזעסן און געלערנט זיך ביים זיידן זיין אייניקל פון אַ טאָכטער, וועלכע איז געשטאָרבן צו זיבן און דרייסיק יאָר. דער יתום איז געווען כמעט אין מיינע יאָרן. ער האָט זיך געגרייט צו סמיכה אויף רבנות. מיין קומען קיין מאַריאַמפּאָל איז געווען פאַרן שטעטל אַן אמתע איבעראַשונג. צוויי יונגעלייט האָבן זיך געוועט: איינער האָט געזאָגט, ער ווייסט גאַנץ גענוי אַז איך בין אַ ווייבל און האָב שוין צוויי קינדער; דער צווייטער האָט געטענהט אַז ער ווייסט פון אַ זיכערן

מקור, אַז איך בין אַ מיידל. מ'האָט אָפּגעהיט אין גאַס דער רביצינס דינסט און איר אויסגעפרעגט. דערוווּסט זיך דעם אמת האָט, נאַטירלעך, איינער פאַרשפּילט דאָס געווּעט. דערווייל בין איך געשטאַנען אין בריוו־לעכער פאַרבינדונג מיט מיין שוועגערינס ברודער, מאָזעס פּרענקל. די קאָרעספּאָנדענץ האָב איך דערהאַלטן אויף פּאָסט־רעסטאַנט און אַלץ איז געבליבן שטרענג בסוד.

געזעצט זיך לערנען, האָב איך געדאַרפט האָבן אַ לערער, אַ גימנאַ־זיסט פון זעקסטן קלאַס. דער זיידע האָט מסכים געווען אויף דעם בתנאי אַז דער לערער זאָל זיין אַ קריסט.

— פאַרוואָס דווקא אַ קריסט? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

— פאַרשטייסט, מיין קינד, — האָט דער זיידע מיר דערקלערט — אַ קריסט וועט קומען, אָפּגעבן דיר זיין שעה און אַוועקגיין, אַ ייִד אָבער וועט זיך אַריינלאָזן מיט דיר אין פאַרשיידענע גערעדעכצן. פרום ביסטו דאָך נישט, איז עס נישט גלייך.

— זיידע, — האָב איך זיך קעגנגעשטעלט — אויף מיין לעבן האָב איך נאָך נישט געלערנט ביי קיין קריסט און דו ווייסט אַוודאי נישט, איך האָב פיינט גויים.

— גוט, — האָט דער זיידע שוין מסכים געווען — דאָ זענען פאַראַן צוויי ברידער גימנאַזיסטן, בוראַק הייסן זיי; דער עלטערער איז אין אַכטן קלאַס און דער ייִנגערער אין זיבעטן, וועלן מיר משווה ווערן מיטן ייִנגערן. ער איז אַ פרומער. איך טרעף אים יעדן אינדערפרי גיין דאַ־ווענען, איידער ער גייט אין גימנאַזיע.

איך האָב נאָך געפּרוּווט זאָגן דעם זיידן אַז פאַר מיר איז נוצלעכער דער עלטערער, ווייל איך דאַרף דעם קורס פון אַכטן קלאַס, נאָר מחמת דרך־ארץ צום זיידן, האָב איך שוין געלאָזן מיינס איבערגיין. ביים ייִנגערן בוראַק איז מיר אויסגעקומען צו לערנען נאָר חדשים, ווייל ער איז קראַנק געוואָרן אויף די אויגן — ער האָט געמוזט פאָרן זיך אָפּערירן אין קעניגס־בערג — און אויף זיין אָרט איז געקומען דער עלטערער ברודער. צום עקזאַמען האָב איך זיך געלערנט גאַנצע אַכט חדשים. די גאַנצע צייט האָב איך גערעדט און קאָרעספּאָנדירט אין ייִדיש, רוסיש האָב איך גערעדט אָן גרייזן, אָבער נישט פליסיק, געשריבן האָב איך בעסער פון מיין

לערער דעם גימנאַזיסט. עס איז אויסגעקומען אַז גאַנץ אָפּט האָט ער זיך באַנוצט מיט מיינע שריפטלעכע קאָמפּאָזיציעס אויף די טעמעס וואָס עס האָבן געמאַכט די שילערס פון אַכטן קלאַס. געלערנט האָב איך, אמת, מיט התמדה, טאָג און נאַכט. אָפּטמאָל פלעגט די באָבע טרעפן צומאָרגנס מיין נעכטיקן מיטיק אַ נישט גערירטן. אין די זומערדיקע חדשים, אין די גרויסע היצן, בין איך געזעסן אין קעלער פון שטוב און געלערנט. די באָבע האָט זיך שטאַרק מצער געווען, וואָס איך פּטר דאָס געזונט. זי איז נישט געווען אַזאַ יפה־פיה, די דאָזיקע באָבע מיינע, נאָר אַ פרוי אַ פּקחית איז זי געווען. זי האָט מיך נישט בלויז ליב געהאַט — זי האָט מיך אויך גוט פאַרשטאַנען. מיר אַלע האָבן איר גערופן די מומע סאָניע און אין אַ געוויסן זין האָט זי איבערגעלעבט אַ טראַגעדיע וואָס איז געווען ענלעך צו מיינע. על־פּי דעם שטייגער פון יענע צייטן האָט מען איר חתונה געמאַכט זייער יונג. דעם מאַן האָט זי נישט ליב געהאַט, פאַרלאַנגט פון אים אַ גט און ער האָט איר בשום אופן נישט געוואָלט אָפּגעבן. זי האָט געהאַט מיט אים נאָר אַ טאָכטער. מיטן קליינעם קינד אויף די הענט איז זי גאָר אַ יונגע אַוועק פון אים, אַליין געפירט געשעפטן, די טאָכ־טער אַליין אויפגעהאָדעוועט און זי חתונה געמאַכט מיט אַ בחור אַן עילוי, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן רב אין אָדעס. לאַנגע יאָרן איז זי געזעסן אַן אלמנה חיה און געוואַרט אויפן גט. נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ. פאַר דער צייט פון איר פאַרוויסטן לעבן איז זי שטאַרק געפעלן געוואָרן אירן אַ קרוב און ער איר אויך; ער איז אָבער געווען אַ כהן. ווען זי זאָל פון איר מאַן אַפילו אַרויסבאַקומען דעם גט, וואָלט זיך אַזאַ פרומע פרוי און זיכער אויך איר קרוב נישט אַנטשלאָסן אויף אַזאַ שריט ווי חתונה האָבן. אַ גרויסע איבערלעבעניש איז עס געווען פאַר ביידע. מיין זיידע האָט נאַטירלעך געוווסט פון דער געשיכטע מיט דער מומע סאָניע, וועלכע האָט אָפּגעפינצטערט אירע יונגע יאָרן צוליבן מאַן, וועל־כער איז געווען אַ האַלבער אידיאָט. נאָך דער באָבעס טויט האָבן זיך דעם זיידעס קינדער אָנגעהויבן שטאַרק אינטערעסירן מיטן גורל פון דער מומע סאָניע און — ווי זי פלעגט שפּעטער דערציילן — איז איר עפּעס ווי דורך אַ נס נאָך אַזויפיל יאָרן געלונגען אַרויסצוקריגן דעם גט.

אַ קורצע צייט נאָכן גט האָט זי טאַקע חתונה געהאַט מיט מיין זיידן דעם רב.

דאָס וואָס איך האָב געלערנט מיט אַזאַ ווילדער התמדה, איז דאָך געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך: פון מיין עקזאַמען איז איצט גע־ווען אָפּהענגיק מיין גאַנץ לעבן, דאָס באַפרייען זיך פון די קייטן מיט וועלכע איך בין געווען געפּענטעט; אין דעם איז געלעגן מיין צוקונפט און די צוקונפט פון מיינע קינדער. מיט זייער פאָטער האָב איך אַפילו נישט קאָרעספּאָנדירט פונעם מאָמענט ווען ער איז אַוועק קיין אָדעס. געווינט האָט ער טאַקע ביים אָדעסער רב, דער מומע סאָניעס איידעם (מ'איז דאָך געווען געקניפּט און געבונדן, אַרום און אַרום קרובים פון דעם זעלבן יחוס). מיינע עלטערן האָבן אָפּט באַקומען פון אים בריוו; זיי פלעגן מיר איבערשיקן גרוסן פון אים. מיין טאַטע־מאַמע איז לגמרי נישט געקומען אויפן געדאַנק אַז זיין ווייב וועל איך מער נישט זיין. כדי צו דערגרייכן מיין ציל, האָב איך במשך פון די אַכט חדשים גאָרנישט מער געקלערט ווי וועגן לערנען. דאָס איינציקע וואָס כ'האָב זיך דער־לויבט איז געווען שרייבן בריוו צו פרענקלען. דאָס האָט מיר נאָך צוגע־געבן מוט און ענערגיע צו דערגרייכן מיין ציל.

דער גורל האָט געוואָלט אַז מיין ערשטער שריפטלעכער עקזאַמען זאָל אויספאַלן דווקא אום יום־כפור. צוזאַמען מיט מיר האָבן זיך עקזאַ־מינירט נאָך זיבן יונגעלייט, סאַמע קריסטן. איך בין געווען די איינציקע פרוי און ס'איניקל פונעם רב. אויף דער בקשה פונעם זיידן איז איינער פון זיינע פריינט אַוועק צום דירעקטאָר, דערציילט אים ווער איך בין און אויסגעפועלט אַז איך זאָל קומען צום עקזאַמען יום־כפור נאָכן תענית. איך געדענק ווי עס וואָלט געשען אָקערשט איצט: דער זיידע האָט מיר געגעבן זיין ברכה צום עקזאַמען און ווי איר זעט איז זיין ברכה — צוזאַמען מיט מיין ענערגישן לערנען — געווען די ריכטיקע סגולה. פאַרן ערשטן עקזאַמען האָב איך געדאַרפט אָנוואַרפן אַ סקיץ פון מיין ביאָגראַפיע. פאַרן גאַנצן לערער־פּערסאָנאַל בין איך געווען אַ סענסאַציע, בעיקר מיט דעם וואָס איך בין אַן איניקל פונעם רב. דער עקזאַמען האָט געדויערט עטלעכע טעג; איך האָב אים זייער גוט אויסגעהאַלטן, אַ סך בעסער פון אַלע זיבן בחורים.

נאָך די עקזאַמענס האָב איך נאָך געדאַרפט געבן עטלעכע „מוסטער־לעקציעס" פון דעם קעגנשטאַנד, וועלכן איך האָב אויסגעקליבן פאַר מיין ספּעציאַליטעט. געוויינלעך נעמט ס'רוב מאַטעמאַטיק פאַר זייער ספּעציאַליטעט. איך האָב גענומען די דייטשישע שפּראַך. ראשית האָב איך פון קינדוויַיז אָן ליב געהאַט שפּראַכן און נישט חשבון; צווייטנס זענען ביי אונדז אין ביאַליסטאָק דעמאָלט נישט געווען קיין לערערס וואָס זאָלן האָבן די רעכט צו אונטערריכטן די דייטשישע שפּראַך אין די רוסישע שולן און גימנאַזיעס.

מיינע פּראָבע־לעקציעס האָב איך געגעבן אין צווייטן קלאַס גימנאַזיע. עס האָבן בייגעוווינט אַלע לערערס, דער דירעקטאָר און די אינספּעקטאָרן. אַגב איז דאָס געווען די ערשטע לעקציע וואָס איך האָב בכלל געגעבן עמעצן אין מיין לעבן. דערנאָך האָט דער דירעקטאָר מיר געדריקט די האַנט און מיט הסכמה געזאָגט אַז איך וועל זיין אַ גוטע לערערין. צום באַדויערן איז מיין שמחה דעמאָלט פאַרטונקלט געוואָרן פון אַ גרויסן צער. קורץ פאַר די עקזאַמענס האָט די מומע סאָניע מיר פאַרטרויט אַ ווייטיקלעכן סוד אַז דער זיידע האָט באַקומען אַ פאַרהאַרטונג אויפן ברוסטקאַסטן, און די פאַרהאַרטונג ווערט אַלץ גרעסער. דער זיידע האָט געמוזט דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע, צוליב וואָס איך האָב נאָך אַ פּאָר וואָכן נאָך די עקזאַמענס פאַרבראַכט אין מאַריאַמפּאָל.

צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק בין איך נאָך סוכות. טאַטע־מאַמע און אַלע היימישע האָבן מיר געווונטשן דערפאָלג מיטן דערגרייכטן ציל און דער פאָטער האָט זיך צו מיר געוואָנדן בזה הלשון:

— נו, מיין קינד, איצט האָסטו שוין דערגרייכט ס'דייניקע, ביסט געוואָרן זעלבסטשטענדיק; אויך שמעון (דער מאַן, הייסט עס) האָט אין אָדעס אַ גוטן פּאָסטן ביי זיין קוזין. דו וועסט פאָרן קיין אָדעס עפענען אַ שול און מיט גאָטס הילף וועט איר לעבן גליקלעך.

דאָס מאָל בין איך גלייך אַרויס מיט לשון. איך בין שוין נישט אַלט געווען זיבעצן יאָר, ווי צו דער חתונה, נאָר טאַקע דריי און צוואַנציק יאָר. גאַנץ רויק, נאָר אַנטשלאָסן האָב איך געמאָלדן מיין פאָטער, אַז שמעונס פרוי וועל איך מער נישט זיין. צו די תנאים קיין בריסק האָט מען מיך גענומען מיט געוואַלד, קיין אָדעס וועט איר מיך שוין נישט נעמען בגע־

וואַלד, און פאָרן וועל איך נאָר דעמאָלט, ווען דער צוג פון ביאַליסטאָק קיין אָדעס וועט גיין אונטער דער ערד.

— סטייטש, — האָט דער טאַטע געטענהט — האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דו ווילסט בלויז קענען אַליין פאַרדינען, דערנאָך וועט אַלץ ווערן צוריק גוט. האָסט, הייסט עס, אונדז אַלע אָפּגענאַרט? און ווו האָט מען עס בכלל געהערט אַז אַ ווייבל זאָל נישט וועלן לעבן מיט איר מאַן, בפרט אַז מ'האָט שוין מיט אים צוויי קינדער — מחמת מ'האָט אים נישט ליב? אַ מין משונהדיקער מאָטיוו: יאַשקע מיט סטאַשעקן האָבן זיך ליב, אָבער ביי ייִדן?... חתונה געהאַט, געבוירן קינדער און מ'לעבט.

— טאַטע, — האָב איך געענטפערט — פאַר מיינע קינדער בין איך גרייט צו טון אַלץ אין דער וועלט, אויסער איין זאַך: זייער טאַטנס ווייב וועל איך מער נישט זיין! דאָס איינציקע וואָס איר דאַרפט איצט טון איז זאָרגן, אַז ער זאָל מיר געבן אַ גט.

שווער זיך פאָרצושטעלן די מהומה, וואָס מיין האַרבע טענה האָט אַרויסגערופן ביי מיין גאַנצער משפחה ווי אויך ביי דער משפחה פון צווייטן צד. פון פינסק איז באַלד אָראָפּגעקומען דעם מאַנס פאָטער. ער האָט געהאַט מיט מיר זייער אַן ערנסטן שמועס: צו ערשט מיט גוטן, דערנאָך מיט בייזן. קודם־כל האָט ער צוגעזאָגט צו געבן דעם זון אַ צווייטן נדן, אויב מיך אַרט וואָס ער האָט פאַרלוירן אין מסחרים די דריי טויזנט רובל. איך האָב אים געענטפערט:

— אויב איר זאָלט מיך אַפילו פירן אין גאָלדענע קאַרעטעס, וועל איך מער נישט זיין די פרוי פון אייער זון. אויב איר זענט אים אַ געטרייער פאָטער, זעט ער זאָל מיך באַפרייען, ווייל איך בין פאַר אים אַ גרעסער אומגליק, ווי ער פאַר מיר.

— קיין גט וועסטו נישט קריגן דיין גאַנץ לעבן! — האָט דער שווער זיך שוין געכעסט.

איך אָבער האָב אים געזאָגט רויק:

— דעם גט דאַרפט איר און נישט איך. פאַר מיר איז די וועלט איצט אָפן אויך אָן אַ גט.

אַזוי ווי מיינע עלטערן זענען געווען קעגן מיר, האָבן זיך ביידע

צדדים געהאַלטן מעשה־מחותנים. מיין פֿאָטער האָט דעריבער אַ ווונק געטון צום מחותן:

— לאָמיר איר לאָזן לויפֿן. זי איז איצט פּראָסט־פּשוט משוגע. די משוגעת וועט אַריבערגיין, זי וועט זיך אויסניכטערן והכל על מקומו יבוא בשלום.

נאָכן פֿאָטער איז פֿון מינסק אַראָפּגעקומען דער ייִנגערער ברודער פֿון מיין מאַן. ער איז עטלעכע טעג געזעסן ביי אונדז, געפֿירט מיט מיר לאַנגע שמועסן אין דער איבערצייגונג אַז ער וועט מיך איבערדברן, אַז כ׳זאָל נעמען די קינדער און וואָס גיכער אַריבערפֿאָרן קיין אָדעס.

געזען אַז ער וועט גאָרנישט פּועלן, האָט ער זיך געזעגנט מיט מיר און פֿאַרביסן געזאָגט:

— זיי וויסן, פּועה, אַז אַ גט פֿון שמעונען וועסטו באַקומען נאָר דעמאָלט, אויב איך וועל שטאַרבן פֿריִער פֿון אים...

נאָך די אַלע אַמפּערנישן איז מיר געוואָרן אוממעגלעך צו זיצן ביי מיינע עלטערן. איך האָב געדונגען אַ דירה און אָנגעהויבן זוכן לעקציעס אויף רוסיש, דייטש און העברעיִש. די תּלמידות האָבן נישט לאַנג געלאָזן וואַרטן אויף זיך און איך האָב אָנגעהויבן פֿאַרדינען. אַגב איז מיין ערשטע שילערין געווען מאַשע בערגער, די פֿרוי פֿון יצחק בערגער און די מוטער פֿון דעם העברעיִשן שרייבער הערצל בערגער. אין דער זעלבער צייט האָב איך גענומען גרייטן דאָקומענטן אויף אַריבערשיקן קיין גראָדנע אַז די שול־אינספּעקציע זאָל מיר דערלויבן דערעפֿענען אין ביאַליסטאָק אַ פֿיר־קלאַסיקע פּראָ־גימנאַזיע. איך באַקום אָבער אַ נעגאַטיוון ענטפֿער. קיין שום שול האָב איך נישט קיין רעכט צו פֿירן אין ווילנער בילדונגס־קרייז — און ביאַליסטאָק האָט געהערט צום ווילנער בילדונגס־קרייז — מחמת איך האָב זיך עקזאַמענירט אין מאַריאַמפּאָל וואָס געהערט צום וואַרשעווער בילדונגס־קרייז; מיר איז בכן דערלויבט צו עפֿענען אַ שול נאָר אין אַ שטאָט פֿון וואַרשעווער קרייז. אַ צערודערטע בין איך אַוועק קיין גראָדנע און אויפֿגעהויבן אַ ויצעקו. עס האָט, נאַטירלעך, געהאָלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס. איך בין דערנאָך אַוועק קיין ווילנע און באַלייגט מיין פּראָטעסט פֿאַרן אַפּוטרופּס פֿון בילדונגס־קרייז. אָבער רעד צו דער וואַנט. ווילסטו דווקא פֿירן אַ שול אויפֿן שטח פֿון ווילנער בילדונגס־קרייז, מוזסטו נאָך אַ מאָל

זיך שטעלן צום עקזאַמען אין ווילנער קרייז. איך האָב זיך נישט באַרויקט און געווענדט זיך צום בילדונגס־מיניסטעריום אין פּעטערבורג. דאָס מי־ניסטעריום האָט אַרויסגעפּאָדערט אַלע מיינע שריפטלעכע אַרבעטן, וואָס כ׳האָב געהאַט אָפּגעגעבן ביים עקזאַמען אין וואַרשעווער לער־קרייז; ווי ס׳האָט אויסגעזען פונעם ענטפער איז מיין לערער־צייגעניש באַשטעטיקט געוואָרן דורכן מיניסטעריום; ס׳מיניסטעריום האָט געוווּסט אַז עס עקזיס־טירט אַזאַ אַבסורדאַל געזעץ, אָבער דער פּועל־יוצא איז געווען דער זעל־בער: ווילסטו נישט קיין שול פון אַ שטאָט פון וואַרשעווער בילדונגס־קרייז, מוזטו זיך נאָך אַ מאָל עקזאַמענירן. אָן ספק, דער דאָזיקער טרויעריקער עפּיזאָד האָט נאָך דעם געהאַט אַ ווירקונג אויפן גאַנג פון מיין ווייטערדיקן לעבן. אין ביאַליסטאָק האָב איך שוין געהאַט אַ צאָל שילערינס, וואָס האָבן בלויז געוואַרט איך זאָל עפענען די שול. מיין געבוירנשטאָט איז מיר געווען ליב און טייער. בכלל איז ביאַליסטאָק געווען אין יענע יאָרן אַ שטאָט פון תורה און בילדונג, פון משכילים און יידישער אינטעליגענץ. שוין דעמאָלט איז ביאַליסטאָק געווען אַ וויגעלע פון חיבת ציון מיט ר׳ שמואל מאָהילעווער און זיין סעקרעטאַר הרב יצחק ניסנבוים. ווען ס׳איז אַנטשטאַנען דער פּאָליטישער ציוניזם האָט ביאַליסטאָק זיך אויסגעצייכנט מיט אַקטיווע ציוניסטישע עסקנים; שוין דעמאָלט האָט מען גאַנץ פלייסיק געלערנט העברעיש. אַפילו מיידלעך איז דערלויבט געווען צו לערנען לשון־קודש און דאָס — אין די פּרומסטע הייזער.

פאַר מיר איז געווען זייער שווער די גזירה צו פאַרלאָזן מיין היימ־שטאָט, מיינע קרובים און מיינע נאָענטע מענטשן. עס איז געווען פּיינלעך פּלוצלינג זיך אַריבערטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט, אין רוסיש־פּוילן, וווּ אַפילו די יידן זענען מיר געווען פרעמד; אין פאַרלויף פון זעקס און פערציק יאָר האָב איך שפּעטער דאָרט אָפּגעלעבט און אַלץ געבליבן די ליטוואַטשקע — בשום אופן זיך נישט געקענט אַסימילירן מיט מיינע פּוי־לישע ברידער און שוועסטער.

עס איז אָבער נישט געווען קיין ברירה. איך האָב באַקומען אַ דער־לויבעניש צו עפענען אַ שול אין לאָמזשע און אַהין האָב איך געמוזט אַריבערפאָרן. און טאַקע אין מיין ערשטער שול האָב איך מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אָנגעהויבן לערנען עברית מיט מיינע תלמי־

דות. פון קיין עברית־בעברית האָט מען דעמאָלט נאָך נישט געוווסט. די אָפיציעלע לערנשפּראַך אין די שולן איז געווען רוסיש. האָב איך דערפאַר געלערנט העברעיש אין רוסישער איבערזעצונג. מיין זעקסיאָריקן זון האָב איך צייטווייליק געלאָזן ביי מיינע עלטערן, דאָס פּיריאַריקע מיידעלע האָב איך באַלד מיטגענומען מיט זיך. שפּעטער איז אויך אַריבערגעקומען צו מיר מיינע אַ יינגערע שוועסטער. זי האָט זיך געגרייט צום עקזאַמען אויף אַריינצוטרעטן אין אַ דענטיסטן־שול. זי האָט זיך געלערנט און איינצייטיק מיר געהאָלפן אין דער שול.

אין לאָמזשע האָב איך געפירט די שול נישט מער ווי צוויי יאָר. פון דאָרט בין איך אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע.

## קאַפּיטל פיר

אין לאָמזשע האָב איך צופעליק געטראָפן מיין פאָטערס אַן אַמאָליקן חבר, אַ געוויסן טיקאָטשינסקי. קודם־כל האָט ער צו מיר אין שול געבראַכט זיינע קינדער און באַלד זענען מיר געוואָרן גאָר נאָענט מיט זיין משפחה. אַ ייד אַ פּקח האָט טיקאָטשינסקי געקענט לערנען, אָבער ער איז שוין געווען שטאַרק „געכאַפּט אין דער מעשה". ער איז געווען נישט קיין קליינער אפּיקורס. געפירט מסחרים, פלעגט ער גאַנץ אָפט מאַכן נסיעות קיין וואַרשע און אין פאַרשיידענע שטעט פון רוסלאַנד. כ'ווייס שוין נישט ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו — איך האָב טיקאָטשינסקין פאַרטרויט אַלע מיינע סודות, אויך מיין ראָמאַן מיט דער שוועגערינס ברודער, דעם כהן, וועלכער האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן זיין שטודיום. אַגב, אונדזער קאָרעספּאָנדענץ האָט במשך פון די צוויי יאָר פון מיין זיין אין לאָמזשע זיך פאַרשטאַרקט; אָפט פלעג איך באַקומען פון אים בריוו און אויך האַלב־געשניצטע זאַכן פון זיין אייגענער אַרבעט. ביי אונדז איז געבליבן געדולדיק צו וואַרטן — ער אויפן דיפּלאָם און איך אויפן גט. מיט אַריבער פופציק יאָר צוריק האָט געקענט זיין אַזאַ ראָמאַן אויך. אָבער וועגן גט האָט נישט בלויז מיין מאַן נישט געוואָלט הערן, נאָר אויך מיינע עלטערן האָבן דערפון נישט געוואָלט וויסן. עס איז נישט מער געבליבן ווי וואַרטן.

דער איינציקער אינטערעס צום לעבן האָט אין מיר געוועקט מיין שול, דאָס ווייטערדיקע לערנען זיך און ס׳דערציִען מיין קליין מיידעלע; און עס האָט מיך געוואַרעמט מיין ערשטע באמת פּלאַטאָנישע אָבער עכטע ליבע, וועלכע איז ווידעראַמאָל צעשטערט געוואָרן דורך מיינע עלטערן. געשען איז עס אַזוי:

איידער מיינע עלטערן האָבן זיך דערוווּסט פון מיין ליבע, איז דער לאָמזשער פּריינט טיקאָטשינסקי אַ מאָל געקומען צו מיר מיט אַ בשורה אַז ער פאָרט געשעפטלעך קיין אָדעס. ביי געלעגנהייט, זאָגט ער, וויל ער זיך באַקענען מיט מיין מאַן. אפשר וועט אים געראָטן אים צוצורעדן, ער זאָל מיך באַפרייען. מיט דעם צופאַל בין איך געווען צופרידן. געגעבן דעם אַדרעס פון מיין מאַן און געבעטן טיקאָטשינסקין, ער זאָל אויף מיר אָנרעדן אסור לדבר: אַז איך בין געוואָרן אַ שרעקלעכע אַפּיקורסטע, אַראָפּ־געוואָרפן דאָס שייטל, פּיר אַ טריפה קיך. טאַטע־מאַמע ווילן פון מיר נישט וויסן און אַז סוף־כל־סוף וועל איך מן הסתם חתונה האָבן פאַר אַ גוי. טיקאָטשינסקי האָט מיין עצה־טובה אויסגעפירט, קיין פעולה האָט עס אָבער נישט געהאַט. דער מאַן האָט אים געענטפערט: אַן אַפּיקורסטע איז זי — דאָס גלייב איך, אָבער ווי אַ פרוי איז זי זייער אָרנטלעך און חתונה האָבן וועט זי נישט; נישט נאָר מיט אַ גוי וועט זי נישט חתונה האָבן, אַפילו נישט מיט אַ ייִדן, אויב זי וועט נישט האָבן קיין גט, און אַ גט וועט ער איר נישט געבן קיין מאָל, קיין מאָל. בינו־לבינו האָבן מיינע עלטערן זיך דערוווּסט פון מיין שווערגערינס טאַטע־מאַמע וועגן מיין ראָמאַן מיט זייער עלטסטן זון. וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן. אַ מוראדיקע טראַגעדיע! קען דען זיין אַ מער שרעקלעכע זאַך ווי אַ געשיכטע פון אַ כהן מיט אַ גרושה? מיין טאַטע איז תיכף אַראָפּגעקומען קיין לאָמזשע, געזעסן איבער מיר דריי טעג נאָכאַנאַנד און געפאָדערט פון מיר בלויז איין קלייניקייט: איך זאָל אים געבן אַ בריוו אַז איך זאָג זיך אָפּ פון מאָיסען. איך האָב אָנגעהויבן דעם טאַטן דער־קלערן מיט גוטן, אַז מאָיסען וויסט פון גאָרנישט און צווייטנס, האָב איך אים שוין געבעטן, ער זאָל ווידעראַמאָל נישט צעברעכן מיין יונג לעבן. אַז מיינע טענות האָבן נישט געהאָלפן, האָב איך אַן אויפגערעגטע שוין דערקלערט:

— טאַטע, אַפּילו דו זאָלסט מיך צעשנײַדן אויף צוועלף שטיקער, וועט יעדעס שטיק באַזונדער דיר זאָגן: „איך וועל זיך פון מאָיִסעי! נישט אָפּזאָגן, סײַדן איר וועט ווירקן אויף אים, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון מיר".

מײַן פאָטער איז אַוועקגעפאָרן מיט גאָרנישט און אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען מײַן ברודער. פאַרן ברודער האָב איך זיך באַהאַלטן, מחמת מ'האָט מיר איבערגעגעבן אַז ער וויל מיך אָפּגיסן מיט אַזאַ מײַן פּליסיקייט וואָס וועט מיאוס מאַכן מײַן פּנים. דעמאָלט וועט זײַן שוואָגער מיך נישט וועלן נעמען. מײַן ברודער איז געזעסן עטלעכע טעג אין לאָמזשע, די גאַנצע צײַט מיך נישט געזען און איז צוריק אַוועקגעפאָרן.

און וואָס איז דערווײַל פאָרגעקומען מיטן כהן? דעם דיפּלאָם האָט ער באַקומען פריִער איידער מײַנע עלטערן האָבן זיך דערוווּסט וועגן זײַן ליבע מיט מיר, פאַר די עקזאַמענס האָט ער מיך אָנגעהויבן בעטן אין די בריוו, איך זאָל אים דערלויבן צוקומען מיך זען איידער ער וועט אָפּפאָרן אַהיים קיין סאַמאַרע. „שוין דרײַ יאָר ליב איך די לופט, מער קען איך נישט אויסהאַלטן. איך וועל נישט פאָרן צו דיר אין שטוב, נאָר אין אַ האָטעל. איך ווייס אַז דו לעבסט אין אַ קליין שטעטל, ווי אַ דער־ציִערין פאַרנעמסטו אַן אָרט אין דער געזעלשאַפט. איך וויל דיך בלויז זען, נישט מער". איך בין אויף דעם נישט אײַנגעגאַנגען און אַנטשלאָסן געמאָלדן, אַז איידער איך וועל האָבן דעם גט, וויל איך בשום־אופן אים נישט זען. מײַנע מאָטיוון: איך קען נישט וואַרפן אַ פלעק אויף מײַנע קינ־דער, און וויל נישט, אַז ווען זיי וועלן אויפוואַקסן, זאָלן זיי פאַראורטיילן מײַן שריט. בלית־ברירה איז ער פון ריגע גלײַך אָפּגעפאָרן צו זיך אַהיים און דאָרט, אין סאַמאַרע, בײַ זײַנע עלטערן, ערשט זיך דערוווּסט וואָס פאַראַ שטערונג עס ליגט אויפן וועג צו אונדזער גליק. ווען זײַן מוטער האָט גענומען אים אויסרעדן, האָט ער אַרויסגענומען מײַן פאָטאָגראַפיע, געוויזן דער מוטער און געזאָגט: „אָט איז דאָס בילד פון מײַן כלה". זײַן מוטער האָט מיך גוט געקענט (זי האָט אַ מאָל פאַרבראַכט בײַ איר טאָכטער אין גערסט און מיך אָפּט געטראָפן), האָט זי געענטפערט: „פאַר אָט־דעם מענטשן בין איך גרייט אָפּצוגעבן מײַן נשמה, זי האָט דאָך אָבער אַ מאַן!"

ער: — זי וועט באַקומען אַ גט, מאַמע!

ערשט דאָן האָט מען אים אויפגעקלערט אַז אַפילו נאָכן גט טאָר ער מיט מיר נישט חתונה האָבן, ווייל ער איז אַ כהן.

די מעשה האָט אים אַזוי איבערראַשט אַז ער האָט מיר גלייך געשריבן וועגן דעם און געענדיקט דעם בריוו מיט דעם, אַז עס איז נישטאָ קיין געזעץ אויף דער וועלט וואָס זאָל זיין בכוח צו צעברעכן אונדזער גליק. זיין דעה איז דעריבער, איך זאָל נישט וואַרטן אויפן גט, נאָר תיכף קומען מיט די קינדער קיין סאַמאַרע, אָדער — אויב איך וויל — זאָלן מיר אַוועק קיין אַמעריקע.

קאָנסעקווענט אין מיין באַשלוס צו וואַרטן אויפן גט, האָב איך אים צו־ריקגעשריבן אַז אַזאַ שריט קען איך דערווייל נישט מאַכן. דערוווסט זיך פון דער סכנה, וואָס עס גייט פאַר דער משפחה וועלכע האָט אַ יחוס פון זעקס און דרייסיק דורות רבנים, האָבן מיינע עלטערן אָנגעווענדט אַלע מיטלען אַז איך זאָל קיין גט נישט באַקומען. אינצווישן האָט מען זיך באַלד גענומען צום צווייטן צד, צום כהן. און אַז ער איז געווען נישט נאָכגיביק, האָט מען געמאַכט דעם אָנגריף אויף זיין מוטער. זיין פאָטער, דעם אַפיקורס, האָבן מיינע עלטערן, נאַטירלעך, אויסגעמיטן, ווייל ער האָט זיך אויסגע־לאַכט פון דער זאַבאַבאָנע באשר אַ כהן טאָר נישט... מיינע עלטערן האָבן געשריבן אַ בריוו צו דער מחותנתטע, אַז זי זאָל פועלן אויפן זון, ער זאָל זיך אויספּלאָנטערן פון דער מעשה־רע. און וועט זי נישט העלפן, וועט מען איר קיין סאַמאַרע אָפּשיקן די טאָכטער צוזאַמען מיט אירע דריי קינדער; איר מאַן, ס'הייסט מיין ברודער, וועט אָפּגטן ס'ווייבל. אין דער אַטמאָספער איז מאָיסעיען שווער געווען צו בלייבן אין דער היים און ער איז אַוועק פאַרנעמען אַ פּאָסטן פון אַ כימיקער אין דאָרף באָגאַטאָיע. אין פאַרצווייפלונג האָט ער נישט געוואָלט צוזען וואָס פון דעם אַלעם וועט זיך אויסשפּילן.

געזען, ער גרייט זיך צו פאָרן, איז די מוטער צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל איר צוזאָגן אַז אָן איר הסכמה וועט ער מיט מיר נישט חתונה האָבן. זי איז אַזוי לאַנג אים דערגאַנגען די יאָרן, ביז ער האָט איר גע־געבן דעם צוזאָג. דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן. פון דאָרף באָגאַטאָיע האָב איך כמעט יעדן טאָג באַקומען פון אים אַ בריוו. ער האָט דערציילט אין די בריוו ווי אַזוי עס לעבט זיך אין דער משפחה פונעם עלטערן

כימיקער, וועלכער דערציט זיינע ברידער און שוועסטער יתומים, וואָס זענען געבליבן ביי אים נאָך זיין פאָטערס טויט; צווישן זיי איז פאַראַן אַ מיידל שוין אין די יאָרן, האָט דער באַלעבאָס זיינער מסתמא באַלד געוואָרפן אַן אויג אויף איר: אַ שידוך פאַר זיין שוועסטער... אַזוי איז גע־ווען זיך משער צו זיין, ווייל ער האָט טאַקע גענומען זיך צו פאַראינטע־רעסירן מיט וועמען פרענקל פירט אַזאַ פערמאַנענטע קאָרעספּאָנדענץ. ווען ער האָט געענטפערט אַז מיט אַ חבר, האָט דער עלטערער כימיקער אָבער גלייך באַמערקט אַז דאָס איז אַ האַנטשריפט פון אַ פרוי. מאָדנע, אַזוי שרייבט אַ מאַנצביל? און אַז ער האָט געטענהט אַז אַ מאַן קען אויך האָבן אַזאַ כתב, האָט מען זיך גענומען חשדיק ווּיצלען. די מעשה איז אָבער אַז די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ האָט אָנגעהאַלטן נאָך אַ פיר־פינף חדשים און פּלוצלינג זיך איבערגעריסן. איך האָב געוואַרט אַ פּאָר טעג, דעפּעשירט: „וואָס איז געשען", וואָרן מיט אַ מענטש קען דאָך אַלץ טרעפן, אָבער קיין ענטפער איז נישט געקומען. פאַרשטייט זיך, מיינע עלטערן אין ביאַ־ליסטאָק האָבן שוין פריער געוווּסט פון דער שמחה. און אָט באַקום איך פון מיין פאָטער אַ בריוו אַז מאַיסעי איז מיט מזל געוואָרן אַ חתן מיט דער שוועסטער פון זיין באַלעבאָס. איצט, טאָכטער — גיט צו דער טאַטע — דאַרפסטו דאָך שוין נישט קיין גט, אמת? איך האָב אויף דעם געענטפערט קורץ און שאַרף: אַפילו ווען איר וועט מיר שיקן די בשורה אַז מאַיסעי האָט שוין חתונה געהאַט, פאָדער איך אַלץ דעם גט. און איצט דאַרפט איר דאָך שוין נישט מורא האָבן און הייסן שמעונען, ער זאָל מיך אָפּגטן. ייִדן וואָס קענען לערנען, קענען זיך אויך פּלפּולען, האָט מיין טאַטע טאַקע דערקלערט, אַז די מעשה מיט דער תנאים פון מאַיסעיען איז גאָר אַן אָנשטעל כדי אַרויסצוקריגן דעם גט און ערשט אויף אַן אמת צו קענען חתונה האָבן מיט מיר. וואָס־וואָס, פאַר מיר איז עס שוין נישט געווען קיין פּיקציע. איך האָב צונויפגעפּאַקט אַלע זיינע בריוו, וואָס כ'האָב באַקומען פאַר די דריי יאָר און צוזאַמען מיט זיינע שניצערייען אַריינגעוואָרפן אין פייער. מיט דעם האָב איך אויף אַש פאַרברענט אויך מיין ערשטע, עכטע ריינע ליבע, אַרויסגעריסן זי פון מיין האַרצן. עס האָט אין דער אמתן נישט לאַנג געדויערט און איך האָב זיך דערוווּסט, אַ מאַיסעי האָט מיט מזל שוין חתונה געהאַט אויך.

ווי לעבנסלוסטיק איך בין געווען דעמאָלט, נישט געקוקט אויף מיין שווערע איבערלעבונג, איז געגנוג אָט דער פאַקט: אַ דריי־פיר חדשים נאָך די תנאים פון מאָיסיעיען בין איך מיט מיין טעכטערל, מיין פאָטער און אַ יינגערער שוועסטער געפאָרן פון לאָמזשע קיין קוטנע צו דער חתונה פון מיין קוזין, וועלכער האָט אין איין צייט מיט מיר זיך געלערנט ביים זיידן אין הויז כדי צו באַקומען סמיכה אויף רבנות. געקומען קיין וואַרשע, ווו מיין פאָטער מיט דער שוועסטער האָבן אויף מיר געוואַרט, כדי ווייטער צו פאָרן קיין קוטנע, האָט מיר די שוועסטער אין וואַגאָן איבערגעגעבן וועגן מאָיסעיעס חתונה. איך האָב בלויז געזאָגט: „זאָל זיין מיט גליק". די גאַנצע נאַכט געפאָרן און צומאָרגנס, בעת דער חתונה, אַ גאַנצע נאַכט געטאַנצט אין קיינער פון די געסט האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז איך בין די מוטער פון דעם פיריאָריקן מיידעלע. איך האָב בעת־מעשה גע־קלערט אַז נאָך זיין חתונה וועט מיר אפשר לייכטער זיין אַרויסצובאַקומען דעם גט. די צרה איז אָבער, וואָס מיין פאָטער האָט אַלץ נאָך געגלייבט אַז עס איז אַ פּיקציע. עס האָט מיר נאָר צוגעשיינט די האָפענונג אין גיכן זיך אַרויסצורייסן פון דער פּראָווינץ און אָנקומען פאַר אַ לערערין אין וואַרשע. מיין פעטערס חבר טיקאָטשינסקי איז געשעפטלעך געבליבן אין וואַרשע, ווו ער האָט געוווינט ביי זיינעם אַ גוטן פריינט אליעזר קאַפּלאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ פאַרטרעטונג פון אַ גרויסער טאַבאַק־פאַבריק אין גראָדנע, און טאַקע פון דער באַרימטער שערעשעווסקיס פאַבריק. אליעזר קאַפּלאַן איז געווען אַ ציוניסט, האָט געהערט צו די „בני־משה" און איז געווען אַ מיטגליד פון דעם נאָרוואָס אָנטשטאַנענעם פאַרלאַג „אחיאסף". איך פלעג אָפט שרייבן צו טיקאָטשינסקין וועגן מיינע פערזענלעכע ענינים און געשריבן האָב איך דווקא אין העברעיש. טיקאָטשינסקי פלעגט לייענען מיינע בריוו קאַפּלאַנען כדי צו באַווייזן ווי אַ פרוי שרייבט העברעיש. קאַפּלאַן האָט זיך געוואונען נאָכפרעגן אויף מיר און האָט זיך באַלד געכאַפּט אַז ער ווייסט, ווער איך בין. זיין פרוי איז צופעליק געווען אַ ביאַליסטאָ־קערין און האָט געוווסט מיין יחוס. דערהערט אַז איך האָב אַ שול אין לאָמזשע, האָט קאַפּלאַן זיך דערפרייט און געבעטן טיקאָטשינסקין, ער זאָל מיך אָנפרעגן צי איך וואָלט נישט מסכים געווען צו ווערן אַ לערערין אין אַ חדר פאַר מיידלעך, וואָס די „בני־משה" האָבן געגרינדעט אין וואַר־

שע. פאַרן חדר האָט מען טאַקע געזוכט אַן עקזאַמענירטע לערערין וואָס זאָל קענען העברעיִש און אין גאַנץ רוסיש־פוילן אַזעלכע נישט געפונען. צום גרינדונגס־קאָמיטעט פון דעם־אָ חדר האָבן געהערט שפר־ראַבינאָוויטש, נחום סאָקאָלאָוו, א. ש. פרידבערג, מ. מ. פראָס (איש יהודי ספרא), זאב גלוסקין, אליעזר קאַפּלאַן, אַדוואָקאַט סטאָווסקי.

באַקומען אַ פאַרבעטונג צו קומען קיין וואַרשע אויף אַ באַראַטונג מכוח דעם, האָב איך אַ פּאָר טעג פאַר פסח — וויבאַלד איך האָב גע־שלאָסן מיין שול פאַר די פסח־פעריען — פאַרנומען זיך אין וועג אַריין און חול המועד האָט מען מיט מיר שוין געפירט שמועסן. אויף אַלעם זענען די קאָמיטעט־מיטגלידער איינגעגאַנגען: יאָ, איר זענט אַ גוטע לע־רערין אויף אַלע קעגנשטאַנדן, אויך אויף פרעמדע שפּראַכן, ווייל איר האָט זיך עקזאַמינירט, אָבער ווי זענען מיר זיכער אַז איר וועט קענען לערנען העברעיִש? די טענה איז געווען אַ גערעכטע און איך האָב זיי פאָרגעלייגט דורכצופירן מיט מיר אַ ריי פּראָבע־לעקציעס אויף העב־רעיִש. אַזוי איז עס טאַקע געווען. אין סאַמע חול־המועד האָט מען גערופן אַ גרופּע תלמידות פון איין קלאַס און ביים בייזיין פון שפר, פרידבערג, פראָס און נחום סאָקאָלאָוו האָב איך אָפּגעגעבן מיין העברעיִש־עקזאַמען. פאַרשטייט זיך, איך האָב נושא־חן געווען ווי אַ העברעיִשע לערערין, מ׳האָט מיר באַשטעטיקט אַ געהאַלט פון דרייסיק רובל אַ חודש פאַר זעקס שעה טעגלעך און ס׳איז געבליבן אַז באַלד נאָך פסח קום איך צו דער אַרבעט. איך האָב צוגעזאָגט צופאַרן ליקווידירן מיין שול און האָב געקלערט אַזוי צו טון.

גלאַט איז עס אָבער נישט געגאַנגען. ווי זאָגט מען עס? דאָס שלימזל איז מיר געלאָפן פאָרויס. דער שרייבער מ. מ. פראָס איז געווען אַ שול־חבר פון מיין מאַן. ער האָט געוווּסט פון מיין גאַנצער געשיכטע. ער האָט דערקלערט דעם שול־קאָמיטעט אַז מ׳קאָן זיך מיט מיר נישט פאַרבינדן, וואָרן ער ווייסט געווי, אַז מיין מאַן וועט אין גיכן מיך אַוועקנעמען צו זיך בגעוואַלד, שיער־נישט מיטן עטאַפּ. זיין טענה האָט געהאַט אַ פּעולה. מ׳האָט מיך ווידער גערופן צו אַ זיצונג ווו מ׳האָט מיר דערקלערט, אַז פון דעם גאַנצן עסק קען גאָרנישט אַרויסקומען, ביז וואַנען איך וועל נישט האָבן אַ גט פונעם מאַן. כ׳האָב איינגעזען אַז טענות וועלן נישט

העלפן און אַמביציעז בין איך געווען, האָב איך נאָר דערקלערט: דער ענין: מאַן, איז מיינער אַ פּערזענלעכער ענין און איז נישט קיינעמס דאגה, און כ׳בין צוריקגעפאָרן קיין לאָמזשע.

אַז דער פאַל האָט מיך שטאַרק צערודערט איז איבעריק צו זאָגן. פּאָר מיינע ווי פאַר זיינע עלטערן איז, ווייזט אויס, ווינציק וואָס מ׳האָלט מיך געשמידט, דערלאָזן נישט צו קיין גט — זיי לאָזן מיך אַפּילו נישט פריי באַוועגן, לאָזן נישט אַוועקשטעלן מיין לעבן אַזוי ווי איך וויל עס, מיט מיינע אייגענע כוחות. וויניק צו זאָגן אַז כ׳האָב עס מוראדיק איבערגעלעבט. און דער מוח האָט געאַרבעט. כ׳בין לסוף געפאַלן אויף אַ געוואַגטע המצאה: אַ חודש פאַר ראש־השנה האָב איך אָנגעשריבן דריי בריוו און דווקא אויף העברעיש. איין בריוו צו מיין זיידן צום מאריאָמ־פּאָלער רב (נאָך דער אָפּעראַציע האָט ער געלעבט נאָך דריי יאָר), צו מיין פאָטער אין ביאַליסטאָק און צום מאַן קיין אָדעס: — „אויב איר וועט מיך נישט באַפרייען און שיקן וואָס גיכער אַ גט, וועל איך זיך שמדן באַנאַנד מיטביידע קינדער״. די דאָזיקע בריוו האָבן געהאַט די געהעריקע ווירקונג.

ווי ווייט איך בין געווען וועדליק מיין גאַנצן מהות פון אַזאַ שריט האָבן נישט פאַרשטאַנען נישט מיינע עלטערן, נישט דעם מאַנס און נישט דער מאַן גופא. זיי האָבן נאָר געוווסט, איך בין נישט פרום; דערפאַר האָבן זיי אָנגענומען אַז אויף אַזאַ איז אַזוינס אויך צו גלייבן.

דער ערשטער האָט אויף מיין בריוו זיך אָפּגערופן מיין זיידע. ער האָט געשריבן צו מיין פאָטער אַז מ׳זאָל מיר געבן אַ גט. האַרטקייט איז געווען אין זיין שרייבן, ממש באַפעל. דערנאָך האָבן די מחותנים זיך צו־נויפגערעדט צווישן זיך און מיטן מאַן און מ׳האָט אַריינגעשיקט דעם גט צום לאָמזשער רב. אָבער מיט דעם איז מיין גאולה נאָך נישט גע־קומען. דער רב האָט אינעם גט אויסגעפונען אַ פסול און אים געוואָלט צוריקשיקן, איך האָב זיך אָבער נישט געלאָזן. צוגעהאָלפן אין דעם האָט מיר דער דעמאָלטיקער מורה־הוראה פון לאָמזשע, מיט וועמענס טעכטער איך האָב זיך געחברט. איך בין צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל מיר ווייזן דעם דין, וואָס זאָגט אַז דער גט איז פסול. דערצו האָב איך אים דער־קלערט, אַז אויב מ׳וועט פסלען דעם גט, שעכט מען מיך אָפּ. דער מאַן

איז זייער אַ פרומער. וועט דער גט צוריקקומען קיין אָדעס, וועט ער זען אין דעם אַן אצבע־אלוהים, ער וועט מער קיין גט מיר נישט געבן און מיין לעבן איז פאַרלוירן. היגטערן רבס וויסן האָט דער מורא־הוראה מיר פאַרזיכערט אַז דער גט איז נישט פּסול על־פּי־דין, איך האָב זיך האַרט קעגנגעשטעלט דעם רב, נישט געלאָזן צוריקשיקן דעם גט, און דעם קאַמף האָב איך געוווּנען. סוף־כל־סוף האָט דער רב מיר איבערגעגעבן דעם גט. כ׳האָב זיך דערפילט אַ באַפרייטע. באַלד אָוועקגעשריבן קיין וואַרשע צום שול־קאָמיטעט אַז די איינציקע שטערונג איז באַזייטיקט — איך האָב באַקומען אַ גט און כ׳קען גלייך נאָך סוכות קומען איבערנע־מען דעם פּאָסטן.

אַזוי איז עס טאַקע געשען, און אין סעפּטעמבער 1891 האָב איך אין וואַרשע איבערגענומען די אָנפירונג פונעם חדר פאַר מיידלעך.

# קאַפּיטל פינף

איך בין אַלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר, ווען איך בין אין 1891 אָנגעקומען קיין וואַרשע אַרבעטן ווי אַ לערערין פון העברעיש און רוסיש אין דעם חדר פאַר מיידלעך, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביים סניף פון „בני משה" אין פוילן. מיין אַכטיאָריקן זון האָב איך געלאָזן ביי מיינע עלטערן אין ביאַליסטאָק. מיין פאָטער האָט אים געוואָלט דערצי:ען פאַר אַ רב, ווייל ער האָט געהאַט אַ גוט קעפל און צו זיבן יאָר שוין געלערנט גאַנצע זיבן בלאַט גמרא אַ וואָך. מיין זעקסיאָריק מיידעלע האָב איך גע־נומען מיט זיך. נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך האָב זייער ליב באַקו־מען מיין לערער־פאַך, — די אַרבעט האָט מיר געגעבן אַ גייסטיקע באַ־פרידיקונג — בין איך נאָך מער געווען צופרידן פון מיין עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט. איך האָב געשפּירט אַז כ׳בין אַ לערערין פון גאָטס גע־נאָד און שוין דעמאָלט איז מיר געקומען אויפן זינען דער געדאַנק אַז אַ לערער פונקט ווי אַ קינסטלער אָדער אַ שריפטשטעלער מוז געבוירן ווערן, פונדעסטוועגן האָב איך געהאַט ס׳געפיל אַז איך דאַרף נאָך מער לערנען, נישט באַנוגענען זיך בלויז מיטן לערער־דיפּלאָם. איך האָב גע־

האַלטן אַז כ׳דאַרף פאָרן קיין אויסלאַנד אויף פּעדאַגאָגישע קורסן. איך האָב געוווּסט אַז מיט העברעיִש קען מען אין דער שווייץ, למשל, פאַרדינען גענוג אויף אַ באַשיידענעם לעבן און גלייכצייטיק קענען זיך לערנען. אין אויסבליק אויף דעם האָב איך ס׳ערשטע יאָר אין וואַרשע זיך איינגעאָרדנט ווי אויף דערוויל; כ׳האָב גענומען אַ צימער מיט מיטאָגן פאַר זיך מיט מיין טעכטערל. דאָס איז געווען אין פּענסיאָן וואָס עס האָט געהאַלטן אויף קאַרמעליצקע 27 אַ געוועזענע אייגנטימערן פון אַ פּוילישער שול, אַ שטאַרק פאַרפּוילישטע יידישע פרוי, אַן אלמנה מיט צוויי זין. זי האָט פאַרלוירן די רעכט צו האַלטן אַ שול מחמת דעם וואָס דער רוסישער שול־אינספּעקטאָר האָט זי געכאַפּט לערנען פּויליש אין איינער פון אירע קלאַסן. איך האָב געלעבט מיט חשבון, ווייל כ׳האָב געוואָלט במשך פון אַ יאָר אָפּשפּאָרן פון מיין געהאַלט אַ סומע וואָס זאָל קלעקן אויף צו קענען פאָרן זיך לערנען. איין זאַך האָט מיך אָבער שטאַרק באַאומרויקט: זאָל איך מיטנעמען מיט זיךביידע קינדער מיינע, אָדער דאָס יִינגל לאָזן זיך דערציִען ביי מיין פאָטער. כ׳האָב זיך געשראָקן אַז אַזאַ דערציִונג וועט אָפּרייסן פון מיר מיין לייבלעך קינד; וואָרן צווישן מיר און מיין פאָטער איז אַ גרויסער גייסטיקער מרחק און אָט־דער מרחק איז עלול צו עפענען אַ תהום צווישן מיר און מיין זון. איך האָב געפירט מיט זיך אַ העפטיקן געראַנגל: גענוג איך האָב ביי מיין קינד צוגענומען דעם פאָטער, זאָל ביי אים גערויבט ווערן אויך די מוטער? דער געדאַנק פּלעגט מיך אָפּט פּייניקן — ווער ווייסט, צי מיינע קינדער וועלן מיט יאָרן שפּעטער מיך נישט פאַראורטיילן פאַר מיין גורלדיקן שריט, וואָס כ׳בין אַוועק פון זייער טאַטן! דער אינערלעכער קאַמף האָט אָנגעהאַלטן כמעט אַ גאַנץ יאָר און געזיגט האָט דאָס געפיל פון מוטערלעכער ליבע. איך האָב זיך געזאָגט, אַז כדי צו דערגאַנצן מיינע קענטעניִשן, קען איך דאָך, אייגנטלעך, אויך אין וואַרשע אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט, ווו די לערנשפּראַך איז געווען רוסיש. אַזוי האָב איך באַשלאָסן און אָנגעשריבן מיינע עלטערן זיי זאָלן מיר ברענגען מיין זון. נישט לאַנג געוואַרט און געדונגען זיך אַ קליינע דירה אין אַן אָרעמלעכער געגנט און איינגעאָרדנט זיך לפּי מיינע פאַרדינסטן. נישט געקענט זיך פאַרנעמען מיט דער באַלעבאַטישקייט האָט מיין מוטער ז״ל אויף מיין בקשה מיר

געשיקט איר דינסט, אַן אַלמנה מיט אַ יינגל. פריער האָט זי געדינט ביי מיין טאַטע־מאַמע, איצט וועט זי דינען ביי מיר. איך האָב מסכים געווען זי זאָל זיין ביי מיר צוזאַמען מיט איר יינגל. אַלץ איבערגעגעבן אין אירע הענט און איך האָב געקענט פירן מיין אַרבעט פונקט ווי פריער. מיין מאַמע איז געווען צופרידן מיט דעם, מחמת זי איז געווען זיכער אַז ראַשל — אַזוי האָט זי געהייסן — וועט אויך ביי מיר פירן אַ כשרע יידישע קיך. נאַטירלעך האָב איך איר אין דעם נישט געשטערט.

און פירנדיק מיין זעלבשטענדיק לעבן האָב איך באַגלייך מיט דער דערציִערישער אַרבעט נישט פאַרגעסן אַן מיין אינערלעכן חוב צו קעמפן פאַר דער באַפרייונג פון דער פרוי, בפרט די יידישע פרוי, וועלכע איז תמיד געווען די פאַרשקלאַפסטע פון אַלע קנעכט; אומגעבעטענע אפּו־טרופּסים האָבן זיך אָנגעוואָרפן אויף איר און כלומרשט געוואָלט ראַטע־ווען איר נשמה. אין דער עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט פון דער פרוי האָב איך געזען דעם הויפּט־פאַקטאָר, וואָס פירט צו איר פּערזענלעכער און געזעלשאַפטלעכער באַפרייונג. דערפאַר האָב איך זיך געשטעלט פאַר אַ ציל מיט אַלע מיינע כוחות מיטצווירקן צו דער באַפרייונג פון דער פרוי, פאַרשפּרייטן דעם דאָזיקן געדאַנק צווישן די ברייטסטע שיכטן פון יידישע פרויען און פרויען־יוגנט. אונדזער היינטיקע יוגנט, וואָס האָט געוואָרפן די לאָזונג פון „דת ועבודה" קען זיך אַפילו נישט פאָרשטעלן, מיט וואָסערע אויגן מיר, יידן, האָבן מיט העכער פופציק יאָר צוריק גע־קוקט אויף אַרבעט און מלאכה. דער גרעסטער פסול אין אַ משפחה איז געווען אַ בעל־מלאכה; מיט דער גרעסטער גאווה פלעגט מען זיך באַ־רימען אין מיוחסדיקע משפחות אַז ביי זיי איז נישטאָ אַזאַ פלעק ווי אַ בעל־מלאכה. היינט ווער רעדט וועגן לערנען אַרבעטן אַ מיידל? אַזוינס האָט מען נישט געטאָרט אַרויסברענגען פאַרן מויל. כאַראַקטעריסטיש קלינגען די ווערטער פונעם פאָלקסליד, וואָס מ'האָט געזונגען אין יענע צייטן?

ווער וועט אויפנייען די בייקע?
שרהקע די מאָדיסטקע, די הולטייקע!..

יידישע טעכטער האָבן געדאַרפט זיצן און וואַרטן אויף זייערע באַ־

שערטע, אויפן זיווג, וועלכער איז פאַר יעדער איינער פון זיי באַשטימט געוואָרן מן השמים פּערציק טעג פאַר זייער געבוירן ווערן. גיין לערנען זיך אַ פאַך? באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן!

אויסצוואָרצלען די דאָזיקע פאַרקריפּלטע באַגריפן, די פּסיכאָלאָגיע פון דורות אָפּרייניקן פון שימל, איז געווען נישט פון די לייכטע אויפגאַבעס. אַזאַ אויפקלערונג־אַרבעט האָט געדויערט צענדליקער יאָרן. אפילו אין אונדזער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער היים, ווּהין מיר זענען געקומען זיך איבערדערציִען פּסיכיש און עקאָנאָמיש זיך איבערבויען, אפילו אין ארץ־ישראל האָבן מיר פאַרשלעפּט אונדזערע גלות־באַגריפן.

ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט קלינגען, נעם איך זיך די דרייסטקייט צו זאָגן אַז איך בין געווען איינע פון די פּיאָנערינס פון דער באַוועגונג אין פּוילן צו פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן. די אינטואיציע האָט מיך געטריבן אָנצוהייבן די דאָזיקע אַרבעט צווישן איינצלנע יידישע מענטשן.

**
*

גרויס איז געווען אונדזער משפחה אָן עין־הרע, זייער פאַרצווייגט איז זי געווען. קרובים האָבן מיר געהאַט כמעט אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון אַמאָליקן רוסיש־פּוילן; ביי די נענטערע משפחה־מיטגלידער האָט מיין ביישפּיל גיך געפונען אַ געוויסן אָפּקלאַנג. וויבאַלד איך האָב זיך באַזעצט אין וואַרשע, האָב איך אָנגעהויבן באַקומען בריוו פון קוזינעס און ווייטערע קרובות אַז זיי ווילן קומען קיין וואַרשע זיך לערנען אַ וועלכע־עס־איז אַרבעט. ביי מיר האָבן זיי געבעטן מיין מיטהילף ביים איינאָרדענען זיך. די דאָזיקע בקשות פלעג איך זייער גערן נאָכקומען. מיין קליין דירהלע אויף פּאָקאָרנע־גאַס נומער 6 איז באַלד געוואָרן אַ מין זאַמלפּונקט פאַר די אַלע קאַנדידאַטקעס. די צייט איז גראַד געווען אַ גינסטיקע, מחמת פאַרשידענע אינדוסטריעס אין וואַרשע האָבן דעמאָלט געאַרבעט אין אַ שטאַרקן טעמפּ; רוסלאַנד איז געווען אַן אומגעהייער גרויסער אָפּזאַץ־מאַרק. זי האָט ממש פאַרשלונגען אַלע סחורות. אין בראַנזשעס וואָס האָבן אויסגעאַרבעט פּרוויען־אַרטיקלען האָבן אויסגעפעלט הענט צו דער אַרבעט. זייער גוט איז געשטאַנען דאָס פאַך פון קראַוואַטן, היטן־פּוצעריי, די בראַנזשע פון שטרוי־

היט אא״וו. ס׳האָבן פּאַרפּעלט שעהן אין מעת־לעת: מ׳האָט געאַרבעט דריי־פיר שיכטן — בייטאָג און ביינאַכט און מ׳האָט נאָך גענומען אַרבעט אַהיים.

קיין באַקאַנטשאַפט צווישן סוחרים האָט מיר נישט געפעלט, מחמת די איינציקע וואַרשעווער שול ווו מיידלעך האָבן געלערנט לשון־קודש איז געווען שטאַרק פּאָפּולער. דערפאַר איז מיר נישט שווער אָנגעקומען איינצו־אָרדענען אַלע מיידלעך, וועלכע האָבן געדאַרפט מיין הילף. אגב, ביי מיר אין שטוב איז אויך געווען אַ קליינער וואַרשטאַט: צוויי מיינע קוזינעס האָבן גענומען אַרבעטן קראַוואַטן, אַ דריטע האָט געלערנט היטן־פּוצעריי. פון אַכט אַזייגער אינדערפרי, בין איך מיט מיינע צוויי קינדער געווען אין שול, איז דערפאַר מיין פרייער צימער אָן שטערונגען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַרשטאַט. די קוזינעס זענען געווען יונגע מיידלעך פון פלאָצק, יתומות נאָך מיין פאָטערס אַ שוועסטער; די דריטע איז געווען אַ יונגע פרוי, וואָס האָט אומגליקלעך חתונה־געהאַט און דער מאַן האָט איר נישט געוואָלט געבן קיין גט. אַלע האָבן מיר געלעבט צוזאַמען. אויף ביינאַכט פלעגט מען אויפשטעלן בעטלעך. דער עיקר: אַלע זענען געווען מונטער, לעבנסלוסטיק און פול ענערגיע. מיינעביידע קינדער האָבן געלערנט ביי מיר אין שול; פאַר מיין זון האָב איך אויסגעפונען אַ מלמד, וועלכער האָט געלערנט מיט אים גמרא און איך — מיט מיין זון צוזאַמען.

ווי אינטערעסאַנט און אינהאַלטפול, בפרט אַז פאַר דעם־אַ לעבן האָט מען געדאַרפט פירן אַ שטאַרקן קאַמף!

***

צוגלייך מיט מיין אַרבעט אין חדר פאַר מיידלעך, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „יהודיה״, האָט איך באַלד דערפילט אַ שטאַרקע נייגונג צו דער אַרבעט פאַר דער חיבת־ציון־באַוועגונג. די הכשרה האָב איך געהאַט באַקומען אין ביאַליסטאָק, ווו די אידעע האָט פאַרכאַפּט גרויסע קרייזן און אַרויסגעגעבן אַזעלכע פירער ווי ר׳ שמואל מאָהילעווער און א. ש. הערש־בערג.

ווען און ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ ציוניסטקע איז מיר שווער צו זאָגן. אָפט מאָל פלעגט זיך מיר דאַכטן אַז איך בין עס געווען פון מיין

פּריזסטער קינדהייט. איך מיין אַז דעם באָדן פּאַר דעם איז געווען מיין דערציִונג, דאָס חדר, דער תנ״ך און שפּעטער, אפשר, אויך די פּאָגראָמען אויף יידן. איין פאַקט פון מיין קינדהייט איז מיר געבליבן טיף אין זכרון: מיין באָבע, דער מאַמעס מוטער האָט געהאַט אַ גרויסע וואַסער־מיל נישט ווייט פון ביאַליסטאָק, ביים שטעטל סופּראַסלע. די געגנט איז געווען אַ מאָלערישע; אַ גרויסער אַלטער וואַלד פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט זענען געווען אויסגעשפּרייט גרינע לאָנקעס, פּרעכטיקע תבואה־פּעל־דער און הינטער זיי האָבן זיך אַרויסגעהויבן בערגלעך, לענגאויס דעם שטעטל איז געפלאָסן דער טייך סופּראסל. זומערצייט פלעגן מיר קינדער פאָרן קיין סופּראַסל אויף „דאַטשע״. אין איינעם אַ זומערדיקן שבת־נאָכ־מיטיק, — מיר איז דעמאָלט געווען אַכט יאָר, — ווען דער עולם דערוואַק־סענע איז געשלאָפן בין איך אַריבער די בריק און זיך אַוועקגעלאָזן צו די בערגלעך, ווו איך האָב געגלייבט הינטער זיי צו געפינען ארץ־ישראל. ווען די שטוב־מענטשן האָבן זיך געכאַפּט אַז איך בין נישטאָ, זענען זיי אַוועק מיך זוכן און נאָך לאַנגע מי מיך געפונען. אַז מ׳האָט מיך געפרעגט וווהין איך בין אַוועק אַזוי ווייט, האָב איך תמימותדיק געענטפערט, אַז איך בין געגאַנגען קיין ארץ־ישראל.

אַזוי איז ארץ־ישראל מיר שפּעטער נאָכגעגאַנגען אין חלום ווי אויף דער וואָר.

אין 1891, ווען איך בין געקומען קיין וואַרשע, האָב איך געהערט אַז אַ פריילין לאה לעווין־עפּשטיין האָט זיך נישט לאַנג צוריקגעקערט פון ארץ־ישראל ווו זי האָט פאַרבראַכט אַ גאַנץ יאָר ביי איר ברודער, דעם גרינדער און אַדמיניסטראַטאָר פון רחובות. ביים מיטגליד פון שול־קאָמיטעט פון „יהודיה״, דעם אָנגעזעענעם ציוניסטישן עסקן זאב גלוסקין האָב איך באַלד געבעטן דעם אַדרעס פון לאה לעווין־עפּשטיין. כ׳בין אַוועק צו איר אין שטוב און פּראָסט־פּשוט איר געזאָגט:

— איך האָב געהערט אַז איר זענט געווען אין ארץ־ישראל, בין איך געקומען אייך אָנקוקן און כ׳וויל ווערן אייך נאָענט.

דאָס איז געווען פאַר מיר ארץ־ישראל ווען איך בין אַלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר. פון יענעם מאָמענט אָן זענען מיר מיט לאה פרושאַנ־סקי — פריִער לעווין־עפּשטיין — געוואָרן חברות און אונדזער פריינט־

שאַפט דויערט שוין גאַנצע פופציק יאָר. נישט בלויז פּערזענלעכע סימ־פּאַטיעס האָבן אונדז דערנענטערט — שטאַרק האָט אונדז צונויפגעבינדן דער בשותפותדיקער אידעאַל, די געמיינזאַמע אַרבעט אויף פאַרשיידענע געביטן פון אונדזער באַפרייונגס־באַוועגונג.

גלייך נאָך אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט לאה שטאַרק זיך פאַראינטערעסירט מיטן חדר „יהודיה" און מיט זיין פינאַנציעלן מצב. אגב וועט זיין טשיקאַווע זיך אָפּצושטעלן אויף די פינאַנציעלע יסודות פון ערשטן עברעאישן חדר פאַר מיידלעך אויף העברעיִש, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע מיט אַריבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. דעם בודזשעט פון „יהודיה" האָט געדאַרפט דעקן: א) דער שכר־לימוד; ב) דער שול־קאָמיטעט, וואָס האָט איינגעמאָנט מיטגליד־אָפּצאָל. דער ראש פון דער בודזשעט־קאָמיסיע איז געווען זאב גלוסקין. דער שכר־לימוד איז געווען צוויי רובל אַ חודש פאַר קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן, געוויסע הנחות זענען געגעבן געוואָרן פאַר ווינציק באַמיטלטע און אַ צאָל אָרעמע קינדער איז אין גאַנצן באַפרייט געוואָרן פון שכר־לימוד. פאַרשטענדלעך, אַז יעדן חודש האָט מען געדאַרפט דעקן אַ היפּשן דעפיציט.

אין יענע צייטן פלעגט מען אין ייִדישע שולן פונקט ווי אין חדרים אָננעמען תלמידים נישט אויף אַ שול־יאָר, נאָר אויף אַ זמן, ס'הייסט אויף אַ האַלב יאָר: פון פסח ביז סוכות און פון סוכות ביז פסח. פעריען האָבן כלל נישט עקזיסטירט. ייִדישע קינדער דאַרפן נישט רוען; ייִדישע קינדער דאַרפן לערנען טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער, אָן איבער־רייס. וואַקאַציעס, דאַטשעס — דאָס איז פאַר אַנדערע, פאַר די גויִים. די שול־מאַכט גופא האָט יאָרנלאַנג נישט דערלויבט קיין וואַקאַציעס אין די חדרים און שולן. און קוים עקזיסטירט נישט קיין שול־יאָר, איז נישטאָ קיין יערלעכער שכר־לימוד. הערט אויף אַ קינד גיין אין שול, צי עס ווערט חלילה קראַנק, דאַרף מען נישט צאָלן קיין שכר־לימוד. אַזוי איז געווען אויך אין „יהודיה". אַפילו פאַר די רייכערע קינדער האָט מען נישט געצאָלט פּינקטלעך. מ'האָט זיך נישט גערעכנט מיטן שווערן פינאַנציעלן מצב פון דער דערציִונגס־אינסטיטוציע. אויך ציוניסטיש־געשטימטע פאָטערס האָבן נישט אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון עברית פאַר זייערע טעכ־טער. די פרומערע ייִדן האָבן זיך שטאַרק געהאַלטן ביים כלל אַז „כל

המלמד את בתו תורה, כאלו מלמדה תפלות״, ווידער די כלומרשט פאַר־געשריטענע האָבן מער גערן געלערנט זייערע טעכטער אַנדערע שפּראַכן, אַבי נישט העברעיִש. לשון־קודש, האָבן געטענהט יידישע פאָטערס, דאָס איז פאַר יינגלעך. „יהודיה״, ווי אַ העברעיִשע שול פאַר מיידלעך, האָט דעריבער געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן געראַנגל. זאב גלוסקין האָט געאַרבעט ווי אַ געשעפטספירער ביי דער באַקאַנטער פירמע טראָקנהיים אויף די נאַלעווקעס. ווי די פאַרוואַלטערין פון דער שול האָב איך יעדן חודש געדאַרפט באַקומען פון אים דעם בודזשעט פאַרן לערער־פּערסאָנאַל, דירה וכדומה. יעדעס מאָל פלעג איך וואַרטן לאַנגע שעהן ביז זאב גלוס־קין האָט מיר געגעבן די נייטיקע סומע. עס איז געווען שווער. שטאַרק צוגעהאָלפן דעקן דעם בודזשעט האָט מיין חברטע לאה פּרושאַנסקי. זי האָט געשאַפן אַ פּרויען־קאָמיטעט וואָס האָט זיך געזאָרגט פאַר אויסברייטערן די מיטגלידערשאַפט וואָס זאָל צאָלן חודשלעכעביישטייערונגען. די פרויען פון דעם קאָמיטעט האָבן אַליין איינגעמאָנט דעם מיטגליד־אָפּצאָל. די אַרבעט פון די פרויען איז אַוועק זייער גוט, דערפאַר האָב איך געקענט אַרויסקומען מיט אַן איניציאַטיוו צו שאַפן אָוונט־קורסן פאַר אָרעמע קינ־דער. די קורסן זענען געעפנט געוואָרן. פיר שעה טעגלעך האָט מען גע־לערנט אויף די קורסן בלויז עברית פאַר אַן אָפּצאָל פון 50 קאָפּיקעס אַ חודש.

אַ גרויסע אַרבעט איז אַוועק, אָבער איך בין נישט אין גאַנצן געווען צופרידן מיטן חדר ווי מיט די אָוונט־קורסן. די תלמידות האָבן זיך אָפּט געביטן. געלערנט זיך אַ יאָר אָדער צוויי און זיי זענען אַוועק אין גרעסערע שולן. און העברעיִש איז נישט אַלעמען אָנגעשטאַנען, אַפילו נישט די ציוניסטיש־געשטימטע עלטערן, וועלכע קוקן סוף כל סוף מער פּראַקטיש אויף די לימודים פון זייערע קינדער.

עס איז געווען אַזאַ לאַגע אַז איך האָב גענומען טראַכטן פאַרוואַנדלען מיין חדר אין אַ צוויי־קלאַסיקער אָנפאַנג־שול. אָן באַזונדערע שוועריקייטן האָב איך אַזאַ דערלויבעניש באַקומען פון דער שול־אינספּעקציע. און דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל אַלס לערן־שפּראַך פון דער שול האָב איך אָנגע־געבן — רוסיש.

די ענדערונג האָט געהאַט אַ פּעולה.

אַ דאַנק דעם פּאַרגרעסערטן לערן־פּראָגראַם — דער קורס איז געוואָרן אַ דריי יאָריקער — איז געווען מעגלעך צו דערגרייכן אַ סך גרעסערע דערפאָלגן אויך אין די העברעיִשע לימודים. עס האָט זיך פאַרבעסערט אויך דער פינאַנציעלער מצב פון דער שול.

פאַר מיר איז דאָס אַלץ נאָך נישט געווען גענוג. העברעיִש איז אַ שווערע שפּראַך, האָב איך מיר געזאָגט — תורה היא נצריכה לימוד. מען באַניצט זי נישט אין שטוב, נישט אין גאַס. צי מוזן נישט אונדזערע טאַטעס און ברידער יאָרנלאַנג לערנען אין חדרים און ישיבות כדי די שפּראַך צו באַהערשן ווי ס׳געהער צו זיין? און וואָס פאַר אַ ווערט האָט פאַר אַזאַ גרויסער יידישער וואַרשע איין העברעיִשע שול פאַר מיידלעך? מ׳דאַרף שאַפן אַ גאַנצע נעץ פון העברעיִשע שולן אַז העברעיִש זאָל אַריינדרינגען אין אַ סך הערצער.

מיין כסדרדיק טראַכטן וועגן דעם האָט מיך לסוף דערפירט צו מעשים.

אין איינעם אַ טאָג בין איך געקומען צו מיין שול־קאָמיטעט מיט אַ פאָרשלאַג: איר פירט די מיידל־שול „יהודיה", וועלכע איז שוין גענוג פּאָפּולער און איך גיב אַפּ אַ בקשה צו דער שול־מאַכט וועגן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ זיבן־קלאַסיקע מיידל־שול מיט רוסיש ווי די לערן־שפּראַך און העברעיִש ווי אַ קעגנשטאַנד, אָבער אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב ווי דריי מאָל אין וואָך אין יעדער קלאַס. איך וויל עפענען אַ שול אויף אייגענער אחריות. מיין פאָרשלאַג האָט ביי די שול־טוערס אַרויסגערופן חלוקי־דעות. טייל האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן שריט, שיִער נישט פאַר בגידה. אַנדערע אָבער, דערין אַדוואָקאַט באַריס סטאַווסקי, האָבן פאַרטיידיקט מיין פאָרשלאַג. הלוואי זאָלן מיר האָבן נאָך אַ סך אַזעלכע רעוואָלוציעס — האָט זיך אויסגעדריקט סטאַווסקי — אַז פּריוואַטע לערערינס זאָלן וועלן עפענען יידישע שולן מיט אַ ברייטן פּראָגראַם פאַר העברעיִש. זיין צד האָט געזיגט און אין אַ צייט אַרום האָב איך דורכגעפירט מיין פּראָיעקט.

איך בין געבליבן אָנפירערין פון „יהודיה" ביז איך האָב באַקומען די דערלויבעניש אויף אַ זיבן־קלאַסיקע שול, וועלכע איך האָב געעפנט אין סאַמע יידישן צענטער; „יהודיה" איז איבערגעפירט געוואָרן אין אַ

רייכערן שטאָט־טייל, ווו זי איז שפּעטער געוואָרן אַ גימנאַזיע מיט העברעיש ווי אַ לערן־שפּראַך.

מיר איז אַוועק נישט שלעכט, הגם מאַטעריעל איז מיין לעבן נישט געווען קיין לייכטס, ווי בכלל דאָס לעבן פון יידישע לערערס. כאָטש די צאָל קינדער אין שול איז געווען גרויס — און געלערנט האָבן אין „דער ער־שטער העברעישער שול פון פועה ראַקאָווסקי" על פי רוב מיידלעך פון מיטלשטאַנד — האָב איך געדאַרפט בייקומען אַ סך שוועריקייטן. געדולדיק און האַרטנעקיק איז געווען דער אידעישער קאַמף פאַר דער אויפלעבונג פון אונדזער אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך, און אויב לערנען מיט יידישע קינדער העברעיש, וויזשע איז מעגלעך דעם לימוד נישט צונויפצובינדן מיט אונדזער עבר און מיט ארץ־ישראל? און האָב איך מיט מיינע תלמי־דות געלערנט אַ שיר וועגן ארץ־ישראל, האָבן די מיידלעך שוין געוווסט צו זאָגן איינע דער אַנדערער: „גאָספּאָשאַ סעיטשאַס ראַספּלאַטשעטסיאַ" (די לערערין וועט זיך באַלד צעוויינען). יאָ, איך מוז מודה זיין אַז אָן טרערן אין די אויגן האָב איך נישט געקענט רעדן וועגן ארץ־ישראל.

אַלע מיינע כוחות האָב איך אָפּגעגעבן פאַר דער שול. איך האָב גע־האַלטן די בעסטע לערערס און צוזאַמען מיט זיי געאַרבעט די גאַנצע זעקס שעה אַ טאָג. נישט געקוקט אויף די מאַטעריעלע ראַנגלענישן איז די מי געווען מיר ליב.

***

אין הויז פון מיינע עלטערן האָב איך מיט מיין זעלבשטענדיקייט אַריינגעפירט אַ גאַנצע איבערקערעניש: מיינע שוועסטער און ברידער האָבן זיך פאַרקוקט אויף מיר און אויך זיי זענען געוואָרן פּורצי־גדר.

זיבן שוועסטער זענען מיר געווען און פיר ברידער. פעיקע זענען געווען אַלע און לערנען זיך האָט מיין פאָטער נישט געשטערט. ער גופא פלעגט אויך זיך לערנען שפּראַכן, בוכהאַלטעריע, נאַטור־וויסנשאַפט, און ער פלעגט לייענען אַלע ביכער וועלכע די קינדער האָבן געלייענט. אַליך האָט מען געמעגט, נאָר אין גימנאַזיע האָט מען נישט געטאָרט גיין מחמת דעם שרייבן אום שבת.

די צייט האָט אָבער געטון ס'איריקע. עס האָט נישט לאַנג געדויערט

און צוויי פון מיינע שוועסטער זענען געקומען קיין וואַרשע לערנען אויף דענטיסטן־קורסן, וועלכע ד״ר שומאַנסקי פון אָדעס האָט אַריבערגעפירט קיין וואַרשע. אויף אַנצוקומען אויף די דאָזיקע קורסן האָט מען נישט געדאַרפט קיין אַטעסטאַט פון אַ מיטל־שול; עס איז געווען גענוג נאָר צו קענען לייענען און שרייבן רוסיש. אַ גרויסע מאַסע יוגנטלעכע פון יידישן מיטלשטאַנד, בעיקר מיידלעך, האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף די דאָזיקע קורסן. דריי יאָר האָט געדויערט דער דענטיסטישער קורס. נאָכן ענדיקן אים האָט מען געמוזט נאָך דורכמאַכן אַ ספּעציעלן פאַך־עקזאַמען אין איינער פון די רוסישע שטעט. על פּי רוב איז מען געפאָרן זיך עקזאַמינירן קיין אָדעס אָדער קיִעוו. אַ דיפּלאָם פון אָט די קורסן האָט נאָכדעם אויך געגעבן וווינרעכט מחוץ דעם תחום־המושב פאַר יידן („פּראַוואָזשיטעל־סטוואָ”). די פרעקווענץ אויף די קורסן איז דעריבער געווען אַזוי גרויס אַז אַ געוויסער ד״ר טראַפּ האָט אין גיכן אויך געעפנט אַזאַ דענטיסטן־שול און אויך זי איז באַלד געווען איבערפולט.

בעת מיינע שוועסטער זענען געקומען צו מיר, האָב איך שוין גע־וווינט אין אַ דירה פון צוויי צימערן. עס איז געווען נעבן דער שול. אין זייערע פרייע שעהן פלעגן זיי ביידע מיר צוהעלפן אין מיין אַרבעט. דער טאַטע האָט זיי געשיקט געלט נאָר אויף שכר־לימוד פאַר די דענטיסטן־קורסן. דאָס איבעריקע האָבן זיי זיך אַליין פאַרדינט.

מיין שול האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט און איינצייטיק מיט דעם איז געוואָקסן מיין פּרסום אַזוי, אַז מיין שטוב איז גיך געוואָרן אַ מין בית־ועד לחכמים. עס איז גראָד געווען דער אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן, בעת דעם „באַרימטן” גירוש־מאָסקווע, ווען מאַסן רוסישע יידן האָבן אויפן סמך פון אַ צאַרישן דעקרעט פאַרלוירן זייער וווינרעכט מחוץ דעם תחום־המושב. אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ קורצער צייט האָבן זיך אַ לאָז געטון אין די גרעסערע פּוילישע שטעט, באַזונדערס קיין וואַרשע, אַ גרויסע מחנה פון די אַרויסגעטריבענע יידן. צווישן זיי זענען געווען באַוווסטע סוחרים, פאַבריקאַנטן און מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס. מיט דעם שטראָם זענען אויך געקומען שריפטשטעלער, רעדאַקטאָרן פון יידישע און יידיש־רוסישע צייטונגען און זייערע מיטאַרבעטער; דאָסגלייכן יידישע כלל־טוערס, עסקנים פון חבת־ציון און פּיאָנערן פון דער ציוניסטישן געדאַנק. זיי, די

רוסישע יידן, די ליטוואַקעס, האָבן עס געבראַכט קיין פּוילן דעם ציוניזם. אַפילו אונדזער גרויסער פירער, נחום סאָקאָלאָוו ז״ל האָט זיך אָנגע־שלאָסן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג מיט יאָרן שפּעטער.

שטאַרק אָנזעעוודיק איז געווען די מחנה יידישע יוגנטלייט, משכילים, ס׳רוב געוועזענע ישיבה־בחורים און שפּעטערדיקע סטודענטן־עקסטערנס. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך מיט מסירת־נפש באַטייליקט אין דער צוגרייטונגס־אַרבעט פאַר די שפּעטערדיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין רוסלאַנד. נאָכן גירוש־מאָסקווע האָט זיי געטראָפן אַ שווערע אַנטוישונג און אַ גרויסע צאָל פון זיי האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. טאַקע פון דער דאָזיקער אידעאַליסטי־שער יוגנט זענען דערנאָך אויפגעקומען די איבערגעגעבנסטע ציוניסטישע טוערס. עס איז נאָך געווען די תקופה פון חבת־ציון, אָבער דער פּאָליטי־שער ציוניזם האָט שוין געשוועבט אין דער לופט. דער ציוניזם ווי אַ באַ־וועגונג איז געווען אומלעגאַל. פאַר דער קלענסטער ציוניסטישער אַגיטאַ־ציע האָט געדראָט די האַרבסטע שטראָף. פונדעסטוועגן האָט מען געטון פאַרן ציוניזם. היות מ׳האָט דערלויבט בלויז יידישע קולטור־אַרבעט, זע־נען געגרינדעט געוואָרן אגודות פון חובבי שפת־עבר, חדרים־מתוקנים און אָוונט־קורסן פאַר יוגנטלעכע, בעיקר פאַר בחורים פון חסידישע קרייזן. די קורסן פלעגן פאָרקומען אין די עקזיסטירנדיקע יידישע שולן. קיין שום אָפּצאָל האָט מען נישט גענומען פון די תלמידים, וואָרן אַנדערש וואָלט מען זיי נישט געקענט פאַרלאָקן צום לערנען. מיין שול איז אין די אָוונט־שעהן געווען דער מרכז פון דער דאָזיקער קולטור־ און אויפקלע־רונגס־אַרבעט, די לערערס און מדריכים זענען געווען מיינע בני־בית און חברים. און ווי האַרציק עס איז געווען די חברשאַפט אין יענע יאָרן, ביי יענעם אידעאַליזם! מ׳האָט זיך געטיילט מיטן ביסן ברויט, מ׳האָט אַוועק־געגעבן דאָס קישן פון צוקאָפּנס. עס איז געווען אַ „גיין אין פאָלק״ פון אונדזער אינטעליגענטער יוגנט.

אַז כ׳דערמאָן זיך יענע עפּאָכע, קומט מיר אויפן זינען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט יעקב לעשצינסקי.

אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג עפנט זיך די טיר פון קאָרידאָר — מיין טיר איז קיין מאָל נישט געווען פאַרשלאָסן — און ס׳באַווייזט זיך אַ ברו־

נעטער יונגערמאַן מיט אַ גרויסער טשופרינע און הויכע שטיוול. ער שטעלט זיך פאָר אין עברית אַז ער הייסט יעקב לעשצינסקי, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געקומען פון רוסלאַנד. ער וויל זיך באַקענען מיט מיר, האָט ער געזאָגט, און זען די שול ווו מיידלעך לערנען העברעיש און דווקא ביי אַ לערערין, נישט ביי קיין לערער. זיין פשוטע האַלטונג, ווי זיין גאַנצע דערשיינונג, האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ער איז, ווי אַ סך אַנדערע, געוואָרן ביי מיר אַ בן־בית. שוין דעמאָלט איז יעקב לעשצינסקי געווען אַ טרייער ציוניסט, האָט גערעדט נאָר עברית און אין גאַנצן זיך אָפּגעגעבן דער ציוניסטישער אַרבעט. אַ שטיקל צייט נאָך זיין קומען קיין וואַרשע האָבן מיר צוזאַמען געגרינדעט דעם ערשטן פרויען־יוגנט־פאַראיין „התקוה". עס איז, נאַטירלעך, געווען אַן אומלעגאַלער פאַראיין. די מיטגלידערינס פון „התקוה" זענען געווען די תלמידות פון די העכערע קלאַסן אין מיין שול; שפּעטער האָבן אין דעם פאַראיין זיך אָנגעשלאָסן מיידלעך אויך פון אַנדערע שולן. די פאַרזאַמלונגען פלעגן מיר דורכפירן אין פריוואַטע הייזער, יעדעס מאָל אין דער היים פון אַן אַנדערער יונגע חברטע. ווערדליק די געזעצן פון יענע יאָרן האָבן לערערס נישט געטאָרט געהערן צו קיין שום אָרגאַניזאַציע. איך האָב געוווסט וואָס מיר דראָט, אויב מ'זאָל אונדז כאַפּן ביי אָרגאַניזאַציאָנעלער, אומלעגאַלער אַרבעט. צי איז אָבער געווען מעגלעך דעמאָלט, ביי מיין דרייסיק יאָריקן עלטער, זיך אָפּצוזאָגן פון דעם וואָס איז געווען דער תוך פון מיין גאַנצן לעבן?

נאָך איינער אַזאַ געהיימער פאַרזאַמלונג (זי איז פאָרגעקומען אויף נאָוואָליפּיע 7) האָט מיך יעקב לעשצינסקי באַגלייט אַהיים. אויפן וועג, געדענק איך, האָב איך אים פּלוצלינג אַ פרעג געטון:

— זאָג מיר, יעקב, וואָס וועלן טון אַזעלכע ווי מיר, אויב חלילה דער ציוניזם זאָל נישט קענען פאַרווירקלעכט ווערן?

— וואָס מיר וועלן טון? — האָט ער געענטפערט גאָרנישט קלערנ־דיק — מיר וועלן זיך וואַרפן אין וואַסער אַריין.

אַ סך יאָרן שפּעטער האָבן מיר זיך געטראָפן אין ווין, אויפן 14טן ציוניסטישן קאָנגרעס. פאַר דער צייט האָט לעשצינסקי שוין באַוויזן אַ סך צו דערגרייכן: געלערנט, געענדיקט פאַקולטעטן, חתונה געהאַט, גע־

מאַכט זייטן־שפּרונגען פון ציוניזם — איך אָבער בין געבליבן בײַם אַלטן. איך בין געוואָרן אַ קלוגערע ציוניסטקע, געגאַנגען כסדר צו לינקס פון אַלגעמיינעם ציוניזם ביז צו צעירי־ציון. איך בין נישט פאַרגליווערט געוואָרן און דערגאַנגען צום ציוניסטישן סאָציאַליזם. באַגעגנט זיך דעמאָלט אין ווין, האָב איך יעקב לעשצינסקין דערמאָנט אונדזער אַמאָליקן שמועס אין גאַס.

אין יאָר 1933, בעת איך האָב שוין צום צווייטן מאָל געאַרבעט אין פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע, איז יעקב לעשצינסקי געקומען וועגן אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל. דאָס מאָל האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט ווי אַלטע גוטע פריינט און חברים. ער האָט באַקומען דעם סערטיפיקאַט; קיין ארץ־ישראל איז ער אָבער נישט געפאָרן מחמת זיין פרוי איז קראַנק געווען. דעמאָלט איז ער אַוועק קיין אַמעריקע.

# קאַפּיטל זעקס

כאָטש פאַרקאָכט אין געזעלשאַפטלעכע עסקים, איז אָבער מיין פּערזענלעכער גורל געבליבן אין אַ טראַגישן פּלאָנטער.

באַזעצט זיך אין וואַרשע מיט מיינע צוויי קינדער, האָב איך גענומען מיין ייִנגעלע שפּעטער צוגרייטן צו דער פערטער קלאַס גימנאַזיע. ער איז געווען פעיִק און האָט זיך געלערנט מיט פלייס. אויף צוצוגרייטן אים האָב איך געזוכט פּאַסיקע לערערס. איינער פון מיינע נאָענטע באַקאַנטע מיכאל האַלפּערן האָט מיר רעקאָמענדירט פאַר אַ לערער אַ יונגנמאַן, אַן עקסטערן פון די, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון מאָסקווע. אַן אינטעליגענטער מענטש מיט ליבע צום ציוניזם, האָט ער געשטרעבט צו פאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן אַגראָנאָמיע און דערנאָך זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל. צו דעם האָבן אים געפעלט די מאַטעריעלע מיטלען. דערצו נאָך האָט ער געדאַרפט שטיצן זיין היים. דער פאָטער איז געווען אַ גמרא־מלמד און זיינע דריי שוועסטער האָבן אינדערהיים גענייט וועש פאַר פאַרשיידענע געשעפטן. דער יונגערמאַן האָט געהייסן אברהם קריסלאַווין (זיי האָבן געשטאַמט פון רוסישן שטעטל קריסלאַווקע). אָנגעהויבן

לערנען מיט מיין זון, איז ער אין גיכן געוואָרן אַ בן־בית פון מיין שטוב. דאָס וואָס ער איז באַלד געוואָרן צו מיר ניט־גלייכגילטיק האָב איך לכתחילה ניט באַמערקט. שפּעטער, ווען כ׳בין עס געוווירגעוואָרן, האָט עס מיך אויך נישט געוווּנדערט. איך האָב געהאַט דאָס גליק — און אפשר ס׳אומגליק — געפעלן צו ווערן. ווען איך זאָל געווען שרייבן מיינע זכרונות אין דער יוגנט, וואָלט איך אפשר נישט געקענט זיין אַזוי אָפנהאַרציק ווי איצט, ווען מיר איז שוין אַריבער די פינף און זיבעציק יאָר. צי ווען מיר מיינע לייענערס, בעיקר מיינע לייענערינס גלייבן אָדער נישט, ווען איך נעם מיר די דרייסטקייט צו זאָגן, אַז נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך בין דעמאָלט געווען אַ פּרוי פון 26—27 יאָר און כ׳האָב פאַרקערט צווישן מענער, האָב איך זיך אָבער געהאַלטן אַזוי אַז יעדער איינער האָט בנוגע מיר געהיט די נייטיקע דיסטאַנץ. יאָ, איך האָב געהאַט דערפאָלג. אַלע האָבן פונדעסטוועגן געדענקט אַז פּועה ראַקאָווסקי, איז אַ מענטש מיט פּרינציפּן און מיט ערנסט. דערצו האָט מיין פאַך, מיינע ציוניסטישע פליכטן און מיין עול פון אַ מאַמע מיך אַזוי באַשעפטיקט אַז כ׳האָב נישט געהאַט קיין צייט און קיין מעגלעכקייטן צו קלערן וועגן מיין פּערזענלעכן גליק. ביז פיר אַ זייגער פאַרנאַכט געווען פאַרנומען אין שול, אין די אָוונטן אַריינגעטון אין ציוניסטישע פאַראיינען און ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף פאַרזאַמלונגען.

דער צופאַל האָט געוואָלט אַז די משפּחה פון מיין זונס לערער, די קריסלאַווינס, זאָל וווינען פּונקט אַנטקעגנאיבער מיין דירה. האָט זיך דערפאַר אַזוי געמאַכט אַז אברהם קריסלאַווין האָט אָנגעהויבן אָפטער אַריינקומען צו מיר נאָך זיינע שטונדן מיט מיין זון. אַ צייט שפּעטער האָט ער געבראַכט זיין יינגערע שוועסטער, אַז כ׳זאָל זיך באַקאַנען מיט איר. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז ער האָט מיך פאַרבעטן איך זאָל אַריינגיין צו זיי: זיין מוטער וויל מיך זען. זי איז געווען אַ שוואַכע פרוי, אַ האַרצליידנדיקע און גייט נישט אַרויס פון שטוב. איך האָב אים אַ מאָל צוליב געטון און אין אַ שבת־נאָכמיטאָג אַריין צו זיי. נאָך מיין באַזוך האָבן קרעסלאַווינס שוועסטער גענומען אַריינקומען אין מיין שטוב און זיי האָבן זיך צוגעבונדן צו מיר. דער יונגערמאַן האָט אַרויסגעוויזן זיינע סימפּאַטיעס צו מיר, איך אָבער האָב זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעניכטערט פון מיין

פּריערדיקן „פאַמיליען־גליק". שוין דער געדאַנק וועגן חתונה האָבן אַ צווייט מאָל האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ מין פּחד. קריסלאַווין איז געווען ווייט פון אַזאַ טראַכטן. ער האָט זיך ערנסט פאַרליבט און ביי אים איז עס געוואָרן אַ לעבנס־פראַגע. זיין אויפריכטיקע ליבע האָט מיט דער צייט אויך ביי מיר געפונען אַן אָפּקלאַנג און עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דאָס פּחד־געפיל פאַר צונויפבינדן זיך מיט אַ מאַן.

די געשיכטע מיט קריסלאַווין האָט אָנגעהאַלטן כמעט אַ יאָר. איין מאָל איז ער געקומען צו מיר און מודיע געווען זיין באַשלוס: ער פאָרט קיין בערלין אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער הויכשול שטודירן אַגראָנאָמיע. דער קורס איז אַ דרייאָריקער. ער וועט ענדיקן וועלן מיר פאָרן קיין ארץ־ישראל. דו ווי אַ העברעיִשע לערערין, איך ווי אַן אַגראָנאָם וועלן מיר זיין נוצלעכע בירגער פאַרן לאַנד.

— גוט, — האָב איך געענטפערט — אַן אויסגעצייכנטער פּלאַן. איך בין גרייט צו וואַרטן אויף דיר גאַנצע דריי יאָר. ביידע זענען מיר נאָך גענוג יונג און קענען וואַרטן.

— ניין, — האָט ער קאַטעגאָריש געזאָגט — איך פאַרלאַנג פון דיר בלויז איין זאַך: לאָמיר שטעלן אַ חופּה און באַלד דעם זעלביקן טאָג פאָר איך אַוועק.

איך האָב, נאַטירלעך, מסכים געווען; כ׳האָב נאָר געבעטן מיר צו געבן אַ שטיקל צייט אויף צו באַקלערן זיך.

ער האָט זיך צוגעגרייט צו דער רייזע, מיר האָבן באַשטימט דעם טאָג פון דער חופּה און פון ביאַליסטאָק זענען אָנגעקומען מיינע עלטערן. פיר אַ זייגער ביי טאָג האָבן מיר ביי אַ רב געשטעלט די חופּה און צען אין אָוונט איז מיין מאַן אָפּגעפאָרן קיין בערלין.

פאַרשטענדלעך אַז איך בין געוואָרן זייער נאָענט מיט די קריסלאַ־ווינס; איין שוועסטער פון מיין מאַן האָב איך גלייך צוגענומען צו דער אַרבעט אין שול. די עלטסטע פון די שוועסטער האָט חתונה געהאַט אַ קורצע צייט נאָך זיין אָפּפאָרן און די דריטע האָט זיך געגרייט צו אַ לע־רער־עקזאַמען.

צונויפגעקניפּט זיך מיט דער משפּחה פון מיין מאַן און כ׳האָב גע־

לעבט מיט דער דערוואַרטונג פון גליק, אויף וועלכן כ׳וואָלט זיך אפשר דערוואַרט אויב מיין גורל זאָל מיך נישט אַזוי ביטער פאַרפאַלגן.

נאָר איין יאָר האָט קריסלאַווין געלערנט אין דער בערלינער אַגראַ־נאָמישער הויכשול צוזאַמען מיט אַגראָנאָם סאַסקין (אים צו לאַנגע יאָרן!). געקומען קיין וואַרשע אויף פעריען, איז ער שוין קיין בערלין מער נישט געפאָרן.

גלייך נאָך זיין קומען, האָב איך געדונגען אַ צימער אין מאַקאָטאָוו ביי וואַרשע, און נאָכן ענדיקן מיינע לעקציעס אין שול פלעגן מיר מיטן טראַמוויי פאָרן פאַרברענגען דעם צווייטן האַלבן טאָג אויף דער פרישער לופט. מיין שול איז געווען אָפן אַ גאַנצן זומער. קריסלאַווין האָט אָנגע־הויבן אַרבעטן אין שול צוזאַמען מיט מיר און האָבן געפּלאַנט ער זאָל איבעררייסן זיין שטודיום אויף אַ יאָר, כדי אָנצוזאַמלען אַ ביסל געלט אַז ער זאָל דערנאָך קענען ווייטער לערנען. ביידע, זענען מיר געווען יונג, אַרבעטוויליק און פול ענערגיע. דער גורל האָט אָבער געוואָלט אַנדערש. סוף זומער האָט מיין מאַן אַ מאָל אַ זאָג געטון אַז זינט אַ פּאָר וואָכן שפּירט ער אַ ווייטיק אין דער זייט. ווי דער שטייגער איז האָב איך אים באַ־רויקט, כאָטש מיך האָט עס שטאַרק געשראָקן. מיר זענען אַוועק צו אַ דאָקטער, ער האָט אים אונטערזוכט און געזאָגט ערנסט:

— דו ביסט אַ סטודענט אויף דער בערלינער הויכשול?... דו מוזט דעם שטודיום איבעררייסן און תיכף פאָרן אין אַ קוראָרט כדי זיך צו באַפרייען פון דיין פאַרלאָזענעם פלעווריט.

פאַרשריבן מיטלען, געהייסן ליגן אַ פּאָר טעג אין בעט און דערנאָך ווידער אַמאָל וויזן זיך צו אים.

אויפגעשטאַנען פון בעט נאָך די פּאָר טעג האָט ער זיך געשפּירט בעסער, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער געוואָלט גיין צו זיינעם אַ באַקאַנטן ד״ר ראַפּעל, אַ ספּעציאַליסט פאַר לונגען־קראַנקייט, וועלכער האָט אים געהיילט ווען ער איז געלעגן אויף טיפוס באַלד נאָכן קומען פון מאָסקווע. נאָכן טיפוס איז אים פאַרבליבן אַ פלעווריט ווי אַ קאָמפּליקאַציע, צוליב וואָס ער האָט געמוזט לענגער ליגן אין שפּיטאָל. מוז זיין, אַז ער איז צו פרי אַרויס פון שפּיטאָל, ווייל אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך געפילט נישט געהויבן.

געקומען צום ד״ר ראַפּעל האָט ער זיך מיט אים דערפרייט און נאָכן אונטערזוכן געהייסן אויף אַ שטיקל צייט איבעררייסן די שטודיען, אַר־בעטן בלויז אַ 3—4 שעה טעגלעך און נישט צופיל זיך אָנשטרענגען. צום פרילינג וועט ער קענען ווידער פאָרן קיין בערלין לערנען. באַרויִקטע האָבן מיר געגומען אָפּהיטן דעם אָנזאָג פון דאָקטער, אָבער די פעולה איז געווען גאָר אַ קנאַפּע.

פאַרקערט. עס האָט זיך פאַרערגערט. אין דעצעמבער, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קעלטן, האָט ער אין מיטן דערנאַכט פּלוצלינג באַקומען אַ בלוט־שטורץ דורכן האַלדז. צומאָרגנס האָט מיין חבר מיך צוגערופן צום בעט און דערלאַנגט אַ בריוועלע, אין וועלכן ער האָט מיר געשריבן — ריידן איז אים געווען פאַרווערט — אַז ער וויל מיך נישט אומגליקלעך מאַכן, דערפאַר בעט ער ביי מיר, איך זאָל נעמען ביי אים אַ גט. „דו האָסט אין דיין לעבן שוין גענוג זיך אָנגעליטן״, האָט ער געשריבן, „איך האָב ליידער נאָך נישט באַוויזן דיר צו געבן קיין גוטס. איך האָב דערפאַר נישט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען פון דיר צו גרויסע קרבנות״.

פאַרשטענדלעך אַז איך האָב זיך באַמיט אים צו באַרויִקן, געטרייסט: דו וועסט אין גיכן ווידער געזונט ווערן, און געבעטן ער זאָל אויפהערן צו קלערן וועגן אומזיניקע זאַכן.

און מיינע עלטערן האָבן זיך דערוווּסט וועגן מיין אומגליק, איז מיין פאָטער גלייך אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע און צוגעשטאַנען, איך זאָל נעמען אַ גט.

— דו ביסט דאָך אַפילו זיין פרוי נישט געווען, האָסט נישט מיט אים קיין קינד, וועסטו, חלילה, נאָך מוזן נעמען חליצה! — האָט דער טאַטע מיט מיר געטענהט.

— אַז איך וועל מוזן, וועל איך נעמען, — האָב איך געענטפערט, — אָבער איבערלאָזן, פאַרקירצן אים זיינע יאָרן — דאָס וועט איר ביי מיר נישט פּועלן.

מיין פאָטער ז״ל איז אַוועקגעפאָרן מיט גאָרנישט און שפּעטער האָב איך טאַקע גענומען חליצה.

קריסלאַווינען האָב איך געהיילט כמעט גאַנצע זעקס יאָר, די לענגסטע צייט וואָס עס קען זיך ציִען אַזאַ אומגליקלעכע קרענק ביי אַ מענטש,

וועלכער ווערט אַנגעגריפן פון איר אין דער געפּערלעכסטער עלטער פון דרייסיק יאָר. און קורירט האָב איך אים נישט ווי אַן אָרעמע לערערין. ווינטער האָב איך אים געהאַלטן אין די מאָדערנסטע קורערטער, זומער — אין אָטוואָצק און נאָך זיין טויט בין איך געבליבן מיט צוויי טויזנט רובל חובות.

מיט מיין אַרבעט האָב איך ביסלעכווייז די חובות אָפּגעצאָלט, כ׳בין דערפאַר געבליבן ביים ריינעם געוויסן אַז כ׳האָב געטון אַלץ, וואָס עס איז מיר נאָר מעגלעך געווען. איך האָב געטראָגן מיין גורל ווי עס איז מיר געווען באַשערט.

***

איצט האָב איך געהאַט פאַר זיך נאָר די אַרבעט. אין איר האָב איך געפונען מיין טרייסט. און פליכטן האָב איך געהאַט גרעסערע, ווייל מיינע קינדער זענען אונטערגעוואַקסן; איך האָב געדאַרפט קלערן וועגן צוגרייטן זיי צום לעבן. אויך אונדזער באַפרייונגס־באַוועגונג האָט אָנגענומען גרע־סערע דימענסיעס. אויף די ייִדישע האָריזאָנטן האָט זיך באַוויזן די גע־שטאַלט פון דעם אומפאַרגעסלעכן פירער ד״ר הערצל. דער ציוניזם האָט זיך דערנענטערט צו דער וויכטיקסטער פאַזע פון פאַרוואַנדלען זיך אין אַ לעגאַלער פאָלקס־באַוועגונג. ד״ר הערצל האָט אָנגעהויבן אין שריפט און וואָרט פירן אַן אינטענסיווע אַגיטאַציע פאַר צונויפרופן אַן אַלוועלט־לעכן ציוניסטישן קאָנגרעס. אויפן סדר־היום איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע פון שאַפן לעגאַלע ציוניסטישע פאַראיינען. דער ערשטער פאַר־איין „בני ציון״ איז אַנטשטאַנען אין וואַרשע. זיינע גרינדער זענען געווען אברהם פּאָדלישעווסקי, דוד בערקמאַן און איך. די ערשטע ציוניסטישע פאַראיינען זענען געווען געמישטע — פאַר מענער און פרויען. ייִדישע פרויען זענען אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער באַפרייונגס־באַוועגונג בכלל געווען ווייט פון ציוניזם. אַזוי איז געווען אַפילו אין די לענדער וווּ ייִדן האָבן געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, אין פּוילן און ליטע. די אינטעליגענטע ייִדישע פרויען־יוגנט האָט אירע בעסטע כוחות אָפּגעגעבן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון אַנדערע פעלקער; פאַר די גויִים האָבן זיי אָפּגעגעבן זייער וויסן, זייער התלהבות און אַפילו זייערע לעבנס.

די יידישע טעכטער פון מיטלשטאַנד האָבן כלל נישט געהאַט קיין איי־נטערעס פאַרן נאַציאָנאַלן אויפלעבונגס־געדאַנק. די ערשטע טרעגערס פון חיבת־ציון־געדאַנק, די רבנים און סתם פרומע יידן, האָבן אין זייערע רייען נישט אַריינגעלאָזן קיין פרויען. ארץ־ישראל וועט מען דאַרפן קאָ־לאָניזירן, און דאָס איז אַן אַרבעט נאָר פאַר מענער — אַזאַ איז געווען זייער מחשבה. די ווייבער וועלן זיי דערנאָך ברענגען אויף אַלעם פאַרטיקן און דאָרט, אין הייליקן לאַנד, וועלן זיי דאַרפן — ווי עס פירט זיך משׁשת ימי בראשית — טון זייער זאַך: ברענגען דורות יידן אויף דער וועלט. אַפילו דער אַזוי גערופענער אָרדן „בני־משה", וועלכער איז אויפגעקומען אַ סך שפּעטער און האָט געהאַט אין זיינע רייען די גאַנצע סמעטענע פון דער דעמאָלטיקער יידישע אינטעליגענץ, אויך דער „בני־משה" האָט פאַרשלאָסן זיינע טירן פאַר פרויען.

ערשט ד"ר הערצל האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די ראָלע און דעם באַטייט פון דער פרוי פאַר דער באַפרייערישער באַוועגונג פון פאָלק. שוין צום ערשטן קאָנגרעס האָט ער די יידישע פרוי גלייכגעשטעלט אין די רעכט צו וויילן און אויסגעוויילט צו ווערן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

איך האָב זיך ליידער אין די ערשטע קאָנגרעסן נישט באַטייליקט. איך וואָלט אפשר יאָ געקענט האָבן די זכיה געוויילט צו ווערן אַלס דעלע־גירטע, אַ חוץ דעם האָב איך תמיד געהאַט די ברירה צו פאָרן ווי אַ זשורנאַליסטין, איך האָב אָבער פּראָסט־פּשוט מאַטעריעל זיך נישט גע־קענט דערלויבן אַזאַ לוקסוס. אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער באַוועגונג זענען נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע טוערס און קיין באַצאָלטע באַ־אַמטע. די גאַנצע אַרבעט איז געפירט געוואָרן נאָר פון פרייוויליקע עסקנים.

צום פערטן קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן, איז מיר געלונגען אָפּצושפּאָרן פון מיין באַשיידענעם בודזשעט גאַנצע צען פונט. אין לאָנדאָן האָט געוווינט מיין פּאָטערס אַ חבר, אַ ביאַליסטאָקער ייד. פריִער אַן אייגנטימער פון אַ ביכער־געשעפט אין וואַרשע. מיט דעם דעמדאָזיקן פריינט סוואָלסקי, האָב איך זיך פריִער שריפטלעך פאַר־שטענדיקט, אַז איך וועל בלויז צו אים פאַרפאָרן; דאָס הייסט נעכטיקן. נאַטירלעך אַז ער האָט מיך אויפגענומען ווי אַ גוטן גאַסט. פון רוסיש־פּוילן

זענען געפּאָרן אַ באַדייטנדיקע צאָל דעלעגירטע און באַלד איז אויך אָנגע־קומען אַ גרויסער עולם דעלעגאַטן פון רוסלאַנד.

די רייזע גופא איז געווען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט. די באַ־פעלקערונג אין די אייראָפּעיִשע לענדער, דורך וואָנען מיר זענען דורכ־געפאָרן, האָט אויסגעזען זאַט, רויִק און צופרידן. ס׳איז נאָך געווען פאַר דער ערשטער גרויסער וועלט־שחיטה. די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן ווירטשאַפטלעך געבליט. און די געלט־זעק האָבן געקענט אַרויסווייזן גרויסמוטיקייט און צוואַרפן ברעקלעך פון זייערע רייכע טישן אויך דעם פאַקטישן שעפער פון זייער רייכטום — דעם פּראָלעטאַריער.

אַ באַזונדערע התפעלות האָט ביי מיר דערמאָלט אַרויסגערופן האָלאַנד מיט איר בליִענדיקער לאַנדווירטשאַפט. דער גאַנצער גרויסער שטח, פעט און זאַט אָנגעטרונקען, ווי אַמאָל דער ירדן־טאָל פאַרן אונטערגאַנג פון סדום און עמורה. אָבער נישט בלויז התפעלות, נאָר אויך מיינע שטענ־דיקע קנאה־געפילן צו אַלע פעלקער, וועלכע זיצן אויף זיכערע באַשטענ־דיקע ערטער, האָבן זיך אין יענעם מאָמענט אין מיר אָנגעצונדן. אומ־אויפהערלעך האָט מיך כסדר פאַרפאָלגט דער געדאַנק: ווער ווייסט צי ס׳וועט אונדז „טרוימער און קעמפער״ — ווי מ׳האָט אונדז דעמאָלט גע־רופן — אַמאָל געלינגען צו רעאַליזירן אונדזער צוויי־טויזנט־יעריקן חלום, וועגן ווידעראויפבוי פון אונדזער אַלטער היים.

די שטאָט לאָנדאָן מיט איר 9־מיליאָניקער באַפעלקערונג פאַרכאַפּט נישט אַזוי ווייט מיט איר שיינקייט, ווי מיט איר אויסערגעוויינלעכער גראַנ־דיעזקייט און מיט איר אומגעהערע גרויס. וי

דער פערטער ציוניסטישער קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָר 1900 אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן אין דער הויפּטשטאָט פון דער בריטישער אימפּעריע, האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק אויף אַלע אָנוועזנדיקע. מיך פערזענלעך האָט ער ממש באַצויבערט און עלעקטריזירט. איך האָב באַקומען אַ פּלאַץ ביים זשורנאַליסטן־טיש פונקט קעגנאיבער דעם פּרעזידיום אויף דער בינע.

צווישן די דעלעגאַטן בין איך נישט געזעסן — פשוט מחמת דעם, ווייל קיין פרויען האָבן די פאָרשטייערס און טאָן־געבער דעמאָלט, צו די

ערשטע קאָנגרעסן נישט געוויילט; בין איך געפאָרן ווי אַ קאָרעספאָנדענטין פון אַ יידישער צייטונג אין ביאַליסטאָק.

פון מיין פלאַץ האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט נישט נאָר צו הערן אויסגעצייכנטע די רעדנערס, נאָר אויך זיי צו זען; צו שטודירן און צו באַטראַכטן זייערע געזיכטס־אויסדרוקן. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט מיך אַממייסטן פאַראינטערעסירט די אויסערגעוויינלעכע און אייגנאַרטיקע גע־שטאַלט פון ד״ר הערצל. זיין גאַנצע דערשיינונג האָט מיך באַזונדערס אימפּאָנירט.

די צווייטע גרויסע פּערזענלעכקייט, מאַקס נאָרדוי, — אַ פיל רעאַלע־רער טיפּ ווי ד״ר הערצל — האָט מיך מיט זיין גאַנצן אויסזען שטאַרק דערמאָנט מיין זיידן דעם רב. אין זיינע שילדערונגען וועגן דער דעמאָלט שוידערלעכער לאַגע פון גאַנצן יידנטום האָבן געקלונגען די טענער פון אונדזערע אַלטע נביאים. איך בין געווען אַזוי פאַרכאַפּט פון דעם אַלעם וואָס עס איז אַרום מיר פאָרגעקומען אויפן קאָנגרעס־זאַל, אַז איך האָב די גאַנצע צייט געלעבט ווי אויסער די צייט און דעם שטח.

איך וויל דאָ איבערגעבן אַ פאַקט וועגן אונדזער אומפאַרגעסלעכן ד״ר הערצל.

אויב משה רבינו ווערט געשילדערט ווי דער גרעסטער עניו — כי האיש משה עניו מכל האדם. — אויב במקום ענותנותו אתה מוצא את גדולתו — וועל איך מיר דערלויבן צו אונטערשטרייכן, אַז דעם דאָזיקן וווּנדערבאַרן כאַראַקטער־צוג האָט פאַרמאָגט ד״ר הערצל — אַן אויסער־געוויינלעכע עניוות.

עס איז פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזע גאַרטן־פאַרווייַלונג אין לאָנדאָנער הייד־פּאַרק. דער פיל טויזנט־קעפּיקער עולם האָט געמאַכט לכבוד די מנהיגים גרויסע אָוואַציעס. הערצלען איז דאָס אַלץ אויסגעקומען שווער און פּיינלעך. ער איז פשוט אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן. דורך אַ צופאַל איז מיר געלונגען פונקט אין יענעם מאָמענט אויפצוכאַפּן זיין געזיכטס־אויסדרוק, און ביז היינט צו טאָג איז מיר דער דאָזיקער אויסדרוק פאַר־בליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון.

דער פערטער קאָנגרעס איז נישט בלויז געווען רייך אין צאָל און

אין אינהאַלט, נאָר איז זיך אויף פאַרלאָפן זייער שטורמיש. די שאַרפסטע דעבאַטע האָט זיך געפירט אַרום דער קולטור־פראַגע, ווי אַזוי אַרויסצו־נעמען די ייִדישע קולטור פון אונטער דער אפּטרופּסות פון די רבנים.

## קאַפּיטל זיבן

אין יאָר 1901 בין איך שוין געווען אַ מוטער פון דערוואַקסענע קינ־דער. מיין זון איז דעמאָלט אַלט געווען 18 יאָר, מיין טאָכטער 16. מיין דערציִונגס־פּראָגראַם בנוגע מיינע קינדער איז מיר ביז דאַן געלונגען דורכצופירן מער־ווייניק פּינקטלעך. ביזן פערטן קלאַס האָט די טאָכטער געלערנט ביי מיר אין דער שול. דער זון האָט זיך געגרייט צום עקזאַמען אין פערטן גימנאַזיע־קלאַס אין דער היים, און אויך געלערנט עברית און תלמוד. כאָטש איך בין געווען אַן אייגנטימערין פון אַ זיבנקלאַסיקער שול, וועלכע איז ביי דער צאַרישער שול־מאַכט גופא געווען פאַררעכנט ווי איינע פון די בעסטע אין יענער צייט, האָב איך דאָך נישט געקענט אויספּועלן אַז מען זאָל מיין זון צונעמען אין פערטן קלאַס פון אַ רעגי־רונגס־גימנאַזיע אין וואַרשע, נאָר אים געמוזט אַוועקשיקן אַזש קיין שעדלעץ. ס'איז גילטיק געווען דער באַרימטער נומערוס־קלאַוזוס. דאָס הייסט, אַז אויף איין ייִדן האָבן געמוזט זיין צען גויִים. און די גויִים, טראָץ דעם וואָס עס איז זיי אַלץ אָנגעקומען אַזוי לייכט, האָבן גאָרנישט אַזוי שטאַרק חשק געהאַט צו שטודירן.

אַוועקצושיקן אַ פערצניעריקן ייִנגל אין דער פרעמד איז גאָרנישט געווען אַזאַ מין לייכטע אויפגאַבע. קודם־כל האָט ער זיך נאָך גענייטיקט אין מיין השפּעה, און צווייטנס, דער מאַטעריעלער מאָמענט. פאַר די גאַנצע 14 יאָר, זינט איך בין אַוועק פון זייער פאָטער, האָבן אים די קינדער געזען גאַנצע צוויי מאָל. נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט מער נישט חתונה געהאַט, האָט ער בכלל פאַר די קינדער נישט געזאָרגט, זיך קיין מאָל נישט באַמיט אויף וועלכן ס'איז נישט אופן צו געווינען זייער ליבע. איך האָב קיין מאָל נישט גערעדט פאַר זיי דאָס מינדסטע שלעכטע וואָרט וועגן אים, נאָר זיך באַמיט זיי צו דערקלערן אַז מיר זענען פּשוט נישט

געווען קיין פּאַסנדיקע פּאָר. און אַז זיי זענען עלטער געוואָרן האָבן זיי זיך אַליין אין דעם איבערצייגט. נישט איין מאָל האָבן זיי צו מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט צו אים קיין שום געפיל ווי צו אַ טאַטן. ער איז פאַר זיי אַ פּולקאָם פרעמדער מענטש.

נאָך אַ שווערן אינערלעכן קאַמף האָב איך זיך אַנטשלאָסן צו פאָרן מיט מיין זון קיין שעדלעץ צום עקזאַמען. ער איז אָנגענומען געוואָרן אין פערטן גימנאַזיע־קלאַס. איך האָב אים איינגעאָרדנט אין אַ פּענסיאָנאַט און זיך צוריקגעקערט אַהיים צו מיין אַרבעט.

אין שעדלעץ האָט מיין זון נאָר געלערנט צוויי יאָר. ווען ער איז אַריבער אין זעקסטן קלאַס, האָב איך אים פון שעדלעץ געשיקט קיין פּלאָצק. דאָ האָט ער זיך געפונען אין אַ פּאַסנדיקערע סביבה, ביי מיינעם אַ פעטער און קוזינעס. מאַטעריעל איז מיר איצט געגאַנגען לייכטער, ווייל מיט אים צוזאַמען איז אויך געפאָרן קיין פּלאָצק מיין פערצניעריקע טאָכ־טער, וועלכע איז אָנגעקומען אין פערטן קלאַס פון דער רעגירונגס־גימנאַזיע. די פּריוואַטע יידישע גימנאַזיעס האָבן נישט געגעבן קיין רעכט אויף צו קענען באַזוכן העכערע לערן־אַנשטאַלטן.ביידע קינדער, וועלכע האָבן ביים פעטער אין שטוב געהאַט אַ באַזונדערן צימער, האָבן זיך געקענט לגמרי אומגעשטערט לערנען און האָבן זיך בכלל געפילט ווי ביי זיך אינדערהיים.

ווען מיין זון איז געפאָרן קיין פּלאָצק אָנגעבן די ביטע, אַז ער וויל זיך איבערגעטראָגן אַהין פון דער שעדלעצער גימנאַזיע, האָט ער צוזאַמען מיט דער ביטע, נאַטירלעך, דערלאַנגט זיין שול־צייגעניש. ווען דער די־רעקטאָר האָט דערזען די צענזורע מיט סאַמע פינפן, האָט ער זיך גאָרנישט געקענט אָפּוואונדערן. דער גימנאַזיע־לערער פאַר רעליגיע און יידישע געשיכטע — פּאַפּיערני, אַ ייד אַ ציוניסט, וועלכער האָט נאָך געקענט מיין זיידן דעם פּלאָצקער רב ז״ל, האָט פאָרגעשטעלט מיין זון פאַרן דירעקטאָר און אים דערציילט ווער עס איז דער יונגער קאַנדידאַט און פון וואָס פאַר אַ יחוס און משפחה ער שטאַמט.

אָבער דאָס זיין אַליין אָן די קינדער איז מיר געפאַלן צו שווער. מער ווי איין יאָר האָב איך עס נישט געקענט איבערטראָגן. נאָך לאַנגע באַ־מיִונגען איז מיר געלונגען איבערצופירן מיין טאָכטער פון פּלאָצק אין

פינפטן קלאַס פון אַ רעגירונגס־גימנאַזיע אין וואַרשע. און מיין פרייד אין געווען אין לשער.

אין משך פון די 44 יאָר, וואָס איך האָב געוווינט אין וואַרשע, איז מיין שטוב די גאַנצע צייט געווען אַ בית־ועד לחכמים. די אַטמאָספער פון מיין הויז האָט אָבער מיטן לויף פון דער צייט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע פאַזעס.

די ערשטע צען יאָר, ווען מיינע קינדער זענען נאָך קליין געווען, האָט זי געהאַט אַ טראַדיציאָנעל־ציוניסטישן כאַראַקטער. טראָץ דעם וואָס איך ביז אַן אויסגעשפּראָכענע אַפּיקורסטע, האָב איך אָבער טיף געשטעקט אין דער ייִדישער טראַדיציע, און אין דעם גייסט האָב איך אויך דערצויגן מיינע קינדער. פּסח, למשל, האָב איך נישט אָפּגעריכט קיין סדר, די קינ־דער אָבער פלעג איך שיקן צו מיין פריינט דעם מזרחי־פירער ר׳ לוי לעווין־עפשטיין, כדי זיי זאָלן בייוווינען אַ ייִדישן סדר. ימים־נוראים, בעת איך אַליין בין אין שול נישט געגאַנגען, פלעגט מיין זון גיין מיט ר׳ לוין ז״ל צום דאַווענען. און שמחת־תורה צו די הקפות פלעגט מיין מיידעלע אויך מיט זיי מיטגיין. מיין גאַנצער קרייז־באַזוכער זענען געווען, אויב נישט קיין אָרגאַניזירטע ציוניסטן, לכל הדעות אָבער ציוניסטיש געשטימ־טע. מיט קיין סוחריש־באַלעבאַטישע קרייזן האָב איך כמעט נישט פאַר־קערט, מען פלעגט זיך טרעפן אויף פאַרזאַמלונגען, מחמת אין די ערשטע יאָרן איז דאָך די ציוניסטישע באַוועגונג בכלל געווען אַ באַלעבאַטישע. מיינע באַזוכער זענען ס׳רוב געווען לערערס, זשורנאַליסטן, שריפטשטעל־לער, דיכטער און סתם אינטעליגענטן. אין די נייַנציקער יאָרן האָבן שוין אין וואַרשע זיך געפונען צוויי גרויסע ייִדישע פאַרלאַגן: „אחיאסף״, לכת־חילה מיט אחד־העם אַלס אָנפירער, שפּעטער מיט ד״ר יוסף קלויזנער. „תושיה״ — שפּעטער אונטערן נאָמען „צענטראַל״ — מיט בן־אביגדור שאַלקאָוויטש אַלס ליטעראַרישער לייטער. באַלד האָבן זיך אַ לאָז געטון קיין וואַרשע די פּראָווינצער ליטעראַרישע קרעפטן, די אַזוי גערופענע „יונגע״; נאָמבערג, א. ל. יאַקובאָוויטש, אהרן ליובאָשיצקי, שלום אַש און אַנדערע. אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט איז געקומען קיין וואַרשע פון אָדעס אַן אינטערעסאַנטער יונגערמאַן, אַ געוויסער אַלעקסאַנדער סע־גאַל, וועלכער האָט אין אָדעס געענדיקט די האָנטווערקער־שול „טרוד״.

ער איז געווען איינער פון די בעסטע איבערזעצערס פון העברעיִש. ער האָט באַלד באַקומען אַ פּאָסטן אין „תושיה"־פאַרלאַג און ליובאָשיצקי האָט אים אַריינגעפירט צו מיר אין הויז. איך האָב אים אויך אַנגאַזשירט אַלס לערער פון העבּרעיִש פאַר מיין טאָכטער. זי האָט גאַנץ פלייסיק געלערנט און דער לערער פלעגט איר אָפט שטאַרק רימען. קיין שום אַנדער באַציִונג, ווי פון אַ לערער צו אַ שילערין, האָב איך אין פאַרלויף פון אַ גאַנצן זומער נישט באַמערקט. אין איין שיינעם טאָג קומט דער הער סעגאַל צו מיר מיט אַ ביטע: ער וויל מיט מיר רעדן וועגן זיינעם אַ פערזענלעכן ענין.

— ווי וועט איר זיך צו דעם באַציִען — פרעגט ער מיך מיט אַן אויפרעגונג אין קול — אויב איך וועל אייך זאָגן אַז איך האָב ליב אייער טאָכטער?

אַלץ האָב איך זיך געקענט פאָרשטעלן נאָר נישט דאָס, אַז דער דאָזיקער זייער קלוגער און אינטערעסאַנטער פינף און צוואַנציק־יעריקער יונגערמאַן זאָל זיך ערנסט פאַרליבן אין מיין פופצניעריקער גימנאַזיסטקע.

אַנשטאָט אַן ענטפער האָב איך אים געשטעלט פאָלגנדיקע פראַגע:

— צי זענט איר פריִער געקומען רעדן מיט מיר, אָדער ווייסט שוין מיין טאָכטער וועגן דעם פריִער פאַר מיר?

— צי האַלט איר מיך באמת פאַר אַ ישיבה־בחור, וואָס איר שטעלט מיר אַזאַ מין פראַגע? — האָט ער אַ זאָג געטון אַ באַליידיקטער.

— הער סעגאַל, — האָב איך אים געענטפערט גאַנץ ערנסט — איך האָב קעגן אייך פערזענלעך גאָרנישט. איר געפעלט מיר זייער גוט אַלס קלוגער און אָנשטענדיקער יונגער מענטש. איך מוז אייך אָבער זאָגן, אַז איר האָט אין געגעבענעם פאַל נישט ריכטיק געהאַנדלט. צי פאַרשטייט איר דען נישט אַז ביי יעדער פופצניעריקער מיידל, וואָס אַזאַ יונגערמאַן ווי איר וועט זיך איר דערקלערן אין ליבע, וועט ער זיכער געפינען דעם געווונטשענעם אָפּקלאַנג? און נאָך עפּעס. צי גלויבט איר, אַז די געפילן פון אַ פופצניעריקער מיידל זענען דער אויסדרוק פון אַן ערנסטער ליבע? איך, למשל, וועל אייך נישט גאַראַנטירן, אַז מיין פופצןיעריקע טאָכטער, וועלכע האָט אייך איצט געענטפערט אויף אייער ליבע,

זאָל צו פינף און צוואַנציק יאָר נישט ליב קריגן קיין אַנדערן. און אַ חוץ דעם ווי קען איך מאַכן פאַר אַ כלה מיין פופצן־יעריקע טאָכטער? איך וואָלט געקענט מסכים זיין צו דעם ווען דאָס וואָלט געשען לכל־הפחות מיט אַ פינף יאָר שפּעטער.

סעגאַל האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געזאָגט:

— יאָ, איך ווייס אַז איך אימפּאָניר איך נישט ווי אַ קינפטיקער מאַן פון אייער טאָכטער. איך בין אָבער גרייט אויף איר צו וואַרטן וויפל ס׳וועט נייטיק זיין. איך גרייט זיך אין קורצן אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן. איך וויל בלויז אייער צושטימונג, אַז זי זאָל אויף מיר וואַרטן.

דערמיט האָט זיך געענדיקט אונדזער ערשטער געשפּרעך. איך האָב אים געזאָגט, אַז לערנען איז קיינמאָל נישט צו שפּעט, אַז אַ יונגער ייִדישער שרייבער דאַרף אומבאַדינגט האָבן אויך אייראָפּעיִשע בילדונג און אַז דער דאָזיקער שריט זיינער איז אַ זייער ריכטיקער.

די העברעיִשע לעקציעס האָבן זיך נישט איבערגעריסן. מיין באַציִונג צו אים איז געבליבן ווי געווען, אויף זייערע באַציִונגען האָב איך נישט רעאַגירט. איבערגעלאָזן עס דער צייט. אַ שווערער פּאַרגעפיל אָבער האָט מיך כסדר פאַרפאָלגט און מיר נישט געגעבן קיין רו.

די פעריען האָבן זיך געענדיקט. מיין טאָכטער איז אַריבער אין זעקסטן קלאַס. אָנפאַנג אָקטאָבער איז סעגאַל אַוועק קיין ווין שטודירן. זיי האָבן אייפעריק קאָרעספּאָנדירט. דאָס מיידל האָט געבליט און גע־שטראַלט פון פרייד. אַ שיינע, אַ לוסטיקע און פריילעכע, ס׳לעבן אַליין. דערצו האָט זי פאַרמאָגט אַ זעלטן שיינע שטימע און דראַמאַטישע פעיִ־קייטן. מענטשן פלעגן מיך כסדר מוסרן הלמאי איך פאַרנאַכלעסיק דאָס אַלץ און לאָז זי נישט אויסבילדן אַלס שוישפּילערין. מיין טאָכטער האָט אָבער אויף דעם געענטפערט, אַז דאָס איז נישט קיין ערנסטער פאַך. זי וויל בעסער זיין אַ לערערין, בפרט אַז קיין העברעיִשער טעאַטער איז נאָך נישטאָ.

מיין שווערער פּאַרגעפיל האָט זיך באַלד באַשטעטיקט. מיין יונגענקע, געראָטענע טאָכטער האָט צו פופצן אַ האַלב יאָר איבערגעלעבט אַ שווערע טראַגעדיע. סעגאַל האָט שטודירט אויפן ווינער אוניווערזיטעט בלויז

דריי חדשים. ער איז דאָרט קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערן טיפוס און האָט זיך פון ווין שוין קיין מאָל מער נישט צוריקגעקערט.

וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט איז מיר איצט, נאָך צענדליקער יאָרן צייט אַפילו, שווער איבערצוגעבן. מיין טאָכטער איז קראַנק געוואָרן. זי האָט באַקומען אַ שווערן נערוועזן הוסטן. און זי איז געצוווּנגען געווען אין מיטן שול־יאָר צו פאַרלאָזן די גימנאַזיע. ס׳האָט גענומען גענוג צייט און מי ביז זי האָט ווידער געקענט קומען צו זיך און צוטרעטן צו די עקזאַמענס פאַרן זיבעטן קלאַס.

מיט דער דאָזיקער טראַגעדיע, וועלכע האָט פּאַסירט אין 1901, שליסט זיך אָפּ דער ערשטער צענדליק יאָרן פון מיין לעבן אין דער שטאָט וואַרשע.

## קאַפּיטל אַכט

דער איבערגאַנג פון צוויי יאָרהונדערטער, דעם נײַנצנטן און צוואַנ־ציקסטן, איז דער אָנהייב פון דעם אַזוי גערופענעם „שטורם־ און דראַנג“־פּעריאָד. דער אויפשוווּנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט פאַר־כאַפּט כמעט די גאַנצע שטודירנדיקע יוגנט ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. אַלץ איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פונעם צייט־גייסט. בלײַבנדיק אַפילו טריי דעם ציוניזם, האָט זיך דאָך די יוגנט דורכ־געדרונגען מיט די אידעען פון דער רעוואָלוציע און דעם סאָציאַליזם. אַנדערע גרופּעס פון דער נאַציאָנאַלער יוגנט, וועלכע האָבן דעם ציוניזם נישט אָנערקענט, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער, אין דער גלײַכער צייט מיטן ציוניזם, אַנטשטאַנענער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע — אין דעם „בונד“. נעבן דער ביז אַהער אַליינהערשנדיקער „התקוה“ הייבט מען אָן הערן די בונדישע „שבועה“ און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לידער. ס׳אַנטשטייען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס „פּועלי־ציון“ און די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, די אַזוי גע־רופענע „טעריטאָריאַליסטן“.

אַפילו די אָנפירער פון די „יונגע“ און די „פרײַדענקערס“ מיט

ווייצמאַנען אין דער שפּיץ, וועלכער איז אייגנטלעך געווען אַן אויסגע־שפּראָכענער „עוואָלוציאָניסט" הן אין דער וויסנשאַפט, הן אין דער פּאָ־ליטיק, אַפילו זיי האָבן זיך אין אַ געוויסער מאָס אויך „אָנגעשטעקט" מיטן צייט־גייסט און אויפן פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין 1901, געמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין דער באַוועגונג. דער דורכפאַל, וועלכן זיי האָבן געליטן אויפן פערטן קאָנגרעס אין לאָנדאָן, האָט זיי בלויז דערמוטיקט צו מאַכן אַ נייעם פּרווו און צוריק איבערפּאַרמירן זייערע קרעפטן.

אין פרילינג 1901 איז אין מינכען פאָרגעקומען אַן ענגע באַראַטונג פון דער דאָזיקער גרופּע. צווישן די אָנטיילנעמערס האָט זיך אויך געפונען ד״ר קאַהאַן־בערנשטיין, אַ געוועזענער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז צום פערטן קאָנגרעס געקומען דירעקט פון זיין פאַרשיקונג אין סיביר. און בעת אַ פּאָלעמיק צווישן אים און ווייצמאַנען, האָט אים דער לעצטער אַ זאָג געטון: „דורך אייער שוואַרצן אָנצוג זעט זיך אַדורך דאָס רויטע העמדל".

די גרעסטע רעדע אויף דער דאָזיקער באַראַטונג האָט געהאַלטן חיים ווייצמאַן. און אַלס ענטפער אויפן רבנים־צוזאַמענפאָר אין לאָדזש, האָט די מינכענער באַראַטונג באַשלאָסן צונויפצורופן אַ ספּעציעלן צוזאַמענ־פאָר: „פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע פּרינציפן אינערהאַלב דעם ציוניזם". בכדי צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן פּלאַן האָט מען אויסגעוויילט אַ קליינע קאָמיסיע מיט מאָצקין, ווייצמאַן און ד״ר קאַהאַן־בערנשטיין אין דער שפּיץ.

דער צוזאַמענפאָר איז שפּעטער פאָרגעקומען אין באַזל איניקע טעג פאַרן פינפטן קאָנגרעס. אינעם דאָזיקן „כינוס פון דער אַקאַדעמישער יוגנט" האָבן זיך באַטייליקט 40 דעלעגאַטן; פון רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, פראַנקרייך אין דער שווייץ.

אויסער דער ניי־אַנטשטאַנענער דעמאָקראַטישער פראַקציע האָט דער פינפטער קאָנגרעס געהאַט צו פאַרצייכענען נאָך איינע, אַ פיל גרעסערע דערגרייכונג — די גרינדונג פונעם „קרן־קימת". די שטימונג פאַר דעם פינפטן קאָנגרעס און אויפן קאָנגרעס גופא איז געווען זייער אַ גינסטיקע פאַר דער שאַפונג פון דעם „נאַציאָנאַל־פאָנד". אין די רעפעראַטן און באַשלוסן פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע איז קלאָר און דייטלעך אויסגעדריקט

געוואָרן דער געדאַנק, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג מוז אומבאַדינגט צוטרעטן אָנצוהייבן די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט פון ארץ־ישראל; אַז זי, די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, איז איינע פון די וויכטיקסטע פּאָליטישע פאַקטאָרן פאַר דער אַנטגילטיקער רעאַליזירונג פון אונדזער הויפּט־ציל.

די נייע ציוניסטישע אינסטיטוציע, דער „קרן־קימת לישראל״, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג נישט נאָר אין די ציוניסטישע קרייזן גופא, נאָר אויך צווישן די ברייטע פאָלקסמאַסן. די גלייכגילטיקע, די דאָזיקע וועלכע זענען ביז דעמאָלט געשטאַנען פון דער ווייטנס, האָבן אָנגעהויבן צו דערזען, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג ווערט אויס חלום, אַז זי נעמט אָן קאָנקרעטע פאָרמען און טרעט צו צו רעאַלער, פּראַקטישער אַרבעט.

צוריקקומענדיק אויף זייערע ערטער האָבן די דעלעגאַטן פון רוסיש־פּוילן אויף די באַריכט־פאַרזאַמלונגען זיך באַמיט אויפצוקלערן און צו פּאָפּולאַריזירן די וויכטיקע באַדייטונג פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד פאַר דעם ארץ־ישראל־אויפבוי.

מיט אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון פאַראיינס־פאָרשטייער און סתם ציוניסטישע עסקנים. דער כינוס האָט אָקצעפּטירט דעם סטאַטוט און טעטיקייטס־פּלאַן פאַר דער קינפטיקער קרן־קימת אַרבעט. אויסער פאַר געלט־זאַמלונגען איז אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן אַקציע פאַר זאַמלונגען פון חפצים. ס׳איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז ביי יעדער אָרגאַניזאַציע ווערט געשאַפן אַ ספּעציעלע קרן־קימת־קאָמיסיע נישט בלויז פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אויך פאַר פּראַקטישע אַרבעטן לטובת דעם נאַ־ציאָנאַל־פאָנד. דער דאָזיקער ערשטער קרן־קימת־צוזאַמענפאָר האָט אַרויסגערופן גרויס התלהבות נישט בלויז ביי אַקטיווע ציוניסטן, נאָר אויך ביים גרויסן עולם סימפּאַטיקער און געסט. די חפצים־אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן גלייך אויפן אָרט, בעת דער שלוס־זיצונג. ס׳איז שוין צענדליי־קער יאָר אין דעם און כ׳געדענק עס ווי היינט. ביים פּרעזידיום־טיש איז געזעסן דער רב זלאָטניק פון פּלאָנסק. ער האָט דער ערשטער פון זיך אַראָפּ־גענומען דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט. און באַלד איז דער טיש פול געוואָרן מיט פאַרשיידענע חפצים: רינגלעך, בראָשקעס, אוירינג־

לעך אאַ״ו. צום לויב פון דער ייִדישער פרוי וויל איך אונטערשטרייכן, אַז די צאָל פון די שפּענדערינס האָט פילפאַכיק איבערגעשטיגן די צאָל פון די מנדבים־מענער. כאָטש ביי דער מעשה פון עגל ברענגט די אגדה די דאָזיקע האַנדלונג לגנאי פאַר די ווייבער, האָב איך עס דעמאָלט באַטראַכט דווקא פון דער פּאָזיטיווער זייט און האָב אויסגענוצט די דאָזיקע שטימונג אין דער ברייטסטער מאָס.

מיט דער אַנטשטייונג פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד איז ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז איצט איז דער פּאַסנדיקסטער מאָמענט צו שאַפן אַ באַזונדערע ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע. דער קרן־קימת האָט געעפנט פאַר דער ייִדישער פרוי אַ ברייט טעטיקייטס־פעלד. די פּראַקטישע אַרבעט אירע לטובת אונדזער אידעאַל, וועט איר זיכער געבן אויך אַ גייסטיקע באַפרידיקונג און — מתוך שלא לשמה בא לשמה — דורך דער אַרבעט גופא וועט זי זיך מיט דער צייט אויך דורכדרינגען מיטן אידעיִשן מאָמענט פון אונדזער באַפרייונגס־באַוועגונג — האָב איך געטראַכט; ווען איך האָב אָבער דעם דאָזיקן געדאַנק אַרויסגעזאָגט פאַר איינעם פון די אָנפירנדיקע חברים, האָט ער מיר אַ זאָג געטון מיט דער אַלט־באַקאַנטער ביטול־באַציִונג:

— חברה ראַקאָווסקי, איר וועט קיין ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע נישט שאַפן.

— אפשר יאָ — האָב איך אים געענטפערט און תּיכף איבערגעריסן דעם געשפּרעך.

דער דאָזיקער קורצער שמועס האָט מיך, נאַטירלעך, פאַרדראָסן אָבער נישט אַנטמוטיקט. נישט לאַנג וואַרטנדיק האָב איך צוזאַמענגערופן אַ גרופּע מער־ווייניקער אַקטיווע חברות און זיי פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן שאַפן אַ באַזונדערע פרויען־קאָמיסיע פאַר דער קרן־קימת־אַרבעט. עס איז שוין די העכסטע צייט — האָב איך זיי געזאָגט — אַז מיר זאָלן אויפהערן צו זיין שיק־מיידלעך ביי אונדזערע חברים. פאַקטיש איז אונדזער אָנטייל אין יעדער פּראַקטישער אַרבעט אַ פיל גרעסערער ווי דער פון די מענער — האָב איך געזאָגט. אָבער אונדזערע חברים פאַרשרייבן עס אויף זייער קאָנטע. מיר פאַרלאַנגען נישט דערפאַר קיין דאַנק, ווייל דאָס איז אונדזער פליכט. קוים אָבער טראָגן מיר די זעלבע פליכטן, פאָדערן מיר

גלייכע רעכט, און דאָס וועלן מיר דערוועררבן נאָר דאַן, ווען אונדז וועט געלונגען צו שאַפן אַ באַזונדערע ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע.

די גרינדונג פון אַ ספּעציעלע פרויען־קאָמיסיע פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד איז דער ערשטער שריט צו אַ ציוניסטישן פרויען־פאַרבאַנד אין רוסיש־פוילן. מיין פאָרשלאַג האָט געפונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג. און נאָך אַ לענגערן מיינונגס־אויסטויש איז ער איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן און עס איז געווײלט געוואָרן אַ פרויען־קאָמיסיע.

ווי אַזוי האָבן רעאַגירט אויף דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן שריט פון די חברות די קאָמיטעט־מיטגלידער פון דער „בני־ציון״־אָרגאַניזאַציע? די עלטערע האָבן דאָס פּשוט באַטראַכט ווי אַן אַטענטאַט אויפן בפירושן פּסוק פון דער תורה: „והוא ימשל בה״. די יונגע דאָקעגן האָבן געהאַלטן אַז דאָס איז קעגן די „פּרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע״, וועלכע אָנערקענט נישט קיין שום באַזונדערע פרויען־אָרגאַניזאַציעס. קיין פּראָטעסט־אַקציעס האָבן אָבער די קעגנערס פון ביידע צדדים נישט אונטערגענומען. און די פרויען־קאָמיסיע האָט געפירט איר אַרבעט נישט מיט קיין קלענערן דערפאָלג ווי די פון די חברים־מענער. און די דאָזיקע אַקטיווע פרויען־גרופּע האָט פאַקטיש, אין אַ געוויסער צייט אַרום, געלייגט דעם יסוד פאַר אַ ציוניסטישן פרויען־פאַרבאַנד אין פוילן אונטערן נאָמען „בנות־ציון״.

די אַקטיווסטע חברות פון דער פרויען־קאָמיסיע פאַר דער קרן־קימת־אַרבעט, וואָס איז אין יאָר 1902 געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע און זענען אויך שפּעטער געוואָרן די קאָמיטעט־מיטגלידער פון פאַראיין „בנות־ציון״ און געפינען זיך איצטער אין ישראל, זענען דעמאָלט געווען: מלכה גאָרדאָן, אייגע ראַמבערג־ גיטל אַדין,ביילע אַרקין און מיין חברטע לאה פּרושאַנסקי. אין איינעם אַ טאָג האָט זי צוזאַמען מיט איר מאַן אַריינגעטראָגן אין דער קאָמיסיע אַ פּראָיעקט, אַז דער קרן־קימת זאָל זיך נישט שטיצן אויף צופעליקע נדבות, ווי חתונות, תנאימס, בר־מצוות אאַ״וו, נאָר זיינע מיטגלידער זאָלן זיך פאַרפליכטן צו צאָלן אַ רעגולערן חודש־אָפּצאָל. צו דעם צוועק האָט זי געלאָזן מאַכן קליינע בלאָקלעך אין דער פאָרעם פון אַן אַלבום. אויפן בלויען איינבאַנד מיט ווייסע אותיות איז געווען דער אויפשריפט: קרן־קימת לישראל. און כדי אויסצומיידן דעם חשד פון גניבות האָבן די אינקאַסענטן אָנשטאָט אַרויסצוגעבן אַ קבלה, אַריינגע־

קלעפּט אין דעם אַלבום, וועלכער איז געבליבן ביים שפּענדער — קרן־קימת־מאַרקעס אין דער הויך פון דער איינגעצאָלטער סומע. דער דאָזיקער אַלבום — לויט דער דעמאָלטיקער מאָדע צו האַלטן ביכער אויף די טישן מיט די פּלושענע טישטוכער — האָט זיך תמיד געפונען אויבנאָן אויפן טיש און האָט געדינט ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע־מיטל צו פאַרשפּרייטן דעם קרן־קימת־געדאַנק צווישן ברייטערע קרייזן. דעם שיינעםביישפּיל פון וואַרשע האָבן באַלד נאָכגעטון אויך פאַרשיידענע פּראָווינץ־שטעט.

לאה פּרושאַנסקי האָט אויך געהאַט בדעה צו פאַרשענערן קינסטלעריש דעם דאָזיקן אַלבום מיט פאַרשיידענע ארץ־ישראל־בילדער אאַ״וו. זי האָט זיך דעמאָלט געווענדט נאָך מיטהילף פאַר דעם צוועק צום באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן ה׳ לעאָן לעוויטע. זי האָט געוואָלט איבערשיקן דעם פּלאַן פאַר דעם דאָזיקן פּראָיעקט אויפן צוזאַמענפאָר אין מינסק. פּלוצלינג איז זי אָבער קראַנק געוואָרן און פון דעם דאָזיקן ענין איז גאָרנישט געוואָרן.

## קאַפּיטל ניין

אין יאָר 1901, בעת מיין זון איז אין עלטער פון 18 יאָר אַריבער אינעם 8טן גימנאַזיע־קלאַס אין פּלאָצק, האָט ער מיר אין סאַמע מיט שול־יאָר געמאַכט אַ זייער אומאָנגענעם סורפּריז. אין איין שיינעם טאָג באַקום איך פון אים אַ בריוו, באשר ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן פון גימנאַזיע. ער וועט — שרייבט ער מיר — געבן פּראָבע־לעקציעס, באַקומען אַ לערער־אַטעסטאַט און קומען קיין וואַרשע אַרבעטן צוזאַמען מיט מיר אין דער שול. וועלכע מאָטיוון האָבן אים דערצו באַוויגן? ערשטנס קען ער זיך מער נישט אונטערוואַרפן קיין תלמידים־דיסציפּלין, צווייטנס קען ער עס שוין מער נישט אויסהאַלטן; ער מוז תיכף אָנהייבן אַרבעטן ווי אַ לערער און דערציִער, מחמת דאָס פילט ער איז זיין לעבנס־אויפגאַבע און זיין באַרוף. זיין בריוו האָט מיך אַזוי איבערראַשט אַז לכתחילה האָב איך זיך נישט געקענט אָריענטירן ווי אַזוי אויף דעם דאָזיקן איינפאַל צו

רעאַגירן; צי זאָל איך אים נאָכגעבן אָדער זיך אים אַקעגנשטעלן? אָן מיין הסכמה האָט ער גאָרנישט געקענט דורכפירן, ווייל די גימנאַזיע האָט פאַרלאַנגט אויף דעם אַ דערלויבעניש פון דער מוטער. איך בין גלייך אַוועקגעפאָרן קיין פלאָצק, געפרווט אים אויפקלערן, אַז איך האָב גאָרנישט דאַקעגן אַז ער זאָל ווערן אַ לערער אויב ער פילט דערצו נישט נאָר אַ נייגונג, נאָר אפילו אַ באַרוף, אז מהיכא תיתי, אָבער קיינער וועט דאָך דערפון נישט ליידן — האָב איך אים געזאָגט — אַז ער וועט פריִער פאַרענדיקן דעם אַכטן קלאַס גימנאַזיע און רעאַליזירן זיין באַשלוס מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער. פאַרוואָס בידים פאַרלירן אַ מעגלעכקייט פאַר העכערע בילדונג טאַקע אויך אויפן פּעדאַגאָגישן געביט? ווען אַלע מיינע איינווענדונגען האָבן אויף אים נישט געווירקט, בין איך אַוועק צום דירעקטאָר און אים דערקלערט, אַז איך מוז מיין זון אומבאַדינגט האָבן ווי אַ לערער ביי מיר אין שול און תיכף דערלאַנגט אַ ביטע אַז מען זאָל אים צולאָזן צו פּראָבע־לעקציעס און אים אַרויסגעבן די געהעריקע לערער־צייגעניש.

ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער זיך מיטן גאַנצן יוגנט־ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. די קינדער האָבן אים באַלד זייער ליב באַקומען, ווייל ער איז באמת געווען אַ לערער פון גאָטס־גענאָד. זייענדיק דעמאָלט ציוניסטיש־געשטימט אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט, טרעט ער גלייך צו צום קרייז פון די פּריוויליקע לערערס און מדריכים אויף די אָוונט־קורסן פאַר דער יוגנט. צווישן די לערערס האָט זיך דע־מאָלט אויך געפונען דער חבר מרדכי לעדערער, אַ געוועזענער ישיבה־בחור פון גרויס־חסידישע קרייזן, וועלכער איז אַרויס „לתרבות רעה" און געוואָרן אַ פאַרברענטער ציוניסט (מיט יאָרן שפּעטער איז מ. לעדערער געווען דער מנהל פון בית־עוורים אין ירושלים. אין אַ שליחות פון קרן קימת קיין פוילן איז ער אין וואַרשע אין יאָר 1923 געשטאָרבן פון אַ לונגען־אַנצינדונג). דער דאָזיקער מ. לעדערער, וועלכער איז געווען לייטער פון די אָוונט־קורסן, האָט געהערט צו מיינע בני־בית־חברים. מיט מיין זון זענען זיי באַלד געוואָרן זייער נאָענט און צוזאַמען געאַרבעט גאַנץ ענערגיש.

אין דער גלייכער צייט האָט אויף די קורסן אויך געאַרבעט ווי אַ פרייַ־

ווילּיקער לערער אַ געוויסער מרדכי בירנבוים, אַן אָפּשטאַמיקער פון דעם קליינעם שטעטל שערעשעוו (גראָדנער גובערניע). דער דאָזיקער יונגערמאַן איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער טיפּ פון דער השכלה־עפּאָכע, אַן אויסגעצייכנטער העברעיִש־קענער און תּלמודיסט, מלא וגדוש, מיט ייִדישער וויסנשאַפט און אויך אַ גרויסער קענער פון דער רוסישער וויסנ־שאַפט און ליטעראַטור. דאָס אַלץ האָט ער דערוואָרבן ווי אַן אויטאָדידאַקט נישט באַטרעטנדיק די שוועל פון אַן אוניווערזיטעט אָדער מיטל־שול. אויסערלעך האָט ער געמאַכט אַן אָריגינעלן איינדרוק: פון אַ זייער הויכן וווקס — צווישן גלות־ייִדן דעמאָלט אַ זייער זעלטענע דערשיינונג — נישט קיין שטאַרק שיינער, אָבער זייער אינטערעסאַנטער פּנים; אַ שטאַר־קע ענלעכקייט אויף מאַקסים גאָרקי, נאָר אַ געזונטערער אויסזען פון אים. אויף מיין זון, בעת זיי זענען געוואָרן נענטער באַקאַנט, האָט ער געמאַכט אַזאַ אָנגענעמען איינדרוק, אַז אין איינעם אַ טאָג האָט ער צו אים געזאָגט:

— חבר בירנבוים, איר ווילט באַקענען אַן אינטערעסאַנטע פרוי? קומט צו אונדז וועל איך אייך באַקענען מיט מיין מוטער.

אַ געוויסן אָוונט זענען זיי נאָך די לעקציעס געקומען אַלע דריי: מיין זון, מרדכי לעדערער און מרדכי בירנבוים. צו יענער צייט האָט אויך געוווינט ביי מיר די ייִנגסטע פון מיינע צוויי שוועסטערן, וועלכע זענען געווען דענטיסטקעס. די עלטערע, דינה, האָט געהאַט איר קאַבינעט אין ביאַליסטאָק, און די ייִנגערע, צילע, האָט פּראַקטיצירט אין וואַרשע. זי איז געווען אַן אַקטיווע בונדיסטקע און געהאַט איר קאַבינעט אויף דזשיקע גאַס. צוליב קאָנספּיראַציע האָט זי געוווינט ביי מיר. באַלד זענען אויך אָנגעקומען מיין טאָכטער מיט עטלעכע אירע חברטעס, גימנאַזיסטקעס פון זיבעטן קלאַס, און אויך מיינע צוויי פּענסיאָנערן, יונגע בחורים, קרובים פון מיין חברטע לאה פּרושאַנסקי, וועלכע האָבן זיך געגרייט צום עקזאַמען אין זעקסטן קלאַס רעגירונגס־גימנאַזיע און די עלטערן זענען געווען צופרידן אַז זיי וווינען אין אַן אָנשטענדיק הויז און אין אַ ציוניסטישער סביבה. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן סתּם חברים און באַקאַנטע, וועלכע זענען געווען צוגעוווינט צו קומען אין אַ פרייען אָוונט, פאַרברענגען אַ פּאָר שעה אין אונדזער שטוב. זיך צו טרעפן אין קאַפע־הייזער, ווי אין היינטיקע צייטן, איז נאָך אין יענע יאָרן נישט געווען אין דער מאָדע. מען האָט

זיך געפילט פרייער אין אַן ענגערן קרייז צווישן חברים און באַקאַנטע בײַ אַ היימיש גלעזל טיי. בײַ מיר האָט מען יעדן איינעם מקבל געווען בסבר פנים יפות. די טיר איז פאַר קיינעם נישט געווען געשלאָסן. בײַ דעם אַלעם האָט מען אפשר געאַרבעט און געשאַפן נישט ווינציקער ווי היינט. מען האָט נישט אַזוי פיל גערעדט און ווייניקער זיך געפּלפּולט.

דער חבר בירנבוים האָט אויף אַלע אָנוועזנדיקע געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ זייער אינטערעסאַנטן יונגנמאַן. ביים אָוועקגיין האָט ער מיך געבעטן אים דערלויבן אַרייַנצוקומען אָפטער, איך האָב, נאַטירלעך, קעגן דעם גאָרנישט געהאַט.

אויף דעם אופן איז פאָרגעקומען די באַקאַנטשאַפט מיט מיין דריטן מאַן, וועלכן ס׳האָט מיר אויסגעשדכנט מיין אַכצניעריקער זון.

צווישן ערשטן און דעם צווייטן וויזיט האָט עס נישט לאַנג געדויערט און בירנבוים איז אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ קורצער צייט אַריין אין קרייז פון מיינע נאָענטע בני־בית־חברים.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער מיר צווישן אַנדערן דערציילט קורץ זיין לעבנס־געשיכטע און אויך וועגן זיין קעגנוואַרטיקער לאַגע אין וואַרשע.

זיין פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער רייכער ייִד, אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער ביר־ברויעריי אינעם שטעטל שערעשעוו. די מוטער, וועלבע איז אים יונג געשטאָרבן, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פרומע און גוטע פרוי. זיי זענען געווען דריי ברידער. דער עלטסטער — אַ סוחרישער יונגערמאַן, פאַרהייראַט און אַ פאָטער פון אַ דריי יעריקער מיידעלע, דעמאָלט געהאַלטן בײַ אָפּגטן זיין פרוי, ווייל מען האָט אים חתונה געמאַכט קעגן זיין ווילן. און דער ייִנגסטער, אַ זייער פרומער, געלערנט אין אַ סך ישיבות, איז אַלס גאָר יונגער בחור אַוועק קיין ארץ־ישראל אין אַ דאָרטיקער ישיבה און היינט איינער פון די אָנגעזעענע ייִדן אין פתח־תקוה.

ער גופא האָט געלערנט ש״ס און פוסקים בײַ גרויסע רבנים. איז אָבער געוואָרן אַן אַפּיקורס און זיך גענומען צו אַלגעמיינע לימודים. קיין סיסטעמאַטישע בילדונג האָט ער, נאַטירלעך, נישט באַקומען, נאָר ער האָט אַ סך געלערנט און געלעזן. אין וואַרשע האָט געוווינט זיינס אַ מומע, דער מוטערס אַ ייִנגערע שוועסטער, וועמענס מאַן איז געווען אַדמיניסטראַטאָר פון אַ סך הייזער — קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט — און זענען

געווען זייער רייכע מענטשן. ס׳איז אים נמאס געוואָרן דאָס זיצן אין קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטל, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין וואַר־שע זוכן העברעישע לעקציעס. ס׳קומט אים אָבער אויס צו אונטער־ריכטן נאָר אין חדרים, ווייל ער האָט נישט קיין שום לערער־צייגעניש. די דאָזיקע אַרבעט באַפרידיקט אים אָבער ווייניק, מען מוז דאָך אָבער לעבן; סטאַנציע האָט ער ביי דער מומען; וואָס אַן אמת געגוגט אים זיין פאַרדינסט. וואַרשע אָבער האָט דערפאַר אַ סך ביבליאָטעקן, לייען־זאַלן און פאַרשיידענע קולטור־אַנשטאַלטן, און דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער הויפּט־מאָמענט פאַרוואָס עס האָט אים געצויגן קיין וואַרשע.

אויסהערנדיק זיין אויפריכטיקן השתפכות הנפש האָב איך אים גע־מאַכט פאָלגנדיקן פאָרשלאָג:

— הערט אויס, חבר בירנבוים, ביי מיר אין דער שול קענט איר באַקומען העברעישע לעקציעס אָן אַ שום צייגעניש. איך וועל אייך איינ־מעלדן אין דער אינספּעקציע ווי אַ לערער פון רעליגיע און איר וועט קענען פּראַקטיש אונטערריכטן: העברעיש, תנ״ך. דאָס הייסט, אַלע יידישע לימודים אין רוסישער איבערזעצונג, ווייל די אונטערריכטס־שפּראַך אין מיין שול איז רוסיש. און איך האָב דעם איינדרוק אַז אין אַ גוט איינגע־אָרדנטן קלאַס וועט אייך די אַרבעט זיכער צופרידנשטעלן. און מיט דער צייט וועט איר אָן שום ספק אויך ווערן אַ גוטער לערער. איך האָב אַ באַזונדערע שוואַכקייט צו מאַכן ווען איך קען נאָר פאַר אַ לערער. איך בין זיך אָבער מודה אַז ביז איצט האָב איך עס געמאַכט פּרינציפּיעל נאָר בנוגע פרויען, ווייל לויט מיין מיינונג דאַרף די גאַנצע דערציונגס־אַרבעט בכלל איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די פרויען, ווי דאָס האָט שוין, איבעריקנס, די ערשטע פאַרשטאַנען צו מאַכן נאָרד־אַמעריקע. — דאָרט באַשטייט די לערערשאַפט ניינציק פּראָצענט פון פרויען. — איך בין אָבער גרייט דאָס מאָל צו מאַכן אַן אויסנאַם. איך וועל אייך געבן אין אַ העכערן קלאַס איניקע שעהן תנ״ך־לימוד און איך האָף אַז דער עקספּע־רימענט וועט זיין אַ געלונגענער פאַר ביידע צדדים. איך שלאָג אייך פאָר תנ״ך; איין מאָל, ווייל אין אַ העכערן קלאַס איז דער־אַ לימוד בכלל לייכטער; צווייטנס, ווייל די אָנפאַנג־קלאַסן געטרוי איך בכלל קיינעם נישט. דאָס איז אמת די שווערסטע, אָבער דערפאַר די דאַנקבאַרסטע אַרבעט פאַרן

לערער; און איז דער יסוד פון דער גאַנצער שול, אויסער דעם האָב איך זיך אין דעם דאָזיקן ספּעציאַליזירט און בין געקומען צום באַשלוס, אַז דווקא פאַר די אָנפאַנגס־קלאַסן מוז מען האָבן די בעסטע לערערס.

בירנבוים האָט, נאַטירלעך, זייער גערן אָנגענומען מיין פאָרשלאַג. איך האָב דורכגעפירט די פאָרמאַליטעטן אין דער שול־אינספּעקציע און ער האָט אָנגעהויבן צו אונטעררריכטן תנ״ך אין פינפטן קלאַס.

ווי אַ לאַנגיעריקע אייגנטימערין פון אַ שול האָב איך זיך איבער־געצייגט, אַז די בעסטע מבינים אויף אַ לערער זענען תמיד די קינדער אַליין. קוים האָב איך אָנגענומען אַ נייעם לערער אָדער לערערין האָב איך זיך תמיד צוגעהערט צו דער מיינונג פון מיינע תלמידות נאָך די ערשטע לעקציעס. קיינער נישט אַזוי ווי קינדער פילן אינטויִטיוו דעם גוטן, פעיִקן לערער און להיפוך אויך דעם אומפעיִקן. אויך דאָס מאָל האָב איך זיך נישט אָנטוישט. די תלמידות זענען ממש געווען אַנטציקט מיט זיינע לעקציעס און האָבן אים שטאַרק ליב באַקומען. — מיט יאָרן שפּעטער איז ער געווען אין וואַרשע איינער פון די פּאָפּולערסטע העברע־יִשע און יִדישע לערער־פּעדאַגאָגן און אויך מחבר פון פיל יִדישע און העברעיִשע לערן־ביכער. — לערנענדיק אַ געוויסע צייט ביי מיר אין שול איז בירנבוים איין מאָל געקומען מיר באַדאַנקען וואָס איך האָב אין אים אַנטדעקט זיין לעבנס־באַרוף. יעדע לעקציע — האָט ער געזאָגט — פאַרשאַפט אים אַן אויסערגעוויינלעך גייסטיקע באַפרידיקונג. ער פילט זיך ווי אַ ניי־געבוירענער. ענדלעך האָט ער געפונען זיין ריכטיקן וועג.

די געמיינזאַמע אַרבעט, די טאָג־טעגלעכע באַגעגענישן און מיינונגס־אויסטוישן בעת די הפסקות אין לערער־צימער, האָבן באַאיינפלוסט אויך אונדזערע פּערזענלעכע באַציִונגען. ביי מיינע קינדער האָט ער אַרויס־גערופן אַ שטאַרקע סימפּאַטיע און מיר זענען געוואָרן נאָענטע און איבער־געגעבענע פריינט.

אַז ביי אים האָט זיך פאַר דער צייט אַנטוויקלט אין באַצוג צו מיר עפּעס אַנדערש ווי אַ פשוט פריינטשאַפט־געפיל איז מיר לכתחילה גאָר־נישט איינגעפאַלן. קודם־כל איז ער געווען מיט גאַנצע צען יאָר ייִנגער פון מיר. צווייטנס האָט ער זיך באַצויגן מיט דער זעלבער אויפמערקזאַמ־קייט צו מיר ווי צו מיין ייִנגערע שוועסטער און מיין זעכצניעריקער טאָכ־

טער. אויסער דעם האָב איך זיך נאָך אין אַ געוויסער מאָס געפונען אונ־טערן איינדרוק פון מיין טראַגישער איבערלעבעניש מיטן חבר קריסלאַ־ווין. פאַרוואונדעט ביז צו די טיפעניש פון מיין נשמה האָב איך פּראָסט־פּשוט מורא געהאַט אַפילו צו קלערן וועגן מאַכן נאָך אַמאָל אַזאַ מין ערנסטן שריט אין לעבן.

צו יענער צייט האָט ביי מיר אין דער שול געאַרבעט ווי אַ לערערין פון פּויליש מיינע אַ חברטע פון לאָמזשע, אַ געוויסע דבורה נאַטאַנזאָן. זי איז געווען נישט בלויז אַ טיכטיקע פּעדאַגאָגין, נאָר אויך אַ הויך־געבילדעטע פרוי און בכלל אַ זעלטענער מענטש. מיינע קינדער האָט זי ליב געהאַט ווי אַ מוטער. אַליין האָט זי קיין קינדער נישט געהאַט און איר באַציִונג צו מיר איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך נאָענטע. און די דאָזיקע חברטע איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אַז דער לערער בירנבוים איז צו מיר נישט גלייכגילטיק. אַ שטיקל צייט האָב איך אויף דער דאָזיקער געשיכטע לגמרי נישט רעאַגירט. פּשוט נישט געווען קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע זאַכן. דער טאָג איז תמיד געווען צו קורץ. פון אַכט אינדערפרי ביז פיר נאָכמיטאָג אין דער שול, מיטגעלערנט צוזאַמען מיטן פּערסאָנאַל די גאַנצע צייט. און איך דערלויב מיר צו באַמערקן, אַז אין יענע צייטן האָט מען אין די שולן וויניקער געטאַנצט און מער געלערנט. מען האָט זיך נאָך געהאַלטן ביים אַלטן כלל, אַז „תורה נצריכה ללמד". די אָוונטן האָט מען אָפּגעגעבן דער ציוניסטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. קיין דאגות פּרנסה, ווי מען רופט עס אויף מאַמע לשון, האָט אויך נישט געפעלט. דעקן דעם מאָנאַט־לעכן בודזשעט פון דער שול, אַז עס זאָל נאָך עפּעס בלייבן פאַר דעם פאַמיליען־אויסהאַלט, איז אויך נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, אַפילו פאַר אַן ענערגישן מענטשן. יאָ, נישט לייכט איז געווען דאָס לעבן, אָבער זיס און אָנגענעם דער באַוווסטזיין אַז דו ביסט אַ פרייער מענטש, נישט אָפּהענגיק צו זיין פון קיינעם און לעבן פון „יגיע כפו". מיין שול איז טאַקע געווען אַ פּריוואַטע און איך וואָס אַן אמת די אייגנטימערין, — דער געדאַנק וועגן אַנשטאַלטן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות איז נאָך דע־מאָלט געווען אינגאַנצן ניי — פאַקטיש אָבער האָב איך פאַר מיינע זעקס לעקציעס, צוזאַמען מיט דער אָנפירונג־אַרבעט, באַקומען פּונקט אַזוי פיל

ווי יעדער לערער אָדער לערערין. איך האָב מיין פּערסאָנאַל נישט עקס־פּלואַטירט און דאָס האָבן זיי גוט געוווּסט.

מחמת מיין ערנסטע באַציִונג צום לעבן און מיין גאַנצער וועלט־אַנשויונג האָט ביי מיר אין הויז בכלל געהערשט אַן אַטמאָספער פון לערנען און אַרבעטן, „תורה ועבודה לשמה". אַלע מיינע אָנגעהעריקע און שטוב־מענטשן האָבן פאַרשטאַנען ריכטיק אָפּצושאַצן דעם גרויסן ווערט פון צייט. זיי האָבן געוווּסט אַז „היום קצר והמלאכה מרובה", און קיינער פון אונדז האָט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט קיין פּוסטע זאַכן. דאָס האָט אויך באַלד באַמערקט בירנבוים, און כדי צו האָבן די מעגלעכקייט פון אַריינקומען יעדן טאָג נאָך די לעקציעס האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן אַז מיר זאָלן לייענען צוזאַמען מאַרקסן. איך האָב דעם דאָזיקן פאָרשלאָג אַקצעפּטירט און זיך באַמיט צו געפינען צייט אויף דעם. ס׳קלינגט, נאַטירלעך, זייער ראָמאַנטיש — איבערהויפּט אין דער איצטיקער צייט פון גרויסע וועלט־צעטרייסלונגען — אַז ערשט סך־הכל, בלויז מיט 40 יאָר צוריק, האָבן זיך נאָך געפונען מענטשן, וועלכע האָבן מיט אַזאַ סאָרט צוגאַנג געזוכט צו געווינען די סימפּאַטיע און צונייגונג פון אַ געליבטער פרוי.

נאָך דעם ווי בירנבוים איז געוואָרן אַ טעגלעכער איינגייער ביי אונדז אין שטוב, האָבן זיך מיינע אָנגעהעריקע און בכלל דער גאַנצער עולם נאָענטע באַקאַנטע באַלד געכאַפּט, אַז זיין באַציִונג צו מיר טראָגט נישט נאָר בלויז דעם כאַראַקטער פון פריינטשאַפטלעכקייט אַליין. אַ יונגערמאַן פון 26 יאָר, שטאַרק טעמפּעראַמענטפול, איז אים שווער געווען דאָס באַהערשן פון זיינע געפילן. און אין איין שיינעם און העלן טאָג האָט ער מיר איינפאַך און אָפנהאַרציק דערקלערט, אַז ער האָט זיך אין מיר פאַרליבט באַלד ביי זיין ערשטן באַזוך. און ער גלויבט, אַז זיינע ערנסטע און אויפריכטיקע געפילן וועלן געפינען ביי מיר דעם געהעריקן אָפּקלאַנג און איך וועל מסכים זיין מיט אים חתונה צו האָבן.

קיין איבעררעאַשונג, וואָס אַן אמת, איז פאַר מיר די דאָזיקע דער־קלערונג נישט געווען; דאָך האָט עס אַרויסגערופן ביי מיר אַ שווערן, אינערלעכן קאַמף. אין גאַנצן גלייכגילטיק בין איך אויך צו בירנבוימען שוין דעמאָלט נישט געווען, מחמת ער האָט אויפגעוועקט אין מיר אַזעלכע געפילן וואָס זענען שוין יאָרנלאַנג, אפשר, געווען לגמרי פאַראַליזירט.

ס'איז פאַר מיר אויך געשטאַנען די פראַגע: ווי אַזוי וועלן אויף דעם דעאַגירן מיינע דערוואַקסענע קינדער? דער פאַקט וואָס בירנבוים איז געווען מיט גאַנצע צען יאָר יינגער פאַר מיר, איז אויך אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ גרויסער מינוס.

**
*

און דאָ וויל איך אַ ביסל אָפּוויילכן פון מיין דערציילן און ענטפערן מיינע חשובע חברים און חברות אין ישראל פאַרוואָס עס איז מיר אַזוי שווער געווען אָנצוהייבן שרייבן מיינע זכרונות איצט, ביי די יאָרן, כאָטש איך נעם זיך די דרייסטקייט צו באַהויפּטן, אַז אַפילו מיין פערזענלעכע רעוואָלוציע איז אפשר אויך אין אַ געוויסער מאָס אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה פון יידישן לעבן. אָבער ווי זאָגט דער פסוק: „לכל זמן ועת לכל חפץ". בעת עס שילדערט אירע פערזענלעכע איבערלעבענישן אַ פרוי פון 35 יאָר, קלינגט עס ווי געשריבן פאַר זיך גופא און דאָס גלייכע פאַרן לייענער גאַנץ נאַטירלעך און פאַרשאַפט אָפט־מאָל אַנגענעמע מאָמענטן. ווען מען טוט עס אָבער אין עלטער פון 75 יאָר און מען איז נאָך דערצו דאָס גאַנצע לעבן געווען אַ טיף־ערנסטער מענטש — ביי וועמען דער ערנסט האָט שוין כמעט געגרענעצט מיט פעסימיזם — באַטראַכט מען עס אפשר גאָר אַלס „חטאת־נעורים". וויפל פאַלשע שריט, וויפל צרות און ליידן האָט מען אפשר געקענט אויסמיידן אינעם לעבן. דער איינציקער פאָזיטיווער מאָמענט וואָס האָט מיך באַוויגן נאָכצוגעבן די פאָדערונג, איבערהויפּט פון דער חשובער חברה רחל קאַצענעלסאָן, איז די האָפענונג, אַז אפשר וועלן מיינע זכרונות אין אַ געוויסן זין זיין באַלערנדיק פאַר אַנדערע, פאַרן יינגערן דור יידישע פרויען.

**
*

מיינע וואַקלענישן און מיין אינערלעכער קאַמף האָבן נאָך געדויערט אַ געוויסע צייט. איך בין אָבער דעם דאָזיקן נסיון נישט בייגעשטאַנען. און אין איין שיינעם טאָג בין איך אַריין צו אַ גאָלדשמיד און געקויפט אַ קידושין־רינגל און געלאָזט אויסקריצן אויף דער אינעווייניקסטער זייט די אויפשריפט: „כ"ה שבט, שנה ראשונה לפתיחת האוצר הלאומי" — דאָס איז געשען מיט 39 יאָר צוריק. אין אָוונט זענען מיר אַוועק צו איינעם

פון מיינע בני־בית־חברים, אַ געוויסן לוריע, אַ סוחרישער יונגערמאַן פון די מאָסקווער פּליטים. אַן אַקטיווער ציוניסט, וועלכער איז צו יענער צייט געווען צווישן דער יוגנט אין וואַרשע זייער באַליבט און פּאָפּולער. ער האָט אַריינגעבעטן צוויי אָנגעשטעלטע פון זיין ביורא און אין דער קעגנוואַרט פון דריי עדות האָט מען דורכגעפירט די קידושין־צערעמאָניע כדת משה וישראל און מיר זענען אַוועק אַהיים. אין די קרייזן פון מיינע חברים און פריינט האָט פאַרשטענדלעך די געשיכטע אַרויסגערופן אַ גע־וויסע סענסאַציע. איך האָב מיר וויניק געמאַכט דערפון. בלויז איינער, דווקא פון מיינע נאָענטסטע, חיים פּרושאַנסקי, דער מאַן פון מיין חברטע לאהקע, האָט נישט אויסגעהאַלטן און מיך געפרעגט:

— פועה, צי זענט איר שוין אין גאַנצן משוגע וואָס איר האָט חתונה מיט אַ בחור יינגער פון אייך מיט גאַנצע צען יאָר?

— חיים — האָב איך אים געענטפערט. איר קענט מיך נאָך פון דער צייט ווען איך בין אַן אַכצניעריקע מאַמע מיט אַ יינגעלע פון דריי מאָ־נאַטן געקומען צו מיין שווער און שוויגער קיין פּינסק. איר זענט דעמאָלט געווען אַ חבר פון יצחק מאַכלין, דעם יינגערן ברודער פון מיין ערשטן מאַן. איצט זענט איר מיר אַ נאָענטער פריינט, ווייל איר זענט דער מאַן פון מיין בעסטער חברטע לאהקע. מיט אייך קען איך דעריבער רעדן גאַנץ אָפנהאַרציק. בירנבוים איז אַ זייער אינטערעסאַנטער, נישט קיין דורכ־שניטס־מענטש און ער געפעלט מיר זייער. צו דעם האָט מיך דער צופאַל מיט אים צונויפגעפירט אין דעם אַזוי גערופענעם געפערלעכן באַלזאַק־עלטער פון דער פרוי. זעכצן יאָר בין איך ווי אַ פרייער מענטש, אין העכסטן זין פונעם וואָרט, געווען אַן אמת אָנשטענדיקע יידישע פרוי. צי איר וועט עס מיר יאָ גלייבן אָדער נישט, איז מיר אַלצאיינס. נאָר איינס וועל איך אייך זאָגן, אַז זייער אָפט פלעג איך אַפילו פאַרגעסן אַז איך געהער צום כלומרשטן שוואַכן אָדער שיינעם מין. ערשט בירנבוים האָט צוריק אַרויסגערופן אין מיר די פרוי. צי איז עס באמת דער געפערלעכער עלטער אָדער זיין גרויסע ליבע און שטאַרקער טעמפּעראַמענט? — אין דעם וויל איך זיך איצט נישט גריבלען. דער איינציקער חסרון וואָס ער איז יינגער, פיל איך זיך אָבער גייסטיק און אַפילו פיזיש נישט על־טער פון אים, מחמת איך האָב זיך נישט אויסגעלעבט. אַ צען, פופצן יאָר

וועל איך נאָך זיכער זיין אַ יונגע פרוי און שפּעטער — קוים וועל איך דערפילן אונדזער יאָרן־אונטערשייד וועל איך אָוועקגיין. קיין פאַרזאָרגונגס־אַנשטאַלט זוך איך נישט אין בירנבוימען. אַרבעט־פעיִק האָף איך נאָך צו זיין אַפילו אין די עלטערע יאָרן.

ווי אַזוי האָבן אויף דעם רעאַגירט מיינע קינדער? מיין טאָכטער האָט זיך פאַר דער צייט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט אַזוי צוגעבונדן צו בירנבוימען ווי צו אַן אייגענעם פאָטער. און אַ פאָטער איז ער איר געווען די גאַנצע צייט פון איר קורצן און טרויעריקן פאַמיליען־לעבן און שפּעטער אויך אַ געטרייער טאַטע פאַר אירע אומגליקלעכע יתומים. וואָס שייך מיין זון, האָט ער צו מיר בלויז איין מאָל בעת אַן אינטימען שמועס געזאָגט: — איך האָב בירנבוימען זייער גערן, נאָר אָפּטמאָל דוכט מיר, אַז ער האָט ביי מיר צוגענומען אַ געוויסן טייל פון דיין ליבע...

די דאָזיקע האַרציקע דערקלערונג האָט מיך נישט געוווּנדערט. איך האָב געוווּסט אַז ביי מיין זון וועט דערוואַכן אַן אייפערזוכט־געפיל. דאָס איז אָבער שנעל פאַרביי. זיי זענען געווען און פאַרבליבן מיט בירנבוימען נאָענטע חברים און שפּעטער אפילו געוואָרן חברים פון דערזעלבער איבערצייגונג.

אין יאָר 1902, אין עלטער פון 17 יאָר, האָט מיין טאָכטער געמאַכט איר עקזאַמען ווי אַ לערערין און אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער שול. אין יענעם יאָר האָט זיך צום ערשטן מאָל אין אַ געוויסער מאָס פאַרבע־סערט מיין פינאַנציעלע לאַגע. אַלע פיר האָבן מיר געאַרבעט אין דער שול די גאַנצע זעקס שעה ווי גוטע און פאַראַנטוואָרטלעכע לער־קרעפטן.

בעת איך האָב זיך אין יאָר 1901 באַקאַנט מיט בירנבוימען, איז ער געווען אַ ציוניסט, אמת, נישט קיין אַקטיווער אָבער אַ שטאַרקער סימ־פּאַטיקער פון אונדזער באַוועגונג. אויך מיין זון איז נאָך געווען דעמאָלט שטאַרק ציוניסטיש געשטימט. מיין טאָכטער איז אָבער געווען אַ טיף־איבערצייגטע ציוניסטין און איז בייגעשטאַנען אַלע נסיונות פון די רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונגען, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אָפּגעשפּילט ביי מיר אין הויז.

אין רוסלאַנד איז צו יענער צייט געווען שטרענג פאַרבאָטן אַרויס־צוזאָגן אָפן אַוועלכע נישט איז אָפּאָזיציאָנעלע פּאָליטישע מיינונג. די

מאַכט האָט פאַרפֿאָלגט דעם מינדסטן שריט פון געזעלשאַפטלעכער אַקטי־וויטעט. אויך אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט זי געקוקט קרום, אָבער דורך די פינגער, אָפּהענגיק דערפון ווער און ווי אַזוי מען האָט אַרויסגעוויזן די אַקטיוויטעט, און ווי גרויס עס האָט געקענט פון דעם זיין אַ געפֿאַר פֿאַר דעם רעזשים און דער געזעלשאַפטלעכער רו.

נישט געקוקט אויף דערדאָזיקער אומגינסטיקער שטימונג איז דאָך געלונגען אין האַרבסט 1902 צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ צוזאַ־מענפֿאָר פון רוסישע ציוניסטן אין מינסק. די מאַכטהאָבער האָבן זיך וואָס אָן אמת די זאַך איבערגעלייגט און געגעבן אַ באַפֿעל איבערצורייסן דעם צוזאַמענפֿאָר אין סאַמע רעכטן ברען פון זיין אַרבעט, דאָך אָבער האָט ער געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג און איז געווען זייער אינטערעסאַנט.

ווי איינע פון די אָנטיילנעמערס אין דעם דאָזיקן ערשטן און לעצטן פון דער רוסישער מאַכט דערלויבטן צוזאַמענפֿאָר, האָט מיך באַזונדער פֿאַראינטערעסירט די דעמאָלסטיקע לייזונג פון דער „קולטור־פֿראַגע". די זעלביקע פֿראַקציאָנערן, די „יונגע" — הערצל האָט זיי גערופֿן די „יונג־טערקן" — וועלכע האָבן אויפֿן 5טן קאָנגרעס אין באַזל פּראָטעסטירט קעגן דעם אָפּאָרטוניזם פונעם אָפֿיציעלן ציוניזם, באַזונדערס אין שייכות צו די רעליגיעזע „פֿאַראורטיילן", זענען אויפֿן מינסקער צוזאַמענפֿאָר גע־קומען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט די רבנים בנוגע דעם וואָס אייגנטלעך דאַרף מען צו באַטראַכטן ווי „פֿאַראורטיילן". די רבנים פון זייער זייט זענען מסכים געווען צו איינשליסן די „קולטור" אין דער טעטיקייט־ספֿערע פונעם ציוניזם. און די „יונגע" האָבן אָנערקענט דאָס רעכט פֿאַר יעדע שטרעמונג אינערהאַלב דעם ציוניזם צו שאַפֿן קולטור־אויטאָנאָמיע. דאָס הייסט, יעדער לויט זיין שטייגער. זיי האָבן נאָכגעגעבן די רבנים צו דערציִען און צו לערנען די קינדער אויף זייער אופֿן, אויפֿן אַלטן רבנישן שטייגער. דער הסכם איז „געחתמעט" געוואָרן דורך אַ סימבאָלישן תקיעת־כּף פון די פֿאַרשטייער פוןביידע דורות און פֿאַרשידנאַרטיקע אָנשויונגען בנוגע דער קולטור־פֿראַגע — פון ד״ר חיים וויצמאַן און הרב ריינעס.

די פֿאַרשטענדיקונג איז צושטאַנדגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיטן רעפֿעראַט פון אחד־העם איבער „קולטור" אויפֿן דאָזיקן כינוס. אחד־העם

איז ביז דאַן געשטאַנען אין אַ זייט אי פונעם אָפיציעלן ציוניזם, אי פון די „יונגע". ער האָט פשוט דעם פּאָליטישן ציוניזם נישט אָנערקענט.

אין נאָוועמבער פון זעלבן יאָר 1902 איז געקומען קיין וואַרשע בירנ־בוימס עלטערער ברודער — ער האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט געגעט מיט זיין פרוי — מיט אַ פיר־יעריקער מיידעלע. כדי אים צו פאַרלייכטערן דאָס זוכן וועלכע נישט איז באַשעפטיקונג, האָבן מיר דאָס מיידעלע אַריינ־גענומען צו זיך. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ער האָט זיך איינ־געאָרדנט. זיין טעכטערל אָבער האָט זיך דערצויגן ביי אונדז ביז ער איז קורץ פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אַוועקגעפאָרן מיט איר קיין נאָרד־אַמעריקע. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט ער זיך ביי אונדז אין שטוב געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. און מיינע קינדער האָבן זיך שטאַרק מיט אים געחברט. אין איין שיינעם טאָג קומט ער צו גיין באַלד אינדערפרי און זאָגט צו די קינדער בזה הלשון:

— הערט אויס, קינדער. היינט איז דער לעצטער טאָג פון פינפטן קלאַס פון דער פוילישער לאָטעריע. איך האָב געקויפט אַ לאָטעריע־צעטעלע, נעמט ביי מיר אַ חלק פאַר 30 קאָפּיקעס, אפשר וועלן מיר עפּעס געווינען.

מיינע קינדער האָבן געוווּסט, אַז איך בין אַ שטאַרקע קעגנערין פון שפּילן אויף צעטלען. איך פלעג תמיד זאָגן, אַז מענטשן דאַרפן אַרבעטן, פאַרדינען און נישט זיך אַריינלאָזן אין אַוואַנטורעס און זוכן צו געווינען געלט אויף לאָטעריעס. זיי האָבן אויף מיר אַ קוק געטון. דאָס מאָל האָב איך אָבער גאָרנישט געזאָגט. זיי האָבן אים דערלאַנגט 30 קאָפּיקעס קו־פּער־געלט און ער האָט אויפגעשריבן זייערע נעמען אויפן צעטעלע. דעם זעלבן טאָג אין אָוונט, איז ער געקומען צו לויפן מיט דער גוטער בשורה, אַז אויף דעם נומער איז אַרויס אַ גרויסע סומע און אַז זיי האָבן פאַר זייערע 30 קאָפּיקעס געוווּנען גאַנצע צוויי טויזנט רובל, און ער, פאַר זיינע 60 קאָפּיקעס, איז איצט אַ גביר פון גאַנצע פיר טויזנט רובל. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען די שמחה פון אַ מענטשן, וועלכער געווינט געלט אויף דער לאָטעריע. מיינע קינדער זענען אויך געווען פריידיק איבערראַשט און כמעט גלייכצייטיק האָבן ביידע אַ זאָג געטון:

— איצט, מאַמע, וועלן מיר האָבן די מעגלעכקייט ענדע שול־יאָר צו פאָרן לפּחות אויף איין יאָר אין די שווייץ אויף פּעדאַגאָגישע קורסן.

גלייך אויף צומאָרגנס האָט מען די צוויי טויזנט רובל אַריינגעטראָגן אין אַ באַנק. מיך פּערזענלעך האָבן אָבער אין יענעם מאָמענט געפרייט די כאַראַקטעריסטישע השגות פון אינטעליגענטע פּראָלעטאַריער, אויף וואָס צו פאַרווענדן דאָס געוווּנענע געלט. איך האָב בשעת־מעשה געטראַכט, אַז נישט אומזיסט האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט:

— הזהרו מבני עניים שמהם תצא תורה.

ווען איך שרייב איצט פון דעם דאָזיקן פאַקט דערמאָן איך זיך אין דער מעשה וואָס האָט מיר אַמאָל דערציילט מיין באָבע, די רביצין, בעת איך האָב זיך געגרייט צום עקזאַמען אין מאַריאַמפּאָל.

איינער פון אירע זיידעס, אַ גרויסער רב אין אַ פּוילישער שטאָט איז אַמאָל געפאָרן אין אַ שליחות אין אַ קהלישן ענין. אויפן וועג — פאַרשטייט זיך, אַז געפאָרן איז מען מיט אָקס — האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ פּוילישן שררה. זיי האָבן אַביסל געשמועסט, און צוקוקנדיק זיך צום פּנים פון דעם שררה, האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטון:

— דו וועסט אַמאָל ווערן פּוילישער מלך.

דער שררה האָט אין זיין נאָטיץ־ביכל פאַרצייכנט דעם זאָג און אויך דעם נאָמען פונעם רב. מיין באָבע ע״ה האָט געזנוי געדענקט אי אין וועלכן יאָר דאָס איז געשען, אי דעם נאָמען פון דעם שררה, דעם שפּעטערדיקן מלך. מיט יאָרן שפּעטער, מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דערדאָזיקער פּוילישער מלך האָט אַרויסגעגעבן אַ שווערע גזירה אויף יידן. ווידער איז עס אויסגעפאַלן דער גורל אויף מיין עלטער־עלטער זיידן, דעם רב, צו פאָרן צום מלך אָפּשרייען די גזירה. דער רב אַליין האָט שוין נישט געדענקט, אַז דאָס איז יענער שררה וועמען ער האָט אַמאָל פאָראויסגעזאָגט אַז ער וועט ווערן מלך. ערשט ווען ער איז אַריינגעקומען צום מלך אין די חדרים האָבן זיי איינער דעם צווייטן תיכף ומיד דערקענט. פאַרשטייט זיך, אַז דער מלך האָט באַלד מבטל געמאַכט די שווערע גזירה און גלייכצייטיק געפרעגט דעם רב וואָס ער פאַרלאַנגט אַלס באַלוינונג פאַר זיין דעמאָלסטיקער נביאות. דער רב האָט נישט לאַנג געקלערט און געענטפערט, אַז זיין

פאַרלאַנג איז אַז דער מלך זאָל אים באַשטימען פאַר רב פון גאַנצן קרייז און נישט בלויז פון זיין שטעטעלע אַליין, ווי ביז אַהער.

אַזוי האָבן אויסגעזען מיט דורות צוריק די השגות פון אונדזערע זיידעס די אַמאָליקע רבנים. און די זעלביקע השגות האָבן, ווייזט אויס, געירשנט זייערע אוראייניקלעך.

די יאָרן 1901 ביז 1903 זענען, ווי איך האָב שוין פריִער באַמערקט, געווען די פאַרהעלטנישמעסיק רויִקסטע פון מיין לעבן, און ווען איך האָב אין כ״א לחודש אדר פון זעלביקן יאָר געבוירן אַ מיידעלע — מיין טאָכטער שרה, וועלכע וווינט איצט מיט איר פאַמיליע אין חיפה — איז די שמחה געווען אין־לשער.

# קאַפּיטל צען

ווי כ'האָב שוין אויבן באַמערקט, איז ערשט מיטן אַנטשטיין פונעם קרן קימת לישראל אין אַ געוויסער מאָס געלונגען צו געווינען די ייִדישע פרוי פאַר דער אויפבוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל, ווייל קוים אינטערעסירט זיך אַ פרוי מיט אַ זאַך, אַרבעט זי פאַר איר מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה.

בכדי צו שילדערן די אַנטוויקלונגס־ליניע פונעם אָנטייל פון דער ייִדישער פרוי אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן פאַר דער אַנטשטייונג פון ספּעציפישע ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס, איז כדאי צו ברענגען פאָלגנדיקע פאַקטן:

אויפן ערשטן קאָנגרעס זענען געווען עלף פרויען, סרוב ווייבער פון די אָנפירנדיקע ציוניסטן, און עטלעכע סטודענטקעס פון שווייצאַרישע אוניווערזיטעטן, וועלכע האָבן זיך אין אַ געוויסער מאָס פאַראינטערעסירט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג. טראָץ דעם וואָס זיי האָבן באַקומען גלייכע שטים־ און וואַל־רעכט, אָן שום דיסקוסיע פון זייער זייט, האָבן אָבער די פרויען געשוויגן, זיך בלויז צוגעקוקט און צוגעהערט. ערשט אויף די שפּעטערדיקע קאָנגרעסן האָבן די פרויען דעלעגאַטינס אָנגעהויבן אַרויסצווייזן אַ געוויסע אַקטיווקייט, וועלכע איז מיט די ווייטערדיקע יאָרן אַלץ מער און מער געשטיגן.

פון יאָר 1921 אָן, נאָך דער גרינדונג פון דער „וויצאָ“־אָרגאַניזאַציע

אין לאָנדאָן אין יאָר 1920, קומען פאָר די פרויען־קאָנפערענצן גלייכצייטיק מיט די אַלגעמיינע קאָנגרעסן.

ווי די ציוניסטישע באַוועגונג גופא, אַזוי האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויך די ציוניסטישע פרויען־באַוועגונג אין איר ערשטער פאַזע, געטראָגן אַן אויסשליסלעך בירגערלעכן כאַראַקטער און האָט זיך לכתחילה פאַרנומען כמעט מיט ריין־פילאַנטראָפּישער הילפס־אַרבעט פאַר ארץ ישראל אין גרויסן פאַרנעם. די דאָזיקע דערשיינונג, וועגן דעם בירגערלעכן אָפּשטאַם פון דער באַוועגונג דאַרף אונדז אָבער ספּעציעל נישט שאַקירן, ווייל צו יענער צייט איז עס נישט אַן אויסשליסלעך ייִדישע דערשיינונג.

ווען דער סאָציאַליזם ווי אַ וויסנשאַפט הויבט נאָר אָן צו אַנאַליזירן און אַדורכפירן אַ שטרענגע קריטיק איבער די וואָרצלען פון דער געזעלשאַפטלעכער אומגערעכטיקייט, ווייזן די בירגערלעכע פרויען פאַר דעם נישט אַרויס קיין שום פאַרשטענדעניש. דער פילאַנטראָפּישער מאָמענט וועגט ביי זיי איבער יעדן אַנדערן. און די דאָזיקע פרויען באַהערשט דער קינדישער גלויבן אַז, צדקה און דער געהעריקער גוטער ווילן, זענען בכוח צו ליקווידירן אויף דער וועלט דעם סאָציאַלן עלנט.

נעמענדיק אפילו אין באַטראַכט דעם פאַריין „מרים" פון יאָר 1885, אין ווין, און דעם „פאַרבאַנד פון ייִדישע פרויען אין בערלין פאַר קולטור־אַרבעט אין פּאַלעסטינע" און אויך די אַרויסטרעטונגען פון געציילטע ייִדישע פרויען פון דער הויכער געזעלשאַפט אויף די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן, מוזן מיר דאָך אָבער מודה זיין, אַז קיין ייִדישע פרויען־באַוועגונג אין אייגנטלעכן זין פונעם וואָרט האָט נאָך צו יענער צייט נישט עקזיסטירט.

די איניציאַטיוו פאַר דער גרינדונג פון ספּעציעלע ציוניסטישע פרויען־פאַריינען אין דעמלטיקן רוסיש־פּוילן, שטאַמט דווקא פון אַ גרופּע ייִדישע פרויען אין וואַרשע, נישט חלילה פון די אויבערשטע צען טויזנט, נאָר פון די אמתע בירגערלעכע קרייזן.

דער ערשטער ציוניסטישער פרויען־פאַראיין אונטערן נאָמען „בנות ציון" איז אַנטשטאַנען אין וואַרשע אין אָנפאַנג פון 20סטן יאָרהונדערט, קורץ נאָך דער גרינדונג פון קרן קימת לישראל. זיין פּראָגראַם איז פּאַק־

טיש געווען אַ קאַפּיע פונעם סיסטעם פון דער מענער־אָרגאַניזאַציע „בני־ציון". די טעטיקייט איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען אין דער אַרבעט פאַרן קרן קימת, העברעישע קורסן פאַר פרויען און יוגנטלעכע פרויען, אַגיטאַציע־אַרבעט פאַרן ציוניסטישן געדאַנק צווישן די פאַרשידענע פרויען־שיכטן, כדי צו פאַרגרעסערן די רייען פון די אָרגאַניזירטע חברות.

אַנטשטייט דאָך אַ פראַגע: אויב די אָרגאַניזאַציע שטעלט זיך נישט קיין שום ספּעציעלע פרויען־אויפגאַבעס, קען נישט אָנווייזן אויף קיין באַזונדערע פאָדערונגען, איז זי דאָך לגמרי איבעריק; קען מען דאָך ווייטער פירן די אַרבעט צוזאַמען מיט די חברים מענער.

איין מאָמענט, און דאָס דווקא אַ זייער וויכטיקער, האָט אָבער בולט אונטערגעשטראָכן איר פולשטענדיקע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. די דאָזיקע ציוניסטישע פרויען־פאַראיינען האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי אומבאַדינגט נויטווענדיקע צוגרייטונגס־פונקטן און דערציִונגס־אַנשטאַלטן פאַר דער אויסשולונג פון די פאַרשידענע פרויען־שיכטן צו דער אַרבעט אויפן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן געביט פאַר אונדזער באַפרייונגס־באַוועגונג.

ווי מערקווירדיק דאָס זאָל איצט נישט קלינגען, קענען מיר דאָך נישט פאַרשווייגן דעם פאַקט, אַז מיט 40 יאָר צוריק האָבן זיך די ייִדישע פרויען און אויך די פרויען־יוגנט — וועלכע האָבן זיך דערצויגן אויף די פאַרעלטערטע באַגריפן פון „מכל כבודה בת מלך פנימה" — אַז אפילו די אָרגאַניזירטע חברות אין די געמישטע פאַראיינען האָבן זיך נישט געפילט אַזוי פריי ווי אין זייערע באַזונדערע פרויען־פאַראיינען. גאַנץ זעלטן האָט אַ פרוי געהאַט די דרייסטקייט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך, אָדער נעמען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַפרייט פון דער אַבסורדאַלער אויפפאַסונג, אַז יעדער מאַן איז כלומרשט קלוגער פון יעדער פרוי. די ביטול־באַציִונג מצד די חברים צו די זעלטענע אַרויסטרעטונגען פון די חברות האָט זיי אויך נישט צוגעגעבן קיין באַזונדערן מוט. צי שטעקט דען נישט נאָך עד־היום אפילו ביי זייער פיל אַזוי גערופענע סאָציאַליסטן אין באַצוג צו דער פרוי דער אַלטער רעאַקציאָנערער פיליסטער?

נישט איינמאָל איז עס מיר אויסגעקומען צו הערן, נאָך אַ רעדע

פון אַ חברה, וואָס איז בשום אופן נישט געווען ווינציקער געלונגען פון די פון אַ וועלכן נישט איז חבר, די גרינגשעצנדיקע באַמערקונג:

— איר קען מען עס מוחל זיין, זי איז אַ שיינע פרוי...

נישט געקוקט אויף די פאַרשידענע שטערונגען האָט אָבער דאָך אונ־דזער ערשטער „בנות־ציון"־פאַראיין אין וואַרשע געהאַט גרויס דערפאָלג, און אין פאַרלויף פון אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ לאַנדעס־פאַרבאַנד פון גאַנצע 70 פאַראיינען אין די שטעט און שטעטלעך פון רוסיש־פוילן און האָט שוין געציילט טויזנטער אָרגאַניזירטע חברות.

אויסער זיין אַלגעמיינע טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן, האָט דער פאַרבאַנד צילבאַוווסט אַדורכגעפירט זיין וויכטיקע אויפגאַבע בנוגע דער דערציִונג און אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די ייִדישע פרויען־מאַסן. ער האָט געשאַפן קאַדרען פון אַקטיווע, באַוווסטזיניקע, געשולטע פרויען־רעדנערינס, אַגיטאַטאָרינס אאַ"וו. אויף דער אַרבעט גופא האָט מען זיך געלערנט, אַנטוויקלט און נישט איין מאָל זענען אַנטדעקט געוואָרן באַ־האַלטענע פעיִקייטן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זייער תיקון.

די דאָזיקע רייך־ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס אויף דער ייִדי־שער גאַס אין רוסיש־פוילן האָבן אַ קורצע פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן עק־זיסטירט בלויז ביזן מלחמה־אויסברוך פון 1914. מיט דער אַנטשטייונג פון אומאָפּהענגיקן פוילן האָבן זיך נאָך דער מלחמה געעפנט ברייטערע האָריזאָנטן אויף פאַר דער ייִדישער פרויען־באַוועגונג. עס האָבן זיך געעפנט נייע פּערספּעקטיוון און צוזאַמען מיט זיי גאַנץ נייע אויפגאַבעס. ס'איז אַנטשטאַנען אַ ייִדישע פרויען־באַוועגונג וואָס האָט אַרויסגערופן צום לעבן דעם „פאַרבאַנד פון ייִדישע פרויען אין פוילן".

די איניציאַטאָרינס און שעפערינס פון דער דאָזיקער נייער באַוועגונג, וואָס אין איר שפּיץ האָבן זיך געשטעלט אַן אַנגעזעענע צאָל פון די באַ־וווסטזיניקע, אַקטיווע מיטגלידערינס פון דער אויפגעלייזטער ציוניסטי־שער פרויען־אָרגאַניזאַציע, זענען באַלד געקומען צום באַשלוס, אַז דער פאַרבאַנד מוז אַריינגעמען דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פראַגן פון דער אַלגע־מיינער פרויען־באַוועגונג און די ספּעציפישע פרויען־פאָדערונגען. ער דאַרף פירן אַן אַלגעמיינע קולטור־ און אויפקלערונגס־אַרבעט, אַנערקענען

די וויכטיקייט פון קעגנוואַרט־אַרבעט, כדי אַנדערע זאָלן נישט פאַרכאַפּן אַלע לאָקאַלע פּאָזיציעס. די הויפּט־אויפגאַבע פון פאַראיין איז געווען די אַרבעט צו אָרגאַניזירן די יידישע פרויען־מאַסן. די אָרגאַניזאַציע האָט נישט געטראָגן קיין שום פּאַרטייאישן שטעמפּל. אין אירע רייען האָבן זיך געקענט אָנשליסן פרויען פון פאַרשידענע ריכטונגען. אַלס אַ יידישער נאַ־ציאָנאַלער פאַרבאַנד מיט אַ פּאָזיטיווער שטעלונג צו דער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, האָט די אָרגאַניזאַציע געהאַט אַ ספּעציעלע סעקציע פאַר פּראַקטישער פּאַלעסטינע־אַרבעט. איר הויפּט־ציל אָבער איז געווען די אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די נידעריקסטע שיכטן פון די יידישע פרויען־מאַסן, דאָס פּראָדוקטיוו מאַכן די יידישע פרויען־יוגנט, וועקן ביי איר די פאַרשטענדעניש פאַר עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט, אַנטוויק־לען ביי די פרויען דעם חוש פאַר געזעלשאַפטלעכקייט, דעם אינטערעס פאַרן קאָלעקטיוו.

ווייסנדיק ווי שווער עס האָבן געקעמפּט די וואָרט־פירערינס פון דער פרויען־באַוועגונג ביי אַנדערע פעלקער, מוזן מיר צוגעבן, אַז פילפאַך שווערער איז געווען די אַרבעט צו אָרגאַניזירן די יידישע פרוי. קיין אונ־טערשטיצונג ביי די מענער, ווי ס'האָבן געהאַט די פאַרקעמפּערינס אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע, האָבן מיר נישט געקענט דערוואַרטן. אונדזער באַוועגונג איז באַקעמפּט געוואָרן פון רעכטס און פון לינקס. דער יידישער קלער, די אגודה, האָט געציטערט פאַרן דערוואַכן פון דער יידי־שער פרוי און האָט געזען אין דער יידישער פרויען־באַוועגונג אַן אַטענ־טאַט אויף זיינע כלומרשטע אויסשליסלעכע רעכט צו פאַרפינצטערן און פאַרטעמפּן די מוחות פון די ווייבער, אַז זיי זאָלן זיך סוף־כל־סוף חלילה נישט כאַפּן וויפל אומפאַרדינטע צרות און ליידן די אָפּגעלעבטע, פאַרעל־טערטע געזעצן, ווי למשל חליצה, די פראַגע פון עגונות, אַ כהן מיט אַ גרושה אאַ״וו פאַרשאַפן זיי. זייער אויפטו אָפּצונעמען ביי דער פרוי דאָס וואַל־רעכט צו די קהילות — איז דען דאָס נישט אַ ווילדער אַנטי־יידי־שער פּרינציפּ, וואָס שטאַמט פון דער קירכע — „די פרוי זאָל שווייגן אין דער געמיינדע״?

די לינקע האָבן געהאַלטן, אַז פרויען־אָרגאַניזאַציעס זענען בכלל שעד־לעך, ווייל דער קאַמף דאַרף געפירט ווערן געמיינזאַם. כאָטש דער „בונד״

האָט אַליין דווקא דער ערשטער געשאַפן דעם „יאַף" (ייִדישע אַרבעטער פּרויען), איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע געווען בלויז ווי אַ מיטל צו באַקומען די פרויען־שטימען צום סיים־ און שטאָטראַט־וואַלן. די סתם דעמאָקראַטן האָבן ווידער באַהויפּטעט, אַז די פרויען־אָרגאַניזאַציעס זאָלן צו ערשט שאַפן אַ שטאָב פון פרויען־פילאָזאָפינס, סאָציאַלע עקאָנאָמיסטקעס און סתם באַרימטע פּאָליטיקערינס און ערשט דאַן וועלן זיי ווערט זיין צו פּרעטענדירן אויף די רעכט, וועלכע עס האָט זיי אָנערקענט די פּויליש קאָנסטיטוציע, וועלכע די מענער־דיפּלאָמאַטן האָבן איבעריקנס געהאַלטן אַליין אין זייער מאָנאָפּאָל.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען איז אונדזער באַוועגונג געגאַנגען פאָרויס, ווייל מיר האָבן אויסגעצייכנט געוווּסט אַז מאַכט מוז מען נעמען, אַז קיינער גיט זי נישט גוטוויליק. און נעמען נעמט מען איר נאָר, אויב מען פאַרשטייט צו דערציִען די קרעפטן פון די מאַסן און זיי צו אָרגאַניזירן.

אונדזער ציל איז דעריבער קודם־כל געגאַנגען אין דער ריכטונג צו וועקן ביי דער פרוי דעם חוש פאַר „אָרגאַניזאַציע"; צו פאַרשפּרייטן אַ נעץ פון ייִדישע פרויען־פאַראיינען איבערן גאַנצן לאַנד מיט אַן אייגנהייטלעכן פּלאַנמעסיקן אַרבעט־פּראָגראַם; כדי צו אויפקלערן און אינסטרויִרן די פאַראיין־פאַרשטייערינס אַז דער עיקר דאַרפן זיי נישט צו פאַרבייטן דעם ציל אויף די מיטלען.

די ייִדישע פרויען־פאַראיינען האָבן אויך אָנגעפירט מיט קינדערהיימען, פאַך־קורסן, קינדער־ און יתומים־פאַרזאָרגונג, סאָציאַלע הילפסאַרבעט, מיט מוטער־ און קינדער־שוץ, מיט יורידישער הילף פאַר פאַרלאָזענע פרויען, מיט גרינדן קאָאָפּעראַטיוועס, וואָס זענען אומבאַדינגט ערנסטער און אויפריכטיקער און בעסער געפירט געוואָרן דורך פרויען ווי דורך מענער. פאַר קיין שום פאַל האָבן נישט געטאָרט דידאָזיקע וויכטיקע אַרבעטן עלימינירט ווערן אַפילו פון די ריין־ציוניסטישע פרויען־פאַראיינען אַלס „מכלומרשטע פילאַנטראָפּיע". מיר האָבן אויף קיין איין מאָמענט נישט פאַרגעסן, אַז דער אַזוי־גערופענער גלות איז דער רעזערוואָר פון מענטשן־מאַטעריאַל פאַר ארץ־ישראל, און עס מוז דעריבער געלייגט ווערן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, אַז דערדאָזיקער מענטשן־מאַ־

טעריאַל זאָל אויסער זיין ריין־פּאַכמענישער אויסבילדונג אויך זיין אַ פיזיש און גייסטיק־געזונטער עלעמענט.

די דאָזיקע אַרבעטן האָבן, אויסער אַלעם, געדינט ווי אַ וויכטיקער מיטל צו שטיין אין אַן ענגן פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט די פאַרשידענע פרויען־שיכטן, ווייל נישט מיט קיין וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונגען פון די אידעען אַליין — אין וועלכע עס אָריענטירן זיך בלויז יחידים — קענען צוגעצויגן ווערן מאַסן, און נאָך ווייניקער פרויען־מאַסן. אידעען לאָזן זיך בכלל נישט איינשפּריצן, צוטריטלעך פאַר מאַסן זענען תמיד נאָר קאָנקרעטע, ממשותדיקע מעשים וואָס דרינגען אַרויס פונעם אי־דעיִשן קאַמף און זיי ברענגען די מאַסן אַ געוויסע אויסבעסערונג אין זייערע שווערע לעבן־באַדינגונגען. צו דעם דאָזיקן באַשלוס זענען איבע־ריקנס לעצטנס געקומען די וואָרט־פירערס פון די ראַדיקאַלסטע באַווע־גונגען און זיי באַמיִען זיך דעריבער צו אָקופּירן אַלע מעגלעכע אַרבעטס־געביטן פון דער סאָציאַלער הילף.

די דאָזיקע טעטיקייט האָט אונדז געשאַפן די מעגלעכקייט צו אָר־גאַניזירן און כסדר צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן די רייען פון אונ־דזערע אָנהענגערינס. אונדזער ענד־ציל אָבער איז תמיד געווען דאָס אַנט־וויקלען דעם באַוווסטזיין צו אַן אייגענער פרויען־אָרגאַניזאַציע, וואָס קיין שום זאַך, הן פון יידישן הן פון אַלגעמיינעם לעבן, איז פאַר איר נישט פרעמד; וועלכע שטייט אויף דער וואַך פון אַלע פאָלקס־אינטערעסן, ווי אַן אָרגאַניזאַציע פון דער גרעסטער טייל פון פאָלק האָט זי די מעגלעכקייט דורך אירע פאָרשטייערינס צו באַווייזן די פעיִקייטן פון די פרויען און דעם גרויסן ווערט פון זייער אַרבעט פאַר דער געזעלשאַפט; אַן אָרגאַני־זאַציע מיט די ווייטגייענדיעקסטע צילן, וואָס אין ערנסטע פּאָליטישע מאָ־מענטן זאָלן די שטימען פון אירע פאַרטרעטערינס קענען באַאיינפלוסן די מאַכטהאָבערס צו אָפּשטעלן דאָס שאַרפן פון זייערע שווערדן צו נייע שרעקלעכע וועלט־שחיטות, פון וועלכע עסליידן מער פון אַלע אַנדערע די פרויען און מוטערס, אָפּגעבנדיק פאַר האַרמאַטן־פלייש זייערע מענער און קינדער.

נישט קיין שפּיל אין פּאָליטיק־מאַכעריי, נישט קיין פרויען־רעכטלעריי און נישט קיין קאָנקורענץ־קאַמף מיטן מאַן זענען געווען די גערעכטע פאָ־

דערונגען פון דער פּאַרצווייגטער ייִדישער פרויען־אָרגאַניזאַציע אין אומ־אָפּהענגיקן פּוילן, כדי צו האָבן אַ געהעריקע רעפּרעזענטאַנץ אין די קהילות, שטאָטראַטן און אין דעם פּוילישן סיים; נאָר רעוואָלוציאָנערע צוועקמעסיקע און פּראַקטישע קאָנסעקווענצן פון דער ברענענדיקער נויט, פון דער שענדלעכער אונטערדריקונג פון שוואַכע און רעכטלאָזע.

צוזאַמען מיט די שוועריקייטן זענען אויך געוואַקסן אונדזערע כוחות. די פּראַקטישע נויטווענדיקייט האָט אונדז אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג פאַר דער אַנטשקלאַפונג פון די פרויען־מאַסן.

אָבער נישט נאָר דער אַרבעטערין האָבן מיר געווידמעט אונדזער אויפמערקזאַמקייט. מיר האָבן אויך גענומען אין באַטראַכט אַלע אַר־בעטנדיקע פרויען־שיכטן, פון דער האַרעפּאַשניצע ביז צו דער אַזוי גע־רופענער קליינבירגערין, מחמת מיר האָבן באַגריפן אַז די אומפּאָליטישע, אומסאָציאַלע און פאַרטעמפּטע פּסיכיק פון די דאָזיקע פרויען־מאַסן, זייער אומבאַוווסטזיניקער לעבנס־שטייגער, האַלטן נאָך אויף עד־היום און אומע־טום דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון די ראַדיקאַלע פרויען־באַוועגונגען, און טאָקע צווישן זיי מוז דעריבער הויפּטזעכלעך געפירט ווערן אַן אינ־טענסיווע אויפקלערונגס־אַרבעט.

אויב ס׳איז אונדז דאָך געלונגען דורכצופירן אונדזערע ייִדישע פאַר־שטייערינס אין סיים און אין די שטאָט־ראַטן, האָבן מיר אָבער בשום אופן — נישט געקוקט אויף אונדזער פּערמאַנענטן האַרטנעקיקן קאַמף — נישט געקענט דורכברעכן די כינעזישע מויער, כדי זיך אַריינצוקריגן נאָך דער מלחמה אין דער שוין כלומרשט מאָדערניזירטער ייִדישער קהילה אין וואַרשע, בעת אין אַנדערע שטעט, ווי ווילנע און ביאַליסטאָק למשל, זענען שוין די ייִדישע פרויען יאָ געווען פאַרטרעטן אין די קהילות.

לכתחילה האָבן אַפילו די פּראָגרעסיווע „מזרחיסטן" אויך געשטימט קעגן פרויען־וואַל־רעכט אין די קהילות. באַלד האָבן זיי זיך אָבער אַרומ־געזען, אַז דאָס איז שוין לגמרי אַנטי־דעמאָקראַטיש און האָבן רעווידירט זייער באַשלוס. ערשט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע וואַקכאַנאַ־ליע פון די רבנים מיט די אַגודה־פאַרשטייערס בראש. מען האָט זיך אַפּנים שטאַרק דערשראָקן פאַרן יצר־הרע רחמנא ליצלן — וואָרום „הכל הגדול מחברו יצרו גדול ממנו" און ס׳איז געמאָלדן געוואָרן קאַטעגאָריש, אַז

מ׳וועט בשום אופן נישט זיצן צוזאַמען מיט ווייבער אין דער קהילה, מיט פוילישע פרויען אין סיים און אין סענאַט — מהיכה־תיתי, מיט יידישע טעכטער, אָבער — יהרג ואל יעבר.

בעת יעטוועדער וואַל־קאַדענץ צו דער קהילה פלעגן מיר אַרויס־טרעטן מיט עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס, מיט פּראָטעסט־מיטינגען, מיט אַרטיקלען אין דער פרעסע, מיט רעדעס פון אונדזערע פאַרבאַנד־פאַר־שטייערינס אין די ראַמען פון די אַלגעמיינע וואַל־מיטינגען, מיט אויפ־רופן, פליוגבלעטלעך אאַ״וו. מיט איין וואָרט, מיר האָבן דורכגעפירט אַ גראַנדיעזע וואַל־קאַמפּאַניע ווי מיר וואָלטן געווען אַקטיווע אָנטייל־נעמערינס אין די וואַלן. מיר האָבן זיך געמוזט אָבער באַגנוגענען בלויז מיטן מאָראַלישן דערפאָלג, אין דער פעסטער איבערצייגונג אַז אונדזער אויפקלערונגס־אַרבעט וועט דאָך נישט פאַרבלייבן קיין קול קורא במדבר, אַז צייטן בייטן זיך, און דער זיג מוז סוף כל סוף קומען.

(קומענדיק, נאָך אַן איבערייס פון גאַנצע 15 יאָר, צום צווייטן מאָל קיין ארץ־ישראל, האָב איך אין יאָר 1938 גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די וואַלן צו דער יידישער קהילה אין ירושלים. און בין געווען שטאַרק איבערראַשט פון דער גלייכגילטיקער באַציִונג מצד די פאַרשידענע פרויען־שיכטן צו דער גאַנצער וואַל־אַקציע. די דאָזיקע אַנאָרמאַלע דערשיינונג האָט ווידעראַמאָל בולט אונטערגעשטראָכן די אומבאַוווּסטזיניקייט און די פּאָליטישע אומרייפקייט פון די יידישע פרויען־מאַסן, וועלכע פאַרשטייען נאָך נישט עד־היום ווי אַזוי אויסצונוצן אַפילו זייערע באַקומענע רעכט. צי איז עס נישט אונדזער אייגענע שולד וואָס נישט געקוקט אויף דער אינטענסיווער וואַל־אַגיטאַציע פון די וואָרט־פירערינס זענען אין דער יידישער קהילה אין ירושלים פאַרטראָטן נאָר צוויי פרויען?)

## קאַפּיטל עלף

כמעט גלייכצייטיק מיט דער יידישער פרויען־אָרגאַניזאַציע איז אין יאָר 1918 אַנטשטאַנען אין פוילן אַ נייע ראַדיקאַלע „חלוצות־באַוועגונג״, וואָס איז דעמאָלט באמת געווען אַ סימפּטאָמאַטישע דערשיינונג אויף דער יידישער גאַס.

די „חלוצה", די פּשוטע יידישע מיידל פון איינפאַך באַלעבאַטישן יידישן הויז, אָפטמאָל אַפילו פון גרויס־חסידישע קרייזן, וואָס איר איין און איינציקע אויפגאַבע איז געווען — זיצן און וואַרטן אויף איר באַשערטן, — די דאָזיקע מיידל מאַכט פלוצים די ערשטע „רעוואָלוציע" אויף דער יידישער גאַס. מיטן גאַנצן ביז אַהער אונטערדריקטן יוגנט־ברען וואַרפט זי זיך אין אַ שווערן האַרטנעקיקן קאַמף מיט איר גאַנצער סביבה, רייסט זיך אַרויס מיט געוואַלט פון איר פאַרשקלאַפטן צושטאַנד, ברעכט אין די כינעזישע מויער פון די אַלטע, פאַרשימלטע טראַדיציעס און גרייט זיך צו אַ נייעם לעבן אויף געזונטע, נאָרמאַלע יסודות. צו אַ לעבן ווו איר רעליגיע ווערט די רעליגיע פון אַרבעט, פון שאַפן. צו אַ לעבן אַלס אַן עקאָנאָמיש־אומאָפּהענגיקער, גלייכגעשטעלטער מענטש אין דער געזעלשאַפט, ווי אַ פּראָדוצענט און נישט נאָר בלויז קאָנסומענט. אַלס שאַפנדיקער, אַקטיווער עלעמענט פאַר אַ מאָדערנעם, אַרבעטנדיקן קאָלעקטיוו, ווו דאָרט אין איר נייער היים, ווי אַן אַרבעטערין און ווי אַ חברה אין דער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטערינס, וועט זי אימשטאַנד זיין מיטצוקעמפן פאַר די גערעכטע פרויען־פאָדערונגען, אויף וועלכע עס באַזירט זיך די טעאָרעטישע פרויען־באַוועגונג אין אַלע לענדער, ביי אַלע פעלקער.

אָפּשאַצנדיק ווי געהעריק די דאָזיקע באַוועגונג, וויל איך אָבער בלייבן אָביעקטיוו און אונטערשטרייכן, אַז אירע איניציאַטאָרן זענען נישט געווען קיין פרויען. אין פּוילן האָט זי נישט פיגורירט אַלס אַ באַזונדערע פרויען־אָרגאַניזאַציע, נאָר בלויז ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון דער מיטן לויף פון דער צייט, שטאַרק אויסגעוואַקסענער החלוץ־באַוועגונג.

דאָס וויגעלע פון „החלוץ" איז געווען אין רוסלאַנד. ערשט נאָך דער באַלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט זיך די באַוועגונג אַריבערגעטראָגן אין פאַרשידענע אייראָפּעישע לענדער און הויפּטזעכלעך זיך קאָנצענטרירט אין פּוילן, ווו ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע גרויסציגיקע הכשרה־און אויפקלערונגס־אַרבעט און פון וואַנען אַן אומאויפהערלעכע מאַסן־עליה פון חלוצים האָט געשטראָמט איבער אַלע וועגן קיין ארץ־ישראל.

דער יידישער פרויען־פאַרבאַנד אין פּוילן האָט שוין צו יענער צייט, אין זיינע ספּעציעלע סעקציעס פאַר פּראַקטישער פּאַלעסטינע־אַרבעט, אָרגאַניזירט ביי יעדן פון אירע פאַראיינען אַ פאַרצווייגטע הכשרה־אַרבעט

פאַר פרויען, בעיקר פאַר דער פרויען־יוגנט. מיט דער דערלויבעניש פון דער פוילישער מאַכט האָט דער מרכז אין וואַרשע געגרינדעט די ערשטע קורסן פאַר יידישע קראַנקן־שוועסטער און קינדער־פלעגערינס; פאַך־קורסן פאַר שניידעריי, וועש, העפטעריי, הוטן־פוצעריי, גאַרסעטן, שטרוי און ראַפּע אויסאַרבעטונגען, אַפילו פאַר שוסטעריי. די קורסן האָבן באַקומען סובסידיעס פון די שטאָט־ראַטן און פאַרשיידענע אַנדערע געשאַפענע צו דעם צוועק הילפס־אינסטיטוציעס.

קיין זעלבסטשטענדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע צוגרייטונג זענען מיר, נאַטירלעך, נישט געווען אימשטאַנד צו אָרגאַניזירן. מיט דעם מאָמענט ווען עס איז אַנטשטאַנען אין פוילן די החלוץ־באַוועגונג, האָבן מיר זיך גלייך געשטעלט אין אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט איר הנהלה און אָנגעהויבן אַן ענערגישע, אינטענסיווע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער פרויען־יוגנט פאַר דעם החלוץ־געדאַנק. און פון אונדזערע יוגנט־סעקציעס האָבן זיך פאַקטיש באַלד רעקרוטירט די ערשטע חלוצות פאַר די געמישטע אַרבעטער־גרופּעס אין די גיטער פון יידישע פריצים און צו פאַרשיידענע ערד־אַרבעטן אויף די פעלדער און אין גערטנער פון פּוילישע פּויערים.

די פּערמאַנענטע אַגיטאַציע־אַרבעט פון די החלוץ־פּירערס אין וואָרט און אין שריפט האָט געבראַכט די געהעריקע רעזולטאַטן. די חלוצישע רייען האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן. נישט נאָר די בלויז לינק־געשטימטע, נאָר אַפילו די בירגערלעכע יוגנט האָט זיך דורכגעדרונגען מיטן רעוואָלוציאָנערן החלוץ־געדאַנק, און זיין הויפּט־ציל: צו שאַפן און צו אָרגאַניזירן די ערשטע אַרבעטס־אַרמיי פאַר ארץ־ישראל. די עקנאָמישע אויסזיכטסלאָזיקייט פאַר דער צוקונפט איז געווען די הויפּט־טרייבקראַפט וואָס האָט אָנגעשפּאַרנט די דאָזיקע יוגנט, די אַזוי גערונעפע באַלעבאַטישע לידיקגייערס, באַזונדערס אין דער גרויסער פּוילישער פּראָווינץ, צו ווערן די אַוואַנגאַרד־אָרגאַניזאַציע פון יונגע אַרבעטנדיקע מענטשן, וועלכע גייען קיין ארץ־ישראל כדי אויסצוטרעטן דעם וועג פאַר דעם פאָלק און צו פאַרווירקלעכן אונדזערע שטרעבונגען פאַר אויסגעשטאַלטן דאָס יידישע לעבן אויף נייע, געזונטע יסודות.

אין דער ערשטער סטאַדיע פון איר עקזיסטענץ האָט אָבער די

החלוץ־באַוועגונג אין פוילן אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד די עלטערן פון די חלוצים פוןביידע געשלעכטער. פלוצים איז ווידער אויפגעשטאַנען צום לעבן דער דורות־אַלטער קאַמף פון „האבות והבנים — והבנים תרתי משמע — אי זין אי טעכטער).

נישט געקוקט דערויף וואָס די טאַטעס האָבן שוין גאַנץ גוט געפילט אַז זיי ווערן כסדר אַרויסגעשטויסן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, דורך פאַרשידענע קאָמבינאַציעס פונעם פּריווילעגירטן טייל פון דער באַ־פעלקערונג און מחמת די שווערע שטייערן־שרויף מצד דער רעגירונג (די באַרימטע גראַבסקי־עגלה, אא״וו), האָבן דאָך די קליינבירגערלעכע טאַטע־מאַמע פון די ערשטע חלוצים; קרעמערס, מעקלערס, הענדלערס, סוחרים און אפילו האַנטווערקער און בעלי־מלאכות, בשום אופן נישט געוואָלט גערנוויליק מסכים זיין צו דעם דאָזיקן ווילדן „שגעון״ פון זייערע קינדער, אָוועקצוואַרפן די מער־ווייניקער באַקוועמע היימען און אויפן אָרט פון מעסטן די גאַסן אין די קליינע שטעטלעך למשל, גאָר אַוועקגיין אויף „הכשרה״ כדי זיך צוצוגרייטן ווי פּשוטע אַרבעטער, בעיקר גאָר ווי פּויערים פאַר ארץ־ישראל.

אויב צווישן די זין און די עלטערן האָט זיך געפירט אַן עקשנות־דיקער קאַמף, פון וועלכן די זין זענען סוף־כל־סוף אַרויס ווי זיגערס, פאַרלאָזנדיק לגמרי די היים פון זייערע עלטערן, האָבן זיך אָבער, צווישן די עלטערן און די טעכטער, — די ערשטע חלוצות, — אָפּגעשפּילט ממש שווערע טראַגעדיעס.

ווי אַ סעקרעטאַרין אין דער פאַרבאַנד־צענטראַלע אין וואַרשע, איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו פירן וויכוחים און אויסצוהערן מוסר־רייד פון די טאַטעס, וועלכע פלעגן כסדר קומען צו אונדז מיט טענות, אַז מיר פירן אַראָפּ פון וועג יידישע טעכטער, אַגיטירן זיי צו פאַרלאָזן די היימען און אַוועקצוגיין צוזאַמען מיט בחורים אויף „הכשרה״, אויף „אַרבעט אין דער ערד״ ווי זיי פלעגן פאַראַפראַזירן דעם החלוץ־לאָזונג „ערד און אַרבעט״. גאַנץ אָפט פלעגט זיך אונדזער גרויסער פאַריינס־לאָקאַל פאַרוואַנדלען אין אַ מקום־מקלט פאַר אונדזערע יוגנט־חברות ווו זיך אויסצובאַהאַלטן, ביז עס פלעגט מיר נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען גע־לונגען צו איבערצייגן דעם טאַטן אָדער דער מאַמען וועגן דער צוועק־

מעסיקייט פון דער דאָזיקער הכשרה־אַרבעט פאַר איר טאַכטער, אַז אויף דעם אופן, וועט זי באַקומען די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און אַראָפּנעמען פון זיי, פון די עלטערן, די גאַנצע שווערע זאָרג וועגן איר, דעם מיידלס צוקונפט. און דאָס איז פּאַקטיש געווען דאָס איינציקע מיטל, ווי אַזוי צו ווירקן אויף די אומצופרידענע עלטערן ביי די דאָזיקע קאָנפליקטן פון „האבות והבנים״.

## קאַפּיטל צוועלף

מחמת דער קורצער איבערזיכט איבער דער חלוצים־באַוועגונג אין פּוילן, וועלכע איך האָב פריִער ווי אַ לאַנגיעריקע סעקרעטאַרין פונעם ייִדישן פרויען־פאַרבאַנד, שפּעטער ווי אַ באַאַמטע אין וואַרשעווער פּאַ־לעסטינע־אַמט אָפּגעגעבן אַ סך צייט און אַרבעט, האָב איך זיך פאַרגאַ־לאָפּירט און געמאַכט אַ שפּרונג פאָראויס ביז 1918. איצט קניפּ איך אָן צוריק, דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון מיינע זכרונות און קער זיך צוריק אום צום אָנהייב פונעם „שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָד״ — צו די ערשטע יאָרן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אין אַ צעווילדעוועטער — דורכן בעסטיאַלישן אַנטיסעמיטיזם — צעפּרעסענער אַטמאָספער האָט געלעבט און געוואַקסן אונדזער ייִדישע יוגנט. אָנהויבנדיק פון ענדע די ניינציקער יאָרן ביז די ערשטע יאָרן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, כמעט ביזן קריגס־אויסברוך. אַ שטאַרקן וואַקל געטאָן האָבן זיך אין יענע יאָרן די פּרינציפּן פון דער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע. ענג איז געוואָרן דער ייִדישער יוגנט אין די ראַמען פונעם נאַציאָנאַלן אידעאַל. דער רעוואָלוציאָנערער צייטגייסט האָט אויך איר פאַרכאַפּט. זי, די יוגנט, האָט זיך געריסן אין קאַמף פאַרן אַלוועלטלעכן אידעאַל, פאַר אַ נייער אָרדענונג אויף דער וועלט בכלל מיטן טיפסטן גלויבן אין דער פעסטער איבערצייגונג, אַז דאָס ייִדישע פּראָבלעם איז נישט קיין באַזונדערע נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע, וועלכע קאָן און וועט געלייזט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען אויף דער וועלט וועט, אָנשטאָט מאַכט און ווילדן כוח, הערשן יושר און גערעכטיקייט.

אין די סתם־ייִדישע ווי אויך אין די ציוניסטיש־געשטימטע משפּ־

חות, איז ווידעראַמאָל אַרויסגעשווומען די אייביקע „האבות והבנים״־פראַגע. ווידער האָבן עלטערן און קינדער אָנגעהויבן צו רעדן אויף פאַר־שיידענע שפּראַכן, אויפגעהערט איינע די אַנדערע צו פאַרשטיין; ווידער הייבן זיך אָן אָפּצושפּילן טראַגעדיעס און עס פאַלן אַפילו אָפטמאָל קרבנות פון ביידע צדדים. אַ פאַנאַנדערפאַלן זיך פון פאַמיליעס זענען אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע געווען די פאָלגן פון דער דאָזיקער אומפאַרשטענדעניש. די יידישע טאַטעס, די גאַר פרומע, אַזוי אויך די משכילים, באַזונדערס די ציוניסטיש־געשטימטע, פלעגן טענהן:

— אפילו די רעוואָלוציע זאָל זיגן, דער סאָציאַליזם זאָל פאַרווירק־לעכט ווערן, וועלן מיר יידן דערפון גאָרנישט געווינען; היינט נאָך וואָס אָוועקלייגן די קעפּ פאַר אַנדערע און נישט אָפּגעבן אונדזערע כוחות, נישט קאָנצענטרירן אונדזער גאַנצע אַרבעט פאַר דער רעאַליזירונג פון אונדזער אייגענעם פאָלקס־אידעאַל?

אַזאַ מין קאַמף האָט זיך אין די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן אָפּגע־שפּילט אויך אין הויז פון מיינע עלטערן אין ביאַליסטאָק, און ער איז נישט בלויז געווען קיין פּאַראיינצלטער פאַקט.

מיין געבורטסשטאָט ביאַליסטאָק האָט זיך נישט בלויז אויסגעצייכנט פריער מיט איר גרויסער צאָל משכילים און סתם אינטעליגענטע יידן און שפּעטער מיט אירע פּראָמינענטע ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן, נאָר אויך ווי אַ באַדייטנדיקער אינדוסטריע־צענטער מיט אַ גרויסער אַרבע־טער־באַפעלקערונג. האָט זי אויך גענומען אַן אינטענסיוון אָנטייל אין אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, — אַנאַרכיזם איינגעשלאָסן.

און צום שבח פון מיין ערשטער היים זאָל מיר דערלויבט זיין צו באַטאָנען, אַז ביאַליסטאָק האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ גאַנץ אָנגעזעענע צאָל יידן־רעוואָלוציאָנערן. און איינעם פון זיי, מאַיר ליטווינאָוו, וועלכער האָט געהערט צו די מפורסמים אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, שאינם צריכים ראיה, וויל איך דאָ דערמאָנען מיט אייניקע ווערטער.

דער פאָטער פונעם געוועזענעם סאָוועטישן אויסערן־קאָמיסאַר, מ. ליטווינאָוו, האָט געהייסן משה וואַלאַך. ער איז געווען נישט נאָר אַ ייד אַ גרויסער למדן, נאָר דערצו אויך אַ משכיל און אַ פּקח, אין פולן זין פון וואָרט. מיין פאָטער און ער, האָבן נישט נאָר צוזאַמען געדאַוונט

אין „בולקאָװשטײנס״ בית־המדרש, נאָר זײ זענען אויך געװען גרויסע ידידים. אויך די קינדער פון בײדע פאַמיליעס זענען געװען באַפרײנ־דעט, און מיט ליטװינאָװוס עלטסטער שװעסטער האָב איך געלערנט צו־זאַמען אין דער שול. װי איצט געדענק איך עס, אַז שוין אין עלטער פון דרײצן־פערצן יאָר — אין יענע צײטן האָט עס שוין געהײסן אַ דער־װאַקסענע מײדל — פלעג איך שטאַרק הנאה האָבן זיך צוצוהערן צו די שמועסן פון מײן פאָטער ע״ה, מיט משה װאַלאַך, װעלכער איז געװען בײ אונדז אין שטוב אַן אָפּטער אײנגײער.

מײן פאָטער האָט געפירט אײגענע געשעפטן. משה װאַלאַך אָבער, איז געװען אַ „מענטש״ בײ אײנעם פון די ביאַליסטאָקער גבירים — אליהו מײלאַך. מיט דרײ דורות צוריק האָט אַזאַ געשעפטס־פירער אין אַ גרויסער האַנדלס־פירמע נישט געהײסן, װי הײנט, „אָנגעשטעלטער״ אָדער „באַאַמטער״, נאָר פּראָסט־פּשוט — „אַ מענטש״ און אַזאַ סאָרט „מענטש״ האָט נישט נאָר פאַרװאַלטעט מיטן גבירס גרעסטע געשעפטן, נאָר פלעגט אויך זײן דער מבין אויף די חתנים און כלות פאַרן פּרינצי־פּאַלס קינדער. אָן זײן הסכם האָט דער באַלעבאָס נישט געשלאָסן קײן שום שידוך. די גבירים פלעגן זיך שטאַרק גרויסן מיט זײערע „מענטשן״, מחמת זײ האָבן גוט געװוּסט, אַז די דאָזיקע „מענטשן״ שטײען אין אַלע הינזיכטן, מיט גאַנצע הונדערט קעפּ העכער פון זײערע ברויט־געבערס. אַזאַ „מענטש״ איז, למשל, געװען אָשר גינצבורג (אחד העם) — דער שעפער פונעם גײסטיקן ציוניזם, — װעלכער האָט געאַרבעט אין דער גרויסער האַנדלס־פירמע פון קלונימוס־זאב װיסאָצקי, אין רוסלאַנד.

מאיר, דער עלטסטער פון משה װאַלאַכס דרײ זין, האָט געלערנט אין חדר בײ ר׳ קלמן סאַפּירשטײן, און צו זײן בר־מצוה האָט ער געהאַלטן אַ פײנע דרשה אויף לשון־קודש. אײנער פון ליטװינאָװוס חדר־חברים אין ביאַליסטאָק, װעלכער האָט דעמלט געהערט זײן דרשה, איז דער מאַן פון מײנער אַ קוזינע, דער לאַנגיעריקער העברעיִשער לערער אין ירושלים, רב זלמן בן־טובים, אַ זון פון רב יצחק־אײזיק בן־טובים פון ביאַליסטאָק, װעלכער איז געװען אַ חבר פונעם ערשטן ועד־הפּועל פון די חובבי־ציון אין יפו.

דער לערער בן־טובים װײס צו דערצײלן, אַז מאירקע װאַלאַך איז

געווען אַ מוראדיקער שטיפער, אָבער אַ קלוגער קאָפּ און אַ שאַרפער מוח. דער רבי, ר׳ קלמן סאַפּירשטיין, פלעגט נישט איינמאָל זאָגן, אַז פון דעם דאָזיקן „שייגעץ" וועט נאָך אַמאָל אויסוואַקסן אַ וויכטיקער מענטש.

צי זענען עס געווען די פאָלגן פון זייער פּערזענלעך אַדורכגעפירטער רעוואָלוציע, אָדער ווידעראַמאָל די השפּעה פונעם צייטגייסט, און אפשר ביידע גורמים צוזאַמען, דער עיקר — מיינע יינגערע שוועסטער און ברי־דער זענען שוין דעמלט געווען אַקטיווע מיטגלידער אין פאַרשידענע רע־וואָלוציאָנערע פּאַרטייען. דער עלטסטער ברודער מיינער איז אַ „מזרחי" זינט דער אַנטשטייונג פון דער מזרחיסטישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַליס־טאָק און בכלל אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער עסקן. פון די צוויי שוועסטערן דענטיסטינס, איז די עלטערע, דינה שפּיראָ, געווען אַ ציור־ניסטין און זי געפינט זיך שוין צענדליקער יאָרן מיט איר פאַמיליע אין חיפה. די צווייטע, די יונגערע, איז געווען אַן אַקטיווע בונדיסטקע, נאָך ווײַנענדיק ביי מיר אין שטוב אין וואַרשע שוין אין יאָר 1897, ווי נאָר ס'איז אַנטשטאַנען דער „בונד". צוויי יינגערע שוועסטער, ביידע לערע־רינס אין ביאַליסטאָקער מיטל־שולן, האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער רוסי־שער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און די צוויי יינגסטע ברידער, זענען שוין אַוועק גאָר ווייט, — צו דער עקסטרעמסטער רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג, צום אַנאַרכיזם.

נאָך זייער יונגע, ווי שילער אין די העכערע קלאַסן פון דער יידי־שער קאָמערץ־שול אין ביאַליסטאָק, זענען זיי שוין געווען אַקטיווע סאָ־ציאַליסטן. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן וואָס יידישע טאַטע־מאַמע האָבן איבערגעלעבט אין יענע יאָרן, בעת זייערע קינדער האָבן זיך באַ־טייליקט אין די פאַרשידענע אומלעגאַלע באַוועגונגען, ווען פאַר דער מינדסטער קלייניקייט האָט געדראָט טורמע אָדער פאַרשיקונג. איך וויל אָבער דאָ אונטערשטרייכן, אַז מיין פאָטער ע"ה איז געווען אַ זייער טאָלעראַנטער מענטש. וויסנדיק, למשל, אַז שבת זיצן די ברידער מיט זייערע חברים ביי זיך אין צימער און רויכערן פּאַפּיראָסן, — פלעגט ער דעם גאַנצן שבת נישט איבערטרעטן די שוועל פון זייער צימער. און אַז די מאַמע ז"ל, וועלכע איז שוין דווקא געווען ווייניקער טאָלעראַנט, האָט אויף דעם צייטנווייז רעאַגירט, פלעגט ער צו איר זאָגן, אַז זי האַנדלט

נישט ריכטיק, וואָרום פאָלגן וועלן זיי איר סיי־ווי־נישט, ברענגט זי זיי נאָך מיט דעם, עובר צו זיין אויף דער מצווה פון כיבוד אב ואם.

אין אַ שיינעם טאָג האָט מען מיין עלטערן ברודער — בערל האָט ער געהייסן — אַרעסטירט און אים אַוועקגעשיקט קיין פּעטערבורג אין דער „פּרעדוואַרילקע״, — אַזוי האָט געהייסן די אויספאָרשונג־טורמע פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער אין פּעטערבורג. ער איז אָפּגעזעסן בערך זעקס חדשים און איז באַפרייט געוואָרן איבער מאַנגל אין באַווייזן. די גאַנצע צייט פון זיין אַרעסט, פלעגט אונדזער פאָטער קיינעם נישט צו־לאָזן, נאָר ער אַליין פלעגט פאַרפּאַקן די פּעקלעך שפּייז און זאַכן, וואָס איז דערלויבט געווען אים צו שיקן פון צייט צו צייט. און אַז מען האָט אים אַמאָל געפרעגט, פאַרוואָס ער לאָזט עס נישט טון קיינעם פון די שטוב־מענטשן? האָט ער געענטפערט:

— כל־זמן אַ מענטש לעבט האָט ער נאָך די ברירה צו ווערן אַנ־דערש.

אַהיימקומענדיק פון דער „פּרעדוואַרילקע״ האָט מיין ברודער שוין די שול, נאַטירלעך, נישט פאַרענדיקט און זיך אַריינגעוואָרפן ראשו ורובו אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. ער איז אַרויסגעטראָטן פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי און געוואָרן איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ערשטער אַנאַרכיסטישער גרופּע אין ביאַליסטאָק, פון וועלכער דער טרויעריק־באַרימטער כוליגאַן, דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן, האָט אין יאָר 1905, נאָר לויט אַן אַדמיניסטראַטיוון אורטייל, אָן שום געריכט, געהייסן דערשיסן אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ פון „ציטאַ־דעל״ אין וואַרשע, עלף יונגע מענטשן, כמעט אַלע ביאַליסטאָקער, — קינדער פון די פיינסטע ייִדישע הייזער.

דעם אָנדענק פון מיין יונגן ברודער בערל און זיין קורצן טראַגישן לעבנסוועג וויל איך דאָ, אין מיינע זכרונות ווידמען עטלעכע שורות, כאָטש ס׳איז מיר לגמרי נישט לייכט צו שילדערן איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, די פּערזענלעך שווער און ביטער איבערגעלעבטע, טרויעריקע גע־שעעניש. מיין ברודער בערל איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסן טעמ־פּעראַמענט. אַ שטיק פייער, קלוג, שיין, הויכגעוואַקסן און באַשאָנקען מיט אַן אייגנבוירענער רעדנער־קראַפט פון גאָטס גנאָד. מיט זיינע רע־

דעס פלעגט ער פאַרכאַפּן און ממש היפּנאָטיזירן די גרעסטע אוידי־טאָריעס.

אין פּעטערבורג האָט ער זיך באַקענט און איז געוואָרן אַ נאָענטער פריינט מיט אַ רוסישער רעוואָלוציאָנערער טוערין, אַ טאָכטער פון אַ שטאַטסראַט. זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט, אין צייט אפילו צווישן די פאַבריק־אַרבעטער אין ביאַליסטאָק גופא. שפּעטער, האָבן זיי זיך אויף אַ צייט אָפּגעטראָגן קיין אויסלאַנד, און מיר האָבן אפילו נישט געוווּסט וווהין. אין איין שיינעם טאָג, אין 1904, איז צו מיר אין וואַרשע געקומען אַ רוסישע עלעגאַנט־געקליידעטע יונגע דאַמע, מיט אַ בריוו פון מיין ברו־דער, ווו ער שרייבט מיר, אַז זי וועט מיר פון אים איבערגעבן אַ פּער־זענלעכן גרוס און אַז זי וועט פאַרווילן ביי מיר בלויז איין טאָג, אויפן וועג פון אויסלאַנד קיין פּעטערבורג. נאַטירלעך, האָב איך איר זייער גוט אויפגענומען. אָבער דעם זעלבן טאָג, אין אָוונט, האָט מען איר ביי מיר אין שטוב אַרעסטירט און איבערגעפירט אין דער אויספאָרשונגס־טורמע אין ראַטהויז, אויפן טעאַטער־פּלאַץ. אויף צומאָרגנס האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז קיין שום קאָמפּראָמיטירנדיקע זאַכן האָט מען ביי איר נישט געפונען, אויסער אַ באַן־בילעט פון ערשטן קלאַס שנעלצוג ביז פּעטער־בורג. זיי האָבן איר באַגלייט צום צוג, געוואַרט ביז ער איז אַוועק און אפילו נישט געקומען צו מיר אויף קיין הויז־זוכונג.

ערשט עטלעכע טעג שפּעטער, האָט זיך מיין שוועסטער, די בונ־דיסטקע, אויף אַ זעונג אין דער זעלביקער תפיסה מיט אירער אַ חברטע, אויך אַ ציין־דאָקטערשע און אַקטיווע בונדיסטקע, די פרוי פון אַ זייער פּאָפּולערן יידישן דאָקטער אין וואַרשע, — דערוווּסט, אַז מיין גאַסט, די רוסישע דאַמע, איז יענע נאַכט איבערגעשלאָפן מיט איר אין איין צעלע, און צווישן אַנדערעס האָט זי איר דערציילט, אַז די פּאָליציי־באַאַמטע האָבן צווישן זיך גערעדט: אַז מ׳דאַרף אַרויסרופן די מאַדאַם ראַקאָווסקי און זיך דערוויסן פון וואַנען קומען צו איר אַזעלכע הויכגעשטעלטע אויס־לענדישע געסט? דער עפּיזאָד אָבער, האָט זיך פאַרענדיקט פאַר מיר אָן שום פאָלגן.

סוף זומער 1904 איז מיין ברודער פּלוצלונג ווידער אַראָפּגעקומען קיין ביאַליסטאָק אין אַ פּאַרטיי־שליחות אָבער קיין גרויסע זאַכן האָט

ער שוין נישט באַוויזן אויפצוטון; ווייל אָנפאַנג אָקטאָבער בערך, האָט מען אים ביי די עלטערן אין שטוב צום צווייטן מאָל אַרעסטירט.

מיין פאָטער ע״ה, וועלכער האָט עלף יאָר צייט געליטן אויפן האַרץ, האָט גלייך בעת דעם אַרעסט, באַקומען אַ שטאַרקן האַרץ־אַטאַק און איז אָפּגעלעגן צו־בעט זעקס וואָכן צייט. זיין קראַנק האַרץ האָט שוין אָבער דאָסמאָל נישט אויסגעהאַלטן און זונטיק, דעם פערטן טאָג חנוכה פון יאָר 1904, האָט ער אויסגעהויכט זיין קרישטאָל־ריינע נשמה, אין עלטער פון נישט מער ווי 57 יאָר. דאָנערשטיק פאַרנאַכט האָט אים די מאַמע צוגעטראָגן צום בעט דעם חנוכה־לאָמפּ, האָט ער צוגעגרייט בלויז דריי בוימל־קנויטן. — פאַרוואָס נישט אַלע? — פרעגט אים די מאַמע. גאַנץ רויִק האָט ער איר אויף דעם געענטפערט, אַז מער דאַרף ער נישט. ווען מ׳האָט אונדז זונטיק פאַרטאָג אַרויסגערופן טעלעגראַפיש, זענען מיר אָנגעקומען פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק ערשט מיטאָג־צייט און שוין גע־טראָפן דעם טאַטן ביי זיינע לעצטע שעהן.

ווי לעבעדיק שטייט נאָך איצט פאַר מיינע אויגן דאָס דאָזיקע טרויע־ריקע בילד, ווי מיין פאָטער איז געזעסן אויפן פאָטעל, — ליגן האָט ער שוין נישט געקענט — און איך, זיין עלטסטע טאָכטער, בתו הבכורה, ראשית כוחו ואונו, פון וועלכער ער איז בלויז עלטער געווען מיט זיבעצן יאָר, און נישט געקוקט אויף מיינע כלומרשטע „גרויסע זינד״, פלעגן די איבעריקע קינדער — נישט אָן קנאה — זאָגן, אַז פועהן האָט דער טאַטע ליבער פון אונדז אַלע, — בין געשטאַנען הילפלאָז נעבן אים און געהערט זיינע לעצטע ווערטער:

— זאָלן זיי מיך שוין מער אומזיסט נישט מאַטערן...

מיין פאָטער איז אַ גאַנצע ריי יאָרן געווען אַ זייער אָנגעזעענער אַנגראָ־סוחר פון הערינג, זאַלץ און נאַפּט, און מיט יאָרן שפּעטער האָט ער באַקומען די פאָרשטייערשאַפט פון דער גרויסער נאַפּט־געזעלשאַפט „מאַ־זוט״ אויף דער שטאָט ביאַליסטאָק און איר גאַנצן ראַיאָן. מיין פאָטער איז נישט בלויז געווען אַן אויסערגעוויינלעך־פעיִקער און טיכטיקער קאָ־מערסיאַנט נאָר טאַקע אויך אַ הויפּט־ערלעכער מאַן. נאָך זיין טויט און לויטן דעמלטיקן שטייגער פון די גרעסערע יידישע געשעפטס־הייזער, האָט די לייטונג איבערגענומען מיין עלטסטער ברודער, דער מזרחיסט,

וועלכער איז ביז דעמלט געווען דער פאָרשטייער פון „מאָזוט" אין איינער פון די גרעסערע פוילישע פּראָווינץ־שטעט, אין אָסטראָלענקאָ.

אונדזער מוטער איז געבליבן אַן אלמנה צו 55 יאָר, מיט זיבן דער־וואַקסענע אומפאַרהייראַטע קינדער — פיר טעכטער און דריי זין — אַלע אָבער זעלבסטשטענדיקע מענטשן. די טראַגישע איבערלעבונגען פון מיין מוטער האָבן זיך נאָך אָבער נישט פאַרענדיקט מיטן פריצייטיקן טויט פון אונדזער פאָטער. די יאָרן 1906—1907 האָבן איר געבראַכט צוויי שרעקלעכע אומגליקספאַלן, וואָס אפשר נאָר אַ דאַנק איר טיפן גלויבן און אמתער פרומקייט איז זי געווען בכוח זיי איבערצוטראָגן.

## קאַפּיטל דרייצן

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און נאָך דער פאַרהעלטנישמעסיק־קורצער אָטעם־פּויזע, אין יאָר 1903, האָבן זיך אויך אין מיין ציוניסטי־שער שטוב, אָנגעהויבן אַריינצורייסן רעוואָלוציאָנערע ווינטן, און עס האָט קיין סך נישט געפעלט, אַז זי זאָל אינגאַנצן חרוב ווערן. מיין זון זענען באַלד ענג געוואָרן די ראַמען פון אונדזער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג, און עס איז ביי אים רייף געוואָרן דער געדאַנק אַריינצוטרעטן אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערע קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט. איינמאָל געפּאַסט דעם דאָזיקן באַשלוס, איז פאַר אים נאָר אַ געוויסע צייט געשטאַנען די פראַגע אין וועלכער פּאַרטיי ער דאַרף זיך אָנשליסן.

ווי אַזוי האָב איך רעאַגירט אויף דער דאָזיקער מעטאַמאָרפאָזע פון מיין זונס מיינונגען? קודם־כל, ווי אַ באַוווסטזיניקער מענטש מיט אַ טאָלעראַנטער באַציִונג צום צווייטנס איבערצייגונגען און דערצו ווי אַ מוטער אַ רעוואָלוציאָנערין ביז די טיפענישן פון דער נשמה. די דאָזיקע אומוואַנדלונג איז אָבער פאַר מיר נישט געווען קיין שום איבערראַשונג. צי האָבן מיר ייִדן גופא, שוין אָפּגערעדט פון אונדזער ייִדישער יוגנט, געקענט פאַרבלייבן גלייכגילטיק צו די שרעקלעכע גרויל־טאַטן פון די צאַרישע סאַטראַפּן און תלינים בנוגע רוסלאַנד בכלל, און איר ייִדישער

באַפעלקערונג בפרט? אונטער אַ הערשאַפט פונעם באַשרענקטן, שטומפּ־זיניקן ניקאָליי דעם לעצטן, וועלכער האָט געגלויבט אין זיין געט־לעכער באַשטימונג איינצוהאַלטן די „אַליינהערשאַפט" און צו באַקעמפן די באַפרייונגס־באַוועגונג?

די שטימונג אין מיין ציוניסטישער שטוב איז שוין דעמלט געווען זייער אַ רעוואָלוציאָנערע. יעטוועדן נקמה־אַקט, וואָס עס פלעגט אויסגע־פירט ווערן ערגעץ־ווו אין רוסלאַנד איבער איינעם פון די רוסישע כולי־גאַנעס־מיניסטאָרן אָדער די המנס־געזעצגעבערס, פלעגט מען ביי מיר אין שטוב פייערן דורך באַקן המן־טאַשן. אפילו מיין צוויי־יאָריקע מיי־דעלע, אריינקומענדיק אין איינער פון די קלאַס־צימערן, ווו אויף די ווענט האָבן, לויטן באַפעל פון דער שול־מאַכט, געמוזט הענגען די פּאָר־טרעטן פון ניקאָליי דעם צווייטן, פלעגט זי אויפהויבן איר קינדעריש פויסטל מיט די ווערטער:

— ווי' דו קייסער, איך וועל דיך דערהרגענען!

איך פּערזענלעך בין בכלל נישט פאַרגליווערט געוואָרן ווי אַ סך אַנדערע פון מיינע צייט־חברים אויפן בירגערלעכן ציוניזם. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט צו די פּרעדיקערס פון „עשו סייג לתורה הציונית". פאַר מיר איז פון אָנהייב אָן, דער ציוניזם קיינמאָל נישט געשטאַנען אין ווידערשפּרוך מיטן סאָציאַליזם. איך בין נאָך, אפשר פריער פון אונדזערע פאַרשידענע אידעאָלאָגן, — די שעפער און טרעגער פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק, — געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אונדזער פאָלקס־באַוועגונג איז אַ רעוואָלוציאָנערע; אַז ציוניזם הייסט נישט בלויז אויפבויען פאַר אונדזער געיאָגטן און געפּלאָגטן פאָלק אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל, נאָר איז אויך גלייכצייטיק, און בעיקר, פאַר איבערבויען דאָס גאַנצע יידישע לעבן אויף נייע, געזונטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע יסודות.

און נאָך אַ מאָמענט האָט מיין זון מיר מיטגעהאָלפן צו פאַרשטיין: פאַר מיר איז דאָס יידישע פּראָבלעם געווען איינע פון אַ גאַנצן קאָמ־פּלעקס וועלט־פראַגן, וועלכע קאָן און וועט געלייזט ווערן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, און נאָר דעמלט, ווען אויף דער וועלט

וועט אויפן אָרט פון ברוטאַלן כוח, און די מאַכט פון דער פויסט, הערשן יושר און גערעכטיקייט.

אַקטיוו האָב איך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, מיט מיין זון נישט מיט־געאַרבעט. איין פונקציע, אגב, זייער אַ שווערע, האָב איך יאָ אויף זיך גענומען. מיין אויפגאַבע איז נעמלעך באַשטאַנען אין דעם: צו שטיין אויף דער וואַך און מיט מיין גאַנצער קראַפט און אָנשטרענגונג, אויס־נוצנדיק דערביי אַלע מעגלעכע מיטלען, נישט אַראָפּצונעמען פון אים מיין וואַכעדיק אויג, אַז ער זאָל לפּחות בלייבן גאַנץ.

מיין שוועסטער די בונדיסטקע, איז פאַר דער צייט געוואָרן זייער אַקטיוו אין איר פּאַרטיי, און נישט ווילנדיק מיך קאָמפּראָמיטירן, האָט זי זיך אַרויסגעצויגן אין אַן אַנדער דירה. איך האָב איר געוואָרנט זי זאָל עס נישט טון, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דעם 1טן מאַי 1905, האָט זי בעת אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע, געצויגן אויף זיך די אויפ־מערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי און אין אָוונט איז מען געקומען איר אַרעסטירן. בעת דער רעוויזיע ביי איר אין צימער, האָט איר דער זשאַנדאַרן־אָפיצער אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס האָט איר זיך אַרויסגעצויגן פון אייער שוועסטער?

—אייער שוועסטער קענען מיר — האָט ער צוגעגעבן. זי האָט אים געענטפערט: אַז די שוועסטער האָט חתונה געהאַט, און ס'איז ביי איר אין דער וווינונג נישטאָ קיין איבעריקער פּלאַץ.

ווען מען האָט איר געבראַכט אין גוט־באַקאַנטן צענטן פּאַוויליאָן פון ציטאַדעל, האָט איר אַ צווייטער זשאַנדאַרן־אָפיצער אין דער קאַנ־צעלאַריע, ווידער געשטעלט דיזעלביקע פראַגע. דאָס האָט איר שוין אויפגערעגט און זי האָט אים מיט שטאָלץ געענטפערט, אַז דאָס איז אירע אַ פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייט און אויף דער פראַגע האַלט זי לגמרי ניט פאַר נייטיק, אים צו ענטפערן. זי איז איבערגעזעסן עטלעכע מאָנאַטן און מען האָט איר באַפרייט. אָבער אין וואַרשע האָט זי שוין נישט געקאָנט בלייבן. איך בין דאַן צוגעפאָרן צו מיין מוטער און דעם עלטסטן ברודער קיין ביאַליסטאָק און ביי זיי געפועלט, מען זאָל איר תיכף מאַכן אַן אויסלענדישן פּאַס און אָוועקשיקן קיין אויסלאַנד. מען האָט מיך געפאָלגט און זי איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ צייט קיין בערלין

און פון דאָרט קיין פּאַריז. אויף דעם אופן, איז עס מיר. אין אַ געוויסער מאָס אויך לייכטער געוואָרן, געהאַט איין נאָענטן מענטשן ווייניקער אויסצוהיטן.

מיטן אָפּפאָר פון מיין שוועסטער, האָט זיך נאָך אָבער מיין „רע־טונגס״־אַקציע נישט פאַרענדיקט. אויך פאַר מיין ניינצניעריקער טאָכ־טער, — וועלכע האָט שוין געאַרבעט ווי אַ לערערין. צוזאַמען מיט מיר אין שול און איז געווען און פאַרבליבן, ווי איך האָב שוין פריער באַ־מערקט, ביזן לעצטן טאָג פון איר קורצן טראַגישן לעבן, אַן אויסגעַ־שפּראָכענע ציוניסטין — אויך פאַר איר איז מיין שטוב איצט געוואָרן אומבאַקוועם.

קוים דערצויגן ביזן ענדע שול־יאָר, האָב איך איין אַ שנעלן טעמפּאָ אַרויסבאַקומען פאַר איר אַן אויסלענדישן פּאַס, געמאַכט אַלע נייטיקע הכנות צו דער רייזע, און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז זי פאָרט קיין בערן אויף פּעדאַגאָגישע קורסן.

בערן, די הויפּטשטאָט פון דער שווייץ, איז אין יענע יאָרן פון דער שוואַרצסטער רוסישער רעאַקציע, — פאַר דער ייִדישער שטודירנדיקער יוגנט געוואָרן אַן אמתע עיר־מקלט. הונדערטער יונגע מענטשן — ס׳רוב פרויען — פונעם תחום־המושב, האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין דער שווייץ, כדי „זיך צו לערנען אויף דאָקטוירים״, דאָס הייסט שטודירן מע־דיצין. אויסנוצנדיק די ליבעראַלע באַציונג פון דער שווייצאַרישער אוני־ווערזיטעטן־מאַכט, צו די מאָדערנע יונגע משכילים און לעכצנדיקע נאָך העכערער בילדונג. די אומגאַנגס־שפּראַך פונעם דאָזיקן עולם, איז געווען מאַמע־לשון: ייִדיש, דורכגעפּלאָכטן — כדי אונטערצושטרייכן די לומדות און ליטעראַרישע באַהאַוונטקייט — מיט העברעיִשע אויסדרוקן. דער הילוך פון דער דאָזיקער יוגנט און די גאַנצע אויסערלעכקייט בעיקר פון די מיידלעך, האָט געשמעקט מיט „ניהיליזם״. מען האָט גע־לעבט אַ העכערן גייסטיקן לעבן; געגעסן איין מאָל אין טאָג, און איין מיטאָג זאַלבעצווייט; מען פלעגט קיינמאָל נישט עסן צו דער זעט, דערפאַר אָבער פול געווען מיט התלהבות און אייפעריק דורכגעדרונגען געווען מיטן רעוואָלוציאָנערן גייסט. דורך טעג און נעכט, כסדר געהערט רעפע־

ראַטן, קאָנטער־רעפּעראַטן און דיסקוסיעס און פּינקטלעך מקיים געווען דעם פּסוק: „אין התורה מתקימת, אלא במי שממית עצמו עליה״.

ווען מיין טאָכטער איז שוין אינגאַנצן גרייט געווען צו דער רייזע, האָב איך נאָך ערשט געהאַט צו איבערווינדן אַ געוויסע פאַר מיר אומ־פאַראויסגעזעענע שטערונג:

אָנפאַנג 1904 האָט זיך מיין טאָכטער אויף אַ פּורים־באַל באַקאַנט — דורך איינעם פון מיינע נאָענטסטע חברים שטוב־מענטשן, מרדכי לעדערער ז״ל — מיט אַ סטודענט אויפן צווייטן קורס יורידישן פאַקול־טעט, — אַלעקסאַנדער אַלשוואַנגער.

זי האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און ער האָט איר געבעטן אים צו דערלויבן פאַרצוזעצן זייער באַקאַנטשאַפט. אַ געוויסע צייט האָב איך פון דער גאַנצער געשיכטע קיין שום אַנונג נישט געהאַט. זיי פלעגן זיך טרעפן אויף פאַרזאַמלונגען און ביים חבר לעדערער אין שטוב. לאַנג האָט עס, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט געדויערט און מיין טאָכטער האָט מיר דערציילט וועגן איר נייער באַקאַנטשאַפט, און צו־געגעבן, אַז דער בחור געפעלט איר זייער, זי קען אים נאָך אָבער צו ווייניק און דעריבער וויל זי, אַז ער זאָל אָנהייבן קומען צו אונדז אין הויז, כדי מען זאָל זיך נענטער באַקענען. איך האָב, נאַטירלעך, גאַרנישט געהאַט דאַקעגן. ער איז געוואָרן ביי אונדז אַן אָפטער גאַסט און איך האָב גלייך באַמערקט אַז עס איז עפּעס מער ווי געוויינלעכע באַקאַנטשאַפט, און אַז זייער סימפּאַטיע איז אַ קעגנזייטיקע. איך בין געווען צופרידן, וואָס ער האָט נאָך אַ פאָר יאָר ביזן פאַרענדיקן זיין שטודיום. מיין טאָכ־טער וועט נאָך קענען פאַרן לערנען, און נישט חתונה האָבן צו 19 יאָר. גלייכצייטיק וועט טאָקע זיין מער מעגלעכקייטן, איינער דעם צווייטן בע־סער קענען צו לערנען. קוים האָט זיך אָבער געשאַפן די לאַגע, אַז מיין טאָכטער מוז אַוועקפאָרן, קען מען זיך נישט רעכענען מיט קיין סענ־טימענטן, און ווי שווער עס זאָל נישט זיין, מוז מען זיך אויף אַ צייט צעשיידן. לייכט איז עס מיר נישט אָנגעקומען, אָבער מיין טאָכטער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי דאַרף נישט בלייבן לענגער אין וואַרשע און זי איז אַוועקגעפאָרן.

דער פאַקט וואָס מיין זון האָט זיך נאָך לאַנגע וואַקלענישן און אַ

געוויסן אינערלעכן קאַמף אָפּגעשטעלט אויף דער עקסטרעמיסטישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — אויפן אַנאַרכיזם — איז פאַר מיר פער־זענלעך נישט געווען קיין איבעראַשונג, נאָר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע קאָנסעקווענץ פון זיין ראַדיקאַלן, אויסגעשפּראָכן קאָמפּראָמיסלאָזן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון זיין גאַנצער איינשטעלונג בכלל. אויפגעבראַכט און פאַרביטערט ביז צו די טיפענישן פון זיין נשמה, קעגן די גרוילטאַטן פון דער אכזריותדיקער קאָנטער־רעוואָלוציע צום רוסישן פאָלק בכלל און דער ייִדישער באַפעלקערונג בפרט, האָט ער געהאַלטן אַז אַ נייע סאָציאַליסטישע אָרדענונג קאָן נאָר אַנטשטיין אויף די חורבות פון דער צעפוילטער טיראַנען־הערשאַפט. אַ געוויסע השפעה אויף דעמדאָזיקן באַשלוס זיינעם, האָט אויך געהאַט די כסדרדיקע אַגיטאַציע פון מיינע צוויי ייִנגסטע ברידער.

סוף 1903, ווען די לופט האָט שוין געשמעקט מיט פּולווער — מען האָט זיך געגרייט צום קריג מיט יאַפּאַן — איז מיין זון געפאָרן קיין פינסק און דורך דער הילף פון זיין פאָטער זיך באַפרייט, ווי אַן איינציקער זון — פונעם מיליטער־דינסט.

## קאַפּיטל פערצן

אין יאַנואַר 1904 איז אויסגעבראָכן דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג. דורך אַ פאַראָרדענונג פון דער שול־מאַכט אין וואַרשע, האָב איך אָנהייב פון מלחמה־אויסברוך שיער נישט פאַרלאָרן מיין שול.

די שול־אינספּעקציע האָט צוגעשיקט דרינגענדיקע צירקולאַרן צו אַלע איינגנטימערס פון ייִדישע שולן מיטן באַפעל, תיכף אָפּצוזאָגן אַלע ייִדישע לערערס און לערערינס פאַר רוסיש און רוסישע געשיכטע, און אָננעמען אויף זייער אָרט ווי לערערינס, די פרויען פון די רוסישע אָפי־צירן, וועלכע זענען אַוועק אין קריג. פאַר מיר איז דער דאָזיקער באַפעל געווען אַ טויט־קלאַפּ, ממש אַ פראַגע פון זיין אָדער נישט זיין.

די גאַנצע אַטמאָספער פונעם לערער־צימער ביי מיר אין דער שול איז געווען אָנגעזאַפּט, ריכטיקער געזאַגט עלעקטריזירט, פונעם רעוואָלו־

ציאָנערן צייט־גייסט. אויף די הפסקות האָט מען געהאַלטן אין איין דיס־קוטירן וועגן די לויפנדיקע פּאָליטישע ענינים און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין צוזאַמענהאַנג מיטן יידישן פּראָבלעם און די אויסשליסלעך יידישע צרות. היינט גיי לאָז אַריין אין אַזאַ מין סביבה, אַ רוסישע דאַמע, אַ פרוי פון אַ מאָביליזירטן רוסישן אָפיציר, שוין נישט רעדנדיק אפילו, מכוח דער פראַגע וועגן אירע פּעדאַגאָגישע פעיקייטן. און דער הויפּט־מאָמענט: אָנטרויען דער דאָזיקער ווילד־פרעמדער פּערזאָן די דערציִונג — אפילו צייטווייליק — פון מיינע דריי הונדערט תלמידות, יידישע קינדער. און איך האָב זיך געזאָגט: קוים געלונגט מיר נישט אָפּצושרייען די דאָזיקע, פאַר מיר ביטערע גזירה, — שליס איך מיין שול.

פּאַסנדיק דעמדאָזיקן פעסטן באַשלוס, בין איך אַוועק אין אינספּעק־ציע און באַקומען אַן אוידיענץ ביים גענעראַל־אינספּעקטאָר.

גאַנץ רויִק האָב איך אים דערקלערט, אַז צו מיין גרעסטן באַדויערן קען איך זיין באַפעל נישט דערפילן. ערשטנס קען איך מיינע לערערינס אין סאַמע מיט שול־יאָר נישט אָפּזאָגן. צווייטנס, קאָן איך דאָס נישט מאַכן, פּשוט אויס פּרינציפּ, ווייל קוים וועלן די יידישע שולן נישט באַ־שעפטיקן די יידישע לערערס און לערערינס, בלייבן זיי אָן ברויט. וואָרום אין די קריסטלעכע שולן לאָזט מען זיי דאָך נישט אַריין. דער גענעראַל־אינספּעקטאָר האָט מיך מיט אַן ערנסטער מינע אויסגעהערט און קורץ געענטפערט:

— „מיינע אונטערטאַנען און דיינע אונטערטאַנען", — אַזוי רעדן נאָר מלכים איינער צום צווייטן.

איך האָב זיין ערנסטן בליק אויסגעהאַלטן און נישט נתפּעל געוואָרן פון זיין ענטפער און געזאָגט:

— ווי איר פאַרשטייט. נאָר איך קען אייער פּאָדערונג נישט דער־פילן. געזאָגט אים אַ גוטן טאָג און בין אַוועק.

און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ גרויסער טייל פון יידישע שול־אייגנטימערס, האָבן די דאָזיקע פאַראָרדענונג יאָ דורכגעפירט און איך האָב זיך קאַטעגאָריש אַקעגנגעשטעלט, האָט מען מיר מיין שול נישט געשלאָסן.

***

דעם 15טן יולי 1904 איז אין פּעטערבורג, בעת ער איז געפאָרן קיין פּעטערהאָף מיט אַ ראַפּאָרט צום קייסער וועגן פאַרשידענע פּאָליטישע ענינים, דערמאָרדעט געוואָרן פון אַ באָמבע־אַטענטאַט, אויסגעפירט דורך אַ רוסישן טעראָריסט — דער טרויעריק־באַרימטער מיניסטער פּלעווע. די רעוואָלוציע האָט נישט נאָר ווידער אויפגעהויבן איר קאָפּ, נאָר האָט אויך פשוט אַנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דער צאַרישער קאַמאַריליע און די רעגירונג האָט ממש פאַרלאָרן דעם גלייכגעוויכט. דעם 11טן אויגוסט האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ „באַגנאַדיקונגס"־מאַניפעסט פאַרן פאָלק און אפילו געגעבן געוויסע הנחות פאַר יידן. די דאָזיקע מתנות אָבער האָט דער יידישער געזעלשאַפטלעכער כלל אויפגענומען זייער קאַלט, ווייל זיינע בליקן זענען געווענדט געווען צו ברייטערע האָריזאָנטן, וועלכע האָבן זיך דעמלט געעפנט פאַר רוסלאַנד.

דאָס פאַרשקלאַפטע פאָלק האָט געשטרעבט צו פרייהייט. די שוואַרצע כוחות פון דער רעאַקציע האָבן אָבער געגרייט שרעקלעכע נקמה־אַקטן, פאַר זיין אַנטיילנעמען אין דער באַפרייונג־באַוועגונג. מיט איר אויפהעצן די פאַרביטערטע פינצטערע מאַסן קעגן דער ליבעראַלער אינטעליגענץ און די „זשידעס", האָט די רעאַקציע געזוכט צו דערגרייכן דריי צילן: זי האָט אומדירעקט געשראָקן די ליבעראַלן און סאָציאַליסטן, דעמאַנסטרירט דעם ווילן פונעם „פאָלק" קעגן דעם פאַרבייטן די אַליינהערשאַפט אויף אַ קאָנסטיטוציע, און זיך באַמיט צו קאָמפּראָמיטירן די גאַנצע באַפרייונגס־באַוועגונג ווי אַ מכלומרשטער אויפטו פון „פרעמדע", באַזונדערס פון יידן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפענע פּאָגראָם־אַגיטאַציע אונטער דער לאָזונג:

— שלאָגט די רעוואָלוציאָנערן און די יידן! באַלד וועט קומען די וווּנדערבאַרע צייט, ווען אין רוסלאַנד וועלן מער נישט זיין קיין „זשידעס".

— נידער מיט די פאַרעטער; נידער מיט דער קאָנסטיטוציע!

צו פּסח־צייט האָבן זיי זיך אָפן געגרייט צו פּאָגראָמען. אין דער אינדוסטריע־שטאָט ביאַליסטאָק, אַ צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן די קאָזאַקן (דעם 9טן און 10טן אַפּריל) גע־

מאָרדעט יידן אויף די גאַסן, זיך אַריינגעריסן אין שולן און אין פּריוואַטע הייזער, געראַבירט און געשלאָגן מענער און פרויען.

פאַרכאַפּט דורך דער אַלגעמיינער שרפה פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע, וועלכע האָט זיך צעפלאַקערט מיט איר גאַנצער קראַפט, זומער 1905, נאָכן אונטערגאַנג פון רוסישן פלאָט אין דער שלאַכט ביי צוסימאַ, האָבן די יידן געענטפערט אויף די פּאָגראָמען דורך אַ פאַרשטאַרקונג פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. דער יידישער עלעמענט איז געווען אַק־טיוו אין אַלע לאַגערן פון דער באַפרייונגס־אַרמיי: אין דער קאָנסטיטו־ציאָנעל־דעמאָקראַטישער, אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און אין דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. עס האָט זיך געשאַפן אַ פאַרכישוף־טער קרייז: ווי די ערשטע קרבנות פונעם שרעקלעכסטן דעספּאָטיזם, האָבן די יידן נישט געקענט זיך נישט וואַרפן אין דער באַפרייונגס־באַוועגונג, אָבער דאָס שוואַרצע רוסלאַנד האָט זיך דווקא דערפאַר אין זיי נוקם געווען דורך שרעקלעכע פּאָגראָמען און מיט דעם זיי נאָך שטאַרקער גע־טריבן צו דער רעוואָלוציע.

אין די זומער־חדשים פון 1905, האָט זיך צעפלאַקערט אַ נייע פּאָגראָם־כוואַליע, דאָסמאָל אַ מיליטערישע. צערייצטע און פאַרביטערטע דורך די כסדרדיקע מפּלות פון דער רוסישער אַרמיי אין מאַנדזשוריע, האָבן די זעלנער און קאָזאַקן געזוכט צו געפינען אַ סאַטיספאַקציע אין לייכטערע נצחו־נות איבער די כלומרשטע „אינערלעכע שונאים״.

זיי האָבן געשלאָגן און געהרגעט יידן אויף די גאַסן פון מינסק, בריסק, שעדלעץ און לאָדזש. אין לאָדזש האָבן זיי געשאָסן אויף די אָנטיילנעמערס פון אַ געמיינזאַמער פויליש־יידישער אַרבעטער־מאַניפעסטאַציע. אַ שרעק־לעכע בלוט־באָד האָט די צעווילדעוועטע סאָלדאַטעסקע אַדורכגעפירט אין ביאַליסטאָק. אין פאַרלויף פון אַ גאַנצן טאָג — פון 30טן יוני — האָבן זיי פשוט געשאָסן פון זייערע ביקסן אויף די גאַסן אין די פרידלעכע פאַר־בייגייערס — יידן. דערמאָרדעט פופציק מענטשן און אַ פיל גרעסערע צאָל פאַרוואונדעט.

ווען איך בין דריי טעג נאָכן פּאָגראָם, מיטן ערשטן צוג, — וואָס איז נאָך די בלוטיקע געשעענישן, אָפּגעגאַנגען פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק, — געקומען אין מיין געבורטס־שטאָט, זענען נאָך די טראָטואַרן געווען באַדעקט

מיטן פאַרגליווערטן בלוט פון די געפאַלענע קדושים. אין אַ גרויסער צאָל הייזער, צווישן זיי אויך דאָס הויז ווו עס האָט געוווינט מיין מוטער מיט איר פאַמיליע, זענען די פאָדער־ווענט געווען אַדורכגעלעכערט פון די אַריינ־געשאָסענע קוילן. מיין גאַנץ לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן דאָס שווידער־לעכע בילד פון דער מאַסע פאַרוווּנדעטע אין די זאַלן און — איבערן מאַנגל אין ערטער — אפילו אויפן הויף פונעם ייִדישן שפּיטאָל, צענדליקער פאַר־ווונדעטע מענער, פרויען און קינדער, מיט דורכגעשאָסענע פיס, הענט און אַנדערע צעניזוקטע איברים.

כדי אָפּצושוואַכן דעם שווערן איינדרוק פון דערדאָזיקער שרעקלעכער בלוט־באָד, האָט די לאָקאַלע מאַכט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַ ייִדישער טעראָריסט האָט כלומרשט געזאָלט האָבן געשאָסן אויפן ביאַליסטאָקער פּאָ־ליציי־שעף און אַז דער פּאָגראָם זאָל האָבן געקומען ווי אַ נקמה־אַקט פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג קעגן דעם ייִדישן טעראָר.

סוף חודש יולי, בערך אַ מאָנאַט נאָכן צווייטן פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק, האָט די דאָרטיקע אַנאַרכיסטישע גרופּע, אַראָפּגעשיקט קיין וואַרשע עטלעכע חברים „אַקטיוויסטן", צווישן זיי אויך מיין ייִנגסטן ברודער משה, מיטן ציל אָנצוהייבן אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויך אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן. מיין ברודער איז געבליבן אין וואַרשע נאָר אַ קורצע צייט — זיין אַרבעט האָט איבערגענומען מיין זון — די איבעריקע ביאַליסטאָקער חברים אָבער, זענען פאַרבליבן אין וואַרשע און זענען דעריבער געוואָרן אָפטע איינגייערס ביי מיר אין שטוב.

איך האָב גוט געוווּסט מיט וואָס פאַראַ געפאַר דאָס שמעקט פאַר מיינע נאָענטסטע. זיי נישט אַריינלאָזן האָב איך אָבער נישט געקענט, מחמת דער גרעסטער טייל פון זיי, — צווישן זיי אויך מיידלעך — זענען געווען קינדער פון אונדזערע באַקאַנטע און באַפריינדעטע פאַמיליעס אין ביאַליסטאָק. מיין שטוב איז באַלד געוואָרן פאַר זיי אַן אמתער מקום־מקלט און אפילו דעם קעלער אונטערן שטוב האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ באַהעלטעניש פאַר אומלעגאַלער ליטעראַטור און אַנדערע נויטיקע מכשירים... ווען מען זאָל האָבן, בעת די שפּעטערדיקע אָפטע שטוב־רעוויזיעס געווען געפינען, דאָס וואָס מען האָט אַלץ באַהאַלטן אין מיין „כשרער" ציוניסטישער שטוב, וואָלטן מיר זיכער אַלע געבליבן אָן קעפּ... צום גליק, איז אפילו דער פּוילישער

הויז־וועכטער אויך געווען אַן „אָרגאַניזירטער", בעיקר אָבער, האָט אונדז נישט איינמאָל געראַטעוועט ממש פון טויט, מיין פוילישע הויז־דינסט, מאַר־יאַנע, וועלכע איז אָנגעקומען צו מיר ווי אַ זיבעצניעריקע מיידל און געאַר־בעט ביי מיר גאַנצע 28 יאָר. זי האָט זיך אַזוי צוגעבונדן צו מיין פאַמיליע, אַז זי איז גרייט געווען פאַר יעדן פון אונדז צו גיין — ווי מ'זאָגט — אין פייער און אין וואַסער. מיינע שטוב־מענטשן האָבן איר גערופן „אמתא דבי רבי" און איך פלעג אָפטמאָל זאָגן:

— מאַריאַנע, נישט אַנדערש נאָר דו שטאַמסט אָפּ פון יידן.

זי האָט באמת געהאַט אויף זיך אַ יידישן קאָפּ. בעת אַ רעוויזיע פלעגט זי אַזוי פאַרדרייען די קעפּ פון די זשאַנדאַרן, אַזוי קונציק מבער זיין דאָס וואָס מ'האָט געזוכט, אַז נאָר אַ דאַנק איר האָט מען קיינמאָל נישט געפינען קיין שום קאָמפּראָמיטירנדיקע זאַכן.

מיין זון איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען זייער אַקטיוו. אויך מיין חבר בירנבוים, וואָס לויט זיין גאַנצער איינשטעלונג און וועלט אויפ־פאַסונג, איז ער געווען שטאַרק נוטה צו דער אַנאַרכיסטישער אידעע, פלעגט מיטהעלפן ביים רעדאַגירן פּראָקלאַמאַציעס, פלוגבלעטלעך א. אַ. וו. באַלד איז עס דערגאַנגען צו דעם, אַז ביידע האָבן זיי מער נישט געקענט נעכטיקן אינדערהיים. זיי פלעגן נאָר צוקומען אינדערפרי אויף די לעקציעס פון דער שול, שנעל אָפּעסן דעם מיטאָג־מאָלצייט און זיך אָפּטראָגן. אין אַזעלכע סאָרט באַדינגונגען האָט מען געלעבט די לעצטע צוויי מאָנאַטן פונעם יאָר 1904.

אין חודש יאַנואַר 1905 איז אין אַ געוויסן טאָג געקומען צו דעם „אַנט־גילטיקן דורכפאַל". מען האָט אַרעסטירט עלף מענטשן און מיין זון האָט געזאָלט זיין דער צוועלפטער.

פיר אַזייגער נאָכמיטאָג איז ער אַריין אַן אָנגעטוענער אין ווינטער־מאַנטל אין עס־צימער און צו מיר אַ זאָג געטון:

— מאַמע, נעם געשווינד סאַלקען און קום, פאָר מיט מיר צו צום פּעטערבורגער וואָקזאַל.

מאָמענטאַל האָב איך געכאַפּט מיין צוויי־יאָריקער מיידעלע, איר אָנגעטאָן, — ס'איז גראָד געווען אַ גוטער פראָסט און אַ שליטוועג — וואָס מ'פלעגט אין וואַרשע זייער זעלטן טרעפן אַזעלכן. מיין זון האָט דאָס קינד

אַ כאַפּ געטון אויף די הענט. מיר זענען אַריין אין ערשטן בעסטן שליטן, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן און אַוועק צום פּעטערבורגער וואָקזאַל. מיטן קינד אויף די הענט האָט ער געקויפט אַ בילעט קיין מאַלקין, פיר סטאַציעס פון וואַרשע, ווו עס האָט געוווינט מיינע אַ מומע, מיין פאָטערס אַ שוועסטער; מיטן קינד אויף די הענט איז ער אַריין אין וואַגאָן, האָט זי מיר אַרויסגעגעבן דורכן פענצטער און איז אַוועקגעפאָרן קיין מאַלקין. פון דאָרט האָט אים מיין מומע גלייך אָפּגעשיקט קיין אָסטראָלענקאָ צו מיין עלטסטן ברודער און נאָך אין דערזעלבער נאַכט האָט אים מיין ברודער טראַנספּאָרטירט איבערן גרעניץ קיין בערלין.

עלף בייננאַכט, דעמזעלבן אָוונט, איז מען צו מיר אַרויפגעקומען אויף אַ רעוויזיע. ביים טויער — זשאַנדאַרן, אין שטוב — זעלנער. דער „רע־ווירואָווע", דאָס הייסט דער שוטר פון נאַלעווקער שטאָט־פּערטל און אַפילו דער „פּריסטאַוו" (קאָמיסאַר) גופא, אויך עטלעכע ציווילע געהיים־פּאָליציאַנטן (סיסטשיקעס). געזוכט האָבן זיי גאָרנישט, נאָר גלייך זיך געווענדעט צו מיר, מיט דער פראַגע:

— ווו איז דיין זון?

מיט אַ תמ׳עוואַטער מינע האָב איך כמעט רויִק געענטפערט, אַז מיין זון איז שוין אַ לענגערע צייט נישט אין וואַרשע. אויף דעם האָט איינער פון די שפּיאָנען מיט גרויס כעס אַ געשריי געטון:

— דאָס איז אַ ליגן, מיר האָבן אים ערשט היינט געזען, ער האָט נישט געקאָנט באַוויזן אַוועקצופאָרן, גיט אים אַהער!

— נעמט אים, אויב איר קאָנט! האָב איך געענטפערט.

די שפּיאָנען זענען אַוועק, אויך דער „רעוויראָווע". געבליבן איז נאָר דער „פּריסטאַוו". דאָ איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיך גענו־מען פאַרביידע הענט און אַ זייער געריסטער, צו מיר געזאָגט:

— ס׳אַראַ גליקלעכע מאַמע איר זענט, וואָס איר האָט אים אַרויס־געכאַפּט; ווי גוט האָט איר געטון וואָס איר האָט אים אַרויסגעראַטעוועט!

איך בין געשטאַנען פאַר אים ווי אַ פאַרגליווערטע און נישט געקענט אַרויסברענגען קיין קלאַנג פון מיין קעל (ווי שווער וועט עס איצט זיין צו גלייבן, אַז דערדאָזיקער קאָמיסאַר איז געווען אַ דייטש).

אין זיין באַצירק האָב איך געוווינט כמעט 20 יאָר. דאָרט געהאַט מיין

שול. ער האָט גוט געקענט מיך און מיין פאַמיליע, און האָט זיך דעריבער איצט געפרייט צוזאַמען מיט מיר, וואָס עס איז מיר געלונגען אַרויסצו־ראַטעווען פון טויט מיין איינציקן זון.

ווען איך בין געקומען צו זיך פון מיין פאַרגליווערונג, האָב איך אים האַרציק געדאַנקט פאַר זיין מיטגעפיל און ער איז אַוועק.

ביים טויער אָבער, זענען די זשאַנדאַרן געבליבן וואַרטן אויף מיין חבר בירנבוים. די געהיים־אַגענטן האָבן זיי באַפוילן אים צו אַרעסטירן, ווי נאָר ער וועט קומען אינדערפרי אין דער שול.

נאָכן אַוועקגיין פון פּריסטאַוו, איז מאַריאַנע די ערשטע אַראָפּ אונטן, און געכאַפּט אַ שמועס מיט די זשאַנדאַרן און זיך באַלד דערוווּסט אויף וועמען זיי וואַרטן. זי האָט געוווּסט, אַז בירנבוים נעכטיקט ביי זיין מומען. האָט זי אָנגעהויבן בעטן די זשאַנדאַרן זיי זאָלן איר לאָזן גיין אין אַפּטייק, נישט ווייט פון דאַנען, ברענגען עפּעס אַ רעצעפּט פאַר איר באַלעבאָסטע, וועלכע האָט זיך פלוצים דערפילט זייער שלעכט און מען מוז איר אָפּ־ראַטעווען.

עס קלינגט אַביסל אומגלויבלעך צו הערן, אַז די זשאַנדאַרן האָבן איר דורכגעלאָזן און זי האָט באַוויזן בירנבוימען צו וואָרענען, אַז ער דאַרף זיך נישט מער באַווייזן אויף קופּיעצקאַ־גאַס.

צוויי טעג נאָכאַנאַנד איז ער געבליבן זיצן ביי זיין מומען. אויפן דריטן טאָג איז ער אַוועקגעפאָרן קיין גראָדנע צו זיינער אַ שוועסטער, דאָרט האָט מען אים געמאַכט אַ פּאַספּאָרט אויף אַ פרעמדן נאָמען און טראַנספּאָרטירט איבערן גרעניץ גראַיעווע־פּראָסטקען, קיין בערלין.

די רעוויזיע פון יענעם אָוונט, איז אָבער נישט געווען די לעצטע. דריי אַזייגער אינמיטן נאַכט, האָבן זיך ווידער אַריינגעלאָזן דיזעלביקע אַגענטן מיט אַ באַפעל צו אַרעסטירן אַלע מענער וועלכע געפינען זיך ביי מיר אין שטוב. געוווינט האָבן ביי מיר אין צוויי צימערן צוויי פאַר־פעלקער, איינע מיט אַ קינד, און אין אַ דריטן צימער האָט זיך געפינען אונדזערער אַ חבר, דער זשורנאַליסט פון „היינט״ — ריקליס. די דריי מענער האָט מען אינמיטן נאַכט אַרעסטירט. אויפן דריטן טאָג אָבער צוריק באַפרייט, ווייל זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פולשטענדיק לאָיאַלע בירגער.

מיט איייניקע טעג שפּעטער, האָט מען מיך אַרויסגערופן אין קאַנצע־לאַריע פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר. לכתחילה האָב איך געקלערט מיט־צונעמען מיט זיך מיין מיידעלע. באַלד אָבער האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ווען מ׳זאָל האָבן בדעה מיך צו אַרעסטירן, וואָלט מען געקומען צו מיר אַהיים און נישט געשיקט מיך רופן אין קאַנצעלאַריע.

דער באַאַמטער פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, וועלכער האָט מיך אַרויסגערופן אויף אַ פאַרהער, האָט מיך פּראָסט־פּשוט געפרעגט:

— ווו איז דיין מאַן?

אויף דעם האָב איך געענטפערט, אַז מיין מאַן איז פון מיר אַוועק שוין אַ לענגערע צייט, ווייל ער איז אַ יונגערער פון מיר און ליידער האָב איך נישט די מינדסטע אַנונג ווו ער געפינט זיך.

צו האָט ער פון מיין איראָניזירנדיקן טאָן פאַרשטאַנען, אַז קיין גרויסע זיבן זאַכן וועט ער פון מיר נישט דערגיין; יעדנפאַלס, אין קיין לאַנגן שמועס האָט ער זיך מיט מיר נישט אַריינגעלאָזן. געשטעלט נאָך אייניקע פאָרמעלע פראַגן און איך בין אַוועק אַהיים.

ווענן דעם פלוצימדיקן „דורכפאַל" פון דער גרופּע און אירע שרעק־לעך־טראַגישע פאָלגן, האָבן זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט פאַרשידענע קלאַנגען. לויט אַן עקשנותדיקער ווערסיע, זאָל אין דער גרופּע זיך האָבן געפונען אַ פּראָוואָקאַטאָר. די אמתע סיבה אָבער, איז עד־היום נישט גע־לונגען פעסטצושטעלן.

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, זענען אַלע עלף אויף אַ טראַ־גישן אופן אומגעקומענע מענטשן, געווען קינדער פון נאָנטע באַקאַנטע און זיי פלעגן כמעט יעדן טאָג זיין ביי מיר אין שטוב. דער יינגסטער פון זיי, אַן אַכצניעריקער, האָט אין מאַי פון זעלבן יאָר געענדיקט גימ־נאַזיע. זיין פאָטער, ה׳ שפּיראָ, איז געווען אַ לייטער פון אַ פּוילישער רעגירונגס־פאָלקסשול פאַר יידישע יינגלעך אין וואַרשע. אַ מענטש מיט אַ גרויסער יידישער ערודיציע, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, אַן אויסגע־שפּראָכענער טיפּ פון דער השכלה־עפּאָכע, וועלכער איז נישט נאָר אַליין געזעסן יומם ולילה על התורה ועל העבודה, נייערט געשאַפן אַרום זיך, אַ גאַנצן „בית־המדרש" פון יונגע לייט, וועלכע פלעגן אין יענע יאָרן

אַנטלויפן פון זייערע היימען אין דער גרויסער וואַרשע, כּי נפשם חשקה בתורה, ווייל מען האָט געוואָלט זיך לערנען. איינער פון זיינע „בית־המדרש״־תּלמידים איז אויך געווען זיין שפּעטערדיקער איידעם — שלום אַש.

ס׳איז לייכט זיך פאָרצושטעלן די שווערע לעבנס־באַדינגונגען פון אַזאַ מלוכה־לערער מיט צוויי, דריי דורות צוריק. דאָך איז אָבער זייך שטוב אָפן געווען פאַר דערדאָזיקער פּראָווינצער יוגנט, און ווער ס׳איז נאָר אַריין אַ הונגעריקער איז אַרויס אַ זאַטער.

נאָך מער פון אים אָבער, האָט זיך מיטן דאָזיקן „בית־המדרש״־עולם באַשעפטיקט זיין פרוי, די „לערערקע״, ווי ס׳פלעגן איר רופן די שכנים פון דעם גרויסן הויף און כמעט די גאַנצע אַרומיקע סביבה. אין איינער פון די אמת־ייִדישע פּראָלעטאַרישע געגנטן אין וואַרשע. און געווען איז זי אַ פרוי, נישט בלויז אָן העכערער, נאָר אפילו אָן מיטל־בילדונג. אַ מיידל פון אַ דאָרף ווו די עלטערן האָבן געהאַלטן אַ שענק — איז זי אָבער באַשאָנקען געווען פון דער נאַטור מיט אַן איינגעבוירענער אינ־טעליגענץ. מיט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש און אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט. צו דעם נאָך, אַ טיפּ פון —דער מיט דורות צוריק — עכט־ייִדישער „אשת־חיל״, אַ מענטש מיט אַ געזונטן שכל־הישר, פעסטן כאַראַקטער און דער עיקר מיט אַ גוט ייִדיש האַרץ, מיט אַ לב־טוב וואָס לויט דער מיינונג פון אונדזערע חכמים ז״ל, איז עס די העכסטע פון כל המידות טובות שבאדם.

וועגן דעם, וואָס די דאָזיקע פרוי האָט אויפגעטון, נישט געקוקט אויף איר שווערן מאַטעריעלן לעבן במשך פון גאַנצע יאָרן, פאַר דער פּראָ־ווינצער ייִדישער יוגנט אין וואַרשע, געפינט איר ביי שלום אַש אין דעם צווייטן בוך פון זיין טרילאָגיע: פאַרן מבול — „וואַרשע״.

די פאַמיליע שפּיראָ האָט געהאַט פיר קינדער: צוויי זין און צוויי טעכטער. דער עלטסטער זון, אַן אויסערגעוויינלעך פעיִקער, איז פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פאַרשיקט געווען קיין סיביר און די אומ־גליקלעכע עלטערן האָבן פאַרלוירן פון אים יעדן שפּור. וואָס פאַראַ האָפענונגען זיי האָבן עס נישט אַלץ געלייגט אויף זייער באַגאַבטן עלטסטן זון; און צום סוף האָבן זיי נישט געוווּסט אַפילו ווי זיין געביין איז אַהינגעקומען.

די צוויי טעכטער זענען געווען לערערינס. די ייִנגערע — די פרוי פון שלום אַש — איז געווען מײַנע אַ תּלמידה. דער ייִנגסטער זון — דוד האָט ער געהייסן — האָט אין יאָר 1905, צו אַכצן יאָר, שוין געענ־דיקט די גימנאַזיע.

נאָכן „דורכפֿאַל" פֿון דער גרופּע האָט מען ביים לערער שפּיראָ אין מיטן דער נאַכט דורכגעפֿירט אַ שטרענגע רעוויזיע. מען האָט דורכגענישטערט דאָס הויז פֿון ווינקל צו ווינקל, געזוכט אין די שטרוי־זעק, אויפֿגעריסן די פּאָדלאָגע, דורכגעוואָרפֿן די כּלים און טעפּ אין דער קיך, און צום סוף, ביים ייִנגל אין דער שול־טעקע צווישן די ביכער, געפֿונען אַ פּעקל מיט פּראָקלאַ־מאַציעס. ער האָט זיך באַלד מודה געווען, אַז דאָס באַלאַנגט צו אים און מען האָט אים אַרעסטירט צוזאַמען מיטן פֿאָטער זײַנעם און זיי אַוועקגעפֿירט אין „פּאַוויאַק".

דער זון מיטן פֿאָטער זענען געזעסן אין איין קאַמער, און דער פֿאָטער איז דורך דער נאַכט אײַנגאַנצן ווייס געוואָרן ווי אַ טויב. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פֿאַרטיידיקונג, אָבער צו די אַרעסטירטע האָט מען קיינעם נישט צוגעלאָזן, נישט קיין אַדוואָקאַט, נישט קיין משפּחה. מען האָט נאָר דערלויבט צו ברענגען עסן.

באַלד האָט מען זיך דערוווּסט אַז דער גאַנצער ענין געפֿינט זיך נישט אין אַ געוויינלעכן, נאָר אין אַ קריגס־געריכט, און אין די הענט פֿונעם וואַר־שעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, — דעם אַכזריותדיקן סקאַלאָן אַליין, וואָס לויט די פֿולמאַכטן פֿונעם צאַר און די אויסנאַם־געזעצן, וועלכע האָבן גע־הערשט שוין אַ לאַנגע צייט אין לאַנד, קאָן ער אַלע אַרעסטירטע אַדמיניס־טראַטיוו, פֿאַראורטיילן צום טויט.

און דער צאַרישער מערדער האָט זײַנע פֿולמאַכטן אויסגענוצט: געהייסן קעפּן אָן אַ שום געריכט, עלף ייִדישע יונגע מענטשן.

נאָכן ייִנגלס טויט האָט מען שוין דעם פֿאָטער לאַנג מער נישט גע־האַלטן, נישט געמאַכט קעגן אים קיין נייעם פּראָצעס. אין אַרעסט האָט מען אים געהאַלטן בלויז דערפֿאַר, ווייל מען האָט אים געמאַכט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זײַן מינדעריעריקן זון. נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט זיך צו פֿאַר־שטענדיקן מיט זײַן משפּחה, האָט דער פֿאָטער אפֿילו נישט געוווּסט, וואָס מיטן ייִנגל איז געשען. ערשט, אַהיימקומענדיק, האָט ער זיך דערוווּסט וועגן

דעם שרעקלעכן קלאַפּ, וואָס האָט אים אויף אַ געוויסער צייט לגמרי צעבראָכן. באַלד אָבער האָט ער זיך צוריק גענומען אין די הענט אַריין און זיך אַריינגעוואָרפן אין דער שול־אַרבעט. זיך פאַרשיכורט מיט זיין כסדרדיקע זעלבסטבילדונג; און די אומאויסשעפּבאַרע יוגנטלעכקייט, וואָס ער האָט געהאַט מיטגעבראַכט פון זיינע בחורישע יאָרן פון בית־המדרש און חסידים־שטיבל, האָט אים געהאָלפן אַריבערצושווימען איבער אַלע צרות.

גאָר אַנדערש האָט די צעבראָכענע מאַמע רעאַגירט אויף איר גרויסן אומגליק. זי איז אַזוי דערשיטערט געוואָרן, אַז אַפילו וויינען האָט זי נישט געקענט. אויסגעטריקנט איז געווען איר טרערן־קוואַל. עפּעס אַ מין ביטערקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אַרום די ראַנדן פון איר מויל. אין איר געמיט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. שטיל איז זי געוואָרן, פאַרגליווערט. און אירע אויגן האָבן ערגעץ־ווייט, ווייט געקוקט, ווי זיי וואָלטן זען זאַכן פאַרהוילענע פון אַנדערע. זי איז אויך געוואָרן לגמרי גלייכגילטיק צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין וועלכער זי איז פריִער געווען אַזוי פאַרברענט; זי האָט פאַרלוירן כמעט דעם אינטערעס צום גאַנצן לעבן וואָס אַרום איר.

בלויז אויף איין אַרבעט האָט זי איצט קאָנצענטרירט איר גאַנצע קראַפט, — אויף דער הילפס־אַרבעט פאַר אירע שכנים אין דער אייגענער פּראָלעטאַרישער סביבה. פאַרלייכטערן, פאַרמינערן די צרות און לײדן פון די געפּייניקטע מענטשן, — דאָס איז איצט געוואָרן דער אינהאַלט פון איר אומגליקלעכן צעשמעטערטן לעבן.

## קאַפּיטל פופצן

בערך אַ מאָנאַט נאָך דער שרעקלעכער עקזעקוציע פון די „עלף“, בעת מיין זון האָט שוין באַוויזן פון בערלין זיך אַריבערצוקריגן אין דער שווייץ, האָט מען מיך פּלוצים אַרויסגערופן אויף אַ פאַרהער צום אויספאָרשונגס־ריכטער „פאַר באַזונדערס וויכטיקע ענינים“. וויסנדיק, אַז מיין זון דראָט איצט נישט קיין שום געפאַר, בין איך גאַנץ רויִק אַוועק צום דאָזיקן „קעמפער פאַר רעכט און גערעכטיקייט“.

ווי נאָר איך בין אַריין צו אים אין קאַבינעט און אים געזאָגט מיין פאַ־

מיליע־נאָמען, האָט ער גלייך אַרויסגענומען פון דער שאַנק אַן אַלבום מיט בילדער, אַ לייג געטון אויפן טיש נעבן מיר און געזאָגט:

— אָט די דאָזיקע אַלע יונגע מענטשן פלעגן קומען צו אייך אין שטוב. איך וויל איר זאָלט זיי דערקענען.

איך האָב געוואָרפן ווי כלאחר־יד אַ בליק אויפן אַלבום און גאַנץ רו־יק אים געענטפערט:

— איך בין שוין פופצן יאָר אַן אייגנטימערין פון אַ גימנאַזיע מיט דריי הונדערט שילערינס און האָב אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט. אויסערדעם בין איך אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין און קום אין קאָנטאַקט מיט הונדערטער מענטשן. איך האָב שוין אויך דערוואַקסענע קינדער, צו וועלכע עס קומען חברים און חברטעס. איך אַליין בין נאָך אויך נישט קיין אַלטע פרוי, און טאָג־טעגלעך קומען צו מיר צענדליקער מענטשן. צי קען איך דערקענען אימיצן לויט אַ פאָטאָגראַפיע, אויב אפילו ער איז צופעליק געווען אַמאָל ביי מיר אין שטוב?

אויסגעהערט מיין אויסווייכנדיקן ענטפער, האָט ער צו מיר פלוצים אַ זאָג געטון:

— ווו איז אייער זון?

— אין אַמעריקע, — האָב איך גאַנץ רו־יק געענטפערט.

— מיט וואָס האָט ער זיך באַשעפטיקט זייענדיק דאָ אין וואַרשע?

— מיין זון איז אַ לערער און ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר אין דער שול.

— צי ווייסט איר עפּעס וועגן זיין אַרבעט פאַרן אַנטלויפן פון וואַרשע? צי ווייסט איר וועגן זיין אָנטייל אין עקספּראָפּריאַציעס?

— דאָס הער איך ערשט פון אייך. איך ווייס, אַז ער האָט ביזן לעצטן טאָג פאַר זיין אָפּפאָר געאַרבעט ביי מיר אין דער שול.

— איצט, ווי איר דערקלערט, געפינט ער זיך אין אַמעריקע. אפשר קענט איר מיר געבן זיין אַדרעס?

אויף דער דאָזיקער פראַגע האָב איך אים נישט געענטפערט, נאָר בלויז געוואָרפן אויף אים אַ פילזאַגנדיקן איראָנישן בליק.

— אַמעריקע גיט דאָך קיין אַנאַרכיסטן נישט אַרויס, היינט פאַרוואָס קענט איר מיר נישט זאָגן זיין אַדרעס? — האָט ער איבערגעחזרט זיין פראַגע.

— אויב אַמעריקע גיט נישט אַרויס, היינט נאָכוואָס דאַרפט איר אַזוי זיין אַדרעס?

— ריכטיק. אָבער איך, פאַרשטייט איר מיך, ווי אַן אויספאָרשונגס־ריכטער דאַרף אַלץ צו וויסן.

— און איך, ווי אַ מוטער, האָב רעכט איך דאָס נישט צו זאָגן.

מיט דעם האָט זיך די מערקווירדיקע, גענוג נאַרישע אויספאָרשונג פאַר מיר געענדיקט, און נישט געהאַט קיין שום ווייטערדיקע פאָלגן.

***

אָנקומענדיק אין די שווייץ, האָט זיך מיין זון קודם־כל גענומען צום לערנען שפּראַכן און ווי אַ פרייער צוהערער — עקאָנאָמישע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן. אויף איין יאָר האָט ער געהאַט צום לעבן פון זיין לאָטעריע־געווינס. שפּעטער האָט ער זיך אויסגעלערנט מאַכן ציגאַרעטן און געלעבט פון דער דאָזיקער אַרבעט.

זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַ גענוג־שווערע, אָבער ער האָט נישט פאַרצווייפלט, פאַרגעזעצט זיין זעלבסטבילדונג און געדולדיק געוואַרט אויפן ענטגילטיקן נצחון פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע וועט זיכער ברענגען אַן ענדערונג אויך אין זיין פּערזענלעכן לעבן.

מיין חבר בירנבוים איז פאַרבליבן אין בערלין, האָט דאָרט באַקומען העברעיִשע לעקציעס, און דווקא אין ציוניסטישע הייזער, — ביי י. ניידיטש, און ביי די טשעפּעליוויצקיס — און מאַטעריעל איז ער געווען נישט שלעכט איינגעאָרדנט.

זומער־צייט זענען זיינע ברויטגעבערס אַריבערגעפאָרן אויף די פעריען קיין קאָלבערג, — אַ ים קוראָרט, נישט ווייט פון פּוילן, — און זיי האָבן אים פאַרגעשלאָגן ער זאָל מיטפאָרן, כדי די קינדער, זאָלן נישט דאַרפן איבערייסן די העברעיִשע לימודים. ער האָט דעמדאָזיקן פאָרשלאַג גערן אָנגענומען.

מיין טאָכטער איז געבליבן אויף נאָך אַ יאָר אין בערן און האָט פאַרגעזעצט איר שטודיום אויף די פּעדאַגאָגישע קורסן.

דאָס יאָר 1905 האָט זיך מיר געגעבן שטאַרק צו פילן, נישט נאָר

בלויז מאַראַליש, נאָר אויך מאַטעריעל. מיט איינמאָל זענען אַוועק דריי אייגענע, — די בעסטע לער־קרעפטן אין שול. מיינע סובלאַקאַטאָרן האָבן זיך דערשראָקן און פאַרלאָזן די צימערן. געבליבן בין איך, מיין דריי יעריק מיידעלע און דער חבר ריקליס, דער מיטאַרבעטער פון „היינט״. כאָטש איך האָב גוט געוווסט, אַז מיינע נאָענטע זענען איצט אויסער יעדער געפאַר, פלעג איך אין די נעכט, ביי יעדן קלונג אין טויער, — אין וואַרשע ווען די טויערן זענען ביינאַכט געשלאָסן, מוז מען קלינגען צום הויז־וועכטער ער זאָל עפענען און אַריינלאָזן, — זיך אַ כאַפּ טון אַ צעשראָקענע, מיטן געדאַנק, אַז מ׳קומט שוין ווידער אויף אַ רעוויזיע. אויך אויפן קינד האָבן די אַלע געשעענישן שלעכט געווירקט. אַ זייער עמפינדלעכע, האָט זי עס שווער איבערגעלעבט.

די צייט בכלל איז געווען אַ ביטערע. די עקאָנאָמישע לאַגע — כמעט אַ קאַטאַסטראָפאַלע. די רעוואָלוציע האָט דערפירט צו אַ פולשטענדיקער סטאַגנאַציע אין מסחר, קליין־האַנדל, ביי האַנטווערקער און אַרבעטער. די דאָזיקע אַלע שיכטן, פון וועלכע עס האָט זיך רעקרוטירט דער עלטערן־עלעמענט פון מיינע תלמידות, זענען פאַראָרעמט געוואָרן, די צאָל קינדער אין דער שול האָט זיך כסדר פאַרמינערט, און ביי דער גרעסטער אָנשטרענגונג איז מיר קוים געלונגען איינצוהאַלטן מיין איינציקע, שווער־דערראָבערטע פּאָזיציע — מיין שול.

דערצויגן ביז צו די פעריען, בין איך מיט מיין מיידעלע אַוועק־געפאָרן קיין קאָלבערג, כדי זיך צו טרעפן מיט בירנבוימען און צוזאַמען זיך בּאַראַטן וועגן די וויטערדיקע פּלענער.

דעם אמת געזאָגט, איז ביי מיר דאַן רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז דווקא איצט איז די עקסטע צייט אַוועקצופאָרן ענדלעך קיין ארץ־ישראל. מיט אַ געוויסע צייט פריער האָט מען מיר געהאַט פאָרגעשלאָגן אַ פּאָסטן אין דער גימנאַזיע „הרצליה״ אין תל־אביב. האָבן מיך אָבער מיינע חברים און פריינט אָפּגעהאַלטן, באַהויפּטנדיק, אַז אין ארץ־ישראל זענען פאַראַן גענוג העברעיִשע לערערס, און אין וואַרשע האָב איך, לעת־עתה, די איינציקע מיידל־שול פון דעם טיפּ און טאָר דעריבער מיין אַרבעט נישט וואַרפן. מיר פּערזענלעך איז אויך נישט לייכט געווען צו צעברעכן מיט אייגענע הענט דאָס ווינציקע, וואָס מיר איז געלונגען אויפצובויען אין

משך פון 15 יאָר, ביי אומגעהויער שווערע מאָראַלישע און מאַטעריעלע באַדינגונגען און איצט פאַרן זוכן אַרבעט. און ווי וועל איך אויסזען אויב איך וועל נישט געפינען? בלייב איך קרח מכאן ומכאן.

אין קאָלבערג האָב איך פאַרבראַכט גאַנצע צוויי חדשים און נאָך אַ געגנוג־לאַנגן ישוב־הדעת זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז בירנבוים פאָרט צוזאַמען מיט מיר צוריק קיין פוילן, אָבער נישט דירעקט קיין וואַרשע.

געפאָרן זענען מיר נישט דורכן גרענעץ קאַטאָוויץ־סאָסנאָוויץ, נאָר דורך מלאַווע, אין דער ריכטונג צו אָסטראָלענקאַ, און אויף ראש־השנה אַריינגעפאָרן צו־גאַסט צו מיין עלטסטן ברודער. אין אָסטראָלענקאָ איז בירנבוים אָפּגעזעסן דעם גאַנצן ווינטער, נישט אָבער אויף אומזיסטע קעסט, נאָר ווי אַ לערער און דערציִער פון מיין ברודערס קינדער.

באַלד נאָך יום־טוב, וועלנדיק נעענטער זיין צו וואַרשע, האָט ער זיך באַזעצט אין אָטוואָצק, וואָס איז בכלל צו יענער צייט געווען אַ „עיר־מקלט" פאַר אַ סך „אומלעגאַלע" פון די פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע באַ־וועגונגען, מחמת דאָרט האָט מען געקאָנט ווינען אומגעמאָלדן. ווי אַ קוראָרט פאַר לונגען־ליידנדיקע, האָט אָטוואָצק אין די ערשטע יאָרן נישט געהאַט קיין שום פּאָליציי־אינסטיטוציע. פאַר פּיזיש־קראַנקע האָט זיך די צאַרישע מאַכט נישט געשראָקן...

אין אָטוואָצק האָט בירנבוים באַלד אָנגעהויבן זוכן העברעיִשע לעק־ציעס. אין יענע יאָרן האָט אָטוואָצק פאַרמאָגט אַ גאָר גרויסע צאָל אַלט־פרענקישע חדרים און בלויז איינאיינציקע פּריוואַטע ייִדישע קאָעדו־קאַציע אָנפאַנג־שול, מיט פויליש אַלס אונטעריכט־שפּראַך.

זיך באַקענענדיק נעענטער מיט דער אייגנטימערין פון דעם דאָזיקן לערן־אַנשטאַלט, פרוי קאַמינסקי, און מיט דעם גייסט און דעם פינאַנציעלן צושטאַנד פון דער שול בכלל, האָט איר בירנבוים פאָרגעשלאָגן, אַז ער איז גרייט צוצוטרעטן אַלס אַ שותף, אויב זי וועט מסכים זיין איינצופירן אין דער שול ייִדישע און העברעיִשע לימודים. פרוי קאַמינסקי האָט זיין פאָרשלאַג בתשואות חן אַקצעפּטירט. בירנבוים האָט אָנגעהויבן צו לערנען העברעיִש אין אַלע קלאַסן און אַ דאַנק זיין טיכטיקע אַרבעט האָט די שול גאַנץ גיך באַקומען אַן אַנדער פּרצוף. דער פריִערדיקער האַלב־אַסימילאַ־

טאָרישער גייסט האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ יִידיש־נאַציאָנאַלן. די צאָל קינדער האָט זיך באַדייטנד פאַרגרעסערט און אויך דער פינאַנציע־לער מצב איז פעסטער געוואָרן.

קיין אָטוואָצק, וווהין די גאַנצע רייזע פון וואַרשע דויערט מיט אַ געוויינלעכן צוג 40 מינוט, — מיט אַ שנעלצוג, בלויז 20 — פלעג איך די ערשטע צייט פאָרן נאָר אויף שבת, אויס מורא, טאָמער פאָרט מען מיר נאָך, און מען קען אַזוי אַרום אַנטדעקן בירנבוימס אויפהאַלט.

די נעכט דאָרט, פלעג איך אָנפאַנגס, אויך נישט שלאָפן רויִק; ביי יעדן ביל פון אַ הונט, בין איך זיכער געווען, אַז מען קומט שוין אויף אַ רעוויזיע. דער ווינטער איז אָבער אַריבער רויִק, און אויך דער זומער נאָך אים. אָבער דאָך איז בירנבוים אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר אָפּגעזעסן אין אָט־וואָצק און קיין איין מאָל נישט ריזיקירט צו קומען קיין וואַרשע.

**
*

אָנהייב 1906 איז מיין טאָכטער צוריק געקומען פון דער שווייץ. זי האָט אָנגעהויבן צוריק צו אונטערריכטן אין דער שול, און מיר איז פאַר־העלטנישמעסיק געוואָרן לייכטער. אירע געפילן צו איר באַקאַנטן בחור אַלשוואַנגער האָבן זיך נישט געענדערט. ער האָט צוריק אָנגעהויבן אַריינ־צוקומען, כמעט יעדן טאָג. פאַר דער צייט האָט ער פאַרענדיקט זיין שטו־דיום אין דער אוניווערזיטעט און אויך זיין מיליטער־דינסט ווי אַ „פריי־וויליקער“, און דאָס נאָך אין דער קאַוואַלעריע.

אין איין שיינעם טאָג האָט מיר מיין טאָכטער אָפנהאַרציק דערקלערט, אַז זי האָט אים ליב און איז אַנטשלאָסן מיט אים חתונה צו האָבן. געזאָגט האָב איך איר אויף דעם — גאָרנישט. נאָר אויסהערנדיק איר, האָב איך עפּעס געהאַט אַזאַ מין געפיל, אַז עס וואָלט אפשר בעסער געווען, ווען דאָס זאָל נישט געשען שוין אין עטלעכע טעג אַרום.

אַז נאָענטע און פריינט האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט, איז צו מיר געקומען אַ זייער גוטע באַקאַנטע, אַ פריילין־דאָקטאָר, — וועלכע האָט צוזאַמען מיט די ברידער אַלשוואַנגער געלערנט אין אַ גימנאַזיע אין דער שטאָט סוואַלק, — און מיט טרערן אין די אויגן צו מיר צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל צו דעם־אָ שידוך בשום אופן נישט צולאָזן.

איך האָב מיין פריינדין געענטפערט, אַז נישט נאָר שטערן, נאָר אפילו פּראָטעסטירן קאָן איך נישט, ווייל מ׳פרעגט מיך גאָר נישט. מען האָט מיר פשוט געשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. מיר, פערזענלעך, איז דער מענטש די גאַנצע צייט לגמרי פרעמד, מחמת איך פיל, אַז מיר זענען צוויי באַזונדערע וועלטן. טראָץ דעם, וואָס ער איז אַ ציוניסט, דאָס הייסט, מיין געזינונגס־חבר און כאָטש מיין יחוס איז לגמרי נישט קיין קלענערער פון זיינעם. איך האָב אָבער ביי זיך דעמדאָזיקן שגעון, דעם „גרויסקייטס־וואָהן" אויסגעוואָרצלט, און מיינע קינדער אויך נישט דערצויגן אין דעם־דאָזיקן אומזיניקן גייסט. איך האָב אָבער — האָב איך צו דער פריילין געזאָגט, — נאָר איין האָפענונג, אַז פון דעם זאָל גאָר נישט ווערן, ווייל ווי כ׳האָב געהערט, וויל זיין מוטער נישט דעם שידוך.

צום באַדויערן — ריכטיקער צום אומגליק — איז דידאָזיקע האָפענונג נישט מקויים געוואָרן.

אָבער נישט נאָר דעם שידוך מיט מיין טאָכטער, האָט זיין מוטער נישט געוואָלט, אויך קעגן דעם שידוך פון אַן עלטערן זון איר׳ן, האָט זי אויך פּראָטעסטירט. ווי איך האָב שוין אויבן באַמערקט, האָט גלייכצייטיק מיט אַלעקסאַנדער אָלשוואַנגער, שטודירט מעדיצין אין וואַרשע אויך זיינער אַן עלטערער ברודער יעקב. זייענדיק שוין אויפן פערטן קורס, איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס און איז געלעגן אין דער אוניווערזיטעט־קליניק. ווי אַ פלעגערין האָט מען צו אים צוגעטיילט אַ שילערין, פון די פעדלשער־און אַקושער־קורסןביים אוניווערזיטעט, אַ ייִדיש פריילין פון כאַרקאָוו. און ווי עס טרעפט זיך אָפטמאָל אין אַזעלכע פאַלן, האָט זיך צווישן זיי אַנטוויקלט אַ ראָמאַן. דאָס פריילין איז באמת געווען אַ זייער שיינע.

ווען די ביידע בחורים, דער עלטערער און דער ייִנגערער, האָבן נאָכן פאַרענדיקן זייער שטודיום, זיך געווענדעט צו זייער מוטער נאָך אַ הסכמה, אָדער ווי מען רופט עס אויף פּראָסט ייִדיש — נאָך אַ ברכה צו זייערע חופות, האָט זי פון דעם נישט געוואָלט הערן און נישט געפונען פאַר נייטיק אפילו מיט די מיידלעך זיך צו באַקענען.

און אין זומער 1906 האָבן ביידע בחורים חתונה געהאַט קעגן איר ווילן. דער עלטערער, דער דאָקטאָר, איז אַוועק מיט זיין פרוי קיין כאַר־

קאָוו, און דער יינגערער איז געבליבן אין וואַרשע, האָט פּראַקטיצירט פּריער ווי אַן אַפּליקאַנט און שפּעטער ווי אַן אַדוואָקאַט.

מיין טאָכטער און דער אידעם האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַ וווינונג, צוזאַמען מיט מיין חברה לאה פּרושאַנסקי, — אויף סאַלנע נומער 6. מיין טאָכטער האָט ווייטער געאַרבעט גאַנצע זעקס שעה טעגלעך מיט מיר צוזאַמען אין דער שול, באַקומען געהאַלט ווי אַלע איבעריקע לערערס און צווישן זיי אויך איך, — 60 רובל אַ חודש — און האָט געפירט אַן אָנשטענדיק לעבן. דער מאַן האָט בלויז געצאָלט פאַר דער דירה, און זי האָט אויפגעהאַלטן דאָס גאַנצע הויז. זי האָט מיט דערפאָלג געאַרבעט ווי אַ לערערין און גלייכצייטיק אַלס אַקטיווע ציוניסטין און דערביי דערפילט אירע פליכטן ווי אַ פרוי און שפּעטער אַלס מוטער.

## קאַפּיטל זעכצן

סוף 1906 האָבן מיר איבערגעלעבט אַ שרעקלעכע טראַגעדיע. איינע פון מיינע צוויי יינגסטע שוועסטערס — אַ קרישטאָל־ריינער מענטש, מיט אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן, איינע פון די בעסטע לערערינס אין אַ ביאַליסטאָקער יידישער גימנאַזיע, איז אין פּאַריז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, זיך אַריינשיסנדיק אַ קויל אין דער שליף. אַרומגעטראָגן האָט זי זיך מיטן זעלבסטמאָרד־געדאַנק שוין אַ לענגערע צייט און מיט אַ יאָר פריִער, נאָך אין ביאַליסטאָק, זיך געפּרוווט צו סמען, אָבער מען האָט איר מיט כוח אָפּגעראַטעוועט. אויפן צווייטן טאָג נאָך איר דאָזיקן פּרווו, האָט מיך מיין מוטער ז״ל גלייך אַרויסגערופן טעלעגראַפיש קיין ביאַליסטאָק, און מיך געבעטן איך זאָל זיך באַמיִען אויף איר צו ווירקן, אַז זי זאָל דאָס מער נישט איבערחזרן. איך האָב זייער פאַרזיכטיק געפּרוווט ביי איר דערגיין די סיבה פון איר דאָזיקער קרענקלעכער נייגונג.

זי האָט מיר פּשוט און אָפנהאַרציק דערקלערט, אַז דאָס לעבן איז אַזוי נישטיק און בעיקר, אַזוי שמוציק, אַז מ׳דאַרף פון אים אַוועקגיין. רעדנדיק מיט איר נישט איין מאָל, האָב איך אַרויסגעפילט אַז דאָס זע־נען נישט סתם קיין פּוסטע רייד, נאָר דברים היוצאים מן הלב. דאָס איז

אַ דורכגעטראַכטע טיפע איבערצייגונג און אַ פעסטער באַשלוס. איך האָב נאָך אָבער געפּרוּווט איר צו באַאיינפלוסן און האָב איר געזאָגט אַט־וואָס:

— אויב דו ווילסט טאַקע גערנווילּיק אַוועקגיין פונעם לעבן, זיי עס לכל־הפּחות מקריב פאַר דער מענטשהייט, ווער אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פיר אַדורך עפּעס אַ וויכטיקן אַקט פאַר דער באַפרייונג פון די פאַרשקלאַפטע, ליידנדיקע מענטשן־מאַסן.

אויף דעם האָט זי מיר געענטפערט, אַז די מענטשהייט פאַרדינט נישט, דאָס מ׳זאָל עפּעס פאַר איר טון.

אָפּזיצנדיק אין ביאַליסטאָק עטלעכע טעג, בין איך נאָך אַלע געשפּרעכן מיט מיין אומגליקלעכער שוועסטער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ קראַפט אויף דער וועלט, וועלכע זאָל איר קענען אָפּהאַלטן פונעם דאָזיקן פאַטאַלן שריט. איר גאַנצע לעבנס־אויפפאַסונג איז עפּעס געווען אַן אויסערמענטשלעכע — מיט איין וואָרט: זי איז נישט געווען קיין מענטש פאַרן לעבן.

איין זאַך האָב איך ביי איר יאָ געפּועלט: דער מאַמען זאָל זי באַרויקן און איר זאָגן, אַז מער וועט זי עס „נישט מאַכן". זי איז אויף מיין פאָדערונג איינגעגאַנגען, אָבער בתנאי, אַז מ׳זאָל איר דערלויבן אַוועקצופאָרן קיין פּאַריז, ווי זי וויל זיך כלומרשט לערנען. מיין מוטער האָט, נאַטירלעך, גלייך איינגעוויליקט אויף איר פאָרן. עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און זי איז אַוועקגעפאָרן. דאָרט אַהין, איז באַלד אויך געקומען פון בערלין, מיין שוועסטער די בונדיסטקע. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט צוזאַמען. זי האָט ווירקלעך די ערשטע צייט געהערט לעקציעס אַלס פרייע צוהערערין אויף פאַרשידענע פאַקולטעטן און אַ געוויסע צייט האָבן מיר, לויט די בריוו פון דער עלטערער שוועסטער, געגלויבט, טאָמער וועט פּאַרט עפּעס געשען אַ נס. וואָס מיין אומגליקלעכע מוטער האָט פאַר דער דאָזיקער צייט איבערגעלעבט, איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן. איין טרייסט — פלעגט זי זאָגן — האָט זי, וואָס דער טאַטע האָט לפּחות, דערצו נישט דערלעבט.

פאָרגעקומען איז איר טראַגישער טויט ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן:

מיין עלטערע שוועסטער האָט איר די עטלעכע מאָנאַט, וואָס זיי האָבן געוווינט צוזאַמען אין איין צימער — גאַנץ גענוג געהיט. — נאַטירלעך,

זי זאָל עס נישט באַמערקן, — זי האָט זיך באַמיט איר צו לאָזן וואָס ווייניקער אַליין. בלויז מיטאָג האָבן זיי נישט געגעסן צוזאַמען. אָבער גלייך נאָכן מיטאָג פלעגן זיי ביידע באַלד קומען דירעקט אַהיים. אין יענעם פאַטאַלן טאָג, ווען די עלטערע שוועסטער איז שוין געווען אָנגעטון און גרייט אַראָפּצוגיין עסן, זאָגט צו איר די יינגערע: — היינט דאַרפסטו זיך נישט צו איילן צו קומען גלייך פונעם מיטאָג אַהיים, ווייל איך וועל זיין פאַרנומען. דער עלטערער איז נישט איינגעפאַלן קיין שום שלעכטער געדאַנק, ווייל יענעם פאַרמיטאָג איז פייגל — אַזוי האָט זי געהייסן — געווען אינדערזעלבער רויִקער שטימונג ווי תמיד, און האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימנים פון אויפרעגונג. אַ גאַנץ רויִקע איז צירל (די עלטערע) אַוועק עסן מיטאָג, אַ ביסל צייט נאָך שפּאַצירט און דערליידיקט די טאָג־טעגלעכע ענינים, און אַ זייגער פינף געקומען אַהיים.

ווען זי האָט אָן עפן געטון די טיר האָט זי דערזען דאָס פאָלגנדיקע בילד:

אין אַ פאָטעל איז ווי אַ לעבעדיקע געזעסן די יינגערע שוועסטער, אויסגעפּוצט אין איר שענסטער קלייד. נעבן איר — אַ קליינער רעוואָלווער און פון שלייף — אַ שטרייפל בלוט איבערן געזיכט.

אויף צירלס געשריי זענען זיך באַלד צונויפגעלאָפן די שכנים פון די דערבייִיקע צימערן. דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר האָט נאָר פעסטגעשטעלט דעם טויט. עס איז באַלד אויך געקומען די פּאָליציי און געפינען אויפן טיש אַ בריוו, ווו זי בעט קיינעם נישט צו באַשולדיקן אין איר טויט. אַ צווייטער בריוו אויף יידיש, איז געווען צו אונדזער מוטער, מיט אַ ביטע, זי זאָל איר מוחל זיין פאַר דעם צער, וואָס זי פאַרשאַפט איר. זי האָט אַלץ — שרייבט זי — געוואַרט אויף עפּעס אַ קראַנקייט, ווי אַ טיפוס, אַ לונגען־אַנטצינדונג, בכדי צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אָבער ליידער קאָן זי זיך נישט דערוואַרטן און מוז איר לעבן פאַרענדיקן. אַ דריטער בריוו איז געווען צו צירלען און דערביי אַ גרעסערע צאָל פּאָסט־קאַרטלעך מיט אַדרעסן קיין ביאַליסטאָק, צו דער מוטער. אין דעם בריוו בעט זי דער עלטערער שוועסטער, אַז זי זאָל זיך באַמיִען אַז די מוטער זאָל זיך דערוויסן וואָס שפּעטער, און דעריבער לאָזט זי די קאַרטלעך אַדרעסירט פון איר אייגענער האַנט, כדי די מוטער זאָל זיך נישט

באַומרויקן, וואָס די קאַרטלעך זענען נאָר פון צירלען, ווען זי וועט זען אַז דער אַדרעס איז געשריבן מיט איר האַנטשריפט.

נאָכן אַדורכפירן אַלע נייטיקע פאָרמאַליטעטן, און די לעצטע אַרבעט — דעם חסד של אמת — פאַר דער אַזוי טראַגיש־אומגעקומענער יינגע־רער שוועסטער, איז צירל צוריקגעפאָרן קיין בערלין און פון דאָרט איז זי אַוועק אויף אַ פּאָסטן, ווי אַן אַסיסטענטין אין אַ דענטיסטן־קאַבינעט קיין לאָזאַן, אין דער שווייץ.

דער זעלבסטמאָרד פון מיין שוועסטער איז צו יענער צייט אין ביאַ־ליסטאָק נישט געווען, נישט דער ערשטער און אויך נישט דער איינצי־קער טרויעריקער פאַל.

אין יאָר 1903 איז אין בערלין דערשינען די ערשטע אויפלאַגע פון כלומרשט עפּאָכע־מאַכנדיקן בוך פון אָטאָ ווייניגער: „געשלעכט און כאַראַקטער".

דער יינגער אויטאָר — פון יידישער אָפּשטאַמונג — אַ „געניאַלער" פּסיכאָפּאַט, וועלכער האָט אַליין אין עלטער פון בלויז 23 יאָר, פאַרענ־דיקט זיין לעבן דורך זעלבסטמאָרד — איז געווען זייער פּאָפּולער. פון 1903 ביז 1919 האָט זיין ווערק זוכה געווען צו גאַנצע 17 אויפלאַגעס, און איז איבערזעצט געוואָרן אין כמעט אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן. און די יוגנט פון ביידע געשלעכטער באַזונדערס אָבער די פרויען, האָט זיך אויף דעם בוך אַ וואָרף־געטון ווי אויף עפּעס אַ ווילדע מציאה. מען האָט געשלונגען זיין יעדעס וואָרט, נישט נאָר געליינט, נאָר פּשוט שטודירט. און דער דאָזיקער „שטודיום" האָט געהאַט פאַטאַלע פאָלגן. די פאַרקריפּל־טע מיינונגען, די משונהדיקע אויספירונגען, דאָס דערנידעריקע אָפּשאַצן פון דעם ווערט און דער באַדייטונג פון דער פרוי אין אַלגעמיין האָט אַרויסגערופן די שטאַרקסטע פאַרביטערונג ביי מענטשן פון רייפן עלטער. וועלכע פאַרמאָגן נאָך אַן אייגענעם קריטעריום. און ס'איז, פאַרשטענד־לעך, נישט קיין וווּנדער, וואָס דאָס האָט דערשיטערט די געמיטער פון דער יוגנט אין יענער „שטורעם און דראַנג"־עפּאָכע; פון אַ פרויען־יוגנט, וועלכע האָט געלעבט מיט העכערע אידעאַלן; געשטרעבט צו בילדונג, צו זעלבסטאַנטוויקלונג, צו גלייכשטעלונג אין דער געזעלשאַפט און האָט גלייכצייטיק געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף פאַר פרייהייט און גלייכהייט

פון דער גאַנצער מענטשהייט בכלל. און אַט קומט מען, און מיט איין קלאַפּ האַקט מען איר אונטער די פליגל.

אין ביאַליסטאָק גופא זענען פונעם דאָזיקן קלאַפּ געפאַלן גאַנצע זיבן קרבנות, צווישן זיי אויך מיין אומגליקלעכע שוועסטער. מיידלעך מיט מיטעלער און העכערער בילדונג, כמעט אַלע זעלבסטשטענדיקע און קינ־דער פון אינטעליגענטע יידישע הייזער. די עפּידעמיע האָט פאַרכאַפּט אַ גרעסערע צאָל שטעט. איך אַליין ווייס, אַ חוץ פון ביאַליסטאָק, פון אַ גאַנצע ריי פון זעלבסטמאָרדן אויפן דאָזיקן באָדן, אין וואַרשע, אין דער שטאָט אומאַן און אַנדערע.

***

אין יאָר 1907, ווען מיין צעבראָכענע מאַמע האָט נאָך נישט געהאַט אויפגעהערט צו קלאָגן אויף איר ערשטן אומגליק, אויפן טראַגישן טויט פון איר פינף־און־צוואַנציק־יעריקער טאָכטער, האָט זי איבערגעלעבט אַ צווייטע, שרעקלעכע טראַגעדיע. מיין ברודער בערל, דער אַנאַרכיסט, איז זייט 1904 נעלם געוואָרן גאַנצע דריי יאָר. ער איז וואַרשיינלעך געווען ערגעץ־ווּ פאַרשיקט, נאָר מיר האָבן פון אים קיין שום ידיעה נישט גע־האַט. ער איז געווען פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַריין. ווינטער 1907, איז ער אין אַ שיינעם טאָג פלוצים געקומען קיין ביאַליסטאָק, מיט אַ גאַנץ קורצן באַזוך, און דאָס שטרענג קאָנספּיראַטיוו. געזאָגט האָט ער אונדז, אַז ער איז נאָר געקומען זיך זען מיט דער מאַמען, און דעם על־טערן ברודער האָט ער פאַרגעשלאָגן, אַז ער זאָל אים אַסעקורירן — אויב ער קען עס מאַכן גיך — וועט ער אָפּנעמען פאַר אים אַ סומע געלט, ווייל ער וועט נישט לעבן. מיין ברודער האָט אים אויף דעם געענטפערט, אַז ער האַלט נישט ביי מאַכן אַזעלכע געשעפטן. אָבער ווי זאָגט דער פּסוק: בלבו שמר את הדבר.

נאָך זיין קורצן באַזוך איז ער פון ביאַליסטאָק אַוועק קיין פּאַריז. אַ געוויסע צייט האָט מען ווידער פון אים נישט געהערט קיין וואָרט. און פּלוצים האָט מען זיך דערוווּסט פון דער פּרעסע, אַז אין אַ האָטעל אין פּאַריז האָט מען געפונען דערשאָסענע, דורך זעלבסטמאָרד, דעם זון פון

ר׳ מנחם־מענדל ראַקאָווסקי ז״ל פון ביאַליסטאָק, דעם 24־יעריקן בערל ראַקאָווסקי מיט זיין פרוי.

וועגן זיין טויט זענען אין ביאַליסטאָק אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע ווערסיעס. די רעוואָלוציאָנערע טוער האָבן געהאַלטן, אַז דעם זעלבסט־מאָרד איז ער באַגאַנגען מחמת ער האָט זיך אַנטוישט אין זיין אַרבעט. אַנדערע, ווידער, האָבן באַהויפּטעט, אַז ער האָט געהאַט אויפן געוויסן דעם טויט פון זיין פאָטער, וועמען ער האָט אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט, און דער דאָזיקער שרעקלעכער געדאַנק האָט אים אָן אויפהער פאַרפאָלגט, און דערפירט צו זעלבסטמאָרד. ווי עס זאָל נישט זיין די סיבה, ענדערט עס נישט דעם טרויעריקן פאַקט.

מיין מוטער, די צדיקת, האָט געפונען טרייסט צו אירע גרויסע אומ־גליקן, אין דער אַרבעט פאַר אירע צדקה־אַנשטאַלטן, וועמען זי האָט אָפּ־געגעבן איר גאַנצע צייט. נאָך איין מאָמענט האָט איר פאַרלייכטערט אירע ליידן: זי האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז נאָך איר טויט, וועט זי זיכער זיין אויפן עולם־האמת, צוזאַמען מיט איר געליבטן מאַן. זי האָט נישט בלויז אין דעם געגלויבט נאָר האָט זיך צו דעם געגרייט, און אויף דעם געוואַרט ווי אַ כלה וואַרט אויף איר באַשערטן...

ווי גאַנץ אַנדערש לעבן איבער אַזעלכע טראַגעדיעס אונדזערע מענ־טשן...

## קאַפּיטל זיבעצן

זומער פון יאָר 1908 איז מיין זון, לעבנדיק אין דער שווייץ, ביי גע־נוג שווערע באַדינגונגען, פּלוצים געוואָרן נערוון־ליידנד. זיין קראַנקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער האָט אומאויפהערלעך געשריבן, שירים און פּראָזע, אויף פאַרשידענע טעמעס, געשריבן טאָג און נאַכט, נישט קענענדיק זיך אָפּרייסן פונעם פּאַפּיר.

די דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען, אַז דאָס איז אַ קרענקלעכער צו־שטאַנד. זיי האָבן אָבער נישט געקענט אויסגעפינען די סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג. צום סוף, אָבער, האָבן זיי זיך געכאַפּט און קאָנס־טאַטירט, אַז דאָס דאַרף זיין אַן אויסדרוק פון אַ שטאַרקער בענקשאַפט,

און ווי דאָס זאָל נישט קלינגען משונהדיק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ פינף־און־צוואַנציק־יעריקן זון — אַ בענקשאַפט נאָך דער מוטער. אַ שטיקל צייט האָט מען פון מיר די גאַנצע זאַך אויסבאַהאַלטן. שפּעטער אָבער איז אָנגעקומען אויף מיין טאָכטערס אַדרעס, אַ בריוו פונעם דאָקטאָר — טאָקע מיין זונס אַ חבר פון דאָרטן — אַז די איינציקע עצה אַז ער זאָל געזונט ווערן איז, אַ באַגעגעניש מיט דער מוטער. ווי נאָר איך האָב זיך דערוווּסט פון דער געשיכטע, האָב איך צו אים גלייך געשריבן, אַז איך פאָר אַרויס קיין קאָלבערג, און זאָל ער אויך וואָס שנעלער זען אַהין צו קומען. ביז עס איז מיר געלונגען צו באַקומען מיין אויסלענדישן פּאַס, האָב איך, אָנקומענדיק קיין קאָלבערג, אים שוין דאָרט געפונען.

בעת איך בין אַרויס פונעם וואַגאָן און ער האָט מיך דערזען, האָט ער נאָר אַ זאָג געטון איין וואָרט:

— מאַמע!

מער נישט. און נאָך אין איצטיקן מאָמענט, גאַנצע 33 יאָר שפּעטער, הער איך נאָך דעם קלאַנג פון זיין שטים; פון זיין רוף: מאַמע! וועלכן איך וועל, אַזוי שיינט מיר, ביז מיין לעצטן אָטעמצוג נישט פאַרגעסן.

אין קאָלבערג בין איך מיט אים געזעסן איבער די גאַנצע פעריען ער האָט זיך געבאָדן אין ים, באַקומען אַן אַפּעטיט צום עסן, זיך זייער גוט דערהאָלט און געוואָרן געזונט.

וועגן זיך אומקערן קיין פּוילן, האָט, נאַטירלעך קיין רייד נישט גע־קאָנט זיין. צוריקפאָרן אין די שווייץ, האָט ער אויך נישט געוואָלט, ווייל זיינע באַקאַנטע דאָקטוירים האָבן געפונען, אַז ער דאַרף פון דער גייס־טיקער אַרבעט אומבאַדינגט איבערגיין, אויב נישט צו קיין פיזישער, איז, לפּחות, צו אַ געוויינלעכער מער טעכנישער אַרבעט, ווי למשל: אין אַ ביוראָ אָדער סתם אין אַ געשעפטלעכער אונטערנעמונג.

אין בערלין האָט דעמאָלט געוווינט מיינע אַ באַקאַנטע און זייער אַ באַפריינדעטע פאַמיליע פון וואַרשע, וואָס זייערע אַ טאָכטער האָט גע־לערנט ביי מיר אין דער שול — די פאַמיליע ראַטשקאָווסקי, וואָס מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זייערער אַ זון, אַן אַגראָנאָם, חתונה געהאַט מיט נחום סאָקאָלאָווס אַ טאָכטער און זיי וווינען שוין אַ סך יאָרן אין ירושלים. די פרוי און דער הער ראַטשקאָווסקי האָבן פאַר זייער חתונה

געאַרבעטביידע צוזאַמען אין אַ גרויסער קראַוואַטן־פאַבריק אין וואַרשע. ער, ווי אַ בוכהאַלטער, און זי, ווי אַן אַרבעטערין, אַ קראַוואַטן־מאַכערין. ביידע זענען זיי געווען פעיִקע מענטשן. ער, — אַ געוועזענער ישיבה־בחור, זי — אַן אויסערגעוויינלעך־קלוגע פרוי. אַרבעטנדיק צוזאַמען אין איין פירמע, האָבן זיי זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט. ביידע באַגאַבט מיט אַן אונטערנעמונגס־גייסט און קאָמערציעלע פעיִקייטן, האָבן זיי גלייך געעפנט אַ פאַבריק און עס האָט לאַנג נישט געדויערט ווי זיי האָבן דער־וואָרבן אַ באַדייטנדיקן קאַפּיטאַל. מיט יאָרן שפּעטער זענען זיי אַריבער־געפאָרן פון וואַרשע קיין בערלין, און דאָרטן געגרינדעט אַ גרויס קאָמי־סיאָנס־געשעפט.

די פירמע ראַטשקאָווסקי איז אין בערלין, באַזונדערס צווישן די נאַ־ציאָנאַלע און ציוניסטישע קרייזן, באַלד געוואָרן זייער פּאָפּולער, ווייל סיי דער מאַן, סיי די פרוי, האָבן פאַרשטאַנען ווי איינצוואָרדענען זייער הויז און זייער געשעפט. נישט געווען כמעט קיין איין יידישער סטודענט אין בערלין וועלכער האָט זיך געניטיקט אין אַרבעט, ער זאָל נישט האָבן פאַר דער צייט פון זיין שטודירן קיין פּאָסטן אין גרויסן קאָמיסיאָן־גע־שעפט פון דער פירמע ראַטשקאָווסקי. אויסערדעם האָבן זיי זיך אויסגע־געצייכנט מיט זייער אויסערגעוויינלעכער גאַסטפריינטלעכקייט און אין פאַרלויף פון דער צייט, איז זייער הויז אין בערלין געוואָרן אַ בית־ ועד לחכמים. אַלס באַווייז קען שוין דינען דער פאַקט אַליין, וואָס אונדזער מנהיג, נחום סאָקאָלאָוו, האָט זיך מיט זיי משדך געווען.

ווי נאָר מיין זון האָט מיר איבערגעגעבן וועגן זיין פּלאַן צו זוכן אַוועלכע נישט איז ביוראָ־אַרבעט, האָב איך גלייך פון קאָלבערג געשריבן אַ בריוו צו דער פאַמיליע ראַטשקאָווסקי, מיט דער ביטע צו באַשעפטיקן מיין זון, ביי זיי אין דער ביוראָ.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און איך האָב פון זיי באַקומען אַן אויסערגעוויינלעך־פריינטלעכן ענטפער ווי זיי דריקן אויס זייער צופרידנ־קייט צו קענען מיר מיט עפּעס דינען, און אַז מיין זון קען דירעקט פון קאָלבערג קומען צו זיי אין הויז, וווּ ער וועט זיכער זיך פילן ווי ביי זיך אינדערהיים.

ענדע יולי בין איך, צוזאַמען מיט מיין זון, געפאָרן פון קאָלבערג

קיין בערלין. די שמחה ביי די ראַטשקאָווסקיס מיט מיר איז געווען אין לשער, און מיין זון איז גלייך אַריין אַרבעטן אין קאַנטאָר. דאָרט האָט צו יענער צייט אויך געאַרבעט דער עלטערער ברודער אַלשוואַנגער, דעמאָלט נאָך אַ סטודענט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט פון בערלינער אוניווערזיטעט און נאָך עטלעכע יידישע יונגעלייט פון פוילן. איך בין דאַן צוריק געפאָרן קיין וואַרשע אַ זייער צופרידענע, וואָס עס איז מיר געלונגען אים אַזוי גוט איינצואָרדענען און, בעיקר, ביי אייגענע מענטשן. בלויז איין מאָמענט האָט מיך באַאומרויקט: ווי אַזוי וועט זיך מיין זון — פון באַרוף אַ לערער, וואָס איז ראשו ורובו אַריינגעטון אין לערנען. און האָט נישט קיין שום אַנונג אין מסחר און אין געשעפטן, ווי אַזוי וועט ער זיך קענען צופאַסן צו אַזאַ איינפאַכער טעכנישער אַרבעט?

ווי גרויס איז געווען מיין איבעראַשונג, אַז בלויז מיט איין מאָנאַט שפּעטער, ווען דער הער ראַטשקאָווסקי, קומענדיק געשעפטלעך קיין וואַרשע, מיר איבערגעבנדיק אַ פּערזענלעכן גרוס פון מיין זון, האָט צו מיר געזאָגט:

— איר ווייסט, פרוי ראַקאָווסקי, אייער זון איז אַן אויסגעצייכנטער אַרבעטער. אין איין חודש האָט ער אויפגעכאַפּט די גאַנצע טעכניק. און איך מוז אייך זאָגן, אַז ביי מיר אַרבעט שוין דריי יאָר אַ יונגערמאַן פון קוטנע, האָט ער זיך נאָך נישט אויסגעלערנט דאָס, וואָס אייער זון אין איין מאָנאַט.

וואָס אַנבאַלאַנגט מיין זון, איז ער אין אַנהויב נישט געווען אַזוי שטאַרק באַגייסטערט פון זיין נייער באַשעפטיקונג. ס'האָט אָבער נישט־לאַנג געדויערט און זיין באַציִונג צו דער נייער אַרבעט האָט זיך לגמרי געענדערט, ספּעציעל נאָך דעם, ווי אים איז געלונגען צו טיילן זיין צייט צווישן דער פאַרדינסט־אַרבעט און דער פאַרזעצונג פון זיין ווייטערדיקער זעלבסט־בילדונג. באַזונדערס גינסטיק האָט אויף אים געווירקט די מער ווי פריינטשאַפטלעכע באַציִונג פון דער פאַמיליע ראַטשקאָווסקי. ביי יעדן באַזוך אין וואַרשע, פלעגן זיי תמיד מיר דערציילן די מעלות פון מיין זון און אַז זיי האָבן אים ממש ליב ווי אַן אייגן קינד.

אין דער פירמע ראַטשקאָווסקי אין בערלין האָט מיין זון געאַרבעט גאַנצע זעקס יאָר, פון 1908 ביז צום קריגס־אויסברוך פון 1914.

ווי עס איז צו זען פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, איז מיין גאַנצער לעבנסוועג — שוין אָפּגערעדט פון די אויסערגעוויינלעכע פאַמיליען־טראַגעדיעס, — בכלל נישט געווען פון די לייכטע.

באַזונדערס שווער האָבן איך איבערגעלעבט די רעוואָלוציע־יאָרן, אָנהייבנדיק פון 1905 ביז צום קריגס־אויסברוך פון 1914. מיט איין זאַך, אָבער, בין איך געווען צופרידן — וואָס מיין זון האָט דידאָזיקע שווערע יאָרן אַדורכגעמאַכט אין אויסלאַנד. איך האָב, לפּחות, געקענט מיט אים קאָרעספּאָנדירן און, בעיקר, געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז זיכער מיטן לעבן. מיין לעבן איז טאַקע געווען שווער, אָבער אינטערעסאַנט, אינהאַלטס־פול און רייך מיט מאָמענטן פון דער העכסטער גייסטיקער באַפרידיקונג, וואָס ס׳קען נאָר געבן אַן אידעאַל אין וועלכן מען גלייבט מיט אַלע ציטער־נישן פון דער נשמה. און נאָך אַ מאָמענט וויל איך דאָ אונטערשטרייכן: קוים טראַכט אַ מענטש, קודם־כל וועגן די אינטערעסן און דעם לעבן פון זיין פאָלק, און גלייכצייטיק וועגן אַלגעמיין־מענטשלעכע פּראָבלעמען, — באַציט ער זיך דאַן גאַנץ אַנדערש, אויך צו זיינע פּערזענלעכע ליידן.

די אַכזריותדיקע קאָנטר־רעוואָלוציע וועלכע האָט זיך צעפּלאַקערט אינעם מאָמענט גופא בעתן פּראָקלאַמירן דעם מאַניפעסט פון 17טן אָק־טאָבער, האָט געטריבן די רעוואָלוציע צו די עקסטרעמסטע מיטלען פון טעראָר און אַנאַרכיע. אַלע זענען געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט לגבי דער פאַרעטערישער פּאָליטיק פון ניקאָליי דעם צווייטן, וואָס מיט איין האַנט האָט ער געגעבן אַ סיגנאַל וועגן אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער ליבעראַלער געזעלשאַפט, און מיט דער צווייטער האָט ער אַריינגערוקט אַ מעסער אין רוקן, נישט בלויז די לינקע, נאָר אויך די מעסיק־דעמאָקראַטישע פּאַר־טייען, וועלכע האָבן סיי ווי נישט געגלויבט אין דער פאַרווירקלעכונג פון די קייזערלעכע הבטחות.

***

ווי איך האָבן שוין געשריבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, האָט מיין עלטערע טאָכטער חתונה געהאַט אין יאָר 1906 מיטן אַדוואָקאַט אַלעק־סאַנדער אַלשוואַנגער, און ווי איך האָב עס ליידער פאַרויסגעזען, ריכטי־

קער פאַראויסגעפּילט, איז זי מיטן אויסוואַל פון איר לעבנס־חבר שטאַרק אַדורכגעפאַלן.

די ערשטע צייט האָט מיין אומגליקלעכע טאָכטער זיך באַמיט פון מיר אַלץ אויסצובאַהאַלטן. זי פלעגט זיך טיילן מיט אירעליידן נאָר מיט איר שטיף־פאָטער, מיט מיין חבר בירנבוים. באַלד איז עס איר אָבער געוואָרן אוממעגלעך, ווייל אַחוץ מאָראַליש, האָט זי אָנגעהויבן שטאַרק ליידן אויך עקאָנאָמיש. קינדער האָט איר מאַן געוואָלט האָבן גאַנצע צוועלף, אַזוי ווי יעקב אבינו. אין פאַרלויף פון די ערשטע פיר יאָר האָט מיין טאָכטער ז״ל געבאָרן צוויי קינדער, — אַ יינגל און אַ מיידל. די הוצאה איז געוואָרן גרעסער און די עקאָנאָמישע לאַגע, שווערער. מיין טאָכטער האָט געאַר־בעט ווי אַ לערערין ביי מיר אין דער שול און פלעגט באַקומען 60 רובל אַ חודש, אַזויפיל ווי איך. אָבער נישט חלילה מיטאַמאָל, נאָר 2 רובל אַ טאָג אויף דער הוצאה. אַזוי האָבן אין יענע יאָרן געלעבט אייגנטימערינס פון אַ זיבן־קלאַסיקער שול מיט דריי הונדערט שילערינס. אין אָנהויב, בעת מיין שול איז געווען אַן „אָנפאַנגס־שול״, האָט מען געלערנט דאָס גאַנצע יאָר — גאַנצע 12 חדשים — אָן שום וואַקאַציעס. שפּעטער, ווען איך האָב איר פאַרוואַנדלט אין אַ מיטל־שול, האָט מען געמוזט איינפירן וואַקאַציעס, — איין חודש ווינטער און דריי חדשים זומער־פעריען. די לערערס האָבן באַקומען זייער לוין אויסגעצאָלט פאַר גאַנצע 12 חדשים. ביי די קינדער אָבער איז עס געווען אוממעגלעך אויפצומאָנען פאַרן גאַנצן יאָר. קיין צוואַנג איז נישט געווען. די באַמיטלטע עלטערן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די שול־אינהאַבערינס דאַרפן עסן אויך בעת די פעריען, פלעגן באַצאָלן. אַ גרויסער טייל, אָבער, האָט זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט דער לאַגע פונעם לערער. אָבער ווי זאָגט מען עס: „אַ ייד גיט זיך אַן עצה״. האָט מען זומער געלעבט אויף קרעדיט, און ווינטער געמוזט אָפּאַרבעטן פאַר די זומער־חדשים. גאָר לייכט איז עס נישט געווען, זענען דאָך אָבער יידן בכלל געווינט צו דחקות, ווערט מען נישט נתפעל. שווער איז אָבער די לאַגע געוואָרן דאַן, ווען פון דער שול האָבן געדאַרפט לעבן צוויי פאַמיליעס, — מיין אייגענע און מיין טאָכטערס. פלעגט מען כסדר מוזן קאָמבינירן וואָס פאַר אַן אַרבעט צו געפינען פאַר „מלמדים״, זומער־צייט, בעת די שולע איז געשלאָסן כדי צו פאַרדינען אויף דער הוצאה, און

נישט צו ווערן קיין בעל־חוב ביים בעל־הבית פון דער דירה. זענען מיר געפאַלן אויף אַ המצאה: איינצואָרדענען אין די זומער־מאָנאַטן אַ פענסיאָן פאַר קינדער, אין איינער פון די דערפער אויף דער ליניע וואַרשע־אָט־וואָצק. ווי וועלן זיך נישט געפינען — האָבן מיר געטראַכט — צווישן די דריי הונדערט עלטערן פון אונדזערע שילערינס, קיין פופציק אָדער זעכ־ציק, וואָס וועלן מסכים זיין אַרויסצושיקן זייערע קינדער אויף פרישער לופט? איינגנטלעך, האָט נאָך דידאָזיקע איניציאַטיוו געשטאַמט פון מיין זון, בעת ער איז געווען לערער ביי מיר אין דער שול. אמת, ער האָט מער געהאַט אין אויסזיכט דעם דערציִערישן מאָמענט, די קינדער זאָלן זיך, לפּחות, אַ דריי־פיר מאָנאַטן מער געפינען אונטער אונדזער השפעה. וואָס שייך די עלטערן, האָט זיי בעיקר מער אינטערעסירט: צי גיט מען די קינדער גוט צו עסן.

דעם ערשטן פענסיאָן פאַר קינדער, האָבן מיר געעפנט אין יאָר 1906, אין שווידער, איין סטאַציע פאַר אָטוואָצק. נישט האָבנדיק קיין גאַ־ראַנטיע אַז די אונטערנעמונג וועט געלינגען, האָבן מיר געדונגען נישט קיין זייער גרויסן לאָקאַל, און גלייך חול־המועד פסח, אָנגעהויבן צו אַנאָנ־סירן אין די צייטונגען. אַזוי ווי אין פוילן איז ביז אונדז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו גרינדן אַזאַ מין אַנשטאַלט, — אין דייטשלאַנד, למשל, האָבן אַזעלכע קינדער־פענסיאָנאַטן עקזיסטירט שוין מיט אַ סך יאָרן פריִער — האָבן אונדזערע אַנאָנסן אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג. און באַלד נאָך פסח, האָבן זיך שוין פאַרשריבן אַ גרויסע צאָל קינדער פון מיטלשטאַנד, אַ חוץ פון אונדזערע שילערינס.

אין יענע יאָרן האָט דער מיטלקלאַס פון ייִדישע פרויען אין פוילן, גאַנץ אַקטיוו און טיכטיק, מיטגעאַרבעט אין די פאַרשידענע געשעפטן, פאַבריקן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון זייערע מענער. אין וואַרשע איז אפילו געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל פרויען, וועלכע האָבן זעלבסטשטענדיק אָנגעפירט מיט גרויסע געשעפטן און פאַרשידענע האַנט־ווערק־און אַרבעטער־וואַרשטאַטן, וועלכע האָבן באַשעפטיקט הונדערטער ייִדישע מיידלעך, און זיי געגעבן אַ פאַך אין דער האַנט. דידאָזיקע באַ־מיטלטע אַרבעטנדיקע מוטערס האָבן נישט געקאָנט פאַרלאָזן זייערע גע־שעפטן און פאָרן אויף זומער־וווינונג. אַנטרויען די קינדער, ווידער, די

פוילישע דינסטן איז אויך געווען אומעגלעך. און דעריבער האָבן זיי מיט צופרידנקייט אויסגענוצט די מעגלעכקייט אַרויסצושיקן די קינדער אויף „פרישע לופט" און דערצו נאָך אונטער דער אויפזיכט פון לערערס און דערציִערס.

מיט איין וואָרט, מיר האָבן געטראָפן אין פינטל און אויסגענוצט דעם ריכטיקן מאָמענט. קיין ספּעציעלע צו דעם צוועק אויסגעבויטע לאָקאַלן זענען נאָך דאַן אויף דער ליניע וואַרשע־אָטוואָצק נישט געווען. פאַרויס־זעענדיק אָבער, לויט דער פאַרשריבענער צאָל קינדער, אַז דער געדונ־גענער לאָקאַל וועט זיכער זיין צו קליין, האָבן מיר גלייך צוגעדונגען ביים זעלבן ווירט, יאַרעצקיס ווילע אין שווידער, — זי איז געווען אַ יִדישע און צו יענער צייט אַ שם־דבר — נאָך עטלעכע דערביי־ליגנדיקע קלע־נערע הייזקעס און באַלד איז דידאָזיקע ווילע, אַ דאַנק אונדזער קינדער־פּענסיאָנאַט געוואָרן זייער פּאָפּולער.

כדי מיר זאָלן האָבן די מעגלעכקייט זיך צו ווידמען אויסשליסלעך, דער דערציִערישער זייט פון דער אונטערנעמונג, האָב איך פּאַר דער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט צוגענומען ווי שותפים, מיינע אַ גוטע חברטע — נאָך פון ביאַליסטאָק — מיט איר מאַן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין וואַרשע אַ באַקאַליי־געשעפט. אַ גוטער סוחר און פּעיִקער איינקויפער — און דאָס איז ביי עסנוואַרג דער עיקר —. און זיין פרוי, ווידער, איז גע־ווען אַן אויסגעצייכנטע ווירטין און אַ טיכטיקע אַרבעטערין.

דער עקספּערימענט האָט באַלד דעם ערשטן זומער, געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. עס זענען ביי אונדז געווען אַכציק קינדער, נישט בלויז פון שול־עלטער, נאָר אפילו דריי־און פיר־יעריקע, וועלכע האָבן אינדערהיים, ווי ס'איז דער שטייגער, נישט געוואָלט עסן. דעם פּענסיאָנאַט האָבן מיר איינגעאָרדנט — ווי ווייט עס איז ביי יענע לאָקאַלע באַדינגונגען מעגלעך געווען, — לויט די בעסטע רעגלען פון היגיענע און דערציונג. איטלעכע צענדליק קינדער האָבן געהאַט אַ פּרעבליסטין. די גרעסערע קינדער: צען מיידלעך — אַ דערציִערין, צען ייִנגלעך — אַ דערציִער. דער גאַנצער קאָלעקטיוו ווי אַזעלכער — אונטער אונדזער אויפזיכט. אַ חוץ דעם איז אין אַנשטאַלט געווען אַ ספּעציעלער דאָקטאָר, אַ פרוי, און אויך אַ פעלד־שערין. ביי אַ געהעריקער אָרגאַניזאַציע איז די אַרבעט נישט געווען



פועה ראַקאָווסקי און אַבאַ בירנבוים אין קרייז פון זייער משפּחה,
פאָטאָגראַפירט אין אָטוואָצק, יאָר 1912

שוועד און האָט אונדז געגעבן אַ געוויסע מאָראַלישע באַפרידיקונג. עס קלינגט אפשר מאָדנע, ווען מען קומט אידעאַליזירן אַזאַ מין פשוטע אַרבעט ווי געבן קינדער עסן. דאָס קאָן דאָך, — ווי אַ סך זענען אין דעם איבערצייגט, נישט נאָר יעדע מאַמע, נאָר אפילו יעדע דינסט, — פּאַק־טיש, אָבער, טראָגט עס לגמרי אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער אין אַלע הינ־זיכטן, ווען דאָס ווערט געמאַכט דורך אינטעליגענטע לערערס און אחריותפולע דערציִערס.

און זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין אָנצוּווייזן אויף דעם וויכטיקן געזעל־שאַפטלעכן מאָמענט פון אונדזער דעמאָלטיקן אויפטו. אונדזער איניציאַ־טיוו האָט באַלד אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. די ערשטע האָבן אָנ־געהויבן צו עפענען אויף דער „ליניע" קינדער־פּענסיאָנאַטן באַקאַנטע יידישע דאָקטוירים פון וואַרשע, באַזונדערס קינדער־דאָקטוירים. עטלעכע פון זיי, האָבן אַפילו איינגעאָרדנט סאַנאַטאָריעס פאַר קראַנקע קינדער אויפן גאַנצן יאָר. מיט דער צייט זענען אַחוץ די פּריוואַטע, פאַר רייכע און באַ־מיטלטע, אויך געגרינדעט געוואָרן דורך יידישע קולטורעלע און פּאָלי־טישע אָרגאַניזאַציעס, קינדער־פּענסיאָנאַטן און אפילו סאַנאַטאָריעס פאַר אָרעמע אַרבעטער־קינדער.

אין שווידער, ביי יאַרעצקין, האָבן מיר געהאַלטן דעם פּענסיאָן גאַנצע פיר יאָר — פון 1906 ביז 1910 — די פרעקווענץ איז פון יאָר צו יאָר כסדר געוואַקסן, און דער דאָזיקער אַנשטאַלט איז באַלד געוואָרן אַזוי פּאָ־פּולער ווי מיין שול. ער האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען: קינדער־פּענסיאָנאַט פון פ. ראַקאָווסקי.

עקאָנאָמיש איז אונדז געוואָרן לייכטער. דער פּענסיאָן איז אָפן געוועזן אין פאַרלויף פון כמעט דעם גאַנצן זומער — פון חודש אייר ביז איבער סוכות. אונדזערע שותפים זענען ווינטער געזעסן אין אָטוואָצק און באַלד נאָך פסח פלעגן זיי אַריבערפאָרן קיין שווידער, כדי דאָרט צו מאַכן אַלע נייטיקע הכנות, רעמאָנטן, אאַ"וו, אפילו צוגרייטן פּראָדוקטן וואָס ווערן נישט פאַרדאָרבן. מיין טאָכטער ע"ה האָט זיך אויך שטאַרק אויסגעבעסערט אין עקאָנאָמישן זין. מאָראַליש אָבער, האָט זי וואָס ווייטער, אַלץ שטאַר־קער געליטן.

אין יאָר 1911 האָט וואַרשע געפייערט דעם 25־יעריקן יובל פון דער

עקזיסטענץ פון דער „הצפירה". אין זאַל פון דער פילהאַרמאָניע האָט מען לכבוד דעם דאָזיקן יום־טוב געשטעלט אַ העברעיִשע פּיעסע „עט הזהב". די הויפּט־ראָלן האָבן געשפּילט מיין טאָכטער ז"ל און אורי־ניסן גנעסין. אַ דאַנק אירע באַדייטנדיקע דראַמאַטישע פעיִקייטן האָט איר שפּילן שטאַרק אויסגענומען. אין אַ קורצע צייט אַרום קומט זי צו מיר און פאַרטרויט מיר אַ סוד, אַז זי האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן מיט די קינדער קיין ארץ־ישראל. זי וויל זיך אָבער קודם־כל פאַרפולקאָמען אין העברעיִש און צו דעם צוועק וועט זי אַנגאַזשירן אַלס לערער טאַקע דעם חבר אורי־ניסן גנעסין. ווי גרויס מיין שמחה לגבי דעם דאָזיקן באַשלוס אירן איז געווען, פאַרשפּאַר איך צו שילדערן. און באַלד טאַקע האָט זי זיך גענומען ערנסט צו שטודירן העברעיִשע ליטעראַטור. זיך ענדלעך דעצידירט אויף אַ מער־וויניקער ראַדיקאַלן שריט, האָט זי דערפון אויפסניי אויפגעלעבט און איר גאַנצע שטימונג האָט זיך מיט אַמאָל געענדערט צום בעסערן.

אונדזער קינדער־פּענסיאָנאַט האָט זיך כסדר אַנטוויקלט און אויך מאַטעריעל שטאַרק פּראָספּערירט. אין יאָר 1910 האָט אַ רייכער וואַרשעווער ייִד אויסגעבויט אין מיכאַלין — אויף דער „ליניע", גאָר נאָענט צו וואַרשע, — אין סאַמע מיט פון וווּנדערבאַרן וואַלד, אַ גרויסאַרטיקע צוויי־שטאָקיקע ווילע פון 33 צימערן, מיט גרויסע גלעזערנע וועראַנדעס און בכלל מיט אַלע, צו יענער צייט מאָדערנסטע איינריכטונגען. מיר האָבן אָפּגעדונגען די־דאָזיקע ווילע, איינגעקויפט ספּעציעלע קינדער־מעבל און איינגעאָרדנט דעם פּענסיאָנאַט אויף אַן עכט־אייראָפּעיִשן שטייגער.

דעם פּענסיאָנאַט אין מיכאַלין האָבן מיר געהאַלטן גאַנצע פיר יאָר, פון 1910 ביז 1914, ביזן לעצטן טאָג פונעם קריגס־אויסברוך.

אָנהייב שול־יאָר פון 1910, האָבן מיר געביטן אונדזער פּריוואַטע וווינונג אין שטאָט, — די שול איז געבליבן אויפן פריִערדיקן אָרט, אויף קופּיעצקע נומער 6, ביז איך האָב איר, מחמת דעם קריג, פאַרלאָרן, — אַ דאַנק דעם זומער־פּענסיאָנאַט פלעגן מיר תמיד האָבן אַ געוויסע צאָל קינדער אין שול־עלטער אויף פּענסיאָן אין דער שטאָט אויך אום ווינטער. געווען אפילו צווישן זיי מיידלעך־סטודענטינס פון דער פּראָווינץ, וואָס זענען געקומען זיך לערנען קיין וואַרשע.

אונדזער נייע וווינונג אויף נאָוואָליפּקי 40 האָט געהאַט גרויסע באַ־

קוועמע צימערן און מיר האָבן דאָרט איינגעאָרדנט אַן אינטערנאַט פאַר שטודירנדיקער יוגנט. די ווירטשאַפט האָבן געפירט אונדזערע שותפימס אַ טאָכטער מיט אַן איידעם, — אַ קינדערלאָז פּאָרפאָלק וועלכע פלעגן אין די זומער־חדשים מיטאַרבעטן ווי אָנגעשטעלטע אין פּענסיאָנאַט.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די צאָל פּענסיאָנערן וועלכע מיר האָבן געקענט אויפנעמען האָט זיך קאָמפּלעטירט. ־מ׳פלעגט אונדז פּשוט אָפּשלאָגן די שוועלן און אָפּט וואַרטן וואָכן אויף אַ פרייען פּלאַץ.

מיין טאָכטער האָט אָנגעהויבן ערנסטער טראַכטן וועגן אַוועקפאָרן וואָס גיכער קיין ארץ־ישראל, און האָט שוין אָנגעהויבן אין דער שטיל צו מאַכן געוויסע הכנות, כדי צו קאָנען סוף זומער פון יאָר 1912 אַוועקפאָרן. צום אומגליק איז זי שוואַנגער געוואָרן מיט איר דריטן קינד און אַלע אירע האָפנונגען זענען צעבראָכן געוואָרן כחרס הנשבר. נישט געקוקט אויף איר שוועררן פיזישן און אויסערגעוויינלעך געדריקטן מאָראַלישן צו־שטאַנד, האָט זי נישט געוואָלט וואַרפן איר אַרבעט אויף קיין איין שעה אפילו און האָט געאַרבעט אין דער שול ביז איר לעצטן טאָג.

אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט, אַכצן טאָג אין אדר פון יאָר 1913, איז געשען דער גרעסטער אומגליק אין מיין לעבן. מיין טאָכטער שיינדל איז גע־שטאָרבן פון אַ שווערער לונגען־אַנטצינדונג, אין דער קימפּעט, אין דעם 28סטן יאָר פון איר לעבן. דאָס קינד, אַ מיידעלע, איז געפאַלן אַ לעבעדיקע אויף דער וועלט, און צוויי שעה נאָך דעם האָט מיין אומגליקלעכע, אַכט־און־צוואַנציק־יעריקע טאָכטער אויסגעהויכט איר קרישטאָל־ריינע נשמה. גאַנץ וואַרשע האָט מיט מיר צוזאַמען באַוויינט מיין גרויסן אומגליק. איך האָב נישט געוואָלט זען קיין שום נעקראָלאָגן און הספדים אין די צייטונגען אויף מיין טאָכטער; פאַר מיר איז נישט געווען קיין טרייסט. איך האָב איר נישט געזען קיין טויטע, געוואָלט זי זאָל שטענדיק בלייבן אין מיין זכרון אַ לעבעדיקע. דיזעלבע יפת־תואר ויפת־מראה מיטן גוטן קלוגן שמייכל אויף איר ליכטיקן פנים. איך האָב נישט געוואָלט זען ווי מ׳לייגט איר אַריין אין דר׳ערד. מיין אַלטע מאַמע איז געקומען צו דער לויה פון איר טייערער בלוט־יונגער אייניקל.

וואָס איז געווען מיט מיר? איך בין אייגנטלעך געשטאָרבן צוזאַמען מיט מיין קינד, נאָר איר האָט מען מקבר געווען און איך בין אַרומגע־

גאַנגען אַ לעבעדיקער מת. אַכט חדשים נאָכאַנאַנד בין איך נישט בכוח געווען אַריבערצוטרעטן די שוועל פון מיין שול, נישט געקענט זיך פאַר־שטעלן, אַז איך וועל נישט געפינען אין קאָרידאָר, אויפן הענגער, איר מאַנטל, ווייל אין שול פלעגט זי שטענדיק קומען פריִער פאַר מיר. זי איז דאָך געווען מיט צוואַנציק יאָר יונגער און האָט געוואָלט, ווי ווייט מעגלעך, דער מאַמען פאַרגרינגערן דעם יאָך. פאַר מיר איז דעמאָלט געשטאַנען די פראַגע פון זיין אָדער נישט זיין. לכתחילה האָב איך געקלערט, אַז עס קאָן שוין זיין בכלל געגוג צו לעבן. איך האָב זיך אָבער געזאָגט, אַז לעבן אָן איר, איז שווערער ווי אָוועקצוגיין אינגאַנצן פון דער וועלט. און איך האָב באַשלאָסן אויסצוטרינקען דעם ביטערן בעכער סם פון מיין שווערן גורל ביזן לעצטן טראָפּן. איך האָב דאָך איצט נייע פליכטן: איך דאַרף דער־ציִען דריי קליינע יתומים. דערדאָזיקער געדאַנק האָט אפשר פאַרלייכטערט די שווערע ליידן פון אירע לעצטע מינוטן. איר צוואה, צוצונעמען די קינדער, מוז איך מקיים זיין מיט אַלע מיינע כוחות, ווי שווער מיר זאָל איצט נישט זיין צו לעבן אָן מיין ליכטיקער טאָכטער.

שרעקלעך שווער האָט איבערגעלעבט דעם טראַגישן טויט פון איר שוועסטער, מיין צעניעריקע מיידעלע שרהלע. די שוועסטערן האָבן זיך ליב געהאַט אויסערגעוויינלעך. די קליינע פלעגט זיך אויפכאַפּן אינמיטן נאַכט, אַז קיינער זאָל נישט זען און שרייבן שירים — אויף רוסיש — איבערן טראַגישן טויט פון איר יִינג־פאַרשטאָרבענער שוועסטער. מיר פלעגט זי נאָכגיין און נישט לאָזן קלאָגן און כסדר איבערחזרן:

— מאַמע, מיר האָבן קליינע קינדער.

די פּאַקטישע, די שווערסטע, ממשותדיקע זאָרג און אַרבעט פאַר די אומגליקלעכע קליינע יתומים, האָט גענומען אויף זיך מיין חבר בירנבוים.

ביינאַכט איז דאָס וויגעלע פון דער קלייניקער שיינדעלע — איר מאַמעס נאָמען האָט זי געטראָגן — געשטאַנען נעבן זיין בעט. זיין גאַנצע פרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן די קינדער, ווי דער טרייעסטער פאָטער אויף דער וועלט.

גלייך נאָך פסח האָט מען ווידער געעפנט דעם פענסיאָנאַט. איך בין אַרויסגעפאָרן מיט די קינדער. בירנבוים פלעגט קומען יעדן טאָג נאָך די לעקציעס. שיינדעלע איז געווען אַ קאָפּיע פון איר מוטער. צייטנווייז פלעגט

זיך מיר דוכטן, אַז איך בין צוריק געוואָרן אַ צוואַנציקיעריקע און האָדעווע מיין אייגענע שיינדל, נישט איר יתומהלע.

בלייבן איין מאָמענט אַליין, האָב איך נישט געטאָרט, נישט געקענט גאַראַנטירן פאַר זיך. איין מאָל, — איך געדענק עס ווי איצט, — געווען איז עס אין מיכאַלין, איך בין געבליבן אויף דער וועראַנדע אַליין מיטן קינד אויף די הענט, זיך צוגעקוקט צו איר ליכטיקן פנימל און פלוצים דערפילט ווי עס טוט זיך מיר אַ מיש אין מוח און אַט, נאָך אַ מאָמענט, גיי איך אַראָפּ פון זינען. באַלד אָבער זיך אַ ריס געטון ווי נאָך אַ שווערן קאָשמאַר, צוגעדריקט פעסט דאָס קינד צו מיין ברוסט, איך זאָל איר, חלילה, נישט לאָזן פאַלן און זיך אַ זאָג געטון: פועה, האַלט זיך! וואָס וועלן טון די אומגליקלעכע יתומים?

אין פענסיאָנאַט זענען מיר דאָסמאָל געבליבן איבער אַלע ימים־טו־בים. די קינדער האָבן זיך גוט פּאָפּראַווועט, די קליינינקע האָט זיך גוט אַנטוויקלט, און וואָס ווייטער אַלץ מער ענלעך געוואָרן צו איר מוטער.

ווו איז געווען דער טאַטע?

גלייך נאָך דער קאַטאַסטראָפע האָט ער פאַרלאָזן די דירה, אָבער נישט אַוועק פון דער סאָלנע־גאַס, זיך געדונגען אַ צימער פונקט קעגנאיבער, נומער 18, צוזאַמען מיט אונדזער לאַנגיאָריקן פריינט, דעם זשורנאַליסט ריקליס. בייטאָג פלעגט ער אָפּשטיין שעהן־לאַנגביים פענצער און קוקן אויף דער שטוב נומער 19. ביינאַכט אַרומלויפן איבערן צימער און שרייען: שאַרלאָטע! אַזוי האָט האָט אונדז איבערגעגעבן דער חבר ריקליס, וועל־כער האָט אים, אויס רחמנות, נישט געוואָלט לאָזן אַליין. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויפקומען אויף עטלעכע שעה צו די קינדער און אַנטלויפן צוריק אין שטאָט.

אין איינעם אַ טאָג, באַלד נאָך סוכות, קומט ער צו גיין, פירט פאַרן האַנט אַ יינגעלע פון אַ יאָר פיר, און זאָגט צו מיר אַזוי:

— אַט דעם יתומל האָב איך געפונען אויפן גאַס און אים געבראַכט צו אייך. זאָל ער זיך האָדעווען צוזאַמען מיט מיינע יתומים. און איז גלייך אַוועק.

איך האָב, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דעם יינגעלע נישט אַוועקגעשיקט.

ער איז געבליבן ביי אונדז אַ געוויסע צייט, ביז עס איז אונדז געלונגען אים איינצוואָרדענען אין אַ יתומים־הויז.

די אַלע איבערלעבונגען האָבן דאָך שוין געקאָנט זיין גענוג, האָב איך אָבער מיט פּאָר חדשים שפּעטער באַקומען אַ פרישן קלאַפּ: פאַרלאָרן אויך די קליינינקע שיינדעלע אין פאַרלויף פון דריי טעג. געלעבט בלויז ניין און אַ האַלבן מאָנאַט און געשטאָרבן ניין טאָג אין טבת, אינעם גע־בורטסטאָג פון איר מאַמען. אינאָווונט האָב איך איר אַ פרישע, אַ געזונטע געלייגט שלאָפן און אינמיטן נאַכט האָט זי זיך אַ כאַפּ אויף געטון מיט אַ שרעקלעכן געשריי: באַבטשאַ! — זי האָט גערעדט פּויליש, צוליב דער פּוילישער אַם — ביזן היינטיקן טאָג קלינגט מיר נאָך אין די אויערן איר שרעקלעכער געשריי: באַבע! מיר האָבן מאָמענטאַל אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט אַ מוח־דערשיטערונג און אויפן דריטן טאָג איז דאָס קינד אויסגעגאַנגען. פון וואַנען דאָס אומגליק איז גע־קומען ווייס איך נישט עד־היום. די שטוב־מענטשן האָבן זיך געשוש־קעט, אַז דער פרעמדער יתומל האָט איר געפירט איבערן צימער אין איר קינדער־וועגעלע און זי האָט באַקומען אַ קלאַפּ. פעסטשטעלן עס האָבן מיר אָבער נישט געקענט. איין פאַקט, אָבער, געדענקט איך יאָ — ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט קלינגען פאַר מאָדערנע מענטשן, אפילו לויט פרוידס טעאָריע, וועלכער גיט דווקא צו אַ גרויסע באַדייטונג מענטשלעכע חלומות — מיט עטלעכע טעג פריער פאַר דעמדאָזיקן אומגליקס־פאַל, האָב איך געזען אין חלום מיין טאָכטער ע״ה, אָנגעטון איז זי געווען אין אַ שוואַרצן ראָק מיט אַ לאַנגער שלייף — ווי מען האָט דעמאָלט געטראָגן — און אין אַ העל־בלויע זיידענע בלוזע. איר פּנים האָט געלויכטן פון שיינ־קייט. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן קינדס וויגעלע, וואָס איז גע־שטאַנען ביי בירנבוימס בעט, אַ כאַפּ געטון אין די אָרעמס דאָס שלאָפנ־דיקע קינד און איז פאַרשוווּנדן. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, געוואָלט איר צוריקרופן, זי איז שוין אָבער נישט געווען. דערציילט וועגן דאָזיקן חלום האָב איך ערשט אין דריי טעג אַרום, ווען דאָס קינד איז שוין נישט געווען. ווער ווייס, אפשר האָט מיין טרייע טאָכטער געפונען ,אַז זי האָט מיר אי־בערגעלאָזן אַ צו־שווערע לאַסט און געוואָלט מיר לייכטער מאַכן, צונעמען דאָס קליינטשיקע צו זיך?

דערדאָזיקער צווייטער טויט־פאַל אין אַזאַ קורצער צייט האָט אָנגע־וואָרפן אויף מיר אַ שרעקלעכע מורא. איך האָב געפרעגט עצות ביי חברים און פריינט וואָס צו טון ווייטער, ווי איינצוהיטן די איבעריקע צוויי קינדער. איך בין געווען נאָענט פון שגעון. די טעג זענען נאָך געווען צו דערליידן. איך האָב צוריק געלערנט אין דער שול; זיך פאַרשיכורט מיט דער אַרבעט און מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, געווען שטענדיק צווישן מענטשן, אָבער געליטן פון אַ פּערמאַנענטער שלאָפלאָזיקייט. איין מאָמענט האָב איך פאַר קיין פאַל נישט געקענט אין זיך איבערווינדן. מיר איז שווער געוואָרן דאָס צוזאַמענלעבן מיט מיין חבר בירנבוים. לעבן פאַר מיינע פליכטן האָב איך נאָך געקענט. געניסן אָבער פונעם לעבן, — דאָס בין איך נישט געווען בכוח. איך האָב געוואָלט פון אים אַוועקגיין. און געבליבן בין איך נאָר אויס דאַנקבאַרקייט פאַר זיין פאָטערלעכער באַציִונג צו די אומגליקלעכע יתומים פון מיין הייס־געליבטער טאָכטער. זייער טאַטע האָט זיך מיט זיי ווייניק אינטערעסירט. קיין געלט פאַר זייערטוועגן האָב איך ביי אים נישט געמאָנט. ליב געהאַט און צוגעבונדן זענען זיי געווען צום חבר בירנבוים מער ווי צום אייגענעם פאָטער. און אַזוי האָט עס געדויערט ביז צום קריגס־אויסברוך. קיין לייכטע זאַך איז עס נישט געווען. איך בין אַלט געווען 48 יאָר. בירנבוים נישט מער ווי 38. אַ מענטש מיט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט און ליב האָט ער מיך געהאַט ווי מיט צען, צוועלף יאָר פריער. איך האָב אָבער פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט זיין נאָענט מיט אַ יונגנמאַן, ווען מיין 28־יעריקע טאָכטער ליגט אין דר׳ערד. אָפט פלעגט ער צו מיר זאָגן:

— דו האָסט נישט קיין רעכט פון מיר אַוועקצוגיין צוליב אונדזער איינציק קינד. זי האָט אונדז ביידן ליב און דו טאָרסט נישט צעברעכן איר לעבן. (שרהלע האָט איר טאַטן אויסערגעווינלעך ליב געהאַט).

דערדאָזיקער מאָטיוו איז געווען אַ גערעכטער און אַ ריכטיקער און האָט נאָר פאַרגרעסערט מיינע ליידן. איך האָב אָנערקענט, אַז איך בין אומגערעכט קעגן זיי ביידן, און דאָך האָב איך פון לעבן מער קיין זאַך נישט געקאָנט נעמען. מיר זענען זיך נישט פאַנאַנדערגעגאַנגען צוליב די יתומים; צוליב אונדזער איינציק קינד; צוליב אונדזערע געמיינזאַמע עקאָ־

נאַמישע אינטערעסן. אָבער קיין אידעאַלער צוזאַמענלעבן איז עס שוין נישט געווען.

## קאַפּיטל אַכצן

אין אויגוסט 1914, בעתן קריגס־אויסברוך, זענען מיר געווען דעם לעצטן זומער אין מיכאַלין. אין פּענסיאָנאַט האָבן זיך דאַן געפונען הונדערט קינדער און אַכציק יוגנטלעכע. אַ וואָך נאָכאַנאַנד איז די לאַגע געווען זייער אָנגעשטרענגט. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דייטשן וועלן צעשטערן דעם ווייסל־בריק און פון דער „ליניע" וועט ווערן אוממעגלעך זיך אַריינצובאַקומען אין דער שטאָט. פרייטיק און שבת — די ערשטע צוויי טעג פון קריגס־אויסברוך — האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אַלע מאַמעס און צוגעכאַפּט די קינדער, ווי זיי שטייען און גייען, איבערלאָזנדיק דאָס בעטגעוואַנט און די זאַכן און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט דערצאָלט דאָס וואָס פון זיי איז געקומען. פּראָטעסטירן האָבן מיר, נאָטירלעך, אין אַזאַ מאָמענט נישט געקענט. מיר אַליין, אָבער, האָבן געמוזט בלייבן איבער שבת, מיר האָבן דאָך נישט געקענט לאָזן אַלץ אויף הפקר.

זונטיק פרי האָבן מיר געדונגען פורן, איינגעפּאַקט וויפל און וואָס עס איז נאָר אַרויף און אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע. מיר האָבן נאָך באַוויזן צו קומען מיט אַ לאַנגע צייט פריער, איידער די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט. די זאַכן האָבן די עלטערן אויסגעקויפט, טראָצדעם האָבן מיר געהאַט אַ באַדייטנדיקן היזק.

די שולע האָט מען געעפנט. די צאָל קינדער איז געווען נישט קיין גרויסע, אָבער מיר האָבן געלערנט ווי תמיד.

אין איין טאָג קומט אַלעקסאַנדער אַלשוואַנגער און איז אונדז מודיע, אַז ער גייט אַוועק אין דער מלחמה. ער האָט זיך געזעגנט מיט די קינדער און איז אַוועק. מיר האָבן אפילו נישט געוווסט וווהין מען שיקט אים.

פון וואַרשע און פון אַ סך פּוילישע שטעט זענען מענטשן געלאָפן קיין רוסלאַנד. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ קרוב און אַ גואל. אונדז איז עס אפילו נישט איינגעפאַלן זיך צו רירן פונעם אָרט.

מיט אַמאָל קומט אונדזערער אַ גוטער פריינט מיט אַ בריוו פון אַלשוואַנגערן, בזה הלשון:

— אַזוי ווי זיין מוטער מיט איר פאַמיליע זענען אַנטלאָפן פון גראָ־יעווע קיין ווילנע, פאָדערט ער אומבאַדינגט אַז מיר זאָלן תיכף ומיד אָפּ־שיקן די קינדער צו איר, קיין ווילנע.

דידאָזיקע פאָדערונג האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער. איך זאָל זיך צעשיידן מיט מיין טאָכטערס קינדער? דאָס קען אויף דער וועלט נישט זיין! מיט גוטן וועט ער זיי נישט נעמען, סיידן מיט גוואַלט.

שיקן די אומגליקלעכע יתומים קיין ווילנע; צו וועמען? צו זיין מאַ־מען, וואָס האָט מיין אומגליקלעך קינד נישט געוואָלט קענען? כל מלכי מזרח ומערב וועלן דאָס ביי מיר נישט פועלן.

איך האָב דעם שליח — ראַפּאָפּאָרט איז געווען זיין נאָמען — קאַטע־גאָריש געמאָלדן, אַז די קינדער גיב איך קיינעם נישט, וויל מיין טאָכטער האָט זיי געלאָזן ביי מיר, און נישט ביי קיין שום אַנדערע מענטשן.

ראַפּאָפּאָרט האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזן. געבראַכט נאָך מענטשן און מען האָט מיר געזאָגט, אַז אין אַזאַ מאָמענט האָב איך נישט קיין רעכט צו האַלטן די קינדער אויף אַזאַ געפערלעך אָרט ווי וואַרשע. איך טאָר נישט נעמען אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ריזיקירן מיט זייער לעבן. וואָס איך האָב איבערגעלעבט, איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן. ריזי־קירן מיטן לעבן פון די קינדער, וויל איך, נאַטירלעך, נישט; בלייבן אָן זיי בין איך נישט בכוח; פאָר איך מיט זיי קיין ווילנע. וואָס טוט מען אָבער מיט מיין אייגענער איינציקער מיידעלע? ווי קען איך איר לאָזן אין וואַרשע? איר טאַטע, אָבער, האָט קאַטעגאָריש געמאָלדן, אַז שרהלען וועט ער נישט געבן. בלייבט מיר זאָלן זיך פרעגן ביי איר גופא. און נישט לאַנג געטראַכט זאָגט זי, אַז זי פאָרט ניט. זי בלייבט מיט אבא׳ן — אַזוי האָט זי גערופן איר טאַטן. איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן אַליין, נאָר מיט ביידע קינדער. די לאַגע ווערט פון שעה צו שעה ערנסטער. ראַפּאָפּאָרט טרעט מיך אָבער נישט אָפּ. לויף איך אין ציטאַדעל אין ביוראָ נעמען אַ „פּראָ־פּוסק" און נעם פונדעסטוועגן פאַר מיין שרהלען אויך.

איבער וואַרשע זענען שוין דעמאָלט געפלויגן קוילן. לויף איך אַהיים זיך איינפּאַקן, כדי מיטן נעכסטן צוג צו פאָרן. זעט מיין שרהלע ווי איך פּאַק זיך און זי הערט די קוילן־שיסעריי, זאָגט זי, אַז זי פאָרט אויך. איר טאַטע זאָגט שוין דעמאָלט גאָרנישט. כאַפּ איך די קינדער, לויף צום וואָק־

זאַל און פאַר מיטן לעצטן צוג וואָס האָט נאָך באַוויזן אָפּצוגיין פון וואַר־שע. און די וואַגאָנעס זענען געפּאַקט, נישטאָ קיין אָרט ווו צו זיצן; זיי זענען פול, נישט נאָר מיט ציווילע, נאָר ס׳רוב מיט זעלנער. דער צוג רירט. איך שטיי, מיט די דריי קינדער און הער ווי אַ זעלנער זאָגט צו מיר:

— ווּהין לויפסטו, פאַרשיווע יידישקע, מיט דיינע דריי הינטלעך? איך וואַרף אייך באַלד אַלע אַרויס דורכן פענצטער און מאַך מיט אייך אַ סוף!

ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. און וואָס וועט מען אים טון, אויב ער וועט טאַקע זיין דראָונג אויספירן?

ווי אַזוי מיר זענען געפאָרן די גאַנצע נאַכט און אינדערפרי אָנגע־קומען אַ לעבעדיקע קיין ווילנע, פאַרשטיי איך נאָך עד־היום נישט.

געפאָרן בין איך מיט גאַנצע 50 רובל אין קעשענע. אַריינגעפאָרן בין איך צו דער אַלטער מוטער פון מיין שוועגערין — די מאַמע פון דעם כהן, מיט וועלכן מען האָט מיך מיט 25 יאָר צוריק נישט געלאָזט חתונה האָבן. ביי איר צו זיין מיט אַלע דריי קינדער, איז קיין פלאַץ נישט געווען. מוז איך געבן צו וויסן דער מאַדאַם אַלשוואַנגער, אַז איך האָב איר געבראַכט די אייניקלעך. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס קומט אַ טאַנטע, אַן עלטערע פריילין און וויל זיי נעמען צו זיך. די קינדער נעבעך וויינען שטאַרק, איך מיט זיי צוזאַמען. איך זאָג זיי צו, אַז זיי וועלן קומען צו מיר יעדן טאָג און זיי גייען מיט דער מומע.

מיין שוועגערינס אַלטע מוטער האָט געוווינט אַליין מיט אַ דינסט, אויך נישט קיין יונגע, אַ „סובאָטניצע״. ביידע עלטערע פרויען האָבן אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון זייער גוטע מענטשן, וואָס דאָס איז ביי מיר דער עיקר. איך בין געקומען צו זיך. ווי נישט איז זיך איינגעאָרדנט. אַ טאָג זיך אָפּגערוט פון דער נסיעה און האָב אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. — מיט די עטלעכע רובל וואָס איך האָב פאַרמאָגט, האָט מען ווייט נישט געקאָנט פאַרפאָרן. דער זון פון מיין גאַסטגעבערין, דער אינזשיניער פרענקל, איז געווען דירעקטאָר פון דער גרויסער ווילנער האַנטווערקער־שול „הילף דורך אַרבעט״. ער האָט מיך גוט געקענט און גלייך מיך אַנ־גאַזשירט ווי אַ לערערין פון יידיש און חשבון ביי זיך אין דער שול.

אין ווילנע האָט דעמאָלט עקזיסטירט אַ שול „יהודיה“, פּונקט ווי אין וואַרשע. אין איר שפּיץ איז געשטאַנען די פרוי רחל גאָלדבערג, מיט וועלכער מיר פּלעגן זיך טרעפן אויף קאָנגרעסן און זענען בכלל געווען באַפריינדעט, ווי אַקטיווע ציוניסטקעס. דירעקטאָר פון „יהודיה“ איז גע־ווען דער לערער מרדכי מאזא, דער שפּעטערדיקער גרינדער און לייטער פון דער „ווילנער טרופּע“.

בין איך אַוועק צו דער פרוי רחל גאָלדבערג, זי האָט מיך פאָרגע־שטעלט פאַרן דירעקטאָר מאַזאַ, און איך האָב באַקומען אין „יהודיה“ העברעיִשע לעקציעס. די מאַטעריעלע זייט איז אַזוי אַרום געווען געלייזט. איך האָבן גענומען אַ צימער פאַר מיר מיט מיין שרהלען ביי אַ געוויסער פאַמיליע בערלין, ייִנגע מענטשן פון קאָוונע. ווילנע איז דעמאָלט בכלל געווען איבערפולט פון פליטים; איך האָב זיך איינגעאָרדנט און אָנגעהויבן צו אַרבעטן איןביידע שולן.

די אייניקלעך פלעגן קומען צו מיר יעדן טאָג. מיין שרהלען האָב איך אָפּגעגעבן אין אַ ייִדישער גימנאַזיע, און איך האָב זיך פאַרהעלטניש־מעסיק באַרויִקט.

אַ קורצע צייט נאָך מיין קומען קיין ווילנע, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון בירנבוימען, אַז אייניקע טעג נאָך מיין פאַרלאָזן וואַרשע, איז אַריינגעפאַלן אַ באָמבע אינעם הויז נאַוואָליפּקי 40. אין אונדזער דירה זע־נען בלויז אַרויסגעפאַלן די שויבן, קיין מענטשן האָט עס נישט געשאַדט, און ער איז גליקלעך וואָס איך בין מיט די קינדער אין ווילנע און מיר האָבן פאַרשפּאָרט דאָס איבערלעבן אַזאַ מין שרעק.

נאָכן אָפּלערנען אין די שולן צוויי חדשים, און זייענדיק צופרידן פון מיין אַרבעט, האָט מען מיך איינגעמאָלדן אין אינספּעקציע ווי אַ לערערין אין ביידע שולן, כדי איך זאָל באַקומען אויף דעם די דערלויבעניש. האָב איך דאָך אָבער פּעך מיין גאַנץ לעבן: באַקומען די שולן אַ מעלדונג פון דער אינספּעקציע, אַז דער לערערין פּ. ראַקאָווסקי איז נישט דערלויבט צו אונטעררריכטן אין די דאָזיקע שולן. לויף איך צום אינספּעקטאָר און דערקלער אים, אַז איך בין אַן איינהאַבערין פון אַ זיבן־קלאַסיקער שול אין וואַרשע, אַז איך בין אַ פּליטה און וויל וויסן פאַרוואָס דערלויבט מען מיר נישט צו אונטעררריכטן, ענטפערט ער מיר גאַנץ קאַלט:

— איר האָט רעכט צו אונטערריכטן, נאָר אויף דייטש, אָבער נישט קיין שום אַנדערע קעגנשטאַנדן. אייער ספּעציאַליטעט איז די דייטשע שפּראַך, זוכט אייך דעריבער לעקציעס אויף דייטש.

פאַרשטיי איך דאָך שוין, אַז די קלאָג איז פאַרטיק, — מאַכנדיק מיין לערער־עקזאַמען, מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, האָב איך, קענענדיק גוט די דייטשע שפּראַך, אויסגעוויילט אַלס מיין ספּעציאַליטעט: דייטש, — געוויינטלעך פלעגט מען נעמען פאַר די עקזאַמענעס דעם קעגנשטאַנד מאַטעמאַטיק, ווייל מען האָט סיי־ווי געמוזט קענען דעם גאַנצן קורס; איך אָבער האָב קיין חשבון קיין מאָל נישט ליב געהאַט; שפּראַכן, דאַקעגן, האָב איך זייער לייכט געלערנט. געפלאַנט האָב איך דעמאָלט, בעת מיינע עקזאַמענס, צו עפענען אַ שול אין ביאַליסטאָק, ווו מען האָט צו יענער צייט געלערנט אַ סך דייטש, מחמת אין ביאַליסטאָק האָבן דעמאָלט געוווינט אַ סך דייטשן. אַ חוץ אַלעם איז אין דערדאָזיקער שטאָט נישט געווען קיין איינציקער עקזאַמינירטער לערער מיט דער דייטשער שפּראַך ווי אַ ספּעציאַליטעט.

דערקלער איך דעם אינספּעקטאָר — כאָטש איך האָב אַליין פאַר־שטאַנען אַז דאָס וועט נישט העלפן — אַז ביי זיך אין דער שול, אין וואַר־שע, האָב איך געלערנט אַלע קעגנשטאַנדן, מיט דער דערלויבעניש פון דער דאָרטיקער אינספּעקציע. ווערט ער שוין אין כעס און זאָגט מיר נאָכאַמאָל, שוין אין אַ גענוג אומהעפלעכן טאָן:

— איר האָט דאָס רעכט צו לערנען נאָר די דייטשע שפּראַך.

גיי איך פון אינספּעקטאָר דירעקט צום קרייז־פאַרוואַלטער איבער אַלע בילדונגס־אַנשטאַלטן. דערדאָזיקער באַאַמטער איז שוין אַ מער איני־טעליגענטער און פאָליטיש־רייפערער מענטש. הערט ער מיך אויס גענוג אויפמערקזאַם און ענטפערט מיר זייער העפלעך:

— איר זייט אפשר גערעכט, קעגן געזעץ אָבער, קען איך נישט האַנדלען.

אויף מיין באַמערקונג: — אָבער אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר, איך האָב דאָך מיט 25 יאָר צוריק נישט געקאָנט וויסן, אַז עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, — ענטפערט ער גאַנץ רויק מיט אַ פיל־זאָגנדיקן שמייכל:

— דעם געזעץ, אָבער, קען דערדאָזיקער פאַקט נישט ענדערן.

מיין דעמאָלטיקן צושטאַנד איז לייכט זיך פאָרצושטעלן. איינס האָב איך אָבער שוין געוווסט קלאָר, אַז קיין לערערין אין ווילנע וועל איך שוין איצט נישט זיין. וואָס אָבער טוט מען ווייטער? אַ צעבראָכענע, בין איך אהיים געקומען און דערציילט מיין ווירטין, וועגן דעם רעזולטאַט פון מיין באַזוך ביים בילדונגס־פאָרשטייער. פאַר דער קורצער צייט האָבן מיר זיך מיט דער ווירטין נאָענט צונויפגעלעבט און איך האָב אין איר געפונען אַ טרייען פריינד.

— זייט נישט פאַרצווייפלט, פרוי ראַקאָווסקי, זאָגט זי צו מיר, איר וועט אין ווילנע נישט פאַרפאַלן ווערן. אַן אייערע לעקציעס אין די שולן. אַוועקפאָרן פון דאַנען וועט איר דאָך נישט, און זיך שיידן פון אייערע איי־ניקלעך קאָנט איר דאָך אויך נישט, מוז מען זוכן אַן אויסוועג און מיר דוכט, אַז איך האָב פאַר אייך אַן עצה. איר האָט דאָך געפירט קינדער־פענסיאָנאַטן, האָט איר דאָך אין דעם אַ באַגריף. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ווילנע, איך גיב אייך אָפּ מיין דירה מיט אַלעם, ווי זי שטייט און גייט; נעמט אייניקע פענסיאָנערן, אָרדנט איין היימישע מיטאָגן; ווילנע איז פול מיט פּליטים; פּראָדוקטן, ווי איר ווייסט, זענען דאָ בזיל־הזול און איך גאַראַנטיר אייך, אַז איר וועט זיך דורכלעבן איבער דער קריגס־צייט, נישט ערגער, ווי מיט לעקציעס. שפּייז פאַרן קערפּער איז אפשר אַמאָל, פּונקט אַזאַ ענין ווי גייסטיקע שפּייז, וואָרום: אם אין קמח אין תורה, — האָט זי פאַרענדיקט איר געשפּרעך מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

מיינע פריינט, די ח"ח רחל גאָלדבערג און דער אינזשיניער ל. פרענקל, האָבן מיך, נאַטירלעך, שטאַרק מיטגעפילט. די שולן, אָבער, האָב איך געמוזט פאַרלאָזן. ווען נישט שעת־חירום, וואָלט מען אפשר גע־פונען אַן עצה, אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט — וואַרטן לאַנג האָב איך, מחמת מיין מאַטעריעלער לאַגע, נישט געקענט — און איך האָב אין דער פירצימערדיקער וווינונג פון די בערלינס — זיי זענען פון ווילנע אַוועק אין טיפערן רוסלאַנד — געעפנט אַ פענסיאָן און מיטאָגס־טיש. מייך אונטערנעמונג האָט געהאַט דערפאָלג און די רעזולטאַטן האָבן איבערגע־שטיגן אַלע דערוואַרטונגען. צוויי צימערן האָב איך פאַרדינגען פאַר פענ־

סיאָנערן, און די צאָל מיטאָג־עסערס איז געשטיגן נישט פון טאָג, נאָר פון דער שעה.

אין ווילנע זענען דעמאָלט געווען פליטים־לערערס און שרייבערס, אַחוץ די תושבים, די איניציאַטאָרן און גרינדערס פון דער באַרימטער „ווילנער־טרופע" און דער דאָזיקער גאַנצער אינטעליגענטער עולם זענען געוואָרן מיינע פענסיאָנערן, מיטאָג־עסערס און בכלל שטוב־איינגייערס, — אַ ריכטיקע קאַפּיע פון מיין הויז אין וואַרשע.

אין אייניקע מאָנאַטן אַרום האָט זיך אויפן זעלבן הויף, אין צענטער־שטאָט, — גרויס פּאָהוליאַנקע — באַפרייט אַ לאָקאַל פון אַכט גרויסע צי־מערן צו דער גאַס און אַפילו עטלעכע גרויסע סאַלאָנען, — עס האָט זיך אָפּגעטראָגן פון ווילנע די פּאַרוואַלטונג פון די אייזנבאַנען — און נישט לאַנג געקלערט, האָב איך דעמדאָזיקן לאָקאַל געדונגען. די צימערן זענען באַזעצט געוואָרן, אין משך פון געציילטע טעג, און די צאָל מיטאָגן איז שוין פאַרן ערשטן מאָנאַט אַליין דערגאַנגען ביז 200 טעגלעך. איך האָב אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע מיין ווירטשאַפטערין און מיין קעכין, אויסער די פיר אָרטיקע הויז־דינסטן. איך אַליין בין געווען די בוכהאַלטערין און די קאַסירערין. און באמת איז אין ווילנע דער זול אויף עסנוואַרג געווען אויסערגעוויינלעך. די פּראָדוקטן האָבן ממש פאַרפלייצט דעם מאַרק. מיינע קינדערלעך — ווי די ווייבער זאָגן — האָט נישט געפעלט פון „פייגל־מילך". מיין שרהלע האָט פלייסיק געלערנט, גענומען איר אפילו אויף חודש־געלט אַ קלאַוויר, זי זאָל זיך לערנען שפּילן — זי האָט געהאַט באַ־דייטנדיקע מוזיקאַלישע פעיִקייטן — מיינע אייניקלעך זענען געווען ביי מיר כמעט גאַנצע טעג, און צו יענער באָבע נאָר אַוועקגעגאַנגען שלאָפן. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך פון מיין אַרבעט אָפּגעשפּאָרט גאַנצע 200 רובל — דווקא אין קריגס־צייט געוואָרן אַ קאַפּיטאַליסטין...

מיין חבר בירנבוים איז געקומען זיך מיט אונדז זען, געפּרוּווט מיך בעטן צוריקצופאָרן קיין וואַרשע, פאַרבראַכט אייניקע וואָכן און זיך צוריק געקערט אַהיים. דידאָזיקע פּראָספּעריטי האָט אָנגעהאַלטן בלויז איין יאָר, ביז עס זענען געקומען די דייטשן.

דער פראָנט האָט זיך כסדר גערוקט נענטער און נענטער צו ווילנע. די לאַגע איז געוואָרן אָנגעשטרענגט. ווער עס האָט נאָר געהאַט די מעג־

לעכקייט, איז געלאָפן טיפער קיין רוסלאַנד. די גרויסע יידישע מיטל־שולן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. עטלעכע פון מיי־נע יונגע פּענסיאָנערן, זענען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן, האָב איך זיי איינגעאָרדנט ביי מיר ווי קעלנערס און עס האָט זיך געשאַפן אַ מין קליינע הויז־קאָמונע.

ווען די לאַגע איז ערנסטער געוואָרן, איז ביי מיר פּלוצלונג רייף געוואָרן דער געדאַנק, אפשר אויך אַוועקצופאָרן ווייטער אין רוסלאַנד, מחמת איך האָב זיך דערוווּסט אַז עטלעכע פון אונדזער פאַמיליע געפינען זיך שוין אין רוסלאַנד.

די ערשטע וועלכע זענען אַוועק קיין אַסטראַכאַן זענען געווען די פרוי און קינדער פון מיין עלטסטן ברודער, וועלכער האָט געוווינט אויף אַ באַזונדערס־געפערלעכן פּלאַץ, האַרט ביי דער סאַמער דייטשער גרענעץ, אין אָסטראָלענקאָ. איך, ווייבער, דאַרף איך דאָך דאָ, לכל הדעות, נישט צו האָבן, — האָט ער זיך געוויצלט, און האָט גלייך ביים אָנהייב פון די קריגס־געשעענישן, טראַנספּאָרטירט קיין אַסטראַכאַן צו זיין שוואָגער, דעם אינזשיניער פרענקל, „דעם כהן“, — זיין פרוי מיט זיינע פיר טעכ־טער, יונגע מיידלעך. ער אַליין איז געבליבן אין אָסטראָלענקאָ. מיינע בייַ־דע שוועסטער, די דענטיסטינס, זענען אויך געלאָפן קיין רוסלאַנד. צו ערשט קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, שפּעטער אויך קיין אַסטראַכאַן. מיט איין וואָרט: צו וועמען צו פאָרן האָב איך געהאַט.

באַוויגן האָט מיך דערהויפּט צו דעם דער פאַקט, וואָס איך האָב מיין שול אין וואַרשע שוין ניט געהאַט. אין פאַרלויף פון ערשטן קריגס־יאָר פון 1914, האָט בירנבוים געפירט די שול אַזוי ווי איך האָב זי אײַ־בערגעלאָזן. ווען איז דעמאָלט איינגעפאַלן, אַז די מלחמה וועט דויערן יאָרן? אַלע האָבן געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז עס איז אַ פראַגע פון חדשים, העכסטנס פון אַ יאָר, און מענטשן האָבן געהאָפט, אַז אָט באַלד קומט דער סוף. אין יאָר 1915 האָט מיין חבר בירנבוים ליקווידירט די שול, אָפּגעגעבן די גאַנצע איינריכטונג די שול־ביבליאָטעק א. אַ. וו. פאַר די יידישע שולן אין וואַרשע, אפילו נישט פאַרהאַלטן די דערלויבע־ניש („ראזרעשעניע“) — פּשוט זי ניט אַראָפּגענומען פון וואַנט. ער האָט גלייך באַקומען אַרבעט אין די יידישע שולן ווי אַ לערער פון יידיש און

העברעיִש און גלייכצייטיק אָנגעהויבן שרייבן לערן־ביכער אויף ייִדיש און העברעיִש פאַר אָנפאַנגער און מיטל־שולן. זיינע ביכער זענען שנעל געוואָרן זייער פּאָפּולער, — זיין העברעיִשער לערן־בוך „ילדות״ אין דריי טיילן, פלעגט מען לערנען אין אַלע שולן און חדרים אין גאַנץ פּוילן. נאָר די „תרבות״־שולן האָבן באָיקאָטירט דעם בוך, ווייל ער האָט נישט געטראָגן קיין ציוניסטישן כאַראַקטער. דערפאַר איז ער אָבער געווען אַזוי פּעדאַגאָגיש מאָדערן צוזאַמענגעשטעלט, אַז די קינדער האָבן פון אים אויסערגעוויינלעך לייכט געלערנט די שפּראַך.

דער געדאַנק וועגן פאָרן קיין רוסלאַנד האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ שווערן קאַמף. די קינדער וועלן זיי מיר זיכער נישט געבן. היינט, ווי לאָזט מען זיי איבער, און אפשר שוין קיינמאָל אין לעבן זיי מער נישט זען? נעמען זיי אָן די מחותנימס וויסן, איז אַ שווער שטיקל אַרבעט און ווער ווייס צי עס וועט מיר געלינגען. מיט וועמען זיך אָן עצה צו האַלטן, האָב איך נישט געהאַט און האָב זיך געפונען אין אַ שרעקלעכער שטימונג. איך ווייס נישט פון וועמען, נאָר די קינדער האָבן זיך דערוווּסט וועגן מיין פּלאַן אַוועקצופאָרן. אין איין טאָג קומען זיי ביידע צוגיין זייער אומעטיקע און צעשראָקענע, לויפן ביידע צו צו מיר, פאַלן מיר אויפן האַלדז און זאָגן נישט מער ווי די עטלעכע ווערטער:

— באָבע, ווי אַזוי קאָנסטו אונדז דאָ איבערלאָזן אַליין?

און דאָס איז געווען גענוג. איך הער נאָך איצט, — שרייבנדיק דעם דאָזיקן פאַקט מיט 26 יאָר שפּעטער, — דעם טרויער פון זייערע שטימען. געפאָרן בין איך שוין נישט, און מיר זענען ווייטער אַלע געבליבן אין ווילנע, וואַרטן אויפן דייטש.

## קאַפּיטל ניינצן

אַריינגעקומען זענען די דייטשן קיין ווילנע יום־כפור ביינאַכט, צו כל־נדרי. מיר זענען געזעסן אין פינצטערע צימערן און אַרויסגעקוקט אויפן גאַס פון הינטער די אַראָפּגעלאָזטע פאָרהאַנגען. אינדרויסן איז געווען אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט. די שטאָט איז געווען ווי אויסגעשטאָרבן. אויף די גאַסן האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. שלאָפן האָט זיך

קיינער נישט געלייגט, איז מען געזעסן באַהאַלטן אין די ווינקלען פון די גרויסע צימערן און געוואַרט עס זאָל ווערן טאָג.

איין שווערן מאָמענט, וואָס איך האָב איבערגעלעבט דעם לעצטן טאָג, פאַרן אַריינקומען פון די דייטשן, קאָן איך דאָ נישט פאַרשווייגן. די פאַמיליע אָלשוואַנגער האָט געוווינט אין איינער פון די ווילנער פאָרשטעט, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון שטאָט מיט אַ בריק. איך בין אַוועק צו די אָלשוואַנגערס, זיי געבעטן און געוויינט אַז מען זאָל מיר געבן די קינדער אויף איניקע טעג צו מיר, ביז עס וועט זיך ענדיקן דער מאַכט־איבערגאַנג. די בריק קען דאָך אויפגעריסן ווערן — האָב איך געטענהט מיט טרערן אין די אויגן — וועלן מיר דאָך בלייבן אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן. אין צענטער־שטאָט איז ביי אַזעלכע מאָמענטן שטענדיק זיכערער צו לעבן, ווי אין די פאָרשטעט. ביי מיר איז אַ שטוב מיט יונגע מענטשן, ס׳איז פאַראַן אַ גרויסער שפּייז־זאַפּאַס, נעמט נישט אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איך וועל עס נישט איבערלעבן, ביז איך וועל זיך דערוויסן, אַז מיט די קינדער האָט גאָרנישט פּאַסירט.

די משפּחה אָלשוואַנגער אָבער, האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט נאָכצוגעבן מיין בקשה.

יענעם יום־כּפּור אין ווילנע געדענק איך נאָך עד־היום. די גאַנצע כּל־נדרי נאַכט האָבן זיך געהערט די שווערע זיך שלעפּנדיקע שריט פון דער אָפּטרעטנדיקער צאַרישער פוסגייער־אַרמיי און דאָס אָפּהילכן אין שטיינערנעם ברוק פון די געקאָוועטע פערדישע פיס, — פון דער קאַוואַלעריע.

באַגינען זענען מיר דערשיטערט געוואָרן ביים אַנבליק פון דעם אויסזען פון דער אַנטלויפנדיקער צאַרישער אַרמיי: אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, באָרוועסע, צום טויט־דערשראָקענע. ווי איצט זע איך נאָך דעם אַנטלויפנדיקן קאָזאַק אויף זיין פערד, וועלכער איז, וואַרשיינלעך, אָפּגעשטאַנען פון זיין אָפּטייל און פאַרלוירן די ריכטונג. איך זע נאָך דעם אויסדרוק פון טויט־שרעק אויף זיין פּנים. ער האָט נאָר באַוויזן צו פאַרשווינדן און שוין האָבן זיך באַוויזן די דייטשע „טויט־הוזאַרן" אין זייער ספּעציעלער אוניפאָרם, וועלכע פלעגן די ערשטע אַריין אין די פאַרכאַפּטע שטעט. באַלד האָבן אָנגעהייבן אַריינמאַרשירן די דייטשע דיוויזיעס: פוס־

גייער און רייטער, אָן אַ סוף. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זייער מאַרשירן וועט זיך שוין קיינמאָל נישט ענדיקן. עס האָבן זיך אפילו פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז קיין ווילנע איז מיט זיין אַרמיי מיטגעקומען דער קייסער ווילהעלם אַליין...

אין שטאָט האָט געהערשט אַ פולשטענדיקע אָרדנונג. עס זענען בלויז מאָמענטאַל פאַרשוווּנדן געוואָרן די נויטיקע לעבנסמיטלען. די גוטע זיבן יאָר האָבן זיך פאַרענדיקט. דער יקרות אויף די פּראָדוקטן וועלכע זענען נאָך געווען צו באַקומען, האָט געוואַקסן פון שעה צו שעה. אַנשטאָט רינד־ און קאַלב־פלייש, האָט מען אָנגעהייבן עסן פערד־פלייש.

ביי מיר אין שטוב האָט מען נאָך די ענדערונג אַזוי נישט געפילט. אָבער די שטימונג איז שוין געווען אַ געדריקטע. דעם גאַנצן ווינטער בין איך נאָך פאַרבליבן אין ווילנע. בירנבוים איז ווידער געקומען, כדי מיט אונדז זיך צו זען. ער האָט געמיינט: אפשר וויל איך שוין זיך אומקערן אַהיים. אָן די קינדער האָב איך אָבער נישט געקאָנט פאָרן.

פרילינג 1916 איז מיין שרהלע פּלוצים שלאַף געוואָרן. דער דאָקטאָר — אונדזערס אַ גוטער באַקאַנטער — האָט אויסגעפונען, אַז זי בענקט נאָכן פאָטער, און מיך געראָטן זיך אומצוקערן קיין וואַרשע. ווידער האָב איך איבערגעלעבט אַ שווערן מאָמענט; לאָזן די איינציקלעך האָב איך בשום אופן נישט געקענט, מוז מען זיך, הייסט עס, ווענדן צו זייער טאַטן מיט דער ביטע, ער זאָל מיר דערלויבן זיי מיטצונעמען.

לאַנג איז זייער פאָטער אויפן פראָנט נישט געווען. געוואָלט האָט ער, אַז מען זאָל אים אויפנעמען אין דער קאַוואַלעריע. האָט מען אים, ווייל ער איז אַ ייִד, נישט געוואָלט אויפנעמען. וואָס האָט אים באַוויגן צו גיין אויפן קריג? זיינע נאָנטע האָבן געהאַלטן, אַז ער האָט עס געטון אויס פאַרצווייפלונג, אַז עס איז אים נמאס געוואָרן דאָס לעבן. ענדע 1915 איז ער אויפן פראָנט קראַנק געוואָרן, באַקומען אַ שטאַרקע געלענק־אַנטציגדונג מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור. מען האָט אים איבערגעשיקט קיין רוסלאַנד אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל, אין וועלכער שטאָט — האָב איך נישט געוווּסט, בלויז, אַז עס איז אין טיף רוסלאַנד. איך האָב שפּעטער באַקומען זיין אַדרעס און אים געשריבן, אַז איך פאָר צוריק צוליב שרהלען קיין וואַרשע און בעט אים ער זאָל דאָס מאָל זיך רעכענען, אויב נישט

מיט מיר, איז כאָטש מיט שרהלען און ער זאָל גלייך שרייבן צו זיין מוטער, זי זאָל מיר מיטגעבן די אייניקלעך קיין וואַרשע.

זיין ענטפער אויף וועלכן איך האָב געוואָרט אַ לענגערע צייט, איז צום גליק געווען אַ פּאָזיטיווער. מיין געשעפט האָב איך נישט ליקווידירט, — נאָר איבערגעלאָזן מיין לאַנגיאָריקער זייער־גוטער באַקאַנטער, דער פרוי צילה לעווין, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן די פרוי פון פאָרזיצער פונעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין דער ליטע, דעם באַוווסטן ציוניסטישן עסקן, אַד־וואָקאַט שמשון ראָזענבלום, — און בין מיט אַלע דריי קינדער צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע.

## קאַפּיטל צוואַנציק

מיין גרויסע דירה אויף נאָוואָליפּקי 40 האָב איך, קומענדיק קיין וואַרשע, שוין נישט געפונען. בירנבוים האָט געוווינט צוזאַמען מיט אונדזערע שותפים אין אַ קלענערער דירה, אויף קאַרמעליצא נומער 11. דער אינטערנאַט האָט נאָך כלומרשט עקזיסטירט, אָבער אין אַ קלענערן פאָרמאַט, די דירה איז בכלל נישט געווען קיין געלונגענע און איך האָב איר גלייך געביטן אויף אַ גרעסערער און שענערער אויף אַן ערשטן שטאָק פון דזשיקע נומער 6 צוריק איינגעאָרדנט אַ הויז, צוזאַמען טאַקע מיט די שותפים. באַזאָרגט די קינדער מיט שולן האָב איך אָנגעהייבן זוכן אַרבעט אין פּריוואַטע שולן, ווי אַ העברעיִשע לערערין. לאַנג האָב איך נישט געדאַרפט צו זוכן. אין זעלבן הויז פון מיין נייער וווינונג, האָט געהאַט אַ יינגל־שול אַ געוויסער מענדל קאַגאַן, וועלכער איז אַליין אַמאָל געווען לערער ביי מיר אין דער שול. ער האָט מיר גלייך געגעבן אַרבעט ביי אים אין דער שול. אַ קורצע צייט שפּעטער האָב איך אַחוץ דער, אויך באַקומען העברעיִשע לעקציעס אין אַ שול פון די לינקע פועלי־ציון. בירנבוים האָט אויך געהאַט געגנוג אַרבעט, און די עקאָנאָמישע פראַגע איז אין אַ געוויסער מאָס געווען געלייזט.

אין פאַרלויף פון די צוויי יאָר אין ווילנע, האָבן איך זיך מיט ציוניס־טישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט גאַנץ ווייניק באַשעפטיקט. ווי נאָר איך בין אַביסל צו זיך געקומען, האָב איך זיך גלייך ווידער אָנגעהויבן אינטערעסירן: וואָס עס טוט זיך אין דער ציוניסטישער וועלט, אין וואַרשע

בכלל און אין דער פרויען־אָרגאַניזאַציע בפרט. און זעלבסטפאַרשטענד־לעך, געהאַט בדעה זיך צוריק נעמען ענערגיש צו דער אַרבעט. געהער איך דאָך אָבער צו די מענטשן וועלכע טאָרן נישט האָבן קיין איין רויִקע מינוט. קומט אין איין טאָג צו מיר הער אַלעקסאַנדער אָלשוואַנגער און נעמט ווי־דער אָפּ די קינדער און גיט זיי אַריין אין אַ פּענסיאָן. אַ פאַרצווייפלטע פון דעם אַלעם, באַשליס איך צו פאַרלאָזן וואַרשע.

אין איין טאָג האָב איך געגעבן אַן אַנאָנס אין דער צייטונג, אַז איך זוך אַ פּאָסטן ווי אַ פאַרוואַלטערין אָדער העברעיִשע לערערין אין אַ שול אויף דער פּראָווינץ. פאָרשלאַגן האָב איך באַקומען פון גאַנצע זיבן פּראָווינץ־שטעט, צווישן זיי אויך פון פּלאָצק. פון אַלע פּראָפּאָזיציעס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט דווקא אויף פּלאָצק, אין דער שטאָט וווּ מיין זיידע איז געווען 17 יאָר רב (כאָטש קיין צרות האָט אים אַמאָל דאָרט פון די חסידים נישט געפעלט), און מיט וועלכער עס זענען געווען צונויפגעבונדן מיינע אָנגע־נעמסטע קינדער־פאַנטאַזיעס, וווּ עס האָבן געלעבט און געלערנט אין די גימנאַזיעס מיינע קינדער און וווּ איך האָב נאָך געהאַט נאָנטע איבערגע־געבענע קרובים וועלכע וועלן מיך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס און וווּ איך וועל זיך פילן ווי ביי זיך אינדערהיים.

מיר האָבן ליקווידירט די דירה. בירנבוים מיט שרהלען — וועלכע איז שוין געווען אַ פּופּצניעריקע און צוגעבונדן צום פאָטער נישט ווייניקער ווי צו מיר — האָבן גענומען אַ צימער ביי זיין קינדערלאָזער מומען, און אין נייעם שוליאָר 1918, האָב איך שוין געאַרבעט ווי אַ העברעיִשע לערערין אין דער יידישער קאָעדוקאַציע־גימנאַזיע אין פּלאָצק. די קאָמוניקאַציע צווישן וואַרשע און פּלאָצק איז געווען אַ גוטע. אויף יעדן יום־טוב, פלעג איך פאָרן זיך זען מיט מיינע נאָנטע און מיין געמיטס־צושטאַנד האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס באַרויִקט.

באַלד בין איך דאָרט אַריין אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, גע־שאַפן קודם־כל אַ ציוניסטישן פרויען־סניף פון די „בנות ציון“, — דאָס איז נאָך געווען פאַרן אַנטשטייִן פונעם יידישן פרויען־פאַרבאַנד. און איך דערמאָן מיך אַ קאָמישן עפּיזאָד: נאָך אַן אַגיטאַציע־פאַרזאַמלונג פונעם קרן־קימת האָט זיך איבערן שטעטל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די חברה

ראַקאָווסקי האָט געלערנט די ווייבער אַז פאַרן קרן־קימת מעג מען אפילו גנבנען געלט ביי די מענער...

מער ווי איין שול־יאָר בין איך אָבער אין פּלאָצק נישט פאַרבליבן. עס האָט מיך צוריק געצויגן צו דער גרויסער וואַרשע. צום גרעסערן אַרבעטס־פעלד; צוריקגעקומען בין איך פונקט גוט. די מענער־גימנאַזיע „אסכלה" האָט דעמאָלט געעפנט אויך אַ מיידל־שול, און איך האָב דאָרט באַקומען דעם פּאָסטן ווי אַ העברעיִשע לערערין אין די אָנפאַנג־קלאַסן פון דער מענער־גימנאַזיע, ווייל איך האָב געשמט ווי אַ ספּעציאַ־ליסטין פאַר אָנפאַנג־קינדער און האָב תמיד געפונען די גרעסטע גייס־טיקע באַפרידיקונג זיך צוקוקנדיק ווי דערדאָזיקער יינגסטער און צאַרט־סטע, אומשולדיק־ריינסטער קינדער־פאָלק, באַהערשט די שוועריקייטן פון לערנען זיך, אַנטוויקלט לאַנגזאַם, אָבער מיט פאַראינטערעסירונג זיינע פעיִקייטן און הייבט־אָן מיט דער צייט צו פאַרשטיין די וויכטיקע באַדייטונג פון תורה, פון לימוד. אויף דער אַרבעט גופא האָב איך, אַ דאַנק מיין איינ־געבאָרענעם פּעדאַגאָגישן חוש, געלערנט די קונסט צו מאַכן מיינע לעקציעס פאַר די קינדער לייכט, אינטערעסאַנט און לעבעדיק. מיינע שילערינס האָבן ליב געהאַט נישט בלויז מיינע לעקציעס, נאָר טאַקע מיך אויך.

דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע „אסכלה" איז געווען דער אין יאָר 1938 אין ירושלים פריצייטיק פאַרשטאָרבענער ציוניסטישער עסקן ד״ר שמואל וויינבערג, דער יינגסטער פון די דריי זין פון מיין לאַנג־יעריקער חברטע אין וואַרשע פרוי יורע וויינבערג (אַ געבאָרענע — שטערן).

ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן מיין אַרבעט אין „אסכלה", האָב איך גלייך מיין אייניקל, דאָס מיידעלע, איינגעאָרדנט אין דער דאָזיקער שול. אַזוי, אַז דעם ערשטן האַלבן טאָג איז זי געווען מיט מיר. דער טאַטע האָט נישט געהאַט דאַקעגן, ווייל פון שכר־לימוד האָט מען איר באַפרייט. אין „אסכלה" בין איך געווען לערערין גאַנצע צוויי יאָר, ביז מיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אין יאָר 1920.

צוריקקומענדיק פון פּלאָצק האָב איך שוין קיין דירה נישט געדונ־גען, נאָר צוויי צימערן ביי אַ יונג פּאָרפאָלק, וועלכע האָבן געהאַלטן אַ פיר־צימער־וווינונג אויף קאַרמעליצקע נומער 5, נאָנט פון די שולן ווו

איך און בירנבוים האָבן געגעבן לעקציעס און אויך פון די גימנאַזיעס ווו ס׳האָבן געלערנט מיין שרהלע און מיין אייניקל, דאָס יינגעלע.

אין דער שטיל האָב איך זיך געטראָגן מיטן געדאַנק, אַז איצט איז שוין פּאַר מיר די העכסטע צייט אַוועקצופאָרן סוף־כל־סוף קיין ארץ־ישראל. כמעט דרייסיק יאָר געלעבט און אַקטיוו געאַרבעט פאַר אַ לאַנד, וואָס מער ווי אין חלום האָב איך עס נישט געזען. וועגן מיין באַשלוס האָב איך קיינעם נישט דערציילט. אָבער געוואַרט אויף אַ גינסטיקן מאָ־מענט דעמדאָזיקן געדאַנק צו פאַרווירקלעכן.

אין יאָר 1916, קורץ נאָך מיין צוריקקומען קיין וואַרשע, האָב איך באַקומען פון מיין זון אַ בריוו פון אַ אינטערנירונגס־לאַגער, אַז ער האָט אויסזיכטן אַז מען זאָל אים באַפרייען און דערלויבן צוריקקומען קיין וואַרשע, אָבער בתנאי, אַז ער זאָל דאָרט באַקומען אַ פּאָסטן לויט זיין פאַך, ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט. טאָמער זאָל דאָס נישט גע־לונגען, האָפט ער צו באַקומען אַ מעגלעכקייט מען זאָל אים אַרויספאָ־דערן קיין רוסלאַנד. ער וויל אָבער זייער, זיך פריער מיט אונדז זען.

איך האָב באַלד אים אַרויסגעשיקט אַ צייגניש, אַז ער איז אַנגאַזשירט אין אַ גרויסער מאַנופאַקטור־פירמע אין וואַרשע. ער האָט אָבער ענדע 1916, קיין דערלויבעניש אַרויסצופאָרן נישט באַקומען, און ער איז פאַר־בליבן אין דעם „אינטערנירונגס־לאַגער". ערשט אָנפאַנג 1918 האָט מען אים אויסגעטוישט אויף אַ דייטשן געפאַנגענעם און אים איבערגעשיקט קיין מאָסקווע.

אין אויגוסט 1918 איז ער, צוזאַמען מיט איינער פון חיים ווייצמאַנס שוועסטערס, ד"ר מינע ווייצמאַן ע"ה, דעלעגירט געוואָרן קיין ווין, דורכ־צופירן דעם אויסטויש צווישן די עסטרייכישע און רוסישע קריגס־גע־פאַנגענע. געפאָרן איז די דעלעגאַציע אין אַ ספּעציעלן, צו דעם צוועק באַשטימטן צוג, וועלכער האָט זיך פאַרהאַלטן אין וואַרשע, בלויז אויף עטלעכע שעה. באַקומענדיק די געהעריקע דערלויבעניש צו גיין אין שטאָט אַריין, איז מיין זון געקומען אונדז זוכן אויף דער פריערדיקער ווויי־נונג, און פון דאָרטן האָט ער זיך דערפרעגט אויף אונדזער נייעם אַדרעס. עס איז פונקט געווען וואַקאַציעס און איך האָב מיך געפונען אין אַ זומער־ווויינונג, אין סטאַציע פון וואַרשע. ביז איך בין געקומען, האָט ער שוין

געמוזט זיך אומקערן צום צוג. איך האָב זיך מיט אים געזען. בלויז אין פאַרלויף פון איין שעה אויפן וואָקזאַל, נאָך גאַנצע אַכט יאָר, פון 1910 אין בערלין, ביז 1918. דעם נעכסטן מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן, ווידער אַמאָל נאָך אַן איבעררייס פון אַכט יאָר, אין יאָר 1926, אין דאַנציק, ווו מיר, — איך און מיין טאָכטער שרהלע, — האָבן צוזאַמען מיט אים פאַר־בראַכט גאַנצע 3 טעג.

דאָס אָפּשטעלן פון די קריגס־אָפּעראַציעס, נאָכן וואָפנשטילשטאַנד פון נאָוועמבער 1918, האָט אַריינגעטריבן די לענדער אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד. דער מאַנגל אין אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, ווי: שפּייז, קליידונג און ברענשטאָפן. די געפערלעכע עפּידעמישע קראַנקייטן, די אומזיכערקייט, אינפלאַציעס, אא״וו, האָבן ביי די פעלקער אַרויסגערופן אַ צושטאַנד פון פאַרצווייפלונג. נישט בלויז די באַזיגטע, נאָר אויך די זי־געדס האָבן פאַרלוירן די קעפּ. אויב אַזוי האָבן אויסגעזען די פעלקער, וועלכע זענען געבליבן אויף זייער באָדן און האָבן בלויז געדאַרפט צוריק אויפבויען זייערע צעשטערטע היימען, קאָן מען זיך לייכט פאָרשטעלן דעם קאַטאַסטראָפאַלן צושטאַנד פון אונדזער אייגענעם באָדנלאָזן, געיאָגטן און געפּלאָגטן יידישן פאָלק.

אינמיטן פון דאָזיקן כאַאָס איז געקומען אויף די יידן אַ נייער שרעק־לעכער אומגליק. ווי תמיד און אומעטום אין דער געשיכטע, ווען די אַגרע־סיע־תאוות פון די פעלקער דערגרייכן דעם אַפּאָגיי (און קיינמאָל איז עס נישט געשען מיט אַזאַ אינטענסיווקייט און אין אַזאַ ברייטן היקף ווי בעתן וועלט־קריג), זענען די מיליטערישע צוזאַמענברוכן פון וועלט־קריג אין די מזרח־לענדער נאָכן וואָפנשטילשטאַנד, באַגלייט געוואָרן פון בלוטיקע פּאָגראָמען — איינצלנע רדיפות אויף יידן זענען פאָרגעקומען אפילו אין צענטראַל־אייראָפּע. — די שרעקלעכסטע, אָבער, אין פּוילן און אין דער אוקראַינע ווו די אַזויגערופענע „ווייסע” מחנות האָבן חדשים־לאַנג אויס־געפירט מוראדיקע שחיטות אויף יידן.

באַזונדערס שווער האָבן איבערגעלעבט די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן. די קלענערע שטעט און שטעטלעך זענען געווען חרוב ומוחרב. די הויפּשטאָט וואַרשע איז ממש פאַר־פלייצט געוואָרן פון צענדליקער רויגירטע פּליטים. אין די יידישע שטאָט־

פּערטלען האָבן זיך געוואַלגערט מחנות פּאַריתומטע און פּאַרלאָזענע קינדער, וועלכע האָבן פאַרהילכט די גאַסן מיט זייער האַרצרייסנדיקע, דורך זיי גופא, צונויפגעשטעלטע קלאָג־לידלעך. טראָץ די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען פון די געשאַפענע רעטונגס־ און הילפס־קאָמיטעטן, איז די נויט און דער עלנט געוואקסן. עס האָבן געפעלט די נויטיקע געלט־מיטלען צו שאַפן וויניקסטנס פאַר די אומגליקלעכע פּליטים, אַ ציטוויי־ליקן דאַך איבערן קאָפּ און פאַר די עלנטע יתומים, עטלעכע קינדער־היימען.

צוריקקומענדיק פון פּלאָצק קיין וואַרשע אין מאַי 1918 האָב איך זיך ווידער מיטן גאַנצן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון אונדזער פרויען־אָרגאַניזאַציע „בנות ציון“ און האָב אויפגעפאָדערט די קאָמיטעט־מיטגלידער קודם־כל, אָנצוהייבן אַן אַקציע. לטובת די פאַרלאָזענע קינדער. מיר האָבן אָבער נאָך נישט געהאַט באַוויזן דידאָזיקע פראַגע אַלזייטיק צו באַהאַנדלען, ווי צו מיר איז אין אַ געוויסן טאָג געקומען מיין חברטעס ברודער, לוי לעווין־עפּשטיין ז״ל און אָן וועלכער נישט איז הקדמות, פּראָסט־פּשוט צו מיר געזאָגט אָט־וואָס:

— קומט, פּועה, לאָמיר גיין צוזאַמען אַראָפּנעמען פון די ייִדישע גאַסן־ די פאַרלאָזענע קינדער. אויף דערדאָזיקער אַרבעט האָט איר שוין אין אַ געוויסער מאָס אַ חזקה. מיר איז סוף־כל־סוף געלונגען צו באַקומען ביי איינעם פון די רייכע הויז־באַזיצערס אויף טוואַרדע גאַס אַן אומזיסטן פּאַסיקן לאָקאַל אויף אַ קינדער־היים. און מיט אַלע אָנשטרענגונגען מוזן מיר דעם דאָזיקן רעטונגס־אַנשטאַלט, וואָס גיכער עפענען.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די עלנטע קינדער האָבן באַקומען נישט נאָר, אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ געהעריקע באַשפּייזונג, נאָר טאַקע ממש אַ וואַרעמע היים. לייכט איז אָבער די דאָזיקע אַרבעט נישט געווען, באַזונדערס די ערשטע צייט. די ליידן, דער עלנט, באַזונדערס דאָס שרעקלעכע גאַסן־לעבן, האָט אויף די קינדער קאַטאַסטראָפאַל געווירקט. מיט פאַרשידענע קאָמבינאַציעס און קונצשטיק, פלעגט מען זיך אַרויסקריגן, אפילו אַרויסגנבענען און פאַרפאַלן ווערן אויף עטלעכע שעה און זיך פאַרנעמען מיט דער פריִערדיקער בעטלער־פּראָפעסיע. אַ דאַנק אָבער די אָנגעשטרענגטע אַרבעט פון די לערערס און דערציִערס איז

דאָך ענדלעך געלונגען אויסצוואָרצלען די דאָזיקע שעדלעכע נייגונגען. מיט דער צייט האָט דווקא די דאָזיקע אינסטיטוציע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „אשל" געדינט ווי אַ מוסטער פאַר דער באַדייטנדיקער צאָל ענלעכע קינדער־אַנשטאַלטן, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אין יענע שווערע מאָמענטן, דורך דער איניציאַטיוו פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע און פּאַר־טייאישע אָרגאַניזאַציעס, אין וואַרשע און אין די גרעסערע שטעט פון פּוילן.

די קאַטאַסטראָפאַלע פּליטים־תקופה בעת דער מלחמה פון 1914, און אין די ערשטע נאָכקריגס־יאָרן מיט אירע אכזריותדיקע גרויל־מעשים איז אָבער געווען בלויז אַ פאַרשפּיל צום עקאָנאָמישן רוין, וועלכן ס'האָבן צוגעגרייט שפּעטער פאַרן פּוילישן יידנטום די מאַכטהאָבערס פונעם באַ־פרייטן פּוילן.

וואָס שייך מיין פּערזענלעכער לאַגע אין יענע שווערע נאָך־מלחמה־יאָרן, איז אין אַ געוויסן זין האָב איך אויך אייגנטלעך געקענט צוגערעכנט ווערן צו די פּליטים; צוריק אויפבויען מיין שול, מיין צעשטערטע היים — בין איך שוין נישט געווען אימשטאַנד. — טראָץ דעם וואָס די ברויט־פראַגע איז געלייזט — ווי אין די אַלטע „גוטע" צייטן, האָב איך זיך ווידער אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן ברען אין דער פּאַרטייאישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. און אַרבעט איז דעמאָלט געווען גענוג אויף אַלע געביטן.

## קאַפּיטל איין־און־צוואַנציק

אין דער תקופה פון דער וועלט־מלחמה זענען אַלע יידישע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען געווען זייער אַקטיוו. ווי פאַר דער אַלגעמיינער סאָ־ציאַליסטישער, אַזוי האָט אויך פאַר דער יידישער באַוועגונג פון די אַר־בעטנדיקע מאַסן די וועלט־מלחמה געדינט ווי אַ וויכטיקע איבערגאַנג־תקופה. דער פיבערהאַפטער טעמפּאָ פון די געשעענישן אין דער באַ־וועגונג גופא, ווי אין דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, האָט אויך אַרויסגערופן אַן אינערלעכע איבערקערעניש.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספער פון סאָציאַליסטישער טעטיקייט, האָט

אַריינגעטראָפן ווי אַ דונער די ידיעה וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט אָבער דאַן גורם געווען צו זייער אַ וויכטיקן פּאָזיטיוון מאָמענט פאַר דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג: די פולשטענדיקע פרייהייט פאַר אַגיטאַציע־אַרבעט אין וואָרט און אין שריפט. דער גאַנצער ברען־מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן אומלעגאַלער פּראָפּאַגאַנדע, האָט אויפגעריסן אין איין מאָמענט, און האָט דערמעגלעכט די אינטענסיווסטע, כאָטש אמת, די קורצסטע תקופה אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער דיאַס־פּאָראַ, וועלכע האָט זיך מאָמענטאַל פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקס־באַוועגונג, און האָט פאַרכאַפּט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער חברים.

די אַלגעמיין פּאָליטישע באַדייטונג פון די ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז געוואַקסן, אויך צוליב אַ צווייטן מאָטיוו: די רוסישע אי־בערקערעניש האָט פונעם ערשטן מאָמענט אָן, געטראָגן אַ שטאַרק־סאָציאַליסטישע באַפאַרבונג. דער כוח און די באַדייטונג פון די געשאַפענע „אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַטן" איז געווען זייער גרויס. אין די דאָזיקע ראַטן, וועלכע זענען געווען אַ מין „מלוכה אין אַ מלוכה", איז די השפּעה פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געווען אַ דעצידירנדיקע. די ייִדישע אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין די ראַטן פון ערשטן מאָמענט אָן, ווי גלייכבאַרעכטיקטע און אַקטיווע חברים. אויך אין די ניי־געוויילטע שטאָטראַטן, האָבן די ייִדישע פּאַרטייען געקענט שיקן אַ גרויסע צאָל חברים, כדי אויך דאָרט צו פאַרשטאַרקן זייער איינפלוס.

די רעוואָלוציע האָט געבראַכט דעם רוסישן ייִדנטום פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג, נישט בלויז בירגערלעכע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע. און דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס משפּיע געווען, אויף דער דעמאָקראַטיזאַציע פונעם ייִדישן לעבן אינעם לאַנד.

בנוגע דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג אין פאַר־לויף פון דער תקופה ביז צום אויסברוך פון דער קאָמוניסטישער איבער־קערעניש, דאַרפן באַזונדערס אונטערגעשטראָכן ווערן צוויי פאַקטן: פון איין זייט די פאַראייניקונג פון די ס. ס. און די סיימיסטן אין איין פּאַרטיי (פאַראייניקטע ייִדישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי) און פון דער צווייטער זייט די קריסטאַליזירונג פון דער נייער סאָציאַליסטישער

„צעירי־ציון״־באַוועגונג, וועלכע האָט אַריינגעטראָגן געוויסע נייע ניואַנסן אין דער יידישער סאָציאַליסטישער וועלט־אויפפאַסונג און האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט אין אַ וועלט־באַוועגונג לויטן מוסטער פון די „פּועלי־ציון״.

די דאָזיקע קריסטאַליזירונג פון דער סאָציאַליסטישער „צעירי־ציון״־באַוועגונג איז דעמאָלט געוועזן אַ וויכטיקע דערשיינונג. איך שטרייך אונטער דאָס וואָרט „סאָציאַליסטישע״, מחמת פּאַקטיש האָט שוין די „צעירי־ציון״־באַוועגונג, עקזיסטירט מיט יאָרן פריִער. איר סאָציאַליסטישע באַפאַרבונג אָבער, האָט זיך אָנגענומען ערשט אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די באַוועגונג ווי אַזעלכע, איז אַנטשטאַנען נאָך אינעם ערשטן צענדליק יאָרן פונעם איצטיקן יאָרהונדערט, ווי אַ ראַדיקאַלע ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונג, וועלכע האָט בעיקר, געטרוימט וועגן עליה קיין ארץ־ישראל, און אידעאָלאָגיש זיך פאַרבינדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, דאָס הייסט, מיטן וויכטיקן טייל פון יידישן ישוב. באַזונדערס האָט געוואַקסן די אידעאָלאָגישע נאָענטקייט צו דער באַוועגונג פון „הפּועל הצעיר״, אָן וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן כמעט אַלע עולים פון די „צעירי ציון״ אין די יאָרן פאַרן וועלט־קריג. נאָך אין יענער תקופה זענען געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע פּרוּוון זי צו אָרגאַניזירן ווי אַ באַזונדערע גרופּירונג אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג, אָבער אָן דערפאָלג. כמעט אויף יעדן ציוניסטישן קאָנגרעס פלעגן פאָרקומען באַגעגענישן צווישן די „צעירי־ציון״־דעלעגאַטן, ספּעציעל געווידמעט דער אויפקלערונג פון די אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָגעס.

אין רוסלאַנד האָבן זיך די „צעירי־ציון״ קאָנצענטרירט אין באַזונדערע פאַריינען, וועלכע האָבן אויך געהייסן „צעירי־ציון״ אָדער „התקוה״ (די ערשטע אין פּינסק און אין קישענעוו) און פלעגן פון צייט צו צייט אָרגאַניזירן געמיינזאַמע קאָנפערענצן. אויפן עלפטן קאָנגרעס אין ווין (1913), בעת דער ערשטער געמיינזאַמער באַראַטונג צווישן די דעלעגאַטן פון ״צעירי־ציון״ און „הפּועל־הצעיר״, איז געוויילט געוואָרן אַ געמיינזאַמער צענטראַל־ראַט פון אַלע גרופּן מיטן זיצאָרט אין וואַרשע, וועלכער איז צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן דעם ערשטן אָרגאַן פון דער באַ־

וועגונג אונטערן נאָמען „שחרית". די באַוועגונג אָבער, ווי אַזעלכע, האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט קיין סאָציאַליסטישע שטרעבונגען. זי האָט זיך בלויז באַגנוגנט מיט דער דעמאָקראַטיזאַציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיטן שטיצן די אַרבעטער אין לאַנד. אמת, ווו נישט ווו, האָבן שוין דעמאָלט איינצלנע גרופּעס אַרויסגעוויזן געוויסע נייגונגען צו די סאָציאַליסטישע לאָזונגען. די סימפּאַטיעס זענען אָבער פאַרבליבן נאָר פּלאַטאָנישע.

די אומלעגאַלע „צעירי־ציון"־קאָנפערענץ אין פּינסק, אין יאָר 1906, האָט אמת, פּראָקלאַמירט איר סאָציאַליסטישע וועלט־אַנשויונג, איז אָבער נישט געקומען צו קיין שום פּראַקטישע אויספירן, אויסער אַ רעזאָלוציע, אַז ארץ־ישראל דאַרף געבויט ווערן אויף סאָציאַליסטישע יסודות. די דאָזיקע אומזיכערע שטעלונג איז אָבער נישט געווען עקזיסטענץ־פעיק. גאָר גיך האָט זיך אָנגעהויבן דער אינערלעכער דיפערענצירונג־פּראָצעס אין דער באַוועגונג גופא, און האָט כסדר דערנענטערט אַ גרויסן טייל צו די סאָציאַליסטישע לאָזונגען. די אינערלעכע אַנטוויקלונג האָט באַקומען אַ שטאַרקן שטויס דורכן גאַנג פון די געשעענישן אין רוסלאַנד. און אויף זייער צווייטער לאַנד־קאָנפערענץ אין פּעטראָגראַד, אין אויגוסט 1917, האָבן זיך די „צעירי־ציון" דערקלערט ווי אַ סאָציאַליסטישע פראַקציע, וועלכע איז, וואָס אַן אמת, אויך ווייטער פאַרבליבן אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אַ לאַנגע צייט נאָכאַנאַנד נישט געמאַכט קיין שום פּרווו צוצוטרעטן צו אַ זעלבסטשטענדיקער פּאָליטיק.

ענדע 1917 דערשיינט שוין די „צעירי־ציון" ווי אַ נייע סאָציאַליסטישע באַוועגונג מיט אַ באַזונדערער אידעאָלאָגיע און מיט אַ גענוג גרויסער צאָל אָנהענגערס (צוואַנציק טויזנט צו דער צייט פון זייער צווייטער קאָנפערענץ). אמת, עס האָט געדויערט אַ גענוג לאַנגע צייט ביז די פראַקציע האָט זיך ענדלעך לגמרי באַפרייט פון דער השפעה פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג און איז צוגעטרעטן צו אַ זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער טעטיקייט.

די פּאָליטישע געשעענישן ביים סוף פון וועלט־קריג, און די אַנטוויקלונג פון באַפרייטן פּוילן האָבן גורם געווען דערצו, אַז דער צענטער פון דער דאָזיקער באַוועגונג זאָל זיך אַריבערטראָגן קיין פּוילן, ווו עס

האָבן זיך איצט קאָנצענטרירט די גרעסטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין איי־ראָפּע. די פוילישע „צעירי־ציון״ האָבן זיך אָרגאַניזירט, ווי אַ באַזונדערע פראַקציע, נאָך בעת דער דריטער לאַנדעס־קאָנפערענץ פון די ציוניסטן אין פוילן (נאָוועמבער 1918) און איך אַליין, בין שוין דעמאָלט אַריינגע־טראָטן אין דער צעירי־ציוניסטישער פראַקציע. אויף דער אויבנדער־מאָנטער ציוניסטישער קאָנפערענץ האָב איך אפילו באַקומען אַ פאָרוואורף פאַר דעם דאָזיקן שריט. דער חבר אברהם פּאָדלישעווסקי ז״ל, דווקא אַ שטאַרקער סימפּאַטיקער פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג, איז געקומען צו מיר מיט פאָלגנדיקער טענה: „חברה ראַקאָווסקי, פון אייך האָבן מיר דאָס נישט דערוואַרט, איר האָט פון אונדז אַוועקגעפירט די יוגנט״. „איך בין זייער שטאָלץ אויף דעם, — האָב איך אים רויק גע־ענטפערט — וואָס איך בין בכוח צו באַאיינפלוסן די יוגנט״.

נאָכדעם ווי דער שווערפּונקט פון דער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אין די יאָרן 1917—1918 געפונען אין אוקראַינע איז אויך אַריבער קיין פוילן, האָט זיך די דאָזיקע סעקציע געדעכנט ווי די שטאַרקסטע צווישן די צאָלרייכע גרופּעס פון די „צעירי־ציון״. אויף דער צווייטער קאָנפע־רענץ פון די „צעירי־ציון״ פון פוילן (וואַרשע, פעברואַר 1919), וועלכע האָט פּראָקלאַמירט דעם סאָציאַליסטישן פּראָגראַם פון דער סעקציע און מיט דעם גורם געווען צום אַרויסטריט פון אַ געוויסער צאָל פון חברים, זענען שוין געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו פאַראייניקן אַלע טיילן פון דער באַוועגונג אין אַ אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד.

די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן גלייך פון ערשטן מאָמענט אָן, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן פונעם לאַנד. ביים אַנטשטיין פון די אַרבעטער־ראָטן, אין נאָוועמבער 1919, זענען אין זיי אַריין אויך פאָרשטייערס פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין די שטאָטראָטן האָבן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטרעטער גע־שטעלט אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע און אויך ספּעציעל יידישע פאָדערונ־גען, ווי צום ביישפּיל: קודם־כל די גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך, די דעמאָקראַטיזאַציע און פאַרוועלטלעכונג פון די יידישע קהילות או״וו.

די נייע ווענדונג אין דער פּאָליטישער לאַגע פון באַפרייטן פוילן,

די דעמאָקראַטיזאַציע פון די רעגירונגס־אַנשטאַלטן און פון די מוניצי־פּאַלע אינסטיטוציעס, און באַזונדערס, דאָס דעקלאַרירן די פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פּוילישער פרוי, האָט געפונען אַ געוויסן אָפּ־קלאַנג אויך אין די רייען פון די יידישע פרויען אין פוילן. די באַדייטונג פון דער דאָזיקער וויכטיקער געשעעניש איז, נאַטירלעך, ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן, קודם־כל פון די אָרגאַניזירטע יידישע פרויען־שיכטן. די ערשטע האָבן רעאַגירט די לינקע עלעמענטן פון אונדזער, וואָס אַן אמת, בירגערלעכן „בנות־ציון"־פאַרבאַנד. נישט לייכט איז אָבער געווען די אויפגאַבע אַדורכצופירן, אַן אינטענסיווע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די מאַסן חברות פון אונדזערע 70 „בנות־ציון"־פאַריינען אין די גרע־סערע שטעט און שטעטלעך פון פוילן, אַז מיר מוזן, וואָס גיכער אויסנוצן די באַקומענע רעכט, און ווי אַן ערשטער שריט צו דעם דאָזיקן צוועק, פאָדערט זיך אומבאַדינגט צו פאַרברייטערן די אייגענע ראַמען פון אונ־דזער אָרגאַניזאַציע, כדי צו שאַפן די מעגלעכקייט צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד און אויך אין לעבן פון אונדזער יידישן פאָלק, מוזן מיר אַריינציִען אין אונדזערע רייען וואָס גרעסערע פרויען־מאַסן פון די פאַרשידנסטע פאָלקס־שיכטן און דע־ריבער דאַרף זיך איצטער אונדזער „בנות־ציון"־פאַרבאַנד פאַרוואַנדלען אין אַ ברייט פאַרצווייגטער יידישער פרויען־אָרגאַניזאַציע (יפא), מיט אַ פּאָזיטיווער שטעלונג צום ציוניזם און אַ באַזונדערע סעקציע פאַר פראַק־טישער פּאַלעסטינע־אַרבעט.

נאָך אַן אָנגעשטרענגטער אַגיטאַציע און אויפקלערונגס־אַרבעט איז דער פאָרשלאַג פון דער דאָזיקער אומגעשטאַלטונג אויף דעם אופן ספּעציעל צו דעם צוועק איינגעאָרדנטן לאַנדעס־צוזאַמענפאָר פון „בנות־ציון"־פאַרבאַנד כמעט איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, האָט אויך דער ,בונד" געגרינדעט אין וואַרשע אַ באַזונדערע „אַרבעטער פרויען אָרגאַניזאַציע (יאַפּ). די איניציאַטיוו האָט אָבער געשטאַמט פון מענער און נישט פון קיין פרויען. נעגאַטיוו צו די דאָזיקע איניציאַטיוון, האָבן זיך בלויז באַצויגן, דווקא אונדזערע חברים סאָציאַליסטן פון „צעירי־ציון"; די דעמאָלטיקע גע־שווירענע קעגנערס פון באַזונדערע פרויען־אָרגאַניזאַציעס בכלל, מחמת

דאָס איז, לויט זייער מיינונג, כּלומרשט אין אַ שטאַרקער סתירה מיט די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם...

נישט געקוקט אויף דער שטאַרק־פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אַרבעט, וואָס האָט מיך דעמאָלט אינגאַנצן פאַרכאַפּט און איז פּאַקטיש כּמעט געוואָרן מיין אויסשליסלעכער לעבנס־אינהאַלט, האָבן אָבער דאָך מיינע געדאַנקען כּסדר געאַרבעט אין איין ריכטונג: מער דאַרף איך דאָ נישט צו זיצן, איצט איז פאַר מיר די העכסטע צייט אַוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל, זען לפּחות מיט מיינע אויגן דאָס לאַנד פון מיינע שענסטע יוגנט־חלומות און דאָרטן מיטאַרבעטן פאַר איר אויפבוי. און נאָך אַ מאָמענט האָט דאָ מיטגעווירקט. ענג איז מיר געוואָרן דווקא אין דעם דאָזיקן באַפרייטן פּוילן. אַ קנאה־געפיל האָט זיך אין מיר דערוועקט, איך האָב זיך בשום אופן נישט געקענט פרייען מיט זייער נצחון, זיך באַטייליקן אין זייערע שמחות.

זאָלן מיר מוחל זיין מיינע חברים, די הייסע סימפּאַטיקער און אויסגעשפּראָכענע אָנהענגערס פון פּוילן, וואָס איך דערלויב מיר צו זאָגן דעם אמת: 44 יאָר האָב איך געלעבט אין דער הויפּטשטאָט פון דער פּוילישער מדינה, אין וואַרשע. איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געגלויבט די הבטחות פון די פּוילישע מושלים און אפילו נישט אין דער אויפריכטיקייט בנוגע אונדז פון פּוילישן פאָלק. ווי אינטויטיוו האָב איך תּמיד געפילט, אַז אָך און וויי וועט זיין צו אונדז ייִדן, אויב זיי וועלן באַקומען צוריק די מאַכט. און מיין פאַרגעפיל האָט מיך, ליידער, נישט אָפּגענאַרט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיין נסיעה קיין ארץ־ישראל איז פאַר מיר, צו יענער צייט, געווען פּשוט אַ לעבנספראַגע, איז מיר ערשט סוף זומער פון יאָר 1920, ביי דער גרעסטער אָנשטרענגונג, קוים געלונגען צו רעאַליזירן מיין באַשלוס. נישט אַזוי לייכט איז מיר געווען זיך צו שיידן מיט מיין איינציקער זיבעצן־יעריקער טאָכטער — זי איז שוין דאַן געווען אויפן ערשטן קורס פון דעם יורידישן פאַקולטעט אין דער וואַרשעווער אוניווערזיטעט, — און מיט מיינע פאַריתומטע אייניקלעך. מיט מיין נסיעה האָב איך אָבער אויך געהאַט מקיים צו זיין אַ הייליקן חוב, דעם לעצטן ווונטש פון זייער יונג־פאַרשטאָרבענער מאַמען, אַז אירע קינדער זאָלן זיך דערציִען אין ארץ־ישראל.

ווי אַזוי האָב איך פּאַקטיש דורכגעפירט מיין נסיעה? אין יוני 1920 בין איך געוויילט געוואָרן אין וואַרשע ווי אַ דעלעגאַטין צו דער בעפאָר־שטייענדיקער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן. פון מיינע נאָנטע האָבן איך גע־האַלטן בסוד מיין באַשלוס אַוועקצופאָרן פון דאָרט קיין ארץ־ישראל. אויף הוצאות קיין לאָנדאָן און אויף דער צייט פון דער קאָנפערענץ האָב איך געהאַט. ווי אַזוי איך וועל פאָרן ווייטער? מכוח דעם האָב איך נישט געטראַכט; דער עיקר איז דאָך צו באַקומען אין לאָנדאָן אַ וויזע קיין ארץ־ישראל, די רעשט וועל איך שוין, וואַרשיינלעך, זייענדיק דאָרט אויפן אָרט געפינען אַן עצה.

ענדע יוני בין איך, צוזאַמען מיט דער גרופּע חברים דעלעגאַטן, געפאָרן צו דער קאָנפערענץ. אין פּוילן איז די לאַגע געווען אַן אָנגע־שטרענגטע. ס׳איז געווען די צייט פון דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. און די רויטע אַרמיי איז געשטאַנען פאַר די טויערן פון וואַרשע. אונדזער עולם דעלעגאַטן פון פּוילן האָט זיך שטאַרק דענערווירט. ס׳איז אָבער געווען, ווי מיר וויסן, אַן אומזיסטער פּחד. די באָלשעוויקעס זענען אָפּגעטראָטן און אין פּוילן איז ווידער געוואָרן „מנוחה ושמחה״.

## קאַפּיטל צוויי־און־צוואַנציק

די לאָנדאָנער קאָנפערענץ, אין וועלכער איך האָב זיך באַטייליקט האָט געטראָגן זייער אַן ערנסטן כאַראַקטער און איז צייטנווייז פאַרלאָפן זייער שטורמיש. איך וויל מיר דאָ וועגן דעם דערלויבן אייניקע פּרטים:

צוואַנציק חדשים נאָכן סוף פון דער גרויסער וועלט־מלחמה, האָט מען ערשט געקאָנט צונויפרופן דעם ערשטן ציוניסטישן צוזאַמענפאָר, זינט דעם לעצטן עלפטן קאָנגרעס (אין ווין, 1913). דער לאָנדאָנער כינוס איז נישט געווען קיין קאָנגרעס נאָר אַן אַזוי־גערופענע יאָר־קאָנפערענץ (קליינער קאָנגרעס). לכתחילה האָט מען בדעה געהאַט איינצואָרדענען די דאָזיקע קאָנפערענץ אין קאַרלסבאַד, נעענטער צו די גרויסע יידישע צענ־טערס. אָבער, מחמת דעם וואָס די עקזעקוטיוו־מיטגלידער האָבן איבער די פאַרהאַנדלונגען וועגן טעקסט פון מאַנדאַט אין די גרעניצן פון ארץ־ישראל, נישט געקאָנט פאַרלאָזן לאָנדאָן, איז דעריבער צונויפגערופן גע־

וואָרן די קאָנפערענץ אין לאָנדאָן וועלכע האָט געדויערט פון 7טן ביזן 22טן יולי 1920. מען האָט אויף איר געקוקט ווי אויף אַ מין קאָנסטי־טואַנטע.

נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, נאָכן מאַנדאַט, נאָכן באַזעצן דעם פּאָסטן פון הייַ־קאָמישיאָנער אין ארץ־ישראל דורך אַ ייִדן מיט ציוניס־טישע סימפּאַטיעס (לאָרד סעמועל), האָט די וועלט־אָרגאַניזאַציע איצט געדאַרפט וויילן אַן אויטאָריטעטע און פעיִקע לייטונג, אויספּרוּוון די טויג־באַרקייט פון איר אייגענעם קאָנסטיטוציע־געזעץ פאַר די נייע פאַרהעלט־נישן און אויב ס'איז נייטיק, אים ווי געהעריק ענדערן, אָנוואַרפן דעם אויפבוי־פּלאַן און געפינען די וועגן ווי אַזוי צו שאַפן די גרויסע מיטלען פאַר זיין דורכפירונג.

דער וויכטיקסטער באַשלוס אויף דער קאָנפערענץ, די גרינדונג פון קרן־היסוד, די אינסטיטוציע פאַר דער פינאַנצירונג פון אויפבוי־ווערק, איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. פאַקטיש כמעט דער איינציקער פּאָ־זיטיווער מאָמענט. דער דאָזיקער פאָנד האָט פאַרן ארץ־ישראל אויפבוי די גרעסטע באַדייטונג און די דאָזיקע פּאָזיטיווע דערשיינונג האָט אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ איבערגעוויגן זייער פיל פון אירע נעגאַטיווע זייטן. און איך וויל אונטערשטרייכן, אַז די אידעע פון קרן־היסוד שטאַמט פון די רוסישע ציוניסטישע פירערס ניידיטש און זלאָטאָפּאָלסקי.

אַ צווייטער וויכטיקער אַקט איז געווען דער באַשלוס צו גרינדן אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע פון ייִדישע פרויען „הסתדרות של נשים הציונות וויצאָ“ בראש פון וועלכער עס האָט זיך געפונען פרוי ד״ר וועראַ ווייצ־מאַן, פרוי רעבעקאַ שיף, פרוי ראָמאַנאַ גודמאַן און פרוי ד״ר אידער. די קאָנפערענץ האָט אויך גענומען צו קענטעניש די פּאָליטישע דערפאָלגן און אויסגעדריקט אַ דאַנק די מנהיגים, אינעם נאָמען פון ייִדישן פאָלק.

פאַר מיר, ווי אַן אויסגעשפּראָכענע אָנהענגערין פון באַזונדערע פרוי־ען־אָרגאַניזאַציעס, איז די שאַפונג פון דער „וויצאָ“, באמת געווען אַ דערפרייענדיקע איבעראַשונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך האָב זיך באַמיט צו באַקומען די מעגלעכקייט אויך צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאָנפערענץ פון דער „וויצא“. ווען דיביידע קאָנפערענצן האָבן זיך שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן, האָבן איך אָנגעהויבן קלערן וועגן

מיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל. בעיקר האָט זיך געהאַנדלט מכוח באַקו־מען אַן ענגלישע וויזע. איך האָב זיך קודם־כל געוואָנדן צו מיינעם אַ נאָענטן, אַן ארץ־ישראלדיקן חבר פון „צעירי־ציון". שפּעטער קומט מיר פּלוצים אויפן געדאַנק זיך צו ווענדן צו די פֿאָרשטייערינס פון דער "וויצא"־פעדעראַציע, וועלכע ווינען שוין יאָרן אין לאָנדאָן, ענגלישע בירגערינס, האָבן זיי זיכער „באַציִונגען", און ווענד זיך דעריבער צו פרוי ד"ר אידער, אַ פרוי אַ פּקחית און אַ לינק־געשטימטע, זי זאָל מיר העלפן באַקומען די וויזע. זי הערט מיך אויפמערקזאַם אויס און זאָגט צו מיר:

— אַ מערקווירדיקער צופאַל. איר ווילט פאָרן פון דאַנעט קיין ארץ־ישראל, און אונדזער צענטראַלע נייטיקט זיך אין אַ מענטשן צו אָרגאַ־ניזירן דאָרטן אַ „וויצא"־פאַרבאַנד. איך מאַך אייך דעם פאָרשלאַג איבער־צונעמען די דאָזיקע אַרבעט, ווי אַ סעקרעטאַרין פון קינפטיקן פאַריין, און דאָס וועט אייך דערמעגלעכן לייכט צו באַקומען אַן איינרייזע־באַווי־ליקונג קיין ארץ־ישראל. אונדזער ביוראָ וועט אייך אויסאַרבעטן אַלע נייטיקע פּאַפּירן צו באַקומען די וויזע. גיט אונדז נאָר אייער אויסלענדישן פּאַס.

קיין בעסערן רעזולטאַט פון מיין געשפּרעך האָב איך שוין נישט געדאַרפט. הייסט עס, אַז איך פאָר ענדלעך קיין ארץ־ישראל.

אין ברינדיזי, אויפן שיף האָט מיך דערוואַרט אַ פריידיקע איבעררא־שונג. איך האָב זיך געטראָפן מיט דער פרוי רחל ווייצמאַן, מיט דער קלו־גער ענערגישער מוטער פון חיים ווייצמאַן. מיר האָבן זיך געקענט און זענען געווען פריינט לאַנגע יאָרן. די פרוי רחל ווייצמאַן, וואָס לויט די היינטיקע מאָדערנע באַגריפן, האָט איר כלומרשט געפעלט וועלטלעכע בילדונג, איז זי אָבער געווען אַ מענטש מיט אַן איינגעבוירענער אינטע־ליגענץ, מיט אַ מאָדערנער וועלט־אָנשויונג און אַ שאַרפן שכל, אַ פּקחית אין פולסטן זין פון וואָרט. מיין לעבנס־דערפאַרונג האָט מיך געלערנט, אַז כדי אָפּצושאַצן דעם זון, דאַרף מען קודם־כל קענען־לערנען די מוטער, ווייל נאָר זי, די מאַמע, פורעמט די נשמה און בילדעט אויס דעם גייסט פון אירע קינדער.

באַקענט מיט רחל ווייצמאַן האָבן מיר זיך אייגנטלעך טאַקע דורך אונדזערע קינדער. צוויי פון אירע טעכטער גיטל דונין און פרומע ווייצ־

מאַן, זענען געווען גאַנצע חברות פון מיין יונג־פאַרשטאָרבענער טאָכטער, נאָך אין וואַרשע. בעת דעם קריגס־אויסברוך איז פרוי רחל ווייצמאַן מיט אירע ייִנגערע קינדער געפאָרן קיין מאָסקווע און דאָרט האָבן זיי זיך גע־טראָפן מיט מיין זון, ווי אַלטע גוטע פריינט.

פאַר דער צייט וואָס איך בין אין ארץ־ישראל איז פאַר מיר, ווען איך האָב נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט צו זיין אין חיפה, נישט געווען קיין גרע סערער פאַרגעניגן ווי צו גיין פאַרברענגען מיט דער פרוי רחל ווייצמאַן. אָפטמאָל פלעג איך פשוט נתפעל ווערן פון אירע אַרויסגעזאָגטע טרעפ־לעכע מיינונגען וועגן די פאַרשידענע אָנגעווייטיקטע פראַגן אין אַלגע־מיין און בפרט וועגן ישוב. צו באַוווּנדערן איז אויך געווען איר פאַרשטענ־דעניש פאַר דער יוגנט און איר טאָלעראַנטע באַציִונג אַפילו צו זייערע שוואַכע זייטן. ס'האָט זיך קוים געגלויבט, אַז דאָס איז אַ געדאַנקען־גאַנג פון אַ זקנה, געבוירן מיט דריי דורות צוריק. זי איז זעלבסטשטענדיק דורך אַן אינערלעכער אינטויִציע, דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה פון לעבנס־אויפפאַסונגען. רחל ווייצמאַן האָט, לויט מיין מיינונג, געהערט צו די געציילטע, וועלכע זענען צו פרי געבאָרן געוואָרן.

אין סעפטעמבער 1920, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אויף דער שיף אויפן וועג קיין ארץ־ישראל איז רחל ווייצמאַן נישט געפאָרן אַליין, נאָר צוזאַמען מיט איר עלטסטן זון פייוול (ער איז געשטאָרבן אין חיפה, אין עלטער פון 70 יאָר) אונדזער שמחה פון דער דאָזיקער אומגעריכטער באַגעגעניש איז געווען אין לשער. אויף דער שיף האָבן מיר די גאַנצע צייט פאַרבראַכט צוזאַמען ביז אינדערפרי. זיי זענען געפאָרן דירעקט מיט דער שיף ביז חיפה, און איך בין אַראָפּגעשטיגן אין אַלעקסאַנדריע און ערשט מיט עטלעכע טעג שפּעטער געפאָרן קיין ארץ־ישראל מיטן צוג.

אין אַלעקסאַנדריע האָט דעמאָלט געוווינט אַ זון פון מיינעם אַ קוזין, אַן אָנגעזעענער תבואה־קאָמיסיאָנער — יעקב גולדין. כאָטש איך האָב אים פערזענלעך נישט געקענט און אפילו זיין אַדרעס נישט געהאַט, איז מיר דאָך געלונגען אים אויפצוזוכן. די יידישע פּאַסאַזשירן אויף דער שיף איז געקומען מקבל־פּנים זיין אַ באַאַמטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַלעקסאַנדריע. ער האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון אַ רעסטאָראַן, ווי איך קען מיטאָגצייט טרעפן מיין קוזין. טראָץ דעם וואָס

איך האָב אים אויף מיין לעבן נישט געזען, האָבן איך אים דאָך דערקענט צווישן דעם גרויסן עולם מענטשן, צוליב זיין שטאַרקע ענלעכקייט צום פאָטער זיינעם. איך בין אָפּגעשטיגן אין אַלעקסאַנדריע, צוליב צוויי מאָטיוון: ערשטנס, האָבן איך געהאָפּט ביי אים צו טרעפן זיין מוטער מיט דריי קינדער וועלכע האָט נאָך, פאַר מיין פאַרלאָזן וואַרשע, געזאָלט צו אים פאָרן פון לובלין (פוילן). צווייטנס, האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט באַפרידיקן מיינע קינדער־פאַנטאַזיעס און אַ קוק טאָן אויף מצרים.

מיין קוזינע האָב איך ביי איר זון נאָך נישט אָנגעטראָפן, — זי איז ערשט געקומען מיט איניקע וואָכן שפּעטער, — איך בין דאָרט אָבער נאָך פאַרבליבן איניקע טעג. מיין קוזין האָט מיר געפירט וויזן אַלץ וואָס איז געווען זעענסווירדיק. פון אַלעקסאַנדריע בין איך געפאָרן מיטן צוג קיין תל־אביב גאַנצע 24 שעה.

צו שילדערן מיין דעמאָלטיקן צושטאַנד בין איך נישט אימשטאַנד. אַזעלכע געפילן קאָן מען מיט ווערטער נישט איבערגעבן. דאָס מוז מען אַליין איבערלעבן. ווען איך האָב באַטראָכטן דעם ארץ־ישראלדיקן באָדן, האָב איך זיך נישט געגלויבט, אַז דאָס איז טאַקע אויף דער וואָר. עס האָט גענומען צייט ביז איך האָב ערשט דערזען, אַז דאָס איז טאַקע נישט קיין חלום.

אין תל־אביב בין איך פאַרפאָרן צו פרוי נעכעלע שפּיראָ, געבוירן לעווין־עפּשטיין, אַן עלטערע שוועסטער פון מיין חברטע לאה פּרושאַנסקי, וועלכע איז גראָד דעמאָלט אויך געווען אין תל־אביב מיט אירע צוויי יונגע זין ביי איר שוועסטער. אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל בין איך אַ וואָך פאַר ראש־השנה, אין סעפּטעמבער 1920.

באַלד נאָך ראש־השנה בין איך געפאָרן קיין ירושלים וועגן אַרבעט אַלס לערערין אין אַ שול. דער לייטער פון ועד־החינוך איז דעמאָלט געווען ד״ר יוסף לוריע, מיינער אַ ידיד פון וואַרשע. מיט יאָרן פריער איז ער מיט זיין פרוי — מיינע אַ קרובה — געקומען קיין וואַרשע און דאָרט געעפנט אַ „חדר מתוקן״ און אים געהאַלטן ביז זיין אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. צו ד״ר לוריע האָב איך קיין רעקאָמענדאַציעס נישט געדאַרפט. ער האָט מיך נאָר געפרעגט צי וויל איך אַ פּאָסטן אין אַ קאָלאָניע אָדער אין איינער פון די שטעט. איך האָב אים דערקלערט, אַז איך וויל זיך

איינאָרדענען אין ירושלים גופא, דאָס הייסט אין צענטער פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. טראָץ דעם וואָס איך האָב נאָך ארץ־ישראל כמעט ווי נישט געזען, מאַכט אויף מיר ירושלים דעם בעסטן איינדרוק — עפּעס פילט מען דאָ מער, אַז מען געפינט זיך אין ארץ־ישראל ווי אפילו אין דער ריין־ייִדישער שטאָט תל־אביב.

— אויב איר ווילט, חברה ראַקאָווסקאַ, באמת זיך איינאָרדענען דווקא אין ירושלים — האָט צו מיר געזאָגט ד״ר לוריע — האָב איך פאַר אייך זייער אַ פּאַסנדיקן פּאָסטן. לויט דער איניציאַטיוו פון די שוועסטערן פרוי יעלען און פרוי מיוחס, איז לעצטנס געגרינדעט געוואָרן אין ירושלים אַ „בית מלאכה לבנות״, — אַ מיידל־פאַך־שול — און דאָרטן פּאָדערט זיך אַ לערערין פאַר העברעיִש און אַנדערע לימודים. איך ראָט אייך דעם דאָזיקן פּאָסטן אָנצונעמען. די אַרבעט וועט פאַר אייך זיכער זיין אינ־טערעסאַנט אויך פון דערציִערישן און געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, ווייל דאָס זענען שוין נישט קיין קליינע קינדער, נאָר אַ יוגנט־עלעמענט, ווי איר וועט זיכער קענען עפּעס אויפטאָן אויך אויסער די לימודים.

— אייער פאָרשלאַג, חבר לוריע, געפעלט מיר זייער גוט. באַ־שטעטיקט מיך ווי אַ לערערין אויפן דאָזיקן פּאָסטן, וועגן די באַדינגונגען פאַרלאָז איך זיך אינגאַנצן אויף אייך, די אַרבעט וועט זיך דאָך זיכער אָנהויבן ערשט נאָך די יום־טוב פּעריען; פאַר דער צייט וועל איך מיר אויסזוכן אַ צימער, זיך איינאָרדענען און ווען איר וועט מיך רופן וועל איך זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

אין ירושלים האָב איך פאַרבראַכט אַ וואָך צייט. געפונען אַ צימער אין זכרון משה, וואָס איז דעמאָלט געווען דער אַריסטאָקראַטישער פּערטל, ביי אַ פאַמיליע לעווין פון וואַרשע, אויפגעזוכט קרובים און באַקאַנטע און זיך אינפאָרמירט וועגן די עקזיסטירנדיקע ייִדישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד און די אַדרעסן פון די סניפים־פאַרשטייערינס אין ירושלים, בכדי אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען מכוח גרינדן אַ „וויצאָ״־פאַרבאַנד אין ארץ־ישראל.

אָנקומענדיק דאָס ערשטע מאָל אין ארץ־ישראל אין 1920, אָבער שוין מיט אַ סטאַזש פון דרייסיק יאָר אַקטיוו זיין פאַרן ציוניזם, נאָך פון די „חובבי־ציון״ אָן, האָב איך, פאַרשטייט זיך, מער ווייניקער געהאַט אַ

באַגריף וועגן דער דעמאָלטיקער פּאָליטישער אוןווירטשאַפטלעכער לאַגען אינעם לאַנד. אָבער —אינה דומה שמיעה לראיה — דעריבער האָב איך באַשלאָסן אויסצונוצן מיין פרייע צייט ביזן אָנהויב שול־יאָר, כדי זיך צו באַקענען ווי וויט מעגלעך מיטן ישוב.

אויב קיין שום בירגערלעכע, פּאָליטיש־אָרגאַניזירטע גרופּן, זענען נאָך אין יאָר 1920 אין ארץ־ישראל נישט געווען, האָבן שוין אָבער דעמאָלט יידישע פרויען־פאַריינען פּאַקטיש עקזיסטירט. די ערשטע פּאָליטישע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל איז געווען דער „פאַרבאַנד פון יידישע פרויען פאַר גלייכבאַרעכטיקונג" — התאחדות נשים עבריות לשווי זכיות — געגרינדעט אין יאָר 1918 און אין 1920 זיך אָנגעשלאָסן אין אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פאַר פרויען־גלייכבאַרעכטיקונג מיט דער צענטראַלע אין לאָנדאָן.

אין יאָר 1920 איז אַנטשטאַנען נאָך אַ פאַריין: די „הסתדרות נשים עבריות", געגרינדעט דורך פרוי ד"ר רחל קאַגאַן, די שפּעטערדיקע פאַרזיצערין פון דער „וויצאָ"־צענטראַלע אין ארץ־ישראל. דער דריטער פאַריין, אַ ריין־פילאַנטראָפּישער, „עזרת יולדות", מיט פרוי האָכשטיין אַלס פאַרזיצערין, איינע פון די עד־היום פּאָפּולערסטע געזעלשאַפטלעכע טוערינס אויפן פילאַנטראָפּישן און סאָציאַלן געביט אין ירושלים, נאָך פאַר דער אַנטשטייונג פון דער „מאָדערנער" סאָציאַלער הילפס־אַרבעט. און אחרון, אחרון חביב — די „הדסה", מיט איר פאַרדינסטפולער איניציאַטאָרין און גרינדערין, הענריעטע סאָלד אין דער שפּיץ.

קיין אַרבעטער־פרויען אָרגאַניזאַציע האָט נאָך אין יאָר 1920 אין ארץ־ישראל נישט עקזיסטירט, מחמת עס איז נאָך געווען, אַזוי צו זאָגן, „פאַר מתן תורה", ווייל די הסתדרות העובדים איז ערשט אַנטשטאַנען אין זומער פון יאָר 1921, און מיר איז באַשערט געווען זיך צו באַטייליקן אין איר גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין בלפוריה, אונטער באָקסן־ביימער, אויף דר׳ערד, זענען מיר געזעסן דעם ערשטן טאָג, ביז מען האָט פון ערגעצוווּ געבראַכט בענק און טישן. מיינע נאָענטסטע שכנים זענען געווען א. ד. גאָרדאָן און יוסף חיים ברענער, וועלכער האָט נאָך אין וואַרשע זייענדיק, געהערט צו מיינע שטענדיקע טעגלעכע באַזוכער און הויזאיינגייערס.

די אונטערהאַנדלונגען און לעבהאַפטע דיסקוסיעס אויף דער דאָזי־קער קאָנפערענץ האָט די אָנטיילנעמערס אַזוי פאַרכאַפּט, אַז מען האָט לגמרי נישט געפילט די מער ווי אומבאַקוועמע אכסניה־באַדינגונגען. דער חבר ברענער האָט אפילו פאַרגעסן אַז אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף אויך צו עסן.

מיך פערזענלעך האָט באַזונדערס שטאַרק פאַראינטערעסירט די הייסע דיסקוסיע, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט אַרום דעם פאָרשלאָג צו שאַפן ביי דער הסתדרות אַ באַזונדערע סעקציע פאַר אַרבעטערינס מיט אַ ספּע־ציעלן ראַט „מועצת הפועלות״. די קעגנערשאַפט פון אַ געוויסער צאָל חברים קעגן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג האָט מיך לגמרי נישט געוווּנדערט, ווייל אין פוילן האָב איך יאָרן נאָכאַנאַנד „געקענט״ די דאָזיקע שטעלונג. איבערראַשט האָט מיך אָבער דער פאַקט, אַז אויך איינע פון די שוין דעמאָלט אַקטיווסטע חברות־אָנפירערינס ווי מאַניע שוחט, איז אויך שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער דאָזיקער פאָדערונג. ווי אַ געוויזענע אָנהענגערין פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, האָט זי אויסגעפונען, אַז אַזאַ באַזונדערע פועלות־סעקציע שטייט אין דער גרעסטער סתירה צו די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם...

זיך טרעפנדיק מיט מאַניע שוחט, נאָך אַ הפסקה פון העכער צוואַנציק יאָר אויף דער גראַנדיעזער פינפטער פועלות־קאָנפערענץ אין תל־אביב (פעברואַר 1942) און אויסהערנדיק איר באַגייסטערטע רעדע וועגן די אויסערגעוויינלעכע דערגרייכונגען פון דער פועלות־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל אויף פאַרשידענע געביטן, האָב איך איר דערמאָנט אין יענעם וויכוח אין בלפוריה, בעת דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות אין יאָר 1921, און נישט אָן סאַטיספאַקציע באַמערקט, אַז די דערגרייכטע רעזולטאַטן באַשטעטיקן, ווער פון אונדז ביידן איז דעמאָלט געווען גע־רעכט.

דעם ירח האיתנים — דעם חודש תשרי, האָב איך פאַרבראַכט אין תל־אביב און אין די אַרומיקע קאָלאָניעס, ביי קרובים און פריינט פון פוילן און ראש־חודש חשון 1920, האָב איך אָנגעהייבן מיין אַרבעט ווי אַ לערערין אין בית מלאכה לבנות אין ירושלים אויף רחוב מאה שערים.

זיצנדיק אין קלאַס אויף די לעקציעס, פלעג איך זיך אָפטמאָל אַליין

נישט צוגלויבן אַז איך געפין זיך טאַקע אויף דער וואָר אין ארץ־ישראל. באַזונדערס די ערשטע צייט בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרחלומטע, ווייל אייגנטלעך האָט זיך מיין אַרט לעבן לגמרי נישט געענדערט; אין וואַרשע האָב איך געקנעלט אויף קופּיעצקע גאַס 6 און אין ירושלים קנעל איך אויף מאה־שערים. איין קליינער אונטערשיד איז יאָ געווען: דאָרט זענען מיינע תלמידות געווען נאָר יידישע קינדער, דאָ זענען פאַראַן אויך אַ געוויסע צאָל אַראַבישע, וועלכע זענען פאַקטיש אויסן געווען בלויז זיך אויסצולערנען אַ פאַך; מען האָט זיי צוגענומען נאָר בתנאי, אַז זיי מוזן זיך לערנען אויך עברית.

די 12 ־ 13 יעריקע מיידלעך, האָבן אויסגעזען פונקט ווי זייערע יידישע חברטעס, גערעדט עברית און איך האָב זיך לכתחילה שווער אָריענטירט ווער פון די קינדער אייגנטלעך איז ניט קיין יידישע און איך בין זיך מודה־ומתודה, אַז ווען איך זאָל אפילו יאָ וויסן, וואָלט איך זיך נישט באַצויגן אַנדערש צו מיין אַראַבישער ווי צו מיין יידישער תלמידה.

מיין אַרבעט אין דער שול איז באַלד אַוועק מיט איר נאָרמאַלן גאַנג, און איך האָב זיך גלייך גענומען צו מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, קודם־כל צו אָרגאַניזירן דעם „וויצאָ״־פאַרבאַנד. צו דעם צוועק האָב איך איינגעלאַדן צו זיך די פאָרשטייערינס פון די עקזיסטירנדיקע פרויען־פאַריינען אין ירושלים, זיי געגעבן באַקאַנט געמאַכט מיט די צילן און אויפגאַבעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער „וויצאָ״אָרגאַניזאַציע, פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט, כדי מיט פאַראייניקטע כוחות צוטרעטן צו אַן אינטענסיווער אַרבעט און שאַפן אין לאַנד אַ ברייט־פאַרצווייגטן „וויצאָ״־פאַרבאַנד. איך האָב זיך באַמיט זיי צו איבערצייגן, אַז די דאָזיקע טעטיקייט איז נישט קיין קאָנקורענץ, שטייט נישט אין קיין שום ווידערשפּרוך מיט זייער ביזאיצטיקער אַרבעט און קאָן, להיפוך, מיט דער צייט צוהעלפן צו דער אַנטוויקלונג און פאַרשטאַרקונג פון זייערע שוין עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס.

נאָך אַ געוויסער צאָל באַראַטונגען איז מיין פאָרשלאָג דורך הענריעטע סאָלד, פרוי האָכשטיין און פרוי קאָגאַן אַקצעפטירט געוואָרן. מיר האָבן געשאַפן אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט און אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע

אַרבעט. בלויז די „הסתדרות נשים לשווי זכיות" איז געבליבן אַ זעלבסט־שטענדיקע אָרגאַניזאַציע.

מיר פּערזענלעך איז שטאַרק געגאַנגען אין דעם אַריינצוציען אין אונדזער התאחדות לפּחות אַ געוויסע צאָל אַקטיווע חברות פּועלות בודדות, וועלכע זענען שוין דעמאָלט געווען אין ישוב זייער פּאָפּולער. צו דעם צוועק האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער פּאַרדינסטפולער חברה רחל ינאית, זיך באַמיט איר צו באַאיינפלוסן אַנצובינדן אויף וועלכן נישט איז אופן אַ געוויסן קאָנטאַקט מיט דער וועלט־„וויצאָ", וואָס וועט איר זיכער געבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אין אַ ברייטן מאַסשטאַב איר נוצלעכע פּאַך־טעטיקייט און שאַפן מיט דער צייט אַ נעץ פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרמס פאַר מיידלעך.

אונדזער דעמאָלטיקע אונטערהאַנדלונגען זענען אָבער געבליבן אָן דערפאָלג. רחל ינאית האָט געהאַלטן — און דאָס איז אייגנטלעך געווען דער הויפּט־מאָטיוו — אַז שטיצנדיק די פּועלות־אינסטיטוציע מאַטעריעל, וועט „וויצאָ" זיכער שטרעבן זיי צו באַאיינפלוסן אויך גייסטיק. פאַר מיר איז צו יענער צייט, דער דאָזיקער מאָטיוו נישט געווען איבערצייגנדיק. און נישט מחמת דער הנחה אַז דער צוועק הייליקט די מיטלען- האָב איך זיך באַמיט צו שאַפן דעם דאָזיקן קאָנטאַקט, נאָר ווייל איך האָב געלערנט פון דער דערפאַרונג, אַז נאָר די לערערס און דערציִערס שאַפן דעם גייסט פון די לער־אַנשטאַלטן, און נישט די פינאַנציעלע הילפס־אָרגאַניזאַציעס זייערע.

די איניציאַטאָרינס און גרינדערינס פון דער באַדייטנדיקער צאָל מושבי־פּועלות און חלוצות־פאַרמס אין לאַנד האָבן נישט לאַנג־וואַרטנדיק, געפונען דעם געהעריקן וועג פאַר דער מיטאַרבעט מיט דער „בורזשואַזער" „וויצאָ". קיינער פון ביידע צדדים האָט נישט פאַרציכטעט אויף זייַנע קאָנצעסיעס, נאָר די נויטווענדיקייט און די נוצלעכקייט פון דער געמיינזאַמער אַרבעט גופא, האָט דערפירט צו דער קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש און דערפאָלגרייכע דערגרייכונגען.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און די אַרבעט פון אונדזער געמיינזאַמען קאָמיטעט האָט זיך פאַרצווייגט און ווי געהעריק אַנטוויקלט. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו נעמען אַ צימער אויף אַ ביורא. צו יענער

צייט האָב איך גראָד באַקומען אַ בריוו פון מיין קוזינע גולדין, אַז זי געפינט זיך שוין מיט דריי קינדער ביי איר זון, דעם קאָמיסיאָנער אין אַלעקסאַנדריע, זי וויל אָבער פאַר קיין שום פאַל נישט פאַרבלייבן אין מצרים און בעט מיך, אַז איך זאָל זיך באַמיִען איר צו געבן די מעגלעכ־קייט צו קומען קיין ארץ־ישראל. זי האָט אַ גוטן פאַך אין האַנט — קינדער־קאָנפעקציע — און זי האָפט, אַז זי וועט קאָנען באַקומען אַרבעט. איך האָב איר גלייך געענטפערט, אַז איך בין אַליין אין אַ גרויסן צימער און וועל איר צונעמען פאַר אַ גוטן גאַסט און גלייב אַז מיר וועט אויך גע־לינגען צו געפינען פאַר איר אַרבעט אין איר פאַך.

נאָך פאַר איר קומען האָט מיר דער קאָמיטעט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז איך זאָל נעמען מיט זיי צוזאַמען אַ וווינונג פון צוויי צימערן, וואָס וועט זיכער אויסמאַכן ביליקער אי פאַר מיר, אי פאַרן ביוראָ. און אַחוץ דעם וועט עס אויך זיין באַקוועמער. דער פאָרשלאַג איז מיר געפעלן געוואָרן. קיין דירות־מאַנגל איז נאָך דעמאָלט אין ארץ־ישראל נישט גע־ווען און איך האָב באַלד געפונען אַ דירה פון צוויי צימערן מיט אַ קליין קיכל, פאַרשטייט זיך, אָן די היינטיקע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן, אויף מאה־שערים, נישט ווייט פון דער פאַך־שול.

מיין קוזינע פון אַלעקסאַנדריע האָט נישט געלאָזן אויף זיך לאַנג וואַרטן. זי איז געקומען, ווען איך האָב זיך שוין געהאַט אַריינגעצויגן אין דער נייער דירה. אַלס מעבל פאַרביידע צימערן האָט אונדז געדינט קאַסטנס און קעסטלעך. גרעסערע קאַסטנס אין מיטן צימער, צוגעדעקט מיט טישטעכער — זענען געווען די „טישן". אַרום די ווענט לאַנגע שמאָלע קעסטלעך, אויף זיי מאַטראַצן, צוגעדעקט מיט לייוונטענע דעקעס, בייטאָג צום זיצן, ביינאַכט — צום שלאָפן.

דאָס ביוראָ האָט זיך געפונען אינעם ערשטן צימער. קאָמיטעט־זיצונ־גען פלעגן פאָרקומען איינמאָל אין וואָך. ביוראָ־שעהן טעגלעך פון 4 ביז 7, ווייל ביז מיטאָג האָב איך געאַרבעט אין דער שול. זיך צו לערנען העברעיִש האָב איך נישט באַדאַרפט, האָב איך זיך אָנגעהויבן לערנען אַראַביש. באַקאַנטע האָבן מיר רעקאָמענדירט אַן אַראַבישן לערער וועלכער האָט געהאַט אַ יידישע פרוי. לייענען און פאַרשטיין די שפּראַך האָב איך

זיך אויסגעלערנט זייער לייכט. מיט שרייבן איז עס צוגעגאַנגען אַביסל שווערער.

אין איין וואָך נאָך איר קומען איז מיר געלונגען איינצואָרדנען מיין קוזינע, פרוי גולדין, ווי אַ שניידערין אויף די פאַך־קורסן פון גברת לאה בערלין, די איצטיקע לייטערין פון דער בית־הבראה (רעקאָנוואַלעסצענטן־היים) אין גבעת ברנר. אין אַ חודש אַרום האָט זי אַריבערגענומען פון אַלעקסאַנדריע איר אַכצניעריקע טאָכטער און דעם יונגערן יינגל. — דער עלטערער איז געבליבן לערנען אין דער קאָמערץ־שול אין אַלעקסאַנדריע. — די טאָכטער וועלכע האָט נאָך אין לובלין פאַרענדיקט די גימנאַזיע און געקענט עטלעכע שפּראַכן, האָט נישט לאַנג וואַרטנדיק באַקומען אַ פּאָסטן אין דער ירושלימער פּאָסט. דער פאַמיליען־קרייז האָט זיך פאַרגרעסערט און עס האָט זיך געשאַפן אַ היימישע אַטמאָספער. ווי נאָר די טאָכטער האָט אָנגעהייבן פאַרדינען, האָט דער זון דורכויס פאַרלאַנגט אַז די מוטער זאָל אויפהערן צו אַרבעטן אויף איר פּאָסטן. זי האָט אָבער נישט געוואָלט איינגאַנצן זיצן ליידיק, כאָטש זי האָט שוין געהאַט צו פירן די הויז־ווירט־שאַפט, האָט זי באַשלאָסן צו מאַכן אַ מיטאָג־פּענסיאָן. איך בין ביי איר געווען אויף גאַנצע פּענסיאָן און באַלד איר געבראַכט אַ געוויסע צאָל מיטאָג־עסערס. צווישן די געסט האָט זיך געפונען יוסף העפטמאַן, מיין חברטעסביידע זין, שמואל און יהושע פּרושאַנסקי, וועלכע האָבן דעמאָלט געלערנט אין ירושלים אויף פעלד־אויסמעסטער־קורסן. ס'איז געוואָרן אַ הויז, וווהין מען האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען, סרוב מיינע חברים אוז באַקאַנטע פון פוילן.

בלייבנדיק נאָר ביי דער אַרבעט אין שול, האָב איך געהאַט מער צייט און מעגלעכקייט זיך צו באַקענען אויפן אָרט מיט דער פּאַקטישער לאַגע פון ישוב גופא אין יענער שווערער תקופה און זיך אַריינצוטראַכטן אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פראַגן וועגן ארץ־ישראל־אויפבוי, וועגן אונדזערע אויסזיכטן און האָפענונגען אין דער צוקונפט.

עס איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין די שטעלונג פון אונדזערע מנהיגים צו געוויסע לעבנסוויכטיקע פּראָבלעמען, צום ביישפּיל: די אויס־געשפּראָכענע ביטול־באַציונג מצד אונדזער דעמאָלטיקער לייטונג צו דער אַראַבער־פראַגע. אַ דאַנק מיין קרוב חיים קאַלוואַריסקי, וועלכן איך האָב

נאָך געקענט ווי אַ סטודענט, איז מיר שוין דעמאָלט געלונגען זיך נעענטער צו באַקענען מיט דעם דאָזיקן עד־היום ברענענדיקן פּראָבלעם.

שווער איז אויך געווען מסכים צו זיין מיט דער אויסגעשפּראָכן נעגאַטיווער שטעלונג צום אַזוי־גערופענעם גלות. איינער פון די איצט פּאָפּולערסטע און פאַרדינסטפולסטע פירערס פונעם ישוב האָט מיך דעמאָלט איבערראַשט מיט זיין באַהויפּטונג, אַז דאָס ייִדישע פאָלק וועט פאַרשטעלן מיט זיך נאָר דער טייל ייִדן, וואָס וועט לעבן אין ארץ־ישראל. די דאָזיקע אויפפאַסונג פון ציוניזם איז מיר לגמרי געווען פרעמד. ביי די אידעאַלסטע באַדינגונגען קען דאָך ארץ־ישראל נישט אויפנעמען אַלע ייִדן פון די תפוצות. און די גרעסטע מערהייט וועט דאָך סיי ווי מוזן לעבן אין אַנדערע לענדער. צי איז דען דער ענדציל פון אונדזערע שטרעבונגען זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ סעקטע, אפילו אין אַ ריין העברעיִסטישער?...

ווי אַ דירעקטע קאָנסעקווענץ פון אַזאַ מין אויפפאַסונג איז אויסגעוואקסן די מער ווי זלזול־באַציִונג צו אונדזער פאָלקס־שפּראַך — צו ייִדיש. דער עקסטרעמער שאָוויניזם האָט זיך צייטנווייז נוגע דער דאָזיקער פראַגע אויסגעדריקט ממש אין אויסטערלישע פאָרמען. איין פאַקט, וואָס איז צו יענער צייט פאַרגעקומען אין ירושלים איז מיר עד־היום פאַרבליבן אין זכרון: אין איינעם אַ שבת, האָט אַ גאַסט, אַ דעלעגירטער חבר פון דער „פועלי־ציון" פון פוילן געזאָלט האַלטן אַ פאָרטראַג אין קינאָ „ציון" אין ירושלים אויף ייִדיש. דער אירגון „מגיני השפה" האָט עס דערשמעקט און עטלעכע יוגנטלעכע גימנאַזיסטן האָבן געגעבן צו וויסן אַז דער רעדנער איז מכלומרשט אַ קאָמוניסט. צו דער באַשטימטער צייט האָט אַ פּאָליציי־גרופּע אַרומגערינגלט די קינאָ־געביידע. דער געפּלאַנטער רעפעראַט איז, נאַטירלעך, שוין נישט פאָרגעקומען, ווייל מען האָט באַוויזן דעם רעדנער רעכטצייטיק צו וואָרענען. דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דער גאַנצער געשיכטע אָבער, איז פאַר מיר געווען דאָס, וואָס איינער פון די גימנאַזיסטן האָט זיך מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער אין מיין קעגנוואַרט באַרימט פאַר זיין מוטער, אַז ער איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן און אויספירער פון דער דאָזיקער „העלדן־טאַט". קיין נעמען וועל איך נישט אָנרופן, עס איז מיר צו טייער דער אָנדענק פון מיינע ידידים, זיינע עלטערן. איך וויל בלויז צוגעבן, אַז דער דעמאָלטיקער גימנאַזיסט פון

אַכטן קלאַס, איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע רעוויזיאָ־ניסטישע אָנפירערס, שיעור נישט די רעכטע האַנט פון זאב זשאַבאָטינסקי.

## קאַפּיטל דריי־און־צוואַנציק

מיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען אין די קאַטאַסטראָפאַלע מאַי־טעג פון 1921, געהערן צו די ביטערסטע מאָמענטן פון מיין לײדנרײכן לעבן. אויסנוצנדיק מיין פרייע צייט אויף אויספלוגן איבערן לאַנד, בין איך בעת די פסח־וואַקאַציעס קודם־כל צוגעפאָרן צו מיין חברטע לאה פּרושאַנסקי קיין תל־אביב, און פון דאָרט קיין ראשון־לציון, צו זאב גלוס־קין, מיין עלטסטן חבר און ידיד פון וואַרשע.

זאב גלוסקין, איינער פון די חברים ותיקים פון די „בני משה" אין פּוילן, האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער אַרבעט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אויף אירע פאַרשידנאַרטיקסטע געביטן. איינער פון די גרינ־דערס און אַקטיווסטע אַקציאָנערן פון „כרמל"־געזעלשאַפט אין פּוילן, איז ער אין ארץ־ישראל אַ געוויסע צייט געווען דער פאַרוואַלטער פון די וויינקעלערס אין ראשון־לציון. נישט געקוקט אויף זיין הויכער עלטער, גע־הערט ער נאָך עד־היום צו די אַקטיווסטע אנטיילנעמערס אין געזעלשאַפט־לעכן לעבן פון ישוב, איינער פון די „העוסקים בצרכי צבור באמונה". זיין הויז אויף רחוב מונטפיורי האָט ער אָפּגעגעבן דער באַרימטער שטאָ־טישער ביבליאָטעק אין תל־אביב.

פון ראשון־לציון בין איך חול־המועד פסח, קורץ פאַרן פּאָגראָם־אויס־ברוך, געגאַנגען צופוס קיין רחובות. אונטערוועגס האָב איך באַגעגנט אַראַבער און אַראַבערינס און בשום אופן וואָלט מיר נישט איינגעפאַלן, אַז דער דאָזיקער עולם, אפילו די ווייבער, גרייטן זיך צו אַן אָנפאַל. ווי מען האָט זיך שפּעטער דערוווסט, האָבן די אַראַבישע ווייבער אין זייערע ברייטע קליידער געהאַט באַהאַלטן באַנדאַזשן און פאַרשידענע אַנדערע מכשירים צו ראַטעווען זייערע פאַרווונדעטע. און נאָך אַ פאַקט איז שפּע־טער באַקאַנט געוואָרן, אַז קיינער פון די אַרבעטער־פירערס און אויך די „הגנה"־ האָבן קיין שום אַנונג נישט געהאַט וועגן די הכנות צום פּאָג־ראָם, וועלכער איז אַזוי שטרענג געהיים צוגעגרייט געוואָרן.

איך דערמאָן זיך עס ווי איצט. שבת־צו־נאַכטס, ערב דעם 1־טן מאַי, זענען מיר געפאָרן מיטן צוג פון רחובות קיין תל־אביב אַ גרויסער עולם עלטערע און יוגנטלעכע, אַלע יום־טובדיק געשטימט מיט געפילדער און געזאַנג און קיינעם איז נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז מאָרגן פרי וואַרט אויף אונדז אַזאַ מין פאַטאַלע איבעררעאַשונג. איך שטוב ביי מיין חברטע שפּיראַ האָט נאָך אויך געהערשט אַן אסרו־חג שטימונג. און מיין חברטע לאה פּרושאַנסקי האָט מיר דערציילט ווי אַ קוריאָז, וואָס האָט היינט איר אַ זאָג געטון די אַראַבישע דינסט:

„ס׳וועט זיין נישט גוט" — האָט זי געזאָגט אויף ייִדיש. זיי האָבן זיך צעלאַכט ווי פון עפּעס אַ שפּאַס, און זיך רויִק געלייגט שלאָפן.

אַזייגער זעקס אינדערפרי, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, דערהערנדיק עפּעס משונהדיקע קולות. דער גאַנצער עולם אין שטוב איז שוין געווען אויף די פיס. פון מיר אָבער — ווייל איך האָב מיך עפּעס נישט געפילט אינגאַנצן געזונט, — האָט מען די סיבה פון טומל דורכויס געוואָלט אויס־באַהאַלטן. און מען האָט מיר געפּרוווט איינרעדן, אַז דאָס האָבן זיך אין גאַס צוויי בחורים, צוליב עפּעס צעשלאָגן. די קולות אָבער האָבן נישט אויפגעהערט. איך בין אַראָפּ פון בעט, אַריין אין עס־צימער און זיך צו־קוקנדיק צו די פּנימער פון שטוביקן עולם, צו זיי צוגעשטאַנען, מען זאָל מיר זאָגן דעם אמת וואָס האָט פּאַסירט. אגב האָב איך באַמערקט, אַז די צוויי עלטערע בחורים פון דער חברה שפּיראָ קלייבן זיך ערגעץ אַוועק־צוגיין. האָט מען מיר געזאָגט, אַז ס׳איז גאַרנישט, די ייִדישע אַרבעטער אין יפו זענען אַרויס איבער די גאַסן מיט אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע.

— אַ גרויסער שאָד האָב איך באַמערקט — נישט אָן פּאַרדרוס — אין וואַרשע האָב איך תמיד גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די 1טע מאַי־דעמאָנסטראַציעס, און דווקא אין ארץ־ישראל, קאָן איך היינט נישט אַרויס־גיין אין גאַס. אָבער דער טאָג איז נאָך גרויס — האָב איך צוגעגעבן — די דעמאָנסטראַנטן וועלן דאָך, וואַרשיינלעך, נישט אויסמיידן תל־אביב, וועל איך נאָך אפשר באַווייזן אָן זיי זיך אָנצושליסן. אַ באַרויִקטע בין איך צוריק אַריין אין שלאָפצימער. אין אַ ווײַלע אַרום הער איך ווידער קולות און שוין גאָר פון אַן אַנדער מין. דאָ האָב איך זיך שוין אויך

צעשריגן אויפן קול און געפאָדערט מען זאָל מיר זאָגן דעם אמת, אָדער לאָזן אַליין גיין זען וואָס עס איז געשען.

ערשט דעמאָלט האָט מען מיר אויסגעזאָגט, אַז אין יפו איז אויסגע־בראָכן אַ פּאָגראָם אויף ייִדן און אַז די אַראַבער ווילן זיך אַריינרייסן קיין תל־אביב.

די הויפּטגאַס פון תל־אביב איז דעמאָלט געווען די רחוב הערצל, וואָס פון איין זייט איז זי געווען אָפּגעטיילט פון וועג קיין יפו מיט אַן אייזערנעם טויער, און פון דער צווייטער זייט זיך פאַרענדיקט מיט דער „הרצליה״־גימנאַזיע, — וועלכע איז געשטאַנען אין דער ברייט גאַס, אַביסל אומגעלומפּערט און געשטערט דערמיט די פאַרלענגערונג פון דער רחוב הערצל, — ביינאַכט פלעגט מען דעם אייזערנעם טויער פאַר־שליסן, כדי עס זאָלן זיך נישט אַריינקריגן קיין פרעמדע.

פון תל־אביב קיין יפו פלעגט מען דעמאָלט פאָרן מיט דיליזשאַנסן, ווייל צווישן די צוויי שטעט זענען געלעגן ווייטע נישט־פאַרבויטע שטרעקעס און זיי לחלוטין אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער. נישט קענענדיק זיך אַריינבאַקומען דורך דער אָפּגעשלאָסענער הערצל־גאַס, האָט געדראָט אַז די פּאָגראָמטשיקעס זאָלן זיך אַריינקריגן דורך נוה־שאנן. דאָס איז זיי אָבער אויך נישט געלונגען. די ייִדישע „הגנה״ און דאָס ענגלישע מיליטער האָבן דאָרט געלייסטעט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. דעם פּאָגראָם אָבער האָבן פאַקטיש אָפּגעשטעלט די צוהילף אָנגעקומענע הינדוסן־אָפּטיילונגען.

פאַרנאַכט־צו האָט מען אָנגעהייבן ברענגען פון יפו די געפאַלענע קרבנות און פאַרוווּנדעטע. דאָס זענען געווען די שווידערלעכסטע מאָמענטן פון יענעם קאַטאַסטראָפאַלן טאָג.

שווער לעב איך עס איבער נאָכאַמאָל, שרייבנדיק די דאָזיקע שורות, מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער.

קיין קראַנקן־הייזער זענען דעמאָלט נאָך אין תל־אביב נישט געווען, האָט מען פאַרוואַנדלט די גימנאַזיע „הרצליה״ אין אַ פּראָוויזאָרישן שפּי־טאָל — גראָד זענען עס געווען די פּסח־טעג, ווען די שולן זענען גע־שלאָסן — האָט מען איינגעאָרדנט די פאַרוווּנדעטע אין די קלאַסן־צימערן און די טויטע, ביז צו דער קבורה, געלייגט אין די קעלערן פון דער גימ־

נאָזיע, צווישן זיי דעם אומפּאַרגעסלעכן אויף אַן אכזריותדיקן אופן אומ־געבראַכטן שריפטשטעלער יוסף חיים ברענער.

אַ גרעסערע צאָל פּרויען און יוגנט האָבן זיך גלייך אויפן אָרט אָר־גאַניזירט ווי פלעגערינס אַרומצוגיין אַרום די פאַרוואונדעטע. זיי האָבן זיך איבערגעגעבן דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט מיט דער גרעסטער קרבנות־גרייטקייט דורך טעג און נעכט. איך בין אויך געבליבן אין תל־אביב און מיטגעאַרבעט ביז נאָך די וואַקאַציעס מיט דער דאָזיקער פרייוויליקער גרופּע.

באַלד נאָך די טרויעריקע געשעענישן איז אַראָפּגעקומען פון ירושלים נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפינען אין לאַנד און אויפן פּלאַץ פאַרן גימנאַזיע־בנין, געמאַכט אַ האַרצרייסנדן הספד נאָך די גע־פאַלענע און מיט פייערדיקע טרייסט־ווערטער אויפגעמונטערט די, אין פיל טויזנטער פאַרזאַמלטער ריזיקער מאַסע.

אַ שטאַרק פאַרצווייפלטע, דערשלאָגן גייסטיק און מאָראַליש, בין איך נאָך די פּסח־וואַקאַציעס צוריקגעקומען קיין ירושלים צו מיין אַרבעט. פאַר קיין פאַל האָב איך נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איך האָב איבערגעלעבט אַ פּאָגראָם אין ארץ־ישראל גופא און וועל נאָך זיין בכוח פאַרצוזעצן מיין אַרבעט. איך האָב אין מיין לעבן געזען גענוג פּאָגראָ־מען; אין מיין געבורטסשטאָט ביאַליסטאָק, מער ווי איינעם, און אין וואַר־שע און אין שעדלעץ; אָבער אַ פּאָגראָם אין ארץ־ישראל? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? דאָס איז דאָך דאָס שרעקלעכסטע! דאָס איז דאָך אַ פּאָגראָם פון אונדזערע האָפענונגען און טרוימען; פון אונדזער לאַנגיאָרי־קער אַרבעט; פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַלגעמיין.

זייער שווער איז מיר געווען, באַזונדערס די ערשטע צייט נאָך די געשעענישן צוריק אַריינצוגיין אין טריב פונעם אַלטעגלעכן לעבן. אַלץ האָט מיר אויסגעזען אַזוי קליין, אַזוי נישטיק און לחלוטין איבעריק.

אָפּגעראַטעוועט האָב איך זיך אויך דאָסמאָל, ווי תמיד, נאָך גרויסע דערשיטערונגען, דורך דער אַרבעט ביי מיין פאַך. אין די שול־קלאַסן, נעבן מיינע תלמידות, פלעג איך צוריק געווינען מיין גלייכגעוויכט און קאָנצענטרירן מיינע אַלע געדאַנקען אויף דער אַרבעט. מיין אינערלעכער קאַמף אָדער די פראַגע פון „זיין אָדער נישט זיין", — דאָס הייסט,

וועגן בלייבן אין לאַנד אָדער פאָרן צוריק קיין פוילן, — האָט זיך נאָך די בלוטיקע געשעענישן באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט, און מעגלעך אַז זיי זענען טאַקע געווען דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר. איך בין נישט געקור־מען קיין ארץ־ישראל לייזן מיין פּערזענלעכע פּראַגע, כ׳האָב דאָרט קיינ־מאָל נישט געזוכט, אַזוי צו זאָגן, קיין פאַרזאָרגונגס־אַנשטאַלט פאַר זיך גופא. איך האָב געגלויבט באמונה שלימה, אַז ארץ־ישראל מוז און וועט לייזן דאָס אַנגעווייטיקטע ייִדישע פּראָבלעם. דאָס לאַנד גופא אפילו אין איר חורבן־צושטאַנד, האָט אויף מיר געמאַכט אַ גראַנדיעזן איינדרוק. דער וווּנדערשיינער תכלת־הימל, וואָס אין ערגעץ זעט מען נישט אַזעלכן, די ווייסע נעכט, באַזונדערס אין ירושלים, דער מערקווירדיקער זונען־אונ־טערגאַנג מיט זיין כהרף־עינדיקן בין־השמשות, די פאַרחלומטע באַצוי־בערנדיקע פרימאָרגנס, דער פּראַכטפולער זונען־אויפגאַנג, קורץ: די גאַנ־צע אַרומיקע נאַטור, מאַכט ערשט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס נאָר אין דעם דאָזיקן לאַנד האָבן געקאָנט געבוירן ווערן אַזעלכע גרויסע גייסטער, גאָט־זוכערס און נביאים...

און ביי דעם אַלעם איז מיין איוב־שטימונג געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און פון שעה צו שעה. אומאויפהערלעך האָט מיך געפּייניקט אַ נאָגנדיקער געפיל, אַז מפני חטאינו, איבער אונדזער אייגענער שולד, האָבן אַנדערע פאַרכאַפּט דאָס לאַנד; צו־שפּעט זענען מיר אַהערגעקומען. דער פרומער ייִד וועלכער האָט נישט געטאָרט דוחק זיין דעם קץ, האָט געזאָגט קינות און געוואַרט אויף משיחן; דער באַוווסטזיניקער טייל פונעם פאָלק, איבער־הויפּט די יוגנט, האָט געפונען אַ באַפרידיקונג אין זיין קאַמף פאַרן אוני־ווערסאַלן אַלמענטשלעכן אידעאַל; געווען אויך ביי אונדז אַ טייל ייִדן, וועלכע האָבן געזען ארץ־ישראל אין אַלע לענדער ווו מען האָט נאָר גע־האָט פּרנסה. ווי דאָס זאָל נישט ווי טון, מוזן מיר מודה זיין, אַז דעם ייִדישן פאָלק האָט בכלל געפעלט די לייִדנשאַפט פאַר אַ מולדת, דער געפיל פון ליבע פאַר אַן אייגן פאָטערלאַנד; אפשר איבער אָביעקטיווע סיבות, — מחמת צו קורץ האָבן מיר געלעבט ווי אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק, אויף אונדזער אייגענעם באָדן; אָדער, דאָס לאַנגע אַרומוואַנדערן האָט דעם דאָזיקן חוש אַטראָפירט, — ווי דאָס זאָל נישט זיין, ענדערט עס אָבער נישט דעם פאַקט, אַז אפילו פאַר אונדזערע געציילט־פאַרבליבענע

הייליקטימער, האָבן מיר נישט געהאַט קיין סענטימענטן; דעם כותל־מערבי, איבערגעלאָזן אין פרעמדע הענט, וויסנדיק אויסגעצייכנט, אַז פּאַר געלט קען מען אין אָריענט אַלץ מאַכן — אויף צערקוועס און קלויסטערס אין רוסלאַנד און אין פּוילן האָבן שוין רייכע ייִדן דווקא יאָ מנדב געווען. אַרומשפּאַצירנדיק יעדן שבת אין די פּאַרטאָגן, בעתן זון־אויפגאַנג, אין דער ירושלימער אומגעגנט, און צוקוקנדיק זיך צו די דייטשע, איטאַליענישע און רוסישע קאָלאָניעס מיט זייערע קלויסטערס און פאַרשידענע אַנדערע געביידעס, פלעג איך זיך נישט קאָנען באַהערשן און זיך באַגיסן מיט טרערן פון ביטערן יאוש, אויפן חורבן פון מיין לעבנס־אידעאַל. מיך פלעגן באַזונדערס דערנערווירן די הויכע טענער פונעם גלאָקן־געקלאַנג אין די קלויסטערס. אין קיין שום לאַנד האָבן זיי אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ ממש דערשיטערנדיקן איינדרוק ווי אין ירושלים. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ מין געמיט־צושטאַנד, — טראָץ דעם וואָס מאַטעריעל בין איך געווען גוט איינגעאָרדנט, האָבן איך נישט געקענט אויף זיך נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו ברענגען מיין זיבצניאָריקער איינציקער טאָכטער, — דעמאָלט סטודענטין אויפן יורידישן פאַקולטעט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט — ווי אויך מיינע אומגליקלעכע פאַריתומטע אייניקלעך (דער ייִנגל, אַ צוועלף־יעריקער, דאָס מיידעלע, אַ צעניעריקע) אין ארץ־ישראל. שוין אָפּגעזען פון דעם, אַז אָן אַ קאַמף וואָלט איך עס בכלל נישט געקאָנט דערגרייכן. גראָד איז עס אויסגעפאַלן פונקט אין יענעם פעריאָד ווען מיינע אייניקלעך זענען צייטווייליק געווען מיט זייער טאַטן. מיין איינציקע טאָכטער ווידער, האָט צו יענער צייט מאָראַליש שווער איבער־געלעבט די פּאָליטישע קעגנערשאַפט צווישן איר טאַטע־מאַמע. זי איז געווען, ווי מען זאָגט עס, צווישן צוויי פייערן, און זיך נאָך נישט ווי גע־העריק אָריענטירט ווער פון אונדז ביידן איז גערעכט, זייענדיק שטאַרק צוגעבונדן און פאַרליבט אי אין דער מאַמען אי אין טאַטן.

ווען איך האָב געפּאַסט דעם באַשלוס אַז איך פאָר צוריק, האָב איך זיך פלוצים דערפילט זייער איינזאַם, עס האָבן זיך באַלד געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן גענומען קוקן אויף מיר ווי אויף אַ „פאַרעטערין“, באַזונדערס בייז, כמעט ברוגז, זענען מיט מיר געוואָרן די שוועסטער ווייצמאַן, איינע פון זיי האָט מיר אַפילו אַ זאָג געטון:

— איר אַנטלויפט, פועה, ווייל איך איז נישט געלונגען צו פאַרנעמען דאָ אַזאַ אָרט ווי חיים ווייצמאַן.

אַפילו מיט מיין לאַנגיאָריקער געליבטער חברטע לאה פּרושאַנסקי פלעגן מיר שוין אָפּטמאָל רעדן אויף פאַרשידענע שפּראַכן. פאַרשטייט זיך, אַז מיין באַשלוס צוריקצופאָרן האָט איר שטאַרק ווייי געטון. ווי אַן אויס־געשפּראָכענע אידעאַליסטין, וואָס שוין אין עלטער פון 18 יאָר האָט זי באַזוכט — צום ערשטן מאָל — ארץ־ישראל, פלעגט זי מיר כסדר אָנווייזן אויף דער שיינקייט פונעם לאַנד און אויף זיין פראַכטפולן הימל. איך האָב איר רויִק אויסגעהערט און געשוויגן.

איינמאָל אָבער — איך געדענק עס ווי איצט — האָב איך זיך נישט געקענט באַהערשן און צו איר געזאָגט:

— „השמים שמים לד׳, והארץ נתן לבני אדם״. נישט דעם הימל דאַרפן מיר דאָ, נאָר די ערד, דעם באָדן, דערווייל זיצן מיר דאָ ווי אויף אַ ווולקאַן, און שולדיק אין דעם זענען נישט די אַנדערע, נאָר מיר אַליין. דו געדענקסט, ווען איך פלעג דיר שטענדיק זאָגן: איך גלויב, אַז עס קאָן קומען אַ מאָמענט, ווען מ׳וועט אונדז געבן די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל; איך גלייב אפילו, אַז מיר וועלן דאָרט באַקומען גרויסע שטחים באָדן אינגאַנצן אָן געלט; איך גלויב אָבער נישט אין אונדזער פאָלק, אין זיין ווילן די דאָזיקע מעגלעכקייטן אויסצונוצן; און איך האָב דעם מוט צו זאָגן, אַז איך האָב ריכטיק געזען.

די איינציקע, מיט וועמען איך האָב זיך דעמאָלט אין באַזונדערס שווערע מאָמענטן געקענט צונויפרעדן, וועלכע האָט פאַרשטאַנען מיין שווערן אינערלעכן קאַמף, איז געווען מיין חברטע און פריינדין פון וואַר־שע נאָך, די פרוי פון מיין חבר מיכל האַלפּערין, איינע פון די אידעאַלסטע טיפּן אין אונדזער באַוועגונג.

מיט מיכל האַלפּערין האָב איך זיך באַקענט אין 1893, אַ יאָר נאָך מיין קומען קיין וואַרשע. בעת זיין ערשטן וויזיט ביי מיר אין שטוב, האָט ער מיט זיין אויסערלעכער דערשיינונג געווענדט אויף זיך די אויפמערקזאַמ־קייט פון אַלע אָנוועזנדיקע. זיין געשטאַלט, זיין יעזוס־פּנים מיט דער ברייטער בלאָנדער באָרד האָבן אויף אַלעמען געמאַכט אַן אויסערגע־וויינלעכן איינדרוק. גערעדט האָט ער רוסיש. עס האָט נישט לאַנג גע־

דויערט און ער איז געוואָרן ביי אונדז אַ שטוב־היימישער. פון זיין לעבן זענען מיר באַקאַנט מאָמענטן וועלכע ער אַליין האָט מיר דערציילט:

ער האָט געשטאַמט פון גרויסן יידישן יחוס. געווען אַ בן־יחיד ביי זיין מוטער, אַ מיליאָנערין, אַן אלמנה. צוערשט האָט ער חתונה געהאַט נאָך גאָר אַ יונגער בחור מיט אַ טאָכטער פון אַ גרויסן גביר אין גראָדנע, אַ דעמאָלט באַרימטע שיינהייט וואָס האָט געשמט אין דער גאַנצער גו־בערניע. זי איז אָבער פון אים אַוועק איבער זיין אידעע־פיקס אָפּצוגעבן זיין גאַנצן פאַרמעגן פאַר דעם ארץ־ישראל־אויפבוי. אויף איר אייגענעם פאַרלאַנג האָט ער איר געגעבן אַ גט און ביים רב אין שטוב, נאָכן גט, איר באַצאָלט צען טויזנט רובל פאַר אַ קוש.

ווען ער איז געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין וואַרשע אין יאָר 1893, האָט ער שוין געהאַט אַ צווייטע פרוי מיט דריי קליינע קינדער. אַ געוויסע צייט איז ער אין וואַרשע געווען אַליין, שפּעטער האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון סמאָלענסק זיין פרוי מיט די קינדער. פון צו זיין אַ גביר איז ער שוין דעמאָלט געווען גאַנץ ווייט. די רייכע מאַמע האָט שוין נישט געלעבט. איר פאַרמעגן האָט ער שוין באַוויזן צו פּטרן און זיין פאַמיליע איז געווען אויף גרויסע צרות. קיין פוילן איז ער דעמאָלט געקומען נישט פון רוס־לאַנד, נאָר פון ארץ־ישראל. נישט מחמת פּערזענלעכע צוועקן איז ער צוריקגעקומען, נאָר מיט אַ גרויסן פּראָיעקט וועגן אַ גרויסער ציוניסטי־שער אונטערנעמונג. ער האָט נעמלעך געפּלאַנט צו אָרגאַניזירן אין פוילן אַ ברייט־פאַרצווייגטע אַקציען־געזעלשאַפט פאַר דער ווייַן־פּראָדוקציע אין ארץ־ישראל, צו עקספּאָרטירן אין גרויסן מאַסשטאַב דעם ארץ־ישראל־ווייַן קיין אייראָפּע און אפילו מעבר לים, אין די אַמעריקעס. זיין איניציאַטיוו האָט באַלד געפונען אָנהענגערס. אַ גרופּע ערנסטע ציוניסטישע טוערס אין וואַרשע, סרוב פון די רייכערע סוחרישע קרייזן, חברים פון די „בני משה״, האָבן זיך מיט דעם דאָזיקן פּראָיעקט זייער שטאַרק פאַראינטערע־סירט. עס האָט נישט לאַנג גענומען און עס האָט זיך געשאַפן אַן איניציאַ־טיוו־גרופּע, וועלכע האָט גלייך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע טעטיקייט דעם פּראָיעקט וואָס מער צו פּאָפּולאַריזירן און בעיקר צו שאַפן אַקציאָנערן. די אַרבעט האָט געהאַט דעם געווונטשטן דערפאָלג, און באַלד איז אין וואַרשע געגרינדעט געוואָרן די ערשטע אַקציע־געזעלשאַפט מיטן נאָמען

„כרמל" פאַר וויין־עקספּאָרט קיין פּוילן פון די ארץ־ישראלדיקע וויין־קעלערן אין ראשון־לציון, אַלץ געננוי לויט דעם פּלאַן פונעם פּראָיעקט־געבער, דעם „עקסטראַוואַגאַנטן" חבר מיכל האַלפּערין. איך וויל דאָ אָבער אונטערשטרייכן אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט — אפשר נישט בלויז פאַר יענער צייט, נאָר בכלל פאַר אַלע צייטן — אַז דער חבר מיכל האַלפּערין, דער אייגנטלעכער איניציאַטאָר פון דעם גאַנצן פּראָיעקט, האָט צו די ערשטע אַקציאָנערן אין פּוילן נישט געהערט, מחמת מען האָט אויסגעפונען אַז אַזעלכע סאָרטן אידעאַליסטן זענען בטבע שלעכטע קאָמערסיאַנטן און קענען בלויז שטערן...

שווער האָט די פאַמיליע האַלפּערין איבערגעלעבט די צייט, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין וואַרשע, באַזונדערס האָט געליטן די פרוי. אַ געבוי־רענע אין רוסלאַנד, האָט זי זיך נישט געקענט צופּאַסן צום לעבן אין פּוילן; אַ פרוי מיט העכערער בילדונג — געענדיקט אַרכעאָלאָגיע — אַנטוויקלט און אינטעליגענט, האָט זי זיך בכלל נישט געפונען, ווי מען זאָגט, „אויפן אָרט". מיכל מיט זיין טעמפּעראַמענט, מיט זיין ווילדער אומגעצוימטער ענערגיע, האָט זיך אויך נישט געקענט געפינען קיין אָרט, ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג און שפּילן אין שאַך.

ווען זייער מאַטעריעלע לאַגע איז שוין געוואָרן גאָר קריטיש, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן גרייטן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. מיר דאַכט זיך — אויף געננוי געדענק איך עס נישט — אַז איר פאָטער זאָל שוין האָבן דעמאָלט געוווען אין ארץ־ישראל. קורץ פאַר זיין עולה־זיין קומט ער איין מאָל צו מיר אין אַ זייער געהויבענע שטימונג: ער וויל מיר פאַרטרויען אַ גרויסן סוד — זאָגט ער צו מיר — וואָס פאַר קיין שום אַנדערן מענטשן אין דער וועלט וואָלט ער עס נישט געבראַכט איבער די ליפּן. אים איז איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק ווי אַזוי צו שאַפן אומגעהייערע געלט־סומעס פאַר בנין־הארץ. ער האָט באַשלאָסן, אַז קומענדיק אין לאַנד צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי צו עקספּראָפּיאירן געוויסע אוצרות וועלכע געפינען זיך אויף אַ פּלאַץ וווּ זיי ברענגען נישט קיינעם קיין שום נוצן, און זיי, די אוצרות, פאַרגרעסערן זיך כסדר און אומאויפהערלעך אין זייער צאָל.

די ערשטע יאָרן נאָך זייער אַוועקפאָרן האָב איך מיט זיי קאָרעס־

פֿאַנדירט, שפּעטער־צו האָב איך אָפּגענומען גרוסן ווי אַזוי עס לעבט זיך זיי אין לאַנד, דורך מײַן חברטע לאה פּרושאַנסקי.

אין 1920, ווי שוין באַמערקט, האָב איך אין די פּרוי האַלפּערין גלייך אויפגעזוכט אין ירושלים און מיר האָבן זיך באַגעגנט ווי אַלטע גוטע פריינט און באַלד ווידער געוואָרן זייער נאָנטע חברטעס. געוווינט האָט זי דעמאָלט אין עפּעס אַ פּאַרוואָרפענער שכונה, אויף אַן אַראַבישן הייפל, אין צוויי באַזונדערע קליינע צימערלעך אָן שום באַקוועמלעכקייטן. קאָכן פלעגט זי אויפן הויף, אויף אַן אַראַביש אויוועלע. דעם חבר מיכל האָב איך ניט געפונען און דעריבער אים ניט געזען זינט זײַן אָפּפאָר פון וואַדשע. זי האָט מיר דערציילט, אַז ער וואַנדערט אַרום ערגעצוו אין גליל, אָנגעטון אין אַ זאַק, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, און שוין אַ לאַנגע צייט לאָזט ער וועגן זיך בכלל נישט הערן. מיט איר צוזאַמען האָט אין שטוב געוווינט איר ייִנגערער זון ירמיהו, וועלכער איז דעמאָלט נאָך געווען אַ גימנאַזיסט אין אַכטן קלאַס. דער עלטערער זון אירער איז געפאַלן אין פּאַריקן קריג אַלס סאָלדאַט פון ייִדישן לעגיאָן. איר איינציקע טאָכטער איז דעמאָלט געווען אין פּאַריז, ווו זי האָט שטודירט מאַלעריי אין דער קונסט־אַקאַדע־מיע. זי, די פּרוי האַלפּערין גופא, האָט געאַרבעט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, ווייל אין איר פאַך אַלס אַרכעאָלאָגין האָט זי צו יענער צייט נישט געקאָנט באַקומען קיין אַרבעט. קיין פּאָסטן אין אַ שפּיטאָל האָט זי נישט געהאַט, ווייל קיין שפּיטעלער זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען בנמצא — די „הדסה" האָט ערשט געהאַלטן אין אָרגאַניזירן אירע סאַניטאַרע אינסטי־טוציעס.

וואָס פאַראַ אַרבעט האָבן דאָך דאַן געהאַט די אַזוי גערופענע קראַנקן־שוועסטער, אויפן געביט פון סאַניטאַרער הילף? יעדע פון זיי האָט געהאַט אונטער איר אויפזיכט אַ געוויסן ראַיאָן, ווי זיי פלעגן באַזוכן די וווינונ־גען און היילן די קראַנקע אויגן און די קראַנקע קעפ פון די ייִדישע קינדער. אויסערגעוויינטלעך שווער איז געווען די דאָזיקע אַרבעט. אויסער די פרימיטיווסטע אַרבעט־באַדינגונגען, האָבן די דאָזיקע קראַנקן־שוועסטערס געמוזט פירן אַ קאַמף, קודם־כל מיט זייערע האַלב־ווילדע קליינע פּאַ־ציענטן, זיי זאָלן זיך לאָזן היילן. און צו דעם האָט מען נאָך געהאַט צו טון מיט שרעקלעך־אָפּגעשטאַנענע מאַמעס, וועלכע האָבן אויסגעפונען,

אַז אויב מען וועט ביים ייִנגל אויסהיילן דעם „פּאַרך" וועט אים אַרויספּלי̇ען פון קאָפּ די גאַנצע תורה וואָס ער האָט געלערנט.

צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע קראַנקן־שוועסטערס אין ירושלים האָט אויך געהערט די פרוי האַלפּערין. פון איר פּאַרדינסט האָט זי געדאַרפט דערנערן זיך און אירע צוויי קינדער. אין אַזאַ מין לאַגע האָב איך איר איבערגעלאָזט אין יאָר 1921 בעת מיין צוריקרייזע קיין פּוילן. שפּעטער האָב איך אָפּגענומען גרוסן, אַז זי לעבט אין פּאַריז צוזאַמען מיט איר טאָכטער. ערשט אין יאָר 1935, קורץ פאַר מיין צווייטן מאָל קומען קיין ארץ־ישראל, איז אין איין טאָג אַריינגעקומען צו מיר אין שטוב אין וואַרשע אַ הויך־געוויקסיקער שיינער יונגערמאַן פון אַ יאָר 34 און זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז ער איז ירמיהו האַלפּערין. ער קומט פון פּאַריז און האָט פאַר מיר וואַרעמע גרוסן פון זיין מאַמען, וועמען ער האָט צוגע־זאָגט, אַז ער וועט מיך אומבאַדינגט באַזוכן. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז זיין מוטער איז גוט איינגעאָרדנט, אַז זי לעבט צוזאַמען מיט דער טאָכטער — וועלכע לערנט שוין אויף נאָך אַ פאַקולטעט פון דער „סאָר־באָן" — און מיט איר, דער טאָכטערס פאַמיליע, און אַז זי איז בכלל צופרידן. אַז די שוועסטער זיינע האָט חתונה געהאַט מיט אַ פראַנצויז, אַ קריסט, האָט ער ווי אַ רעוויזיאָניסט געהאַלטן פאַר ריכטיק צו פאַרשווייגן.

מיט אַ צייט צוריק האָט מען זיך אין ירושלים צו מיר געווענדעט מיט דער ביטע, איך זאָל געבן מאַטעריאַל פאַר אַ ביאָגראַפיע פון מיין חבר מיכל האַלפּערין, וועלכע האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין „המשקיף". איך האָב זיך דעמאָלט דערפון אָפּגעזאָגט, ווייל איך האָב אין זין געהאַט אים צו דערמאָנען אין מיינע אייגענע זכרונות, און דאָס בין איך איצט מקיים.

## קאַפּיטל פיר־און־צוואַנציק

צוויי אינטערעסאַנטע פּאָזיטיווע מאָמענטן האָב איך פונדעסטוועגן יאָ איבערגעלעבט אין יאָר 1920—1921, בעת מיין זיין דאָס ערשטע מאָל אין ארץ־ישראל. מיר איז באַשערט געווען זיך צו באַטייליקן אין דער גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג פון דער הסתדרות העובדים און אין די וואַלן צו דער עכסטער אינסטיטוציע פון ישוב, צו דער ערשטער אספת הנבחרים.

מיין גרעסטן אינטערעס האָט פאַרשטייט זיך אַרויסגערופן די פראַגע וועגן אַקטיווער און פּאַסיווער וואַלרעכט פאַר פרויען צו דעם דאָזיקן מוסד העליון אין לאַנד. קענענדיק דעם צוזאַמענשטעל פון דעמאָלסטיקן ישוב, מיט די אגודה־פאַרשטייערס בראש, איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז די יידישע פרויען וועלן מוזן פירן אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר זייערע עלעמענטאַר־מענטשלעכע רעכט.

די איניציאַטאָרינס און אָרגאַניזאַטאָרינס פון דאָזיקן קאַמף זענען געווען די פאָרשטייערינס פון דעם ערשטן און דעמאָלט איינציקן פּאָליטישן פרויען־פאַרבאַנד „התאחדות נשים לשווי זכיות", מיט פרוי ראָזאַ וועלט־שטרויס אַלס פאָרזיצערין.

דער קאַמף איז געווען אַ שווערער און האָט זיך צעפּלאָנטערט אין אַ לאַנגן און שאַרפן פאַרמעסט. די פרויען האָבן געפאָדערט וואַלרעכט נישט בלויז צו דער אספת הנבחרים, נאָר גלייכצייטיק אויך צו די קהילות און צו די קאָלאָניעס־קאָמיטעטן.

די שאַרפסטע קעגנערס פון דידאָזיקע פרויען־פאָדערונגען זענען געווען די אָרטאָדאָקסן. אָבער אויך די „מזרחי"־פּאַרטיי איז געווען קעגן געבן די פרויען וואַלרעכט, שטרעבנדיק דורכן דאָזיקן שריט צו שלאָגן „פּאַרטיי־קאַפּיטאַל".

נאָך אַ שווערן לאַנגן־דויערנדיקן שטרייט האָט דער „ועד זמני" סוף־כל־סוף מסכים געווען צו געבן די פרויען אַקטיווע און פּאַסיווע וואַלרעכט צו דער אספת הנבחרים, אָבער נאָר „צייטווייליק"; די ענדגילטיקע רעזאָ־לוציע בנוגע דער דאָזיקער פראַגע איז איבערגעגעבן געוואָרן דער קאָמ־פּעטענץ פון דער קינפטיקער אספת־הנבחרים.

פון יאָר 1920 ביז 1942 זענען צו דער אספת־הנבחרים בלויז דריי מאָל פאָרגעקומען וואַלן. אין יאָר 1920 זענען צווישן 314 דעלעגאַטן גע־ווילט געוואָרן 14 פרויען (פיר אַ האַלבן פּראָצענט), 7 פון זיי זענען געווען מיטגלידערינס אין דעם „פאַרבאַנד פאַר גלייכע פרויען־רעכט" און די אַנדערע 7 פועלות.

אין פאַרלויף פון דער פינפיאָריקער קאַדענץ פון דער אספת־הנבחרים זענען די אויסגעווילטע פרויען דאָרט געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. פון איין זיצונג צו דער אַנדערער האָט די קעגנערשאַפט פון די אָרטאָדאָקסן

לגבי דעם אָנטייל פון די פרויען אין דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער אינסטי־טוציע געהאַלטן אין איין וואַקסן. זיי האָבן קאַטעגאָריש געפאָדערט די „ליקווידאַציע" פון די ווייבער. ענדלעך איז דער „מזרחי" געקומען מיט אַ פאָרשלאַג צו אָרגאַניזירן אַ פּלעביסציט וועגן דער פראַגע פון פרויען־וואַל־רעכט, און דאָס נאָר צווישן די מענער. די רעזולטאַטן זענען געווען צום פאָראויסזען. די „התאחדות", דאָס הייסט דער „פאַרבאַנד פאַר גלייכע פרויען רעכט" האָט דעמדאָזיקן פאָרשלאַג באַקעמפט מיט אַלע קרעפטן. אָנהויב 1925 האָט זיך דער „פרויען־פאַרבאַנד" געווענדעט מיט אַן אויפ־רוף וועגן מאָראַלישער שטיצע צו אַלע ייִדישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס אין דער גאָרער וועלט. די גרויסע און וויכטיקע צווישן זיי האָבן געענטפערט מיט בריוו און טעלעגראַמעס צו דעם ועד לאומי, אין וועלכע זיי האָבן געפאָדערט גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די פרויען אין ארץ־ישראל. אַ גאַנץ ערנסטן געוויכט האָט געהאַט די פאָדערונג מצד די „הדסה" פון נאָרד־אַמעריקע.

אין 1925 זענען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער צווייטער אספּת־הנבחרים. צווישן 201 דעלעגאַטן זענען שוין געווילט געוואָרן 26 פרויען, דאָס הייסט 13 פראָצענט, צווישן זיי 13 חברות פון דער „התאחדות לשווי זכיות".

אויף דער ערשטער זיצונג פון דער צווייטער אספּת־הנבחרים האָבן די פון דער „התאחדות"־אויסגעווילטע פרויען אָפּגעשלאָגן די טענות קעגן פרויען־וואַל־רעכט פון „מזרחי", וועלכע זיי, די מזרחיסטן, האָבן באַזירט כלומרשט אויף די געזעצן פון דער תורה. מיט באַווייזן אין די הענט האָבן די פרויען אויפגעוויזן, אַז בעת די ערשטע וואַלן האָבן די מזרחי־פירערס זיך געווענדעט מיט אַ רוף צו די אָרטאָדאָקסישע פרויען זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן אין נאָמען פון דער תורה און מיט אַ געוויסער צייט שפּעטער זענען די זעלבע מזרחי־וואָרט־פירערס אַרויס מיט אַ שטרענגען איסור קעגן דער באַטייליקונג פון פרויען אין אונדזער נאַציאָ־נאַלער אינסטיטוציע, ווידעראַמאָל אויפן סמך פון אונדזער הייליקער תורה...

אויף דער זעלבער זיצונג איז אויך ליקווידירט געוואָרן די רעפערענ־דום־געפאַר און עס איז אָנגענומען געוואָרן — אין כסלו תרפ"ו — אַ

רעזאָלוציע, וואָס אַדאַנק איר האָט זיך פאַרענדיקט דער קאַמף פאַר פרויען־וואַלרעכט צו דער אספת־הנבחרים.

אין יאָר 1931 זענען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער דריטער אספת הנבחרים. די צאָל דעלעגאַטן: 94, צווישן זיי 7 פרויען, צווישן זיי דריי פון דער בלאָק־ליסטע פון דער „התאחדות" און דער ייִדישער פרויען־אָרגאַניזאַציע. אינדערצווישנצייט האָבן די פרויען, אַ דאַנק דער מיטהילף פון דער התאחדות באַקומען וואַלרעכט אין עטלעכע מושבות־קאָמיטעטן און אין די קהילות (אין ירושלים און אין ועד פון פתח תקוה ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער).

בייוויינענדיק אין יאָר 1920 דעם ערשטן שווערן קאַמף פון דער ייִדישער פרוי פאַר איר גלייכבאַרעכטיקונג אין לאַנד, בין איך קומענדיק צום צווייטן מאָל קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1935, געווען פריידיק אי־בערראַשט פון די רעזולטאַטן, וואָס דער „התאחדות נשים לשווי זכיות" איז אין משך פון 15 יאָר געלונגען צו דערגרייכן, פאַר דער גלייכשטע־לונג פון דער פרוי, דורך דער ברייטפאַרצווייגטער, נוצלעכער אַרבעט אויפן געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן געביט.

דער שול־יאָר אין „בית מלאכה לבנות" האָט זיך פאַרענדיקט אין די ערשטע טעג פון חודש אויגוסט 1921, און איך האָב אָנגעהויבן זיך גרייטן צו מיין צוריקרייזע קיין פּוילן. וואָס צו ליקווידירן האָב איך נישט גע־האַט, ווייל אין דער דירה מיט אירע „מעבל־קעסטלעך" איז פאַרבליבן מיין קוזינע גולדין מיט אירע קינדער. די טאָכטער איז נאָך פאַר מיין אָפּפאָרן געוואָרן אַ כלה מיט אַ זון פון הער בערמאַן. דער ייִנגערער ייִנגל האָט געלערנט אין מקוה־ישראל, דער עלטערער איז געווען אין אַלעק־סאַנדריע. זי האָט געהאַט מיטאָג־עסערס און פאַרהעלטנישמעסיק זענען זיי געווען נישט שלעכט איינגעאָרדנט. נאָך מיין אָוועקפאָרן האָט זי אַראָפּגעבראַכט אירע דריי עלטערע מיידלעך פון פּוילן און אַלע געפינען זיך אין ארץ־ישראל עד היום. די דאָזיקע קוזינע גולדין איז געבליבן צו 37 יאָר אַן אלמנה מיט זיבן קינדער און האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק פאַרשטאַנען, אַז מיידלעך דאַרפן אויך זיין עקאָנאָמיש צוגעגרייט צום לעבן ווי זעלבסטשטענדיקע מענטשן, בפרט אין ארץ־ישראל.

מיט מיר האָבן זיך גלייכצייטיק צוריקגעקערט אין יאָר 1921 קיין

פוילן — זייענדיק אין לאַנד בלויז איין יאָר — מיין חבר און ידיד צ. ז. וויינבערג — אַ לערער און דער דעמאָלטיקער מיטאַרבעטער פון „מאָמענט״, יוסף העפטמאַן.

צ. ז. וויינבערג איז אין יאָר 1920 געווען דער מנהל פון דער שול אין זכרון־יעקב. געקומען קיין ארץ־ישראל איז ער מיט זיין עלטסטער טאָכטער, די פרוי מיט די איבעריקע קינדער זענען געבליבן אין וואַרשע. ווי אַ לאַנגיעריקער העברעיִשער לערער און פּעדאַגאָג, האָט ער זיך שטאַרק אַנטוישט בנוגע דעם ניוואָ פון דער דעמאָלטיקער דערציִונג אין לאַנד בכלל און פון די שולן בפרט. די אַרבעט אין דער שול האָט אים נישט באַפרידיקט. קיין טראַגעדיע איז זיין צוריקפאָר פאַר אים נישט געווען, און מיט אַ גאַנץ רויִקן געוויסן האָט ער זיך אומגעקערט קיין פוילן.

אין אויגוסט 1921 זענען פאָרגעקומען די וואַלן צום 12טן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד. ארץ־ישראל האָט דעמאָלט בסך־הכל רעגיסטרירט בערך צען טויזנט שקל־צאָלער. אויף קיין מאַנדאַט ווי אַ דעלעגירטע צום קאָנגרעס האָב איך נישט געקענט רעפלעקטירן, איך האָב אָבער באַקומען אַ מאַנדאַט ווי אַ זאַכפאַרשטענדיקע, וואָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אין קאָנגרעס מיט די גלייכע רעכט ווי אַ דעלעגירטע. און אין עטלעכע טעג נאָך תשעה־באב האָב איך צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם דעלעגאַטן פאַרלאָזן ארץ־ישראל.

ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט מיינע נאָענטסטע, וועלכע האָבן מיך אין אַ געוויסער מאָס פאַרשטאַנען, האָב איך בלויז געזאָגט:

— געקומען בין איך קיין ארץ־ישראל אויף שמחת־תורה, צוריק פאָר איך אום תשעה־באב...

דעם ערשטן אָנגריף פאַר מיין פאַרלאָזן ארץ־ישראל, — פאַרהעלטנישמעסיק אָבער אין אַ גאַנץ לייכטער פאָרם, — האָבן בעתן קאָנגרעס אויף מיר געמאַכט צוויי חברים ותיקים — די פּאָפּולערסטע פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן.

— חברה ראַקאָווסקי, האָבן זיי צו מיר געזאָגט, איר האָט נישט געטאָרט פאַרלאָזן ארץ־ישראל, איר ברענגט דערמיט דעם גרעסטן שאָדן אונדזער באַוועגונג.

— איר זייט אפשר גערעכט, האָב איך געענטפערט, איך וויל אָבער אַז איר זאָלט פאַרשטיין, אַז איך האָב מיין איצטיקן שריט גענוג דורכ־געטראַכט און שווער געליטן. איך בין לכל־הפחות געווען אין ארץ־ישראל. פאַרוואָס זייט איר אָבער נאָך עד־היום נישט געפאָרן, אויף וואָס וואַרט איר? ביי אייערע פאַרהעלטנישן קענט איר עס מאַכן מיט אַ סך קלענערע אָנשטרענגונגען ווי איך. אויף דעם האָט מיר איינער געענטפערט, אַז אָן אַ קאַפּיטאַל פון מינימום צענטויזנט פונט קען ער קיין ארץ־ישראל נישט פאָרן. דער צווייטער ווידער, האָט געזאָגט, אַז ער קען נישט פאָרן און זיך אומקערן צוריק און דעריבער מוז ער נאָך וואַרטן.

דער ערשטער — אברהם פּאָדלישעווסקי — איז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער געפאָרן, האָט געקויפט אין תל־אביב אַ גרויס הויז, געהאַט בדעה זיך צו באַזעצן, איז אָבער איבער טראַגישע פאַמיליען־אָנגעלעגנ־הייט געצוווּנגען געווען זיך אומצוקערן און איז שפּעטער אין וואַרשע געשטאָרבן.

דער צווייטער — ד״ר מאיר קלומעל — איז געקומען מיט אַ גאַר גרויסער פאַרשפּעטיקונג, האָט געלעבט אין תל־אביב אייניקע יאָר אין אויסערגעוויינלעך שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און איבערגעלעבט פיל שווערע מאָראַלישן ליידן. ער האָט נאָך זוכה געווען צו שטאַרבן אין ארץ־ישראל.

ביידע האָבן זיי געהאַט די גרעסטע פאַרדינסטן פאַרן וווקס און דער אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פוילן אויף די פאַר־שידנאַרטיקסטע אַרבעטס־געביטן, מקריב געווען אַ סך צייט און געלט; געהערנדיק אָבער צום פריערדיקן דור פון די ערשטע „טרוימער און קעמפער״, האָבן זיי צו־לאַנג געוואַרט מיט זייער קומען אין ארץ־ישראל און זענען דאָרט נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן.

לגמרי נישט חבריש איז געווען די באַציִונג פון מיינע פאַרטיי־חברים פון דער „צעירי־ציון״־פראַקציע אויפן 12טן קאָנגרעס, בנוגע מיין כלומרשטן „פאַראַט״ דורך מיין פאַרלאָזן ארץ־ישראל. זיי האָבן מיך פראָסט־פשוט „געלייגט אין חרם״ און מיר נישט דערלויבט זיך צו באַ־טייליקן אין די זיצונגען פון דער פראַקציע, צו וועלכער איך האָב נאָך

פּאַרמעל געהערט ווי איינע פון אירע גרינדערינס. אויף דער דאָזיקער האַנדלונג האָב איך, בעתן קאָנגרעס נישט רעאַגירט, נאָר באַשלאָסן צו וואַרטן מיט דעם ביז מיין צוריקקומען קיין וואַרשע.

## קאַפּיטל פינף־און־צוואַנציק

דער 12טער קאָנגרעס, דער ערשטער נאָך דער גרויסער וועלט־מלחמה נומער איינס, איז פאָרגעקומען אין קאַרלסבאַד, פון 1טן ביזן 14טן סעפּטעמבער 1921, און נישט געקוקט אויף אַ רייע נעגאַטיווע מאָמענטן זיינע, האָט דאָך דער קאָנגרעס אויף מיין דעמאָלטיקן געמיט־צושטאַנד אין אַ גרויסער מאָס געמאַכט אַן אויפהייטערנדיקע ווירקונג. צי איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון דער נייער סביבה, אָדער פון די התלהבותפולע מיט טיפן גלויבן דורכגעדרונגענע רעדעס פון אונדזערע גייסטיקע אָנפירערס. ווי עס זאָל נישט זיין, מיין מרה־שחורה האָט זיך דעמאָלט שטאַרק פאַרמינערט. די גאַנצע צייט פון דער רייזע פון קאַרלס־באַד ביז וואַרשע, איז מיין שטימונג געווען אַ רויִקע. אָנקומענדיק קיין וואַרשע, האָב איך געפונען מיין פאַמיליע און אַלע מיינע נאָענטע געזונט און מונטער און שטאַרק־צופרידענע פון מיין צוריקקער.

כדי אויפצוהאַלטן מיין מונטערע שטימונג, האָב איך אויסגענוצט מיין אַלט גוט־אויסגעפּרוווט מיטל: איך האָב גלייך אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. קודם־כל האָב איך זיך געווענדעט צו מיין חבר און ידיד, ד״ר שמואל וויינבערג, דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע „אסכלה״. מיטן גרעסטן באַדויערן אָבער, האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז די מיידלעך־שול איז ער גלייך נאָך מיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל געצוווּנגען געווען צו שליסן, מחמת ער האָט נישט געקענט געפינען קיין פּאַסנדיקע לערערין; אין דער מענער־גימנאַזיע ווידער, איז ליידער קיין פרייער פּאָסטן נישטאָ. נישט קאָנענדיק און נישט וועלנדיק לאַנג וואַרטן ביז איך וועל געפינען אַ לערער־פּאָסטן בין איך איינגעגאַנגען אויפן פאָרשלאַג פון מיינע חברטעס קאָמיטעט־מיטגלידערינס פון יידישן פרויען־פאַרבאַנד „יפאַ״, און צוריק אָנגענומען דעם סעקרעטאַרין־פּאָסטן פון פאַרבאַנד. אַחוץ דעם, האָב איך מיט אַ חודש שפּעטער באַקומען דורך מיין חברטע לאה פּרושאַנסקי אַ

העברעיִשע לעקציע ביי אירער אַ קוזינע, פרוי צירינסקי, — אַ זייער רייכע פאַמיליע, וועלכע האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט אומגעקערט פון רוס־לאַנד. נישט לאַנג וואַרטנדיק, האָב איך אויך אָנגעהויבן צו באַקומען אַר־בעט ביי מיין צווייטן פאַך, ווי אַן איבערזעצערין פון פרעמדע שפּראַכן אויף יידיש. די עקאָנאָמישע פראַגע איז, הייסט עס, אַזוי אַרום געווען געלייזט. מיין טאָכטער האָט שטודירט יוריספּרודענץ, מיינע פּאַריתומטע אייניקלעך האָבן געלערנט אין אַ גימנאַזיע. אין 1921 זענען זיי נאָך געווען מיט זייער טאַטן, וועלכער פלעגט זיך מיט זיי זען אַ שעה אין טאָג בעתן מיטאָג־עסן. געפעלט האָט זיי גאָרנישט, ווייל זיי זענען געווען מער ביי אונדז, ווי אין זייער פּענסיאָן; קיין „שטוב" אָבער, ווי מען זאָגט, האָבן זיי נישט געהאַט. זיי האָבן שוין אָבער דעמאָלט — דער יינגל צו 11 יאָר, דאָס מיידעלע 9 — געהערט צום „השומר הצעיר" אין וואַרשע און אַזוי אַרום אין אַ געוויסערמאָס פאַרגעסן אין זייער פאַריתומטקייט.

דער „יפא"־פאַרבאַנד אין פּוילן איז געווען אַ ברייט־פאַרצווייגטע יידישע פּרויען־אָרגאַניזאַציע מיט אַ פּאָזיטיווער שטעלונג צו ארץ־ישראל. זי האָט אויך געהאַט אַ ספּעציעלע סעקציע פאַר פּראַקטישער פּאַלעסטינע־אַרבעט. דער פאַרבאַנד איז נישט געווען אַפּאָליטיש. ער האָט אַקטיוו מיט־געאַרבעט אויף אַלע געביטן פונעם יידישן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן אין לאַנד. איינע פון זיינע וויכטיקסטע אויפגאַבעס איז געווען צו פּראָדוקטיוויזירן און צוגרייטן צום לעבן די יידישע פרויען־יוגנט, נישט נאָר פון די אַרבעטער־מאַסן, נאָר אויך פונעם מיטלשטאַנד און פון די חסידישע קרייזן. פון די תלמידות אויף אונדזערע פאַך־קורסן האָבן זיך שפּעטער טאַקע אויך רעקרוטירט אַ גרויסע צאָל פון חלוצות פאַר ארץ־ישראל. די און אַלע אַנדערע אַרבעטן אין אונדזער פאַרבאַנד האָבן מיך ווידעראַמאָל שטאַרק פאַרכאַפּט.

צוריקגעקומען קיין וואַרשע בין איך פונקט בעת די שאַרפסטע קאַמפן פון די יידן אין פּוילן פאַר זייערע נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע רעכט; „מלחמות יהודי פולניה" ווי דער הויפּט־אָנפירער פון די דאָזיקע לאַנגיאָריקע קאַמפן, חבר יצחק גרינבוים, האָט אָנגערופן זיין זאַמלונג אַרטיקלען און סייב־רעדעס; — פון זיין טעטיקייט אין וואָרט און שריפט לטובת דעם קאַמף פאַר דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין פּוילן.

ווי אַ געווילטע פאַרשטייערין פון דער „יפאַ״־אָרגאַניזאַציע אינעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, איז מיר געלונגען צו אַנטוויקלען אַן אינטענסיווע טעטיקייט לטובת דעם קאַמף פאַר אונדזערע רעכט צווישן די פרויען־מאַסן פון אונדזער פאַרבאַנד. וואַלרעכט, פאַסיווע און אַקטיווע צום סיים און די שטאָטראַטן, האָבן מיר אַן שום באַגרענעצונגען באַקומען צוזאַמען מיט די פוילישע פרויען. מיר האָבן אָבער געמוזט פירן אַ קאַמף קעגן אונדזערע היימישע מאַכטהאָבערס; פאַר וואַלרעכט צו דער נייער, כלומרשט „וועלטלעכער״ יידישער קהילה. אין ווילנע און אין ביאַליסטאָק זענען די פרויען יאָ געווען פאַרטרעטן אין די קהילות, מיט דיזעלבע רעכט ווי די מענער. אין אונדזערע שטעט אָבער, באַזונדערס אין וואַרשע, האָבן די אָרטאָדאָקסן: די אגודהניקעס, די רבנים און אפילו די מזרחיסטן, בשום אופן נישט געוואָלט זיצן צוזאַמען מיט ווייבער אין דער קהילה. דעם דאָזיקן אינערלעכן קאַמף האָבן די יידישע פרויען אין פוילן אומאויפהערלעך און עקשנותדיק געפירט פון יאָר 1920 אַן ביזן סאַמע אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה פון 1939, כמעט גאַנצע צוואַנציק יאָר אַן שום דערפאָלג.

אויף אַ פּראָטעסט־מיטינג מצד דער „יפאַ״־אָרגאַניזאַציע ביי די לעצטע קהילה־וואַלן אין וואַרשע, האָט אויף זיין אַרויסטריט, דער ד״ר שיפּער ז״ל, אויפריכטיק אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט און נויטווענדיקייט פון דער פרויען־טעטיקייט אין דער קהילה. אַפילו דער מזרחי־פאַרשטייער, ה. פאַרבשטיין, האָט געהאַט דעם מוט זיך אויסצודריקן, אַז אין דער דערציִונג־אָפּטיילונג וואָלט די אַרבעט פון חברה ראַקאָווסקי, געווען זייער געווונטשן, אָבער... ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט.

ווען איך שרייב איצט די דאָזיקע זכרונות, אין יוני 1942, ווייל איך דערמאָנען, אַז נישט אין פוילן נאָר אין ארץ־ישראל, האָט די יידישע פרוי זיך אויסגעקעמפט וואַלרעכט צו די שטאָטראַטן, צו די קהילות און אַפילו צו דער אספת־הנבחרים. פאַר די זיבן יאָר — זייט 1935 — וואָס איך געפין זיך שוין צום צווייטן מאָל אין לאַנד, האָב איך זיך שוין באַטייליקט אַקטיוו אין קהילה־וואַלן אין ירושלים און איצט, צופעליק, בין איך אַ פאַסיווע אָנטיילנעמערין צו דער קהילה פון חיפה.

ווי שוין פריִער דערמאָנט, בין איך צוריקגעקומען קיין פוילן אין

סאַמע רעכטן ברעג פון דער „שטורעם און דראַנג״־עפּאָכע. ווי אַ מענטש וואָס האָט לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד געשטעלט אין צענטער פון זיין לעבן די אַרבעט פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון זיין פאָלק אין זיין אַלטער היים, און אויך דעם קאַמף פאַר זיין גלייכבאַרעכטיקונג אין דער גאָרער וועלט, — בין איך ביים אָנבליק פון דער קאַטאַסטראָפאַלער יידישער לאַגע אין פוילן, אַריינגעפאַלן אין אַ נאָך פיל שטאַרקערן יאוש. אין אַ באַזונדערע פאַרלעגנהייט האָב איך זיך אָפּט געפונען, בעת יידן פלעגן צו מיר קומען זיך אינפאָרמירן וועגן ארץ־ישראל און זיך מיט מיר אַן עצה האַלטן צי זאָלן זיי פאָרן צי נישט. וויסנדיק אַז דאָרט איז די לאַגע — לויט מיין מיינונג — אַ שלעכטע און דאָ נאָך אַן ערגערע, בין איך, כדי צו זיין אויפריכטיק, געצוווּנגען געווען צו געבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער.

— ליבער פריינט — פלעג איך צו אים זאָגן — אַ ייִד וואָס וויל און האָט די מעגלעכקייטן עולה צו זיין, פּאַקט זיך און פאָרט. יידן אָבער, וואָס זענען זיך מיישב און קומען פרעגן עצות, בלייבן תמיד זיצן אויף אַן אָרט.

מיין פּערזענלעכע עקאָנאָמישע לאַגע איז, ווי תמיד אַזוי אויך צו יענער צייט, געשטאַנען ביי מיר אויפן צווייטן פּלאַן. בפרט, אַז אין פאַר־גליך מיט דער אַלגעמיינער סיטואַציע, איז זי לגמרי נישט געווען קיין שלעכטע. אויסער דער אַרבעט אין „יפא״־פאַרבאַנד און דער גוט־באַ־צאָלטער פּריוואַטער לעקציע — מיין חבר בירנבוים האָט געהאַט אַ שטענ־דיקן פּאָסטן אין אַ יידישער שול — האָב איך שוין אויך געהאַט באַקומען אַרבעט ווי אַן איבערזעצערין. דאָס ערשטע בוך וואָס מיר איז געלונגען איבערצוזעצן, ווי נאָר איך בין געקומען קיין וואַרשע, איז געווען עריך מאַריאַ רעמאַרקס „אויפן מערב־פראָנט נישטאָ קיין נייעס״. איך שטרייך אונטער די ווערטער: מיר איז געלונגען, ווייל צוטרעטנדיק צוריק נאָך אַן איבעררייס פון אַ יאָר צייט, צו מיין איבערזעצונגס־אַרבעט, האָב איך באַשלאָסן אַז ס'איז נייטיק צו באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור קודם־כל מיט אַ וואָס גרעסערער צאָל אַנטי־מלחמה־ביכער, וועלכע זענען אין די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן דערשינען אויף פאַרשידענע אייראָפּעישע שפּראַכן. איך האָב געהאַלטן פאַר אַ פליכט צו באַקענען דעם יידישן לייע־

נער, און קודם־כל אונדזערע מוטערס און די ייִדישע יוגנט, מיט די גרויל־מעשים און שרעקנס־בילדער פון דער ערשטער וועלט־שחיטה, כדי אַרויסצורופן אַן עקל און אַ ווידערווילן צו די אומזיניקע בלוטפאַרגיסונגען און אויפוועקן און אַנטוויקלען אין זיי דעם אַנטי־מלחמה גייסט! רעמאַרקס בוך איז געווען דאָס ערשטע און לויט אַלע מיינונגען טאַקע דאָס בעסטע ווערק פונעם דאָזיקן מין, ווייל דאָס איז געווען געשריבן פון אַ יונגן מענטשן, וועלכער האָט אַליין מיטגעמאַכט און מיטגעלעבט די דאָזיקע אַלע בלוטיקע געשעענישן, וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע איז קוים אומשטאַנד זיך פאָרצושטעלן.

אין פאַרלויף פון ווינטער 1921־22 האָבן זיך די צוויי קינדער פון דער פאַמיליע צירינסקי צו מיר שטאַרק צוגעבונדן, — קיין שום שול האָבן זיי נישט באַזוכט, און האָבן זיך געגרייט צום עקזאַמען אין אַ פראַנצויזישער גימנאַזיע אין וואַרשע. זיי האָבן מיינע לעקציעס אַזוי ליב באַקומען, אַז זיי האָבן צו מיר געזאָגט, אַז קיין שום שפּראַך לערנען זיי נישט מיט אַזאַ חשק ווי עברית. אָבער צי איז דען מעגלעך צו לערנען מיט קינדער עברית אָן אַ צוזאַמענהאַנג מיט ארץ־ישראל? אין קיין ציוניסטישע סביבה זענען די קינדער נישט געוואַקסן. די מוטער האָט, וואָס אַן אמת, געשטאַמט פון אַ זייער מיוחסדיקער ייִדישער פאַמיליע, קיין ציוניסטקע אָבער איז זי נישט געווען. וואָס שייך דעם פאָטער זייערן, האָט ער זיך מיט ציוניזם כלל נישט אינטערעסירט, הגם אויף די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע פאָנדן האָט ער מנדב געווען ברייטהאַרציק און מיט אַן אָפענער האַנט. געווען איז הער צירינסקי בכלל אַ מענטש מיט אַ גרויסן שוווּנג, מיט אַ גרויסן אונטערנעמונגס־גייסט. אַן אויסערגעוויינלעך פעיִקער קאָמערציאַנט, האָט ער אין עלטער פון עטלעכע און פערציק יאָר שוין באַוויזן צו דערווערבן אַ ריזיקן פאַרמעגן. די סוחרים פון דער האָלץ־בראַנזשע האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז קומענדיק פון רוסלאַנד קיין פוילן, האָט ער אָפּגעקויפט ביי דער רעגירונג אַ גרויסן טייל פון די פוילישע וועלדער. ער איז אויך געווען אייגנטימער פון דער גרעסטער שוועבעלעך־פאַבריק אין פוילן. אין זיינע אונטערנעמונגען האָט ער באַשעפטיקט אַ גרויסע צאָל ייִדישע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, און דער גאַנצער פער־

סאָנאָל האָט אים שטאַרק געאַכט פאַר זיין אויסערגעוויינלעך־אָנשטענדי־קער באַציִונג צו אַלע זיינע מיטאַרבעטער.

בלויז פאַר איין „קאָמערציעלער" אונטערנעמונג איז מיר נישט גע־לונגען אים צו פאַראינטערעסירן, נישט געקוקט אויף מיין כסדרדיקער אַגיטאַציע: ער זאָל אינוועסטירן אַ געוויסן טייל פון זיין קאַפּיטאַל אין ארץ־ישראל, טראָצדעם וואָס ער האָט פאַרמאָגט הייזער אין בערלין און דאַנציק; ווילעס אין צאָפּאָט און אפילו אין איטאַליע, אַ חוץ גרויסע קאַ־פּיטאַלן אין פאַרשידענע אויסלענדישע בענק.

די קינדער פלעגן זיך זייער אָפּט בעטן, איך זאָל ווירקן אויפן פאָ־טער ער זאָל קויפן באָדן אין ארץ־ישראל. פאַר פסח־צייט, ווען איך האָב געלערנט מיט די קינדער די הגדה, האָב איך זיי געעצהט אַז זיי זאָלן צוגנבענען אין דער סדר־נאַכט דעם אפיקומן און אים אָפּגעבן נאָר בתנאי, אויב ער וועט זיי צוזאָגן צו קויפן באָדן אין ארץ־ישראל. די קינדער האָבן די דאָזיקע „עקספּראָפּריאַציע" אַדורכגעפירט און האָבן באַקומען פון פאָ־טער די געפאָדערטע הבטחה. באַלד נאָך פסח בין איך אויפן פאַרלאַנג פון די קינדער געגאַנגען אים דערמאָנען זיין צוזאָג.

— ווו זאָל איך קויפן באָדן, פרוי ראַקאָווסקי? — האָט ער מיך אַ פרעג געטון מיט אַ באַזונדערן טאָן, — אין אייער ארץ־ישראל?

— אָ, הער צירינסקי — האָב איך געענטפערט שוין אָן אויפגע־רעגטע, — אַז איר זאָלט עס רעדן מיטן לשון פון רשע אין דער הגדה, דאַס האָב איך פון אייך נישט דערוואַרט, און בין גלייך אַרויס פון צימער. ווען איך בין צוריק אַריין צו די קינדער האָבן זיי מיך שוין גאָרנישט געפרעגט, זיי האָבן שוין דעם ענטפער געלייענט אויף מיין פּנים...

דעם דאָזיקן פאַקט, ברענג איך נאָר ווי אַ כאַראַקטעריסטישע אילוס־טראַציע, ווי ווייט ס'איז אַטראָפירט געווען דער חוש פאַר אַ נאַציאָנאַל פאָטערלאַנד, און דער געדאַנק וועגן ארץ־ישראל אויפבוי, אפילו ביי גאַנץ אָנשטענדיקע, נאַציאָנאַל־געשטימטע ייִדן.

אין מאַי 1922, פאַר די ענדע פונעם שול־יאָר, האָט זיך פרוי צי־רינסקי געווענדעט צו מיר מיט אַ פאָרשלאָג, אַז אָנשטאָט צו פאָרן אויף אַ זומער־ווינונג, זאָל איך זיך אויף די פעריען באַזעצן מיט מיין פאַמיליע אין צאָפּאָט, זי וואָלט זייער געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן קענען פאַר־

זעצן די העברעיִשע לימודים דעם גאַנצן זומער. אַזוי ווי זיי האָבן אין צאָפּאָט אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט, וועט זי מיר רעקאָמענדירן העברעיִשע שטונדן אַזויפיל, וויפל איך וועל וועלן אַליין אָננעמען. אַחוץ דעם זענען לעבנסמיטל נישט טייערער ווי אין וואַרשע, און פאַר מיינע קינדער וועט עס זיין זייער אינטערעסאַנט. איך בין איינגעגאַנגען אויף דער פּראָפּאָזיציע און זיך באַזעצט אין אָליווע, נעבן צאָפּאָט.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און איך האָב באַקומען אין אָליווע נאָך עטלעכע זייער גוטע לעקציעס און שפּעטער אויך ביי דער פאַמיליע פון חבר יצחק גרינבוים, ביי זייערע יינגלעך. צופעליק האָט די פאַמיליע גרינבוים יענעם זומער געוווינט אין צאָפּאָט. פון אָליווע קיין צאָפּאָט האָט געדויערט מיטן צוג צוואַנציק מינוט. פון אַכט פרי ביז מיטאָג, בין איך געווען באַשעפטיקט אין צאָפּאָט, נאָכמיטאָג האָב איך געהאַט אַ גוט־באַצאָלטע לעקציע אין אָליווע גופא.

איינציקע וואָכן שפּעטער איז אויך געקומען קיין אָליווע מיין חברטע לאה פּרושאַנסקי. זי האָט גענומען אַ וווינונג אין אַ הויז בשכנות פון מיר. אירע ביידע זין האָבן דעמאָלט שטודירט אין לאָנדאָן און זי מיט איר מאַן האָבן געלעבט אין וואַרשע. אַזוי ווי די זין זייערע האָבן געוואָלט זיך זען מיט די עלטערן און זייענדיק רוסישע בירגער האָט מען זיי נישט געוואָלט געבן די פּוילישע וויזע, האָבן זיי באַשלאָסן זיך צו טרעפן אין אָליווע, נישט ווייט פון דאַנציק, ווייל אין דער פרייַשטאָט דאַנציק האָבן געקענט קומען בירגער פון דער גאַנצער וועלט.

די פאַמיליע פּרושאַנסקי זענען געווען זייער באַפריינדעט מיט אַ געוויסער פאַמיליע כהן פון לאָדזש. די מענער זענען געווען נאָך חברים פון דער שול. ביי די כהנס זענען אויך געווען צוויי זין, דער עלטערער האָט שטודירט אין ברין (טשעכיע), אויך ער איז געווען אַ רוסישער בירגער און נישט באַקומען די וויזע קיין פּוילן און ער האָט זיך נישט געהאַט געזען מיט זיינע עלטערן דריי יאָר צייט. זיי, די פריינט, האָבן זיך צונויפגערעדט און די פאַמיליע כהן איז אויך געקומען קיין אָליווע, און ווי זאָגט דאָס פראַנצויזישע ווערטל: — „די פריינט פון אונדזערע פריינט, זענען אויך אונדזערע פריינט". פלעגן מיר זיך אָפט באַגעגענען אויך מיט דער פאַמיליע כהן. באַזונדער אינטערעסאַנט איז די דאָזיקע באַגעגעניש

געווען פאַר דעם יונגוואַרג. די קינדער פון מיין חברטע לאה׳קע זענען געוואַקסן צוזאַמען מיט מיין שרהלען פון קינדהייט אָן. זומער האָבן זיי פאַרבראַכט ביי אונדז אין פּענסיאָן און צו שרהלען זענען זיי געווען צוגעבונדן ווי צו אַ ייִנגערער שוועסטער; נישט קיין וווּנדער, אַז די מאַמעס זענען זיך טרייע איבערגעגעבענע חברטעס שוין דרייסיק יאָר, הייסט עס, אַז די קינדער זענען זיך שוין פון צווייטן דור חברים. אין 1914, גלייך נאָך דעם מלחמה־אויסברוך האָבן מיר זיך צעשיידט און נישט געזען גאַנצע אַכט יאָר. מיין טאָכטער איז דעמאָלט אַלט געווען עלף יאָר. שמואל פּרושאַנסקי — זעכצן, יהושע — פופצן. איצט, אין 1922 איז שרהלע שוין סטודענטין אויפן וואַרשעווער אוניווערזיטעט, און זיי — אויפן לאַנדאָנער; נו, דאָס איז אי אָן אנגענעמע איבעראַשונג אי דאָס גיט שטאָף צום רעדן און דיסקוטירן דורך טעג און נעכט. איך אַליין בין, ווי געווײַנלעך, געווען די גאַנצע וואָך באַשעפטיקט, אויסער דעם איינעם טאָג שבת; בין איך זייער צופרידן געווען, וואָס שרהלע פאַרברענגט אַנגענעם די פעריען־צייט אין דער געזעלשאַפט פון מיין חברטע און אירע קינדער, שמואל און יהושע, און זייער חבר צבי כהן. אַז דער סטודענט צבי כהן איז נישט גלייכגילטיק צו מיין שרהלען, איז מיר אויפפאַלנד געוואָרן ערשט מיטן מאָמענט ווען איך האָב באַמערקט די אייפערזוכט פון זיין מוטער, לגבי מיין טאָכטער. נישט האַלטנדיק דעמאָלט ביי זוכן אַ חתן פאַר מיין נײַנצניעריקער טאָכטער, האָב איך בכלל אויף דעם גאַנצן ענין נישט רעאַגירט.

סוף יוני — אַ חודש נאָך אונדזער קומען קיין אַליווע — באַקום איך פּלוצים אַ טעלעגראַמע פון וואַרשע, אַז מיינע אייניקלעך קומען קיין אַליווע; איך זאָל זיי באַגעגענען אויפן וואָקזאַל אין דאַנציק. מיין איבעראַשונג, בעיקר מיין אומרויִקייט ביז איך האָב זיי דערזען איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. די קינדער האָבן בלויז געוווּסט צו דערציילן אַז דער פאָטער זייערער האָט זיי אַרויסגערופן פון גראַיעווע און זיי דערלויבט צו פאָרן צו דער באָבען קיין אַליווע. נאַטירלעך, זענען זיי גערן געפאָרן. וועגן מיין שמחה זיי ביי זיך צו האָבן איז פאַרשטייט זיך, איבעריק צו דערציילן.

די גאַנצע פאַר יאָר וואָס מיין טאָכטער שרהלע האָט געלערנט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט, האָט זי זיך געריסן צו פאָרן קיין אויסלאַנד.

זי איז זייער נישט צופרידן געווען פון די פּוילישע פּראָפעסאָרן און זי האָט אויך שטאַרק געליטן פון דעם אָפענעם אַנטיסעמיטיזם מצד דער פּוילישער אַקאַדעמישער יוגנט לגבי זייערע ייִדישע קאָלעגן. מיר איז אָבער זייער שווער געווען זיך מיט איר צו שיידן און איך האָב זיך באַמיט אויף איר צו ווירקן, זי זאָל כאָטש פאַרענדיקן דעם יורידישן פאַקולטעט און אַז ווען זי וועט אַלט ווערן צוואַנציק יאָר, וועט זי נאָך אויך באַוויזן צו פאָרן קיין אויסלאַנד אויף אַן אַנדער פאַקולטעט.

טרעפנדיק זיך צופעליק מיט סטודענטן פון אַנדערע אוניווערזיטעטן, האָט זיך די דאָזיקע שטרעבונג — אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד — ביי איר פאַרשטאַרקט. אָנהייב אויגוסט איז זיך דער יונגער עולם צעפאָרן, דער ערשטער — דער יונגער סטודענט צבי כהן און אין עטלעכע טעג שפּעטער — די ברידער פּרושאַנסקי.

נאָכדעם ווי מיין חברטע לאה און די איבעריקע מיטגלידער פון דער פאַמיליע כהן האָבן פאַרלאָזן אַליווע, זענען מיר — איך און מיין פאַ־מיליע — אַריבערגעפאָרן קיין צאָפּאָט; נאָכן הויך־סעזאָן זענען צימערן דאָרט געווען ביליק און צוליב מיינע לעקציעס איז מיר דאָרט געווען פיל באַקוועמער. נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט וואָס האָט מיך באַוויגן צו בלייבן אין צאָפּאָט וואָס לענגער — לפחות איבער אַלע ימים־טובים, — איז געווען, וואָס אין וואַרשע האָב איך נישט געהאַט קיין אָרט וווהין צו נע־מען מיינע אייניקלעך, וועלכע דער פאָטער זייערער האָט אַנטגילטיק גע־לאָזן ביי מיר, — ער אַליין איז אַוועק צוערשט קיין בערלין און שפּעטער קיין ארץ־ישראל. אין די צוויי קליינע צימערן ווו מיר — מיין חבר בירנ־בוים און אונדזער טאָכטער — האָבן געוווינט זאַלבעדריט, איז נישט מעג־לעך געווען זיי צו ברענגען, ווען אַפילו מיר זאָלן וועלן זיך ענג־מאַכן און ווי נישט איז זיך איינאָרדנען מיטן שלאָפן.

דערווייל האָט מיין טאָכטער זיך אָנגעהייבן צו לאַנגווייליקן. אין איין שיינעם טאָג האָט זי מיר צוויסן געטון, אַז אויב מיר האָבן בדעה צו בלייבן אין צאָפּאָט אין פאַרלויף פון גאַנצן חודש תשרי, פאָרט זי איינע אַליין אַוועק קיין וואַרשע. האָב איך איר רויק געפרעגט, וואָס איז די איילעניש מיטן פאָרן קיין וואַרשע ? די אוניווערזיטעט, — האָב איך גע־

זאָגט — עפּנט זיך דאָך ערשט אין אָקטאָבער, וואָס־זשע וועט זי דאָרט טון איינע אַליין?

זי האָט אַביסל אויסגעוואָרט מיטן ענטפערן אויף מיין פראַגע. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי מיר פאַרטרויט איר סוד:

— כהן האָט מיר געמאַכט אַן ערנסטן פאָרשלאָג. איך האָב אים אָבער דערקלערט, אַז איך קען אים אַ צו קורצע צייט, איך זאָל זיך קענען באַשליסן אויף אַזאַ ערנסטן שריט. איך האָב אים אָבער צוגעזאָגט צו קאָרעספּאָנדירן. אָבער פון דאַנעט איז עס מיר נישט באַקוועם און דעריבער וויל איך פאָרן קיין וואַרשע.

קיין איבעראַשונג איז עס פאַר מיר נישט געווען. לעצטנס האָט שוין מיין מוטערלעכער חוש מיר געזאָגט, אַז מיין טאָכטער לעבט איבער עפּעס אַ זייער ערנסטן מאָמענט. איך האָב איר נישט געוואָלט שטערן און אין צוויי טעג אַרום איז זי אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע.

מיר, — איך און מיין חבר בירנבוים — זענען מיט די אייניקלעך געבליבן אין צאָפּאָט, כמעט אַ גאַנצן מאָנאַט. זיי האָבן זיך גוט פּאָפּראַוועט און זיי זענען געווען צופרידן וואָס זיי וועלן איצט צוריק זיין מיט אונדז.

גאַנצע דריי וואָכן נאָך אונדזער צוריקקומען קיין וואַרשע, האָב איך מיט די קינדער געוועכטיקט אין ביוראָ פונעם פּרויעז־פאַריין, ביז מיר איז ענדלעך געלונגען צו באַקומען אַ צימער אין זעלבן הויף ווו מיר האָבן געוווינט. די קינדער האָבן זיך געלערנט אין זייערע שולן און אַלץ איז ווידער אַוועק מיטן נאָרמאַלן גאַנג.

די קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם סטודענט צבי כהן מיט מיין טאָכטער איז געוואָרן זייער אַן אָפטע און אַ לעבהאַפטע. עס האָבן זיך זיכער שטאַרק פאַרגרעסערט די הכנסות אויף די פּאָסט־אַמטן אין פּוילן און אין טשעכיע. דאָס האָט איר אָבער צום לערנען נישט געשטערט, זי האָט ווייטער באַזוכט דעם יורידישן פאַקולטעט. אין אַ געוויסן טאָג, אָנהייב דעצעמבער, האָב איך באַקומען פון אים אַ פּערזענלעכן בריוו, אין וועלכן ער שרייבט מיר וועגן זיינע ערנסטע, אויפריכטיקע ליבע־געפילן צו מיין סאַליען; אַז ער איז גליקלעך וואָס די סימפּאַטיע איז אַ קעגנזייטיקע, און ער בעט מיך אַז איך זאָל נישט שטערן זייער גליק. ער וואָלט — שרייבט ער מיר — גערן געקומען אויף די ווינטער־פעריען קיין וואַרשע, נאָר

זייענדיק אַ רוסישער בירגער און נישט באַקומענדיק קיין פּוילישע וויזע, איז עס אים אוממעגלעך. ווי אים איז אָבער באַקאַנט וויל סאַליע פֿאָרן קיין אויסלאַנד, וואָלט, לויט זיין מיינונג, געוועזן דאָס ריכטיקסטע, איך זאָל מסכים זיין, זי זאָל קומען לערנען אויף איינעם פון די טשעכישע אוני־ווערזיטעטן. זאָל זי קומען — שרייבט ער — קיין ברין, וועלן זיי זיך דאָרט באַראַטן און באַשליסן ווו און וואָס זי זאָל שטודירן. פאַרענדיקט דעם בריוו האָט ער מיט דעם, אַז ער האָט וועגן דעם אַלעם אויך געשריבן צו זיינע עלטערן קיין לאָדזש.

בערך אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם דערהאַלטענעם בריוו, זענען צו אונדז קיין וואַרשע געקומען זיינע עלטערן, שוין ווי מחותנים, און געבעטן מיר זאָלן נישט שטערן סאַליען צו פאָרן קיין ברין צו זייער זון, און קודם די טאָכטער איינגעלאַדן צו גאַסט צו זיך אַהיים, קיין לאָדזש.

ווי שווער עס איז מיר נישט געווען דאָס שיידן זיך מיט מיין שרהלען, האָב איך דאָך איר אָנגעהויבן צוצוגרייטן צו דער רייזע קיין אויסלאַנד. די פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן: אויסלענדישער פּאַס, די נויטיקע וויזעס, האָבן גענומען עטלעכע וואָכן צייט. קורץ פאַר איר רייזע האָט זי געווילט ביי זיינע עלטערן אין לאָדזש העכער אַ וואָך צייט. אַהיימקומענדיק האָט זי מיר איבערגעגעבן, אַז ווען זי וואָלט באַדאַרפן דאָרט פאַרבלייבן נאָך עטלעכע טעג וואָלט זי אַנטלאָפן, אַזוי שווער האָט זי זיך געפילט אין דער ראָל פון זונס „כלה", ווי מען פלעגט איר כסדר פאָרשטעלן פאַר באַקאַנטע.

אָנהייב דעצעמבער 1922 איז זי אָוועקגעפאָרן קיין ברין, ווו זי האָט פאַרבראַכט נאָר אַ קורצע צייט. פון דאָרט איז זי אָפּגעפאָרן קיין ווין, ווו זי איז אַריינגעטראָטן אין דאָרטיקן אוניווערזיטעט אויפן היסטאָריש־פי־לאָזאָפישן פאַקולטעט. זעענדיק ווי דאָס אַלץ שטערט איר נישט צום וויי־טערדיקן שטודירן, האָב איך זיך איינגעגעבן באַרויִקט.

צווישן די פאַרשידענע אינסטיטוציעס און לערן־אַנשטאַלטן ביי אונ־דזער „יפה"־פאַרבאַנד, האָבן מיר אויך — ווי געזאָגט — געהאַט אַ פאַך־שול פאַר מיידלעך, דאָס רוב פון די ווייניק־באַמיטלטע שיכטן און אַ גרויסע צאָל פון זיי האָבן געלערנט איינגאַנצן אומזיסט. פאַרשטייט זיך, אַז די שול האָט אויך געהאַט אַ גרויסן דעפיציט. אַלע אונדזערע באַמיִונ־

גען צו באַקומען אַ סובסידיע פון דער „יקא" און שפּעטער פון „אָרט" זענען געבליבן אָן אַ רעזולטאַט.

אין יאַנואַר 1923 איז געקומען קיין וואַרשע דער נייער אינספּעקאָר איבער די „אָרט"־שולן פאַר גאַנץ פּוילן, דער אינזשיניער ל. פּרענקל. ער איז געווען מיינער אַ גוטער באַקאַנטער פון ווילנע נאָך — אגב, אַ ברודער פון מיין עלטסטער שוועגערין — איך האָב אים איינגעלאַדן צו קומען באַזוכן אונדזער פאַך־שולע פאַר מיידלעך וועלכע האָט זיך געפונען אונ־טער מיין ליטונג. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט און איז געקומען. די שול האָט אויף אים געמאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק. דאַן האָב איך אים גאַנץ אָפן דערקלערט, וואָס איך בין אויסן געווען מיט מיין איינלאַדונג, אים דערציילט דעם אמת, אַז די שול איז איבער מאַנגל אין מיטלען שטאַרק באַדראָט אין איר ווייטערדיקער עקזיסטענץ און אים דרינגענד געבעטן אַז ער זאָל זיך באַמיִען אַז די „אָרט"־פאַרוואַלטונג זאָל באַשטי־מען פאַר אונדזער שול אַ מאָנאַטלעכע סובסידיע.

אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט, אַז ביי זיין בעסטן ווילן קאָן ער דאָס נישט דורכפירן, ווייל „אָרט" סובסידירט אויסשליסלעך נאָר די שולן, וועלכע זי גרינדעט אַליין, אָבער נישט אַזעלכע, וועלכע געפינען זיך אונטער דער אָנפירונג פון אַנדערע געזעלשאַפטן. אָבער, האָט ער פאָרגעזעצט, איך האָב פאַר אייך, פרוי ראַקאָווסקי, אַ פּאַסנדיקן פאָרשלאַג, ווי אַזוי צו ראַטעווען די עקזיסטענץ פון אייער שול, נאַטירלעך, אויב פאַר אייערע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער זענען זייערע פּאַרטיי־אַמביציעס נישט וויכטיקער ווי די שול גופא. די „אָרט"־שול פאַר מיידלעך אין וואַרשע, זוכט אַ פּעדאַגאָגישע ליטערין; דער ריכטיקסטער אויסוועג איז, לויט מיין מיינונג, אַז איר, צוזאַמען מיטן גאַנצן קאָמפּלעט פון אייערע תלמידות זאָלן אַריבערגיין אין דער „אָרט"־שול. אייער לאָקאַל, די מאַשינען און די איבעריקע שול־איינריכטונגען דאַרף „אָרט" נישט צו האָבן. איר קענט דעם לאָקאַל אויסנוצן פאַר אַן אַנדער אונטערנעמונג, וועלכע — ווי לויט איך האָב געהערט — פאַרמאָגט זיי אייער „יפא"־פאַרבאַנד אין אַ באַדייטנדי־קער צאָל. איר ריזיקירט אייגנטלעך נישט מיט קיין שום זאַך, איר גיט בלויז אייערע תלמידות די מעגלעכקייט פאָרצוזעצן זייערע לימודים און איר האָט דאָס רעכט אָנצונעמען אויף להבא אויך נייע שילערינס. מיר

האָבן צו אייך, פרוי ראַקאָווסקי, נאָר איין פאָדערונג, אַז איר זאָלט אָנ־נעמען דעם פּאָסטן פון אַ פאַרוואַלטערין אין דער „אָרט״־שול.

איך האָב אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט, צוגעזאָגט פאָרצושטעלן דעם גאַנצן ענין דער פאַרוואַלטונג און אים געבן בקרוב תשובה.

איך האָב גלייך גערופן אַן עקסטרע־זיצונג פון קאָמיטעט, און אויך איינגעלאַדן אַ געוויסע צאָל אַקטיווע חברות, רעפערירט אָביעקטיוו און אויספירלעך דעם גאַנצן ענין און צווישן אַנדערס געזאָגט אָט־וואָס:

— מיר שטייען איצט פאַר דער אַלטערנאַטיוו: אָדער צו ליקווידירן די שול, אָדער איבערצוגיין אין „אָרט״. און איך האַלט, אַז פון צוויי „שלעכטס״ דאַרף מען אויסוויילן דאָס קלענערע. אין דעם שותפות מיט „אָרט״ לייגן מיר גאָרנישט אַריין. פאַרקערט, מיר גיבן נאָך אונדזערע תלמידות די מעגלעכקייט צו לערנען ביי בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען, און פּאַקטיש בלייבן זיי ווייטער אונטער אונדזער אויפזיכט, ווייל דעם גייסט אין שול, טראָגט נאָר אַריין די פּערזאָן וואָס שטייט אין איר שפּיץ, און נישט די לייטונג פון אירע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס. מיין פּערזענלעכע פראַגע קומט דאָ לגמרי נישט אין באַטראַכט, ווייל איך וועל זיך אונטער־וואַרפן יעטוועדן באַשלוס וואָס אונדזער איצטיקע זיצונג וועט נאָר אַרויס־טראָגן; בלייבט אונדזער שול עקזיסטירן ווייטער, רעזיגניר איך אויפן פּאָסטן פון „אָרט״. אַחוץ אַלעם מיין איך, אַז מיר קענען דעם גאַנצן ענין באַטראַכטן אַלס אַ מין „גיכע הילף״, אַ צייטווייליקן אויסוועג, ווייל איך האָב די פעסטע איבערצייגונג, אַז אונדזער פאָרזיצערין, פרוי רחל שטיין, וועט ווי אַ ראַטמאַן־מיטגליד אין וואַרשעווער שטאָטראַט, זיכער געלינגען צו באַקומען די נייטיקע סובסידיעס פאַר אַלע אונדזערע אינסטיטוציעס, און דעמאָלט עפענען מיר צוריק אונדזער פאַך־שול.

עס האָט זיך אויף דעם אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע און ערנסטע דיס־קוסיע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט כמעט אַלע אָנוועזנדע חברים, טראָצדעם וואָס עס האָבן זיך געהערט שטימען קעגן, איז אָבער די מערהייט געווען פאַרן פאָרשלאַג.

איך האָב דעם אינזשיניער פרענקל איבערגעשיקט דעם טעקסט פון־נעם פּאָזיטיוון ענטפער פון אונדזער קאָמיטעט, און נאָכדעם, ווי אַלע געהעריקע פאָרמאַליטעטן זענען אין „אָרט״ דערלײדיקט געוואָרן, האָב

איך באַקומען די אָפיציעלע מעלדונג פון ד״ר מ. זילבערפאַרב, דעם דע־מאָלטיקן דירעקטאָר פון די „אָרט״־שולן אין פוילן, אַז פון ערשטן פעברואַר 1923 אָן, בין איך אַנגאַזשירט ווי אַ פאַרוואַלטערין פון דער „אָרט״־שול פאַר מיידלעך אין וואַרשע מיט אַ געהאַלט פון 300 זלאָ־טעס מאָנאַטלעך פאַר זעקס שעה אַרבעט טעגלעך.

נאָכדעם ווי איך האָב געאַרבעט אַ צען חדשים אין דער „אָרט״־שול איז אונדזער ראַטמאַן, פרוי רחל שטיין,ווירקלעך געלונגען אויסצו־ווירקן אַ סובסידיע פון וואַרשעווער שטאָטראַט, אַחוץ פון אַנדערע ספּע־ציעל־געגרינדעטע הילפס־אָרגאַניזאַציעס פאַר קולטור־אַרבעט אין פוילן. און מיר האָבן צוריק געעפנט אונדזער פאַך־שול פאַר מיידלעך. קיין שי־לערינס האָבן אונדז נישט געפעלט.

פאַר דער „אָרט״־שול האָט נאָך מיין אַוועקגיין די שול־פאַרוואַלטונג איינגעלאַדן נישט קיין פּעדאַגאָגישע נאָר אַ קוואַליפיצירטע פאַך־קראַפט — אַ קריסטין פון דייטשלאַנד.

אין מאַי 1924, האָט כהן געענדיקט זיין שטודיום און איז געפאָרן פון ברין קיין פּראַג זוכן אַרבעט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט באַקומען אַ פּאָסטן אַלס בוי־אינזשיניער אין אַ גרויסער פּריוואַטער פירמע. איבער געוויסע שטערונגען בנוגע זייער בירגערשאַפט — כהן האָט געהאַט אַ נאַנסן־פּאַס נאָך ווי אַ פּליט פון צאַרישן רוסלאַנד, — מיין טאָכטער ווידער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון איר פּוילישער בירגערשאַפט, האָט דער ראַבינאַט אין פּראַג נישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט זיי געבן קיין חופה־וקדושין. נאָכן אַדורכפירן די געהעריקע פאָרמאַליטעטן איז זיי דאָך געלונגען חתונה צו האָבן ציוויל אין דער פּראָגער מוניציפּאַליטעט. ערשט מיט אַ יאָר שפּעטער איז כהנס עלטערן, נאָך אַ לאַנגער פּראָצעדור, דאָך געלונגען אַרויסצוקריגן פאַר אים די פּוילישע בירגערשאַפט — מחמת זיין געבורט־שטעטל — לונע.

אין אויגוסט 1924 האָב איך פאַרלאָזן מיין פּאָסטן אין „אָרט״. די לעקציעס ביי די צירינסקיס האָבן זיך אויך געענדיקט, ווייל די קינדער זענען אַריין לערנען אין דער פראַנצויזישער גימנאַזיע. די גרויסע גע־שעפטן וואָס צירינסקי האָט געפירט, האָבן באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ פונעם מלוכה־מאָנאָפּאָל; זיין גרויסע שוועבעלעך־פאַבריק האָט די רע־

גירונג מאַנאַפּאַליזירט און אַחוץ דעם האָבן זיי אַרויפֿגעלייגט אויסער־געוויינלעך־גרויסע שטייערן אויף זיינע פֿאַרשידענע וואַלד־ און האָלץ־געשעפֿטן. פֿון עגמת־נפֿש האָט ער באַקומען אַ שווערע אומהיילבאַרע קראַנקייט — „לעוקעמיע״ — זיך קורירט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד און געשטאָרבן אין עלטער פֿון עטלעכע און פֿערציק יאָר.

נאָך זיין טויט האָט זיין פֿרוי ליקווידירט די געשעפֿטן און מיט דעם איבערגעבליבענעם קאַפּיטאַל איז זי, צוזאַמען מיט די קינדער, אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז. אין יאָר 1936 זענען זיי געקומען אויף אַ קורצן באַזוך אין ארץ־ישראל. אין יאָר 1938 איז דער זון געקומען שוין צום צווייטן מאָל אין ארץ־ישראל, אַליין. ער איז געווען ביי מיר אין ירושלים עטלעכע מאָל, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער פֿאָרט צוריק כדי אַריבערצובריינגען זיין מוטער און די שוועסטער. צום גליק האָבן זיי נאָך באַוויזן צו קומען אַהער האַרט פֿאַר דעם קריגס־אויסברוך. דאָס־מאָל איז די טאָכטער שוין אַראָפּגעקומען אַהער ווי אַ דיפּלאָמירטע לופֿט־פֿליערין. אויפֿן אַעראָדראָם אין לוד האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַ יינגן ייִדישן פֿליִער פֿון אַ זייער רייכער פֿאַמיליע — אַ באַוווּסטע קירשנער האַנדלס־פֿאַמיליע אין תל־אביב — און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס פֿליִער־פּאָרל האָבן מיט מזל חתונה געהאַט. און ווי זאָגן די ווייבער: — הלוואי אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן, אפֿילו אין אַ סאָציאַליסטיש ארץ־ישראל...

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

אין אויגוסט 1924, האָב איך ווידער באַקומען אַ פּאָסטן אין סעקרע־טאַריאַט, פֿון „יפֿא״־פֿאַרבאַנד און אויסער דעם געאַרבעט ביי מיינע שטענדיקע איבערזעצונגען. די אייניקלעך האָבן פֿלייסיק געלערנט. דאָס מיידל איז געווען אין פֿערטן קלאַס; דאָס ייִנגל שוין אין זעקסטן קלאַס גימ־נאַזיע. און צו דעם נאָך שוין איינער פֿון די אַקטיווסטע מדריכים פֿון „השומר הצעיר״. זיינע חברים פֿלעגן מיר תמיד זאָגן, אַז אַזוי ווי אַלעק — אַזוי האָבן זיי אים גערופֿן — (געהייסן האָט ער אריה־שמואל) פֿירט אויס יעדע אַרבעט וואָס ער נעמט אויף זיך, קאָן דאָס קיינער נישט מאַכן.

צו יענער צייט האָט די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון די ייִדן אין פּוילן פאַרשטאַרקט די ציוניסטישע באַוועגונג. אין די יאָרן 1924—1926 איז די עליה — אמת נאָר צייטווייליק — אויסערגעוויינלעך געשטיגן. דער פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע איז נישט בלויז געווען אַ וויכטיקע נאַציאָנאַלע פּאָלקס־אינסטיטוציע, נאָר האָט גלייכצייטיק געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ גראַנדיעזער עמיגראַציע־געזעלשאַפט אויף אַ גוט־פּראָס־פּערירנדיקער קאָמערציעלער באַזע.

מיין עקאָנאָמישע לאַגע איז דעמאָלט אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ שווערע און איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו רעדן מיט איינעם פון די פּאַרטיי־פאַרשטייערס אין דער פּאַלעסטינע־קאָמיסיע וועגן אַ פּאָסטן אין פּאַלעסטינע־אַמט. געווענדעט האָב איך זיך צו ד״ר יהושע גאָטליב — געקענט האָב איך אים, ווי איבעריקנס אַ היפּשן עולם פון פּאַרטיי־חברים, נאָך פון זיינע סטודענטן־יאָרן אין דער שווייץ — געהערט האָט ער טאַקע צו „עת לבנות״, דאָס הייסט אין אַ געוויסן זין אַ אידעאָלאָגישער קעגנער, אַ ייִד איז ער אָבער געווען אַ קלוגער; נאָך אַן ערנסטן און קורצן שמועס האָט ער מיר צוגעזאָגט זיך צו זען מיטן חבר באַרלאַס, דעם דעמאָלטיקן לייטער פונעם פּאַלעסטינע־אַמט.

אויפן צווייטן טאָג בין איך אַוועק צו באַרלאַסן און פון אים באַ־קומען דעם פּאָסטן.

די ערשטע עטלעכע וואָכן איז עס מיר טאַקע געגאַנגען שווערלעך. איך האָב זיך אָבער מיט דער צייט צוגעפּאַסט און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און איך האָב מיר געמאַכט די אַרבעט אינטערעסאַנט. אַחוץ מיט די קאַרטאָטעקן האָב איך זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו אינטערעסירן הויפּטזאַכלעך מיט די מענטשן פאַר וועלכע איך האָב געשריבן די פאַר־שיידענע פאָרמולאַרן און צוגעגרייט זייערע פּאַספּאָרטן. די דאָזיקע אַרבעט איז נישט געווען בלויז אינטערעסאַנט, נאָר טאַקע אויך זייער נויטווענ־דיק. אין פּאַלעסטינע־אַמט האָבן דעמאָלט געאַרבעט 74 באַאַמטע, און איך בין געווען די פינפאונזיבעציקסטע. דער גאַנצער פּערסאָנאַל איז לרוב באַשטאַנען פון יונגע בחורים און מיידלעך און אַ קליינער טייל פון פאַמיליע־מענטשן, די איינציקע עלטערע באַאַמטין בין איך עס געווען. די ביוראָ — אויף מאַריאַנסקע נומער 7 — האָט פאַרנומען גאַנצע דריי

שטאָק: די אַרבעט, באַזונדערס בעת דעם אָפּגאַנג פון די טראַנספּאָרטן, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך אָנגעשטרענגטע. קיין ביוראָקראַטיזם מצד די באַאַמטע אין באַצוג צו די עולים האָט אויך נישט געפעלט — וואָס עס האָט יאָ געפעלט, איז דווקא די געהעריקע באַציִונג. דאָס גוטע וואָרט, דער מיטגעפיל און די פאַרשטענדעניש פאַר די איבערלעבענישן פון מענטשן־וואַנדערער — ווען אַפילו פרייוויליקע — וואָס לויפן פון זייערע ביזאיצטיקע איינגעזעסענע היימען אמת טאַקע קיין ארץ־ישראל. אין זייער נאַציאָנאַלער היים — אָבער ווער פון אונדז קען זיי גאַראַנטירן, אַז דאָס וועט שוין זיין זייער לעצטע וואַנדערונג? מיין פליכט — האָב איך געטראַכט — איז, אַז זיצנדיק אין ביוראָ דאַרף איך פאַרלייכטערן ווי ווייט מעגלעך די שווערע איבערוואַנדערונגס־מאָמענטן פון די דאָזיקע מענטשן. אין געוויסער מאָס איז עס מיר אויך געלונגען, נישט געקוקט אויף דעם וואָס געוויסע ביוראָ־שעפן זענען אפשר נישט געווען צופרידן פון מיין „שתדלנות״־אַרבעט, צום ביישפיל ביי געוויסע פאַלן וועגן פאַרקלענערן דעם באַשטימטן אָפּצאָל, הנחות פאַר שיפסקאַרטן, ביליקערע באַן־בילעטן אאַ״וו, זיי פלעגן אָבער מיינע אינטערווענץ־ביטעס תמיד דערפילן.

אַ באַזונדערע פלאָג — אַ מכה שלא כתובה בתורה — איז אין דער צייט פון די פאַרגרעסערטע עליות געווען די אין וואַרשע ענערגיש־אַרבעטנדיקע קאָמבינאַטאָרן און גנבים־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פלעגן בעת יעדן גרעסערן טראַנספּאָרט אויסנאַרן ביי די עולים זייערע לעצטע פּאָר גראָשן, אָפּטמאָל אַפילו אין טויער, אָדער אויף די שטיגן פון פּאַלעסטינע אַמט גופא. עס האָבן נישט געהאָלפן די אָפטע וואָרענונגען אין דער פרעסע און אַלע אַנדערע אָנגענומענע מיטלען; די פּראָווינצער עולים פלעגן כסדר אַריינפאַלן אין די נעץ פון די דאָזיקע שווינדלערס.

אַן אינטערעסאַנטער פאַל, וואָס האָט פּאַסירט נאָך אין יאָר 1934, איז מיר פאַרבליבן עד־היום אין זכרון אין איינעם אַ טאָג איז מיר געלונגען איינעם פון די דאָזיקע לייט צו פאַרהאַלטן; אויסערלעך האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ סוחרישן ייִדן אין די מיטעלע יאָרן און עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז גאָר פעיִק אויף אַזעלכע מעשים. אויפן פאַרהער ביים חבר שאַפּאַר — דעם דעמאָלטיקן

קאָמיטעט־לייטער — האָט ער זיך געהאַלטן זייער רויק, אויפמערקזאַם אויסגעהערט אַלץ וואָס חבר שאַפּאַר האָט צו אים געזאָגט און לסוף גע־ענטפערט:

— גיט מיר, הער שאַפּאַר, אַזאַ פּאָסטן ווי איר פאַרנעמט, וועל איך נישט דאַרפן זוכן קיין זייטיקע פּרנסות...

אַרעסטירט האָט מען אים נישט.

שרייבנדיק איצט, מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער וועגן מיין אַרבעט און מיינע איבערלעבונגען אין פּאַלעסטינע־אַמט דעמאָלט, דערמאָן איך זיך אַן אָנגענעמע, פּערזענלעכע איבעררעשונג וואָס האָט מיר צו יענער צייט געמאַכט דער חבר דוד רמז ז״ל.

אין זומער 1925 איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע אַן אינטערנאַציאָנאַ־לער אַרבעטער־קאָנגרעס, אין וועלכן ס׳האָט אויך אָנטייל גענומען אַ דעלע־גאַציע פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. בעת די באַגריסונגען האָט די דעלעגאַציע געפאָדערט מען זאָל זיי דערלויבן באַגריסן אין עברית. מען האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט אָבער דערלויבט. נאָך דער באַגריסונג האָט זיך דער פאַרזיצער געווענדט מיט אַ באַמערקונג צום רעדנער: אַז ליידער האָט קיינער פון די אַנוועזנדיקע זיין רעדע נישט פאַרשטאַנען. מיין זון, וועלכער פאַרנעמט שוין זינט יאָרן דעם אַמט פון אַ געשווווירענעם איבערזעצער אויף אַלע קאָנפערענצן און קאָנגרעסן, האָט זיך דעמאָלט אָפּגערופן, אַז ער וועט די רעדע איבערזעצן אויף רוסיש. דער פּרעזידיום, וויסנדיק אַז ער איבערזעצט פון 10 שפּראַכן גלייך אויפן אָרט, האָט זיך נישט געוווּנדערט, אַז ווי אַ ייִד פאַרשטייט ער אויך עברית. געוווּנדערט האָבן זיך אָבער נאָר די ארץ־ישראל חברים. ביי דער הפסקה האָט זיך חבר רמז פאַראינטערעסירט צו וויסן פון וואַנען נעמט זיך דאָ אַ ייִד וואָס זאָל גלייך אויפן אָרט איבערזעצן פון עברית אויף רוסיש; איז ער צוגעגאַנגען צום איבערזעצער און אים געפרעגט ווער ער איז, און באַקומען דעם ענטפער, אַז ער איז מיין זון. צוריקפאָרנדיק קיין ארץ־ישראל דורך פּוילן האָט מיך דוד רמז אויפגעזוכט און אַ צופרידענער מיר איבערגעגעבן אַ פּערזענלעכן גרוס פון מיין זון. ווייזט אויס, אַז גירסאָ דינקותא האָט אַ סך צו זאָגן און איז אַן ענין אַפילו אין סאָוויעט־רוסלאַנד...

די אַרבעט אין פּאַלעסטינע־אַמט האָט מיך פּאַקטיש נישט בלויז צו־

פרידנגעשטעלט, נאָר ממש פאַרכאַפּט. צו דער אַרבעט פלעג איך קומען! די ערשטע און אַוועקגיין פלעג איך די לעצטע. נישט איינמאָל פלעגן מיר די חברים מאַכן די באַמערקונג: אַז ביי מיר איז לגמרי נישט אַנטוויקלט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוווסטזיין. אויף דעם האָב איך זיי געענטפערט, אַז פאַר מיר איז אונדזער ביוראָ נישט קיין פּערזענלעכער פאַרזאָרגונגס־אַנשטאַלט, נאָר אַ פאָלקס־אינסטיטוציע פאַר עליה פון ייִדן קיין ארץ־ישראל.

נאָך אַ מאָמענט — זייער אַ וויכטיקער — האָט מיך שטאַרק פאַר־אינטערעסירט, ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין פּאַלעסטינע־אַמט:

אין דער פּאַלעסטינע קאָמיסיע, וועלכע איז געווען אַ צוזאַמענשטעל פון פּאַרטיי־פאָרשטייערס און „החלוץ"־אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע עס זענען געווען אַ גרויסע צאָל פרויען, האָט זיך נישט באַטייליקט קיין איין פרוי. דער „יפא"־פאַרבאַנד, ווי אַ נישט ריין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, האָט אויף אַזאַ פּלאַץ נישט געקענט פּרעטענדירן; פאַרוואָס־זשע האָבן אויף דעם נישט רעאַגירט די חברות פון די געמישטע אָרגאַניזאַציעס און בעיקר דער החלוץ? קיין וווּנדער איז עס נישט, ווייל ווען און וווּ זענען עס נישט פרויען מוותר אַפילו אויף זייערע אָנערקענטע רעכט?

ווי אַ צוגאָב צו דער פּאַלעסטינע־קאָמיסיע איז שפּעטער אויך אַנט־שטאַנען אַ קוואַליפיקאַציע־קאָמיסיע. די לעצטע אינסטאַנץ, וועלכע פלעגט באַשליסן דעם גורל פון יעטוועדן עולה, אויך אין דער דאָזיקער קאָמי־סיע, האָט נישט פיגורירט קיין שום חברטע. די סעקציע פאַר פּראַקטישער פּאַלעסטינער אַרבעט ביים „יפא"־פאַרבאַנד האָט זיך — ווי געזאָגט — הויפּטזאַכלעך באַשעפטיקט מיט צוגרייטן די פרויען־יוגנט דורך פאַך־בילדונג פאַר ארץ־ישראל. לויט מיין פאָרשלאָג האָבן מיר זיך געווענדט מיט אַ פאָדערונג צו דער קוואַליפיקאַציע־קאָמיסיע וועגן באַשטימען אַ פּלאַץ פאַר אַ פאָרשטייערין פון אונדזער פרויען־פאַרבאַנד אין דער דאָזי־קער קאָמיסיע. דעם פאָרשלאָג האָט די קוואַליפיקאַציע־קאָמיסיע אַקצעפּ־טירט. און דער פרויען־פאַרבאַנד האָט מיך דעלעגירט ווי איר פאָרשטייערין אין דער דאָזיקער קאָמיסיע.

גלייך אויף די ערשטע זיצונג האָב איך זיך איבערגעצייגט ווי וויכטיק

עס איז דער אָנטייל פון אַ פּרוי אין דער דאָזיקער קאָמיסיע כדי צו פאַר־טיידיקן די אינטערעסן פון די חלוצות און סתם עמיגראַנטקעס, אַפילו בנוגע דער באַציִונג מצד די אייגענע חברים גופא.

די נייע פאַראָרדענונג וועגן שעדיולן־ און סערטיפיקאַטן־סיסטעם האָט צווישן אַלע אַנדערע באַגרענעצונגען אויך געהאַט באַגרענעצט דאָס געבן פּרויען — סערטיפיקאַטן, דערפאַר אָבער דערלויבט יעדן אומפאַרהייראַטן חלוץ, אָדער סתם עולה, מיטצונעמען אויף זיין סערטיפיקאַט אַ בחורה. די פרויען־יוגנט איז דעריבער געווען אינגאַנצן אָנגעוויזן אויפן חסד פון די חברים. די דאָזיקע דערנידערנדיקע גזירה האָט געבראַכט פאַטאַלע רעזולטאַטן, אָפטמאָל אַפילו דערפירט צו טראַגעדיעס. עס האָט זיך אָנ־געהויבן אַ סדרה פון פיקטיווע חתונות. און אַנדערש האָט מען דאָך דאָס מיידל נישט געקענט מיטנעמען. צווישן די בחורים האָבן זיך באַלד געפונען אַזעלכע וואָס האָבן דעם דאָזיקן מאָמענט אויסגענוצט אויף פאַרשידענע אופנים. אייניקע האָבן פּראָסט פשוט גענומען געלט. אַנדערע ווידער, ווען דאָס מיידל איז זיי געפעלן געוואָרן, נישט געוואָלט, ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, זיי געבן גט. שפּעטער איז מען אַפילו געפאַלן אויף אַן המצאה: ביים שטעלן די חופה, גלייך אויפן אָרט צוגעגרייט דעם גט. דער פרומער עולם יידן האָט זיך אַפילו שטאַרק געבראָגזט, געפינענדיק אַז דאָס פאַרשוועכט די גאַנצע הייליקייט פונעם חתונה־ריטואַל — אין אַ געוויסער מאָס זענען זיי גאָרנישט געווען אַזוי אינגאַנצן אומגערעכט...

אין דעצעמבער 1924, בעת די ווינטער־פעריען, האָט מיר מיין אייניקל אריה־שמואל געמאַכט אַן „אָנגענעמע" איבעררעאַשונג. אין איינעם אַ טאָג איז ער מיר געקומען מעלדן, אַז ער באַקומט די צייגעניש פון זעקס קלאַסן גימנאַזיע און טרעט אַרויס פון דער דאָזיקער גימנאַזיע — „החינוך", ווייל לענגער וויל ער שוין נישט דאָ פאַרבלייבן. ער האָט באַשלאָסן פאָרן קיין ארץ־ישראל. אינעם ערשטן מאָמענט האָב איך געקלערט, אַז ער מיינט דאָס נישט ערנסט, אַז ער וויל נאָר וויסן ווי אַזוי איך וועל אויף דעם רעאַגירן; פון זיינע ווייטערדיקע רייד אָבער האָב איך באַמערקט, אַז דאָס איז ביי אים אַ פעסטער באַשלוס. שוין אַ וואָך צייט — האָט ער פאַרגע־זעצט — ווי ער אַרבעט ביי אַ שמיד — שמידעריי איז אין ארץ־ישראל אַ זייער גוטער פאַך — און ער איז זיכער, אַז איך וועל אים מיטהעלפן

דורכצופירן זיין דאָזיקן פּלאַן. ער פאָרט אין אַ קיבוץ פון „השומר־הצעיר" און ער פאַרהאָפט, אַז נישט לאַנג דויערנדיק וועט ער מיך מיט שושנהען — זיין שוועסטער — קענעז אַריבערנעמען קיין ארץ־ישראל.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים נישט געשטערט, ווייל איך האָב געוווסט אַז עס וועט נישט העלפן, מחמת ער שטאַמט דאָך פון אַ משפחה געפערלעכע עקשנים... פּראָטעסטירט האָבן דווקא די פאָרשטייער פון „השומר־הצעיר". זיי האָבן אויסגעפונען, אַז ער האָט נאָך נישט אַדורכ־געמאַכט זיין גאַנצן פאַרטיי־סטאַזש. צווייטנס דאַרף ער, לויט זייער מיי־נונג, פאַרענדיקן פריִער די גימנאַזיע און עולה זיין אין ארץ־ישראל נישט צו זעכצן נאָר צו אַכצן יאָר. קיינער האָט אָבער אויף אים נישט געקענט ווירקן.

שמידעריי האָט ער געלערנט זייער פלייסיק. זעקס אינדערפרי פלעגט ער שוין פרישטיקן, אַפילו נישט מיטגענומען קיין צווייטן פרישטיק און אַהיימגעקומען 5 אַזייגער. אָנוואַרעמען דעם מיטאָג האָט מען נישט געטאָרט, ער מוז אים עסן אַ קאַלטן, אויב נישט, עסט ער אים בכלל נישט. וועד ס'איז זיין מייסטער האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט זאָגן. דערוווסט האָב איך עס זיך דורך זיינע חברים פון „השומר־הצעיר", ווייל ביים זעלבן שמיד האָבן זיך געלערנט נאָך עטלעכע חלוצים. איך בין דאַן אַוועק צום שמיד און אים דערציילט, אַז ער הונגערט אָפּ דעם גאַנצן טאָג פון 6 פרי ביז 5 נאָכמיטאָג און אים געבעטן ער זאָל אים געבן צווייטן פרישטיק און איך וועל אים באַצאָלן וויפל ער וועט נאָר פאַרלאַנגען.

דער ייִד האָט מיך אויסגעהערט און אַזוי געזאָגט:

— איז ער, הייסט עס, אייער אייניקל? דאָס האָב איך נישט געוווסט. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער שטאַמט נישט אָפּ פון קיין עמי־הארצים. עס לערנען זיך ביי מיר עטלעכע חלוצים, איך מוז אייך אָבער זאָגן, אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט אין איין חודש מער ווי יענע אין דריי. ער קען שוין אַפילו שמידן אַ פערד. און דאָס וואָס איר בעט מיך מכוח עסן, האָב איך זיך די גאַנצע צייט געוווּנדערט; אַלע בחורים עסן צווייטן פרישטיק אין דער דערבייאיקער שענק, נאָר ער איינער גייט נישט. טראַץ דעם וואָס פאַרן עסן באַצאָל איך. גאַנץ גוט האָט איר געטון וואָס איר זענט געקומען! איך פאַרשטיי, אַז ער דאַרף דערפון נישט וויסן; זייט רויִק, איך

וועל שוין געפינען אַן עצה, אַז ער זאָל נישט הונגערן דעם גאַנצן טאָג.

אין מאַי האָט ער פאַרענדיקט דעם שמידער־קורס און זיך אָנגעהויבן גרייטן צום פאָרן. אַלע נויטיקע פאַרמאַליטעטן האָט דורכגעפירט דער קאָמיטעט פון „השומר־הצעיר" און אויך באַצאָלט די רייזע קאָסטן. עטלעכע טעג פאַרן פאָרן האָט ער מיר געבראַכט די צייגעניש פון זעקסטן קלאַס; אַוועקגעלייגט אויפן טיש מיט די ווערטער:

— נעם עס צו באַבע, איך דאַרף עס מער נישט — ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט, אַז מער וועט ער עס טאַקע נישט דאַרפן...

אויף צומאַרגנס האָט ער זיך איינגעפּאַקט צום פאָרן, דאָס הייסט: אַריינגעלייגט אין רוקזאַק אַ קליין ביסל וועש, עטלעכע ביכער און אַ לעבל ברויט. קוים אים איינגעבעטן ער זאָל מיטנעמען אַ שטיקל וווּרשט. קיין מאַנטל, קיין קישן, קיין דעקע האָט ער פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט מיטנעמען.

— ביי אונדז אין אַזיע דאַרף מען די אַלע זאַכן נישט צו האָבן — האָט ער מיר געענטפערט. אָנגעטון דעם רוקזאַק אויפן פּלייצע, מיר געגעבן די האַנט מיט די ווערטער: „להתראות בארץ", און שוין איז ער געווען ביי דער טיר.

— וואַרט אַ רגע, איך וועל פאָרן דיך לפּחות באַגלייטן צום צוג — האָב איך געזאָגט.

— ניין, דאָס נישט, אויב דו גייסט מיך באַגלייטן פאָר איך מיט אַ צווייטן צוג. דערלאַנגט מיר נאָכאַמאָל די האַנט — ער האָט נישט ליב געהאַט זיך צו קושן — און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל...

מער האָב איך אים שוין בכלל נישט געזען...

## קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

אָנהייב אויגוסט 1925 האָב איך באַקומען אין פּאַלעסטינע־אַמט, ווו כ'האָב געאַרבעט, אַ מאָנאַטלעכן אורלויב, ווייל איך האָב באַשלאָסן פאָרן צום 14טן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען פון 18טן ביזן 31טן אויגוסט אין ווין. אָבער פאַר דער רייזע קיין ווין האָב איך באַשלאָסן פאָרן פריִער קיין פּראָג זיך זען מיט מיין טאָכטער און אויף דער צוריקרייזע זי נעמען צו מיר קיין וואַרשע — זי איז געווען שוואַנגער אין זיבעטן מאָנאַט.

דער אוניווערסיטעט איז געווען געשלאָסן אויף די פעריען. מיין טאָכטער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז צום לערנען האָט איר צושטאַנד לגמרי איר נישט געשטערט. דעם לערניאָר האָט זי גוט געענדיקט און איז אַריבער אויפן דריטן קורס. אַ וואָך צייט האָב איך פאַרבראַכט מיט די קינדער אין פּראָג און דעם 19טן בין איך אָנגעקומען קיין ווין צום קאָנגרעס. גלייכצייטיק מיטן קאָנגרעס איז אויך אין ווין פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון דער „וויצאָ". דער „יפא"־פאַרבאַנד, וועלכער איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער „וויצאָ", האָט דעלעגירט אונדזער פאַרזיצנדע רחל שטיין. און איך, ווי אַ דעלעגאַטין צום קאָנגרעס, האָב אויטאָמאַטיש באַקומען דאָס רעכט זיך צו באַטייליקן אין דער „וויצאָ"־קאָנפערענץ.

אין די ערשטע סעפּטעמבער־טעג האָט געדאַרפט אָפּגיין פון וואַרשע אַ גרויסער עולים־טראַנספּאָרט, צום וועלכן עס זענען אויך געווען פאַרשריבן מיינע אַ יינגערע שוועסטער פון ביאַליסטאָק — אַ דענטיסטין — מיט איר מאַן און דריי יינגלעך, און מיט זיי צוזאַמען אונדזער מוטער, אַ פרוי פון 77 יאָר. די פאַמיליע שפּיראָ (אַזוי איז זייער נאָמען) זענען געפאָרן ווי קאַפּיטאַליסטן, און דעריבער געהאַט די מעגלעכקייט מיטצונעמען אויך אַ מאַמען. אויסער דעם האָט דער ענגלישער קאָנסול געפאָדערט, אַז נאָך עטלעכע פון אירע קינדער זאָלן געבן אַ שריפטלעכע גאַראַנטיע, אַז זיי וועלן שיקן דער מאַמען 5 פונט אַ חודש. מיר האָבן דאָס שוין געהאַט באַשלאָסן נאָך פאַר דעם ווי דער קאָנסול האָט דאָס פאַרלאַנגט.

דעם 1טן סעפּטעמבער בין איך שוין געווען צוריק אין פּראָג. מיין טאָכטער האָט אַלץ איינגעאָרדנט ביז מיין קומען, ווייל זי האָט געוווּסט אַז איך וויל אומבאַדינגט באַגלייטן מיין מאַמען בעת איר עולה זיין אין ארץ־ישראל. עס איז אונדז נאָר געבליבן צו קויפן באַן־בילעטן קיין וואַרשע. — ווייסט איר אָבער וואָס איך קלער צו טון? — זאָגט צו מיר צבי, זיך קלייבנדיק צו גיין קויפן די בילעטן. — איך וועל גאָר קויפן בילעטן קיין לאָדזש, נישט קיין וואַרשע. מיינע עלטערן האָבן אַ דריי־צימער־וווינונג; און זענען ווייניק־באַשעפטיקטע מענטשן. אין דער צווייטער טיר וווינט מיין מומע אַליע, און בירנבוים אַרבעט דאָך אויך איצט אין אַ שול אין לאָדזש. און אין לאָדזש, איבעריקנס, זענען פאַראַן פונקט אַזעלכע גוטע

געבורט־אַנשטאַלטן ווי אין וואַרשע. איר אַליין — זאָגט ער צו מיר — זענט שטאַרק באַשעפּטיקט, איז עס אויף אַלע אופנים פּאַר סאַליען באַ־קוועמער צו פאָרן קיין לאָדזש.

איך האָב נישט פּראָטעסטירט, ווייל אַ חוץ די אַלע מאָטיוון איז געווען נאָך אַ געוויסער מאָמענט: קורץ פאַר מיין אָפּפאָרן קיין פּראָג האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיין מוטער, אין וועלכן זי בעט מיך זייער, אַז איך זאָל משנה־מקום זיין. סאַליע זאָל פאָרן קיין לאָדזש געבוירן דאָס קינד און נישט קיין וואַרשע. די קינדער — סאַליע און צבי — האָבן פון דעם נישט געוווּסט. הערנדיק אָבער אַז זיי זענען אין דער זעלבער מיינונג, האָב איך זיך געזאָגט, אַז די מצווה פון כבוד אב ואם איז שכרה בצדה — למען יאריכון ימיך און אַז איך בין מחויב מקיים צו זיין דעם פאַרלאַנג פון מיין אַלטער מאַמען, וועלכע איז, לויט מיין מיינונג, אין איר דור לגמרי נישט געווען פון די דורכשניטלעכע מענטשן —און בין מיט סאַליען געפאָרן קיין לאָדזש.

פאַרשפּעטיקט האָב איך זיך בלויז אויף איין טאָג. דער משרד האָט אויסגעפונען, אַז די פאַמיליע שפּיראָ און מיין אַלטע מאַמע מוזן פאָרן נאָך מיט דעם טראַנספּאָרט. און מען קען עס בשום אופן נישט אָפּלייגן. און זיי זענען אָפּגעפאָרן מיט אַ טאָג פריִער פאַר מיין קומען קיין וואַרשע פון לאָדזש. וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט איז מיר נאָך איצט שווער צו שילדערן. מיינע חברים האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז מען האָט איר באַגלייט מיט פייערלעכע אָפּשייד־אָוואַציעס. די יוגנט האָט איר אַריינגע־נומען אין אַ קאַראַהאָד בעתן טאַנץ אויף דער באַן־פּלאַטפאָרמע אַלס די „יִינגסטע" חלוצה, וועלכע איז עולה קיין ארץ־ישראל. די יִדישע פּרעסע האָט מיין מוטער פאַרזענלעך און איר הויז אין ביאַליסטאָק — ווו עס זע־נען אויסגעוואַקסן קינדער, וועלכע האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער יִדיש־נאַציאָנאַלער און אויך אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג — געווידמעט אייניקע צייטונגס־אַרטיקלען. אַ צייט לאַנג האָב איך זיך נישט געקענט מוחל זיין, וואָס איך האָב זיך נישט געזעגנט מיט מיין טייערער מאַמען.

מער האָב איך איר שוין נישט געזען...

מיט פינף וואָכן שפּעטער, דעם 12טן נאָוועמבער 1925, האָב איך

באַקומען אַ טעלעגראַם פון לאָדזש, אַז סאַליע האָט געבוירן אַ מיידעלע. אַ נאָמען האָט מען איר געגעבן נאָך מיין יונג־פאַרשטאָרבענער עלטערער טאָכטער חמדה (יידיש — שיינע). דאָס האַרץ האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע ניי־געבוירענע מיידעלע וועט וואַקסן אין ארץ־ישראל.

אין איצטיקן מאָמענט, אין יולי 1942, אין חיפה, נישט ווייט פון פראָנט, נאָך אַ מיטן־נאַכט־אַלאַרם, בעת איך שרייב די דאָזיקע שורות וועגן איר געבוירן ווערן, געפינט זיך חמדה מיט אַ גרופע חברות און חברים פון 8טן קלאַס רעאַל־שול אין חיפה אויף אַרבעט אין גליל התחתון אין מושב „שערה״.

די עטלעכע יאָר פון 1924 ביז 1927 האָב איך געאַרבעט מער אינ־טענסיוו: פון אינדערפרי ביז מיטאָג — אַכט שעה טעגלעך — אין פּאַלעס־טינע־אַמט; נאָכמיטאָג אין „יפאַ״־סעקרעטאַריאַט, אַ חוץ וואָס איך האָב נאָך געמאַכט איבערזעצונגען. מיין אַרבעט אויף די פאַרשידענע געביטן האָבן מיר געגעבן אַזאַ גייסטיקע באַפרידיקונג, אַז קיין פּערזענלעכע אינ־טערעסן האָבן פאַר מיר בכלל נישט עקזיסטירט. מאַטעריעל האָט מיר גאָרנישט געפעלט. מיין אייניקל שושנה איז נאָך געווען אין גימנאַזיע. איר ברודער אין ארץ־ישראל, ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אינדיווידואַ־ליסט, האָט זיך — ווי איך האָב עס איבעריקנס פאָראויסגעזען — צום לעבן אין קיבוץ נישט געקענט צופּאַסן און נאָך עטלעכע וואָכן צייט פון דאָרט אַנטלאָפן. אויף קיין שטענדיקער אַרבעט האָט ער זיך נישט איינגע־אָרדנט. אויסגעמאָסטן גאַנץ ארץ־ישראל, געטריקנט זומפּן, געקרענקט אויף מאַלאַריע, זיך שטאַרק געחברט מיט די אַראַבער, אפילו צווישן זיי געלעבט, געווען אַקטיוו אין דער „הגנה״ און אין דעם „הפועל״. געשריבן צו מיר האָט ער נישט. איך פלעג באַקומען וועגן אים ידיעות פון מיין מוטער ע״ה, פון מיין שוועסטער און פון זיינע חברים. מיט איין וואָרט: זיין אידעאַליזם איז דערגאַנגען ביז משוגעת... געלעבט האָט ער מאַטער־יעל זייער שלעכט. ווען איך פלעג צושיקן עטלעכע פונט, פאַרשטייט זיך, נישט אים דירעקט, האָט מיין שוועסטער קוים ביי אים געפּועלט ער זאָל ביי איר נעמען אַ גמילת־חסד. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט אין חיפה און איז געשלאָפן אויף אַ ברונעם. מיין שוועסטער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט און האָט אים געבעטן רחמים: — קום צו אונדז שלאָפן, ביי אונדז

שטייט אַ צימער ליידיק. ער איז אָבער נישט געקומען. אין איינעם אַ טאָג — גיט מיר איבער מיין שוועסטער — האָט ער ביי איר געבאָרגט אַ פונט, און באַשטימט אַ טאָג ווען ער וועט איר אָפּגעבן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אַזייגער איינס ביינאַכט, קלינגט מען אין טיר. זיי האָבן זיך לכתחילה דערשראָקן, אָבער דאָך געעפנט. ערשט אריה־שמואל האָט זיי אָפּגעבראַכט דעם גמילת־חסד. קוים האָט ער געזאָגט „היינט" — מעג עס אפילו זיין אין מיטן נאַכט — מוז זיין „היינט". אַזוי אַרום האָט ער אָפּגע־לעבט גאַנצע צען יאָר. זיין לעצטע אַרבעט איז געווען ביים ים־המלח. געאַרבעט האָט ער מיט אַ טעמפּעראַטור פון 40 גראַד, געחלשט ביי דער אַרבעט. מען האָט אים געבראַכט קיין ירושלים אין „הדסה"־שפּיטאָל מיט אַ לונגען־אַנטצינדונג. אויפן דריטן טאָג איז ער געשטאָרבן אין עלטער פון 27 יאָר אין 1935.

מיין סאָליע האָט אויף אַ יאָר איבערגעריסן איר שטודיום. דעם ווינטער פון יאָר 1925/26 איז זי געווען מיטן קינד אין לאָדזש ביי אירע שווער און שוויגער. אויף פּסח זענען זיי אַריבערגעפאָרן קיין אָטוואָצק ביז איבער די פּעריען. אָנהייב זומער 1926 האָט צבי פאַרענדיקט זיין אַר־בעט אין פּראָג און איז געקומען זוכן אַ פּאָסטן אַלס בוי־אינזשעניער אין פּוילן. אין יענע יאָרן פון די „מלחמות היהודים בפולניה" איז אויף דעם נישט געווען קיין שום אויסזיכטן. נישט לאַנג וואַרטנדיק האָט ער אָנגע־געבן אַ ביטע אין רוסישן קאָנסולאַט אין וואַרשע וועגן אַן איינרייזע־באַוויליקונג קיין מאָסקווע ווי אַ „ספּעץ" און גלייכצייטיק האָב איך זיך געווענדט צו מיין זון, אַז ער זאָל זיך באַמיִען אַז ער זאָל נישט דאַרפן צו לאַנג וואַרטן.

## קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

צו יענער צייט פון דער „פערטער עליה", ווען דער ייִדישער מיטל־שטאַנד איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל, האָט דער באַדראָעטער ייִדי־שער קאַפּיטאַל זיך געזוכט אַנדערע לענדער, ווו זיינע אינוועסטיציעס זאָלן זיין רענטאַבלער, און אַ באַדייטנדיקע צאָל רייכע פאַבריקאַנטן און גרויס־אינדוסטריעלער, הויפּטזעכלעך פון לאָדזש, האָבן זיך אַ לאָז געטון אין

ליבהאַרציקן רומעניע (ווו עס האָט געווילדעוועט די „אײַזערנע גוואַרדיע" מיט קודריאַניו בראָש, און ווי די פּאַרלאַמענט טאָן־געבערס זענען גע־ווען די דעמאָלט באַרימטע פּראָפעסאָרן יורגא און קוזא — אויסגעשפּראָ־כענע יידן־פרעסערס). קיין בירגערשאַפט האָט מען די דאָזיקע קאַפּי־טאַליסטן נישט געגעבן און נישט דערלויבט זיך דאָרט צו באַזעצן אויף שטענדיק, נאָר צייטווייליק, כדי אויפצובויען די חרובע שטעט, אַנטוויק־לען דעם האַנדל, די פאַבריקאַציע און אינדוסטריע. דאַקעגן האָבן די רו־מענישע מאַכהאָבערס נישט געוואָלט אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן און דאָרט לעבן, דאָס — לאָ.

אַ באַזונדערער הכנסה־קוואַל האָט זיך מיט דער דאָזיקער קאַפּיטאַ־ליסטישער איינוואַנדערונג געעפנט פאַר דער רומענישער קלענערער און אפילו העכערער אַדמיניסטראַציע. אַזאַ אָפענע קאָרופּציע ווי אין רומעניע האָב איך נישט געזען אין קיין לאַנד אין דער וועלט. פאַר דער מינדסטער זאַך זענען די באַאַמטע פּשוט „טובעים בפה". אָן שום בושה מעלדעט מען איך, אַז דאָ ווערט קיין שום זאַך נישט געטון אָן „באַקשיש".

מיט אונדזערע פענסיעס, — דערקלערט מען איך אָפן, — וואָלטן מיר דאָ געשטאָרבן פון הונגער, ווען נישט דער „באַקשיש". אפילו צו מיניסטאָרן, קענט איר אָנקומען דורך אַ באַקשיש, מיט דער הילף פון זייערע ציגיינער־קעפּסווייבער. מחמת דער דאָזיקער קאָרופּציע האָבן יידן געמאַכט „ביזנעס" און זיך בעסער באַזעצט אין דעם דאָזיקן לאַנד, בלויז דריי טעג רייזע פון ארץ־ישראל...

מיט אַזאַ גרופּע רייכע יידן, איז אָנהייב 1926 אַריבערגעפאָרן פון לאָדזש קיין בוקאַרעשט אויך כהנס אַ פעטער, אַ געוויסער יצחק גראָז, — אַ רוסישער ייד. אַליין אַ מוסטער־פאַבמאַן, אַן ערשטקלאַסיקער מייס־טער און פּעיִקער קאָמערסיאַנט, מיט אַ גרויסן אונטערנעמונגס־גייסט. ער האָט מיטגענומען צו זיך אויף אַ פּאָסטן אויך זיין עלטערן שוואָגער, אונדזער מחותן, צביס פאָטער. די מוטער איז צייטווייליק נאָך געבליבן אין לאָדזש, כדי צו ליקווידירן די דירה און די איבעריקע אָנגעלעגנ־הייטן. זיך דערוויסנדיק אַז צבי וואַרט אויף אַן איינרייזע־באַווייליקונג קיין מאָסקווע, האָט זי אויפגעהייבן אַ שטאַרקן „ויצעקו":

— סטייטש — האָט זי געטענהט — עקיבא איז אַ קאָמוניסט (דער

עלטערער זון, אַן אידעיִשער קאָמוניסט, איז שוין אין סאָוועטנרוסלאַנד) און אויב צבי זאָל אויך פאָרן קיין סאָוועטנרוסלאַנד, האָב איך נישט מיינעביידע זין.

פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט עס געשריבן דעם מאַן אירן און דעם שוואָגער, און זיי פון זייער זייט, האָבן אָנגעהייבן צו פאַרוואַרפן צבי'ן מיט בריוו, אַז ער זאָל שוין תיכף ומיד, נישט וואַרטנדיק אויפן ענטפער פון מאָסקווע, קומען קיין בוקאַרעשט. אין רומעניע — האָבן זיי געשריבן — גייט אָן אַ גראַנדיעזע בוי־באַוועגונג און צבי האָט די בעסטע אויסזיכטן דאָרט צו מאַכן אַ קאַריערע און ווערן אַ גביר.

זאָגן: קבלו דעתי, נעמען אויף זיך אַזאַ מין פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דווקא פאָדערן, אַז צבי זאָל נישט פאָרן קיין בוקאַרעשט און וואַרטן ביז עס וועט אָנקומען, לפּחות, אַן ענטפער פון מיין זון, דאָס האָב איך נישט געוואָלט, נישט געקוקט אפילו אויף דעם, וואָס מיין סאַליע האָט מער געצויגן קיין מאָסקווע ווי קיין בוקאַרעשט. געזאָגט האָב איך נאָר אָט־וואָס:

— ווען איך וואָלט זיין אַ פּעיִקער, אַרבעטזאַמער אינזשיניער פון 29 יאָר, וועלכער געהערט נישט צו קיין פּאָליטישער באַוועגונג און קלערט נאָר וועגן דער אַרבעט ביי זיין פאַך אַלס אַ „ספּעץ״; וואָלט איך, נאַטירלעך, געפאָרן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד און נישט אין דער פינצטע־רער אַנטיסעמיטישער רומעניע. אויב מען דאַרף נאָר נישט צו בייטן די בירגערשאַפט — האָב איך פאַרגעצעצט — קאָן מען דאָך פאָרן, און זיך צוריק אומקערן אויב עס געפעלט דאָרט נישט. אפילו נאָר אָנקוקן דאָס לאַנד ווו עס איז פאַרגעקומען אַזאַ גראַנדיעזע איבערקערעניש, וואָס די וועלט האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, איז דאָך אויך אינטע־רעסאַנט פאַר אַ יונגן מענטשן, בפרט נאָך, אַז מען האָט דאָרט אַ שוואָ־גער וואָס וועט פאַר זיין איינציקער שוועסטער טון אַלץ וואָס ליגט נאָר אין זיינע מעגלעכקייטן. איך זאָג דיר נאָר מיין מיינונג — האָב איך פאַרענדיקט — און דו טו ווי דו פאַרשטייסט.

צבי איז צוגעפאָרן אויף אייניקע טעג צו זיין מוטער, און איז דער־נאָך אַוועק אין רומענישן קאָנסולאַט נאָך אַ וויזע קיין בוקאַרעשט. איינ־רייזע־וויזעס אָבער, אָן שום שוועריקייטן, גיט דער קאָנסול נאָר יידישע

קאַפּיטאַליסטן; אָבער אַן אינזשיניער, וואָס זיין גאַנצער קאַפּיטאַל איז זיין פּאַד, וואָס ער טראָגט מיט זיך, אַזאַ מין פרעמדן אינטעליגענץ־פּראָלעטאַריער, וועלכער קען זיין אַ קאָנקורענט פאַר די אייגענע, איילט מען זיך נישט מיטן אַריינלאָזן אין לאַנד, אפילו ווען מען נייטיקט זיך אויף אַ געוויסער צייט אין אים.

מען איז זיך אַ היפּש ביסל צייט אַנגעלאָפן און סוף כל סוף די וויזע באַקומען — וויזט אויס אַז דער פעטער, האָט פון בוקאַרעשט אויס צוגעהאָלפן — אַ מאָנאַט נאָך צבי'ס אָפּפאָרן, זענען אָנגעקומען די פּאַ־פּירן פון מאָסקווע. מיין זון האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פון דעם גאַנצן ענין געהאַט שטאַרק עגמת־נפש. איך אָבער האָב זיך באַמיט אים צו באַ־רויִקן, אים אפילו געשריבן אַז אפשר איז עס לטובה, ווייל קיין לעבנס־פּסיכאָלאָגיע קען מען אַזוי לייכט נישט ענדערן.

אין בוקאַרעשט האָט זיך צבי כמעט גלייך נאָך זיין קומען זייער גוט איינגעאָרדנט, באַקומען אפילו אַרבעט ביי רעגירונגס־געביידעס, דאָס הייסט, באַקומען האָט נישט ער דירעקט, נאָר אַ גרויסע בוי־פירמע פון רומענישע אינזשיניערן און זיי האָבן אים איינגעלאַדן אַלס אויבער־אינ־זשיניער מיט אַ גוטער פּענסיע, ווייל זיי גופא — נישט מער אַזעלכע יונגע — זענען געווען נאָך פון דער אַלטער שול און האָבן דעריבער, ווי גע־הערט אָפּגעשאַצט זיינע קענטעננישן פון דער מאָדערנער בוי־קונסט.

אין אויגוסט 1926 איז סאַליע צוריק אַוועקגעפאָרן קיין פּראַג פאַר־צוזעצן איר שטודיום. מיר מיטן קינד זענען פאַרבליבן אין אָטוואָצק אי־בער אַלע ימים־טובים און שפּעטער איר אַוועקגעפירט אויף ווינטער צו דער באָבען קיין לאָדזש. אין אַפּריל 1927 איז סאַליע מיט אַ גרופּע סטו־דענטן און פּראָפעסאָרן געפאָרן אויף אַ קונסט־היסטאָרישער עקסקורסיע וועלכע האָט געדויערט 6 וואָכן, קיין פּאַריז, לע־האַוור, באָרדאָ (אין דרום־פראַנקרייך), ליסאַבאָן (פּאָרטוגאַל) און טאַנזשער (מאַראָקאָ). צוריקוועגס דורך שטראַסבורג קיין לאָנדאָן, און פון דאָרט איז זי סוף מאַי אויף די פעריען, געקומען קיין וואַרשע. מיר מיטן קינד זענען שוין פון פּסח אָן געווען ווידער אין אָטוואָצק. אַ קורצע צייט נאָך סאַליעס אָנקומען, באַ־קום איך אַ בריוו פון מיין זון, אַז ווי אַ הויפּט־סעקרעטאַר פון דער „אינ־טערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג" פאָרט ער אַלס דעלעגיר־

טער פון סאָוויעטנרוסלאַנד צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָאָפּעראַטיוון קאָנ־גרעס קיין אָסלאָ, — די נאָרוועגישע הויפּטשטאָט. צוריקוועגס, וועט ער פאָרן דורך דאַנציק און ער בעט מיך זייער, אַז איך זאָל אומבאַדינגט אַרויסקומען צוזאַמען מיט סאַליען, כדי מיט אים זיך צו זען און צוזאַמען פאַרברענגען עטלעכע טעג. אין יאָר 1918 האָב איך אים געזען אַ גאַנצע שעה צייט, אויפן הויפּט־וואָקזאַל אין וואַרשע; אַ צווייטן מאָל, אין 1922 — ווידער אַ שעה אויפן וואָקזאַל, בעת זיינער אַ רייזע פון מאָסקווע קיין בערלין. אָפּשטייגן אויף אַ טאָג אין וואַרשע אין יענע יאָרן, איז געווען געפערלעך, אי פאַר אים אַזוי גוט פאַר מיר. פון 1922 ביז 1927 האָב איך זיך מיט אים שוין ווידער גאַנצע פינף יאָר נישט געהאַט געזען. אין דאַנציק, בעסער געזאָגט אין צאָפּאָט, וווּ מען איז געווען זיכערער האָבן מיר מיט אים פאַרבראַכט גאַנצע דריי טעג. אין 1905, בעת איך האָב אים אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, איז סאַליע אַלט געווען דריי יאָר. דערזעענדיק איר, נאָך גאַנצע 22 יאָר, האָט ער ממש נישט געקענט זיך אויף איר געגוג זאַט אָנקוקן. די גאַנצע דריי טעג און אפילו דורך די נעכט, האָט ער נישט אויפגעהערט מיט איר צו רעדן; זי האָט אויף אים געמאַכט אַ גוואַלטיקן איינדרוק.

צוריק זענען מיר פון דאַנציק ביז וואַרשע געפאָרן צוזאַמען, אָבער, פאַרשטייט זיך, אין באַזונדערע וואַגאָנעס. אויפן וואָקזאַל אין וואַרשע איז מיין זון גלייך אַריין אינעם אינטערנאַציאָנאַלן שנעלצוג פּאַריז־וואַרשע־מאָסקווע. מיר האָבן זיך שנעל געזעגנט און מאָמענטאַל זיך אָפּגעטראָגן. קיין געהיים־אַגענטן, פאַרשטענדלעך, האָבן דעמאָלט ביי דעם דאָזיקן אינטערנאַציאָנאַלן שנעלצוג נישט געפעלט.

די פעריען האָט סאַליע פאַרבראַכט מיט אונדז אין אָטוואָצק, און אין אויגוסט־חודש איז זי צוריקגעפאָרן קיין פּראָג פאַרענדיקן איר שטודיום, און גלייך נאָך סוכות איז איר שוויגער מיטן קינד אַוועקגעפאָרן קיין בור־קאַרעשט.

אָנהייב 1927 האָט מיר געדראָט צו פאַרלירן מיין אַרבעט אין פּאַלעס־טינע־אַמט. פאַר דער דאָזיקער געפאַר זענען פּאַקטיש — מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען — געשטאַנען דער גאַנצער פּערסאָנאַל אין דער צאָל פון 75 מענטשן. מיך האָבן דווקא די חברים באַרויקט און מיר פאַרזיכערט, אַז

קוים וועלן בלייבן אַרבעטן נישט מער ווי דריי באַאַמטע, וועל איך זיין איינע פון די דריי. איך ווייס נישט ווי פאַר אַלע אַנדערע, פאַר מיר גופא, איז עס נישט געווען קיין פערזענלעכער ענין.

נאָכן אויפשטייג פון דער עליה, וואָס האָט, למשל, אין די יאָרן 1920 נישט באַטראָפן מער ווי 700 נפשות אַ חודש, איז די עמיגראַציע אין יולי 1924 דערגאַנגען ביז 1800 און שפּעטער ביז 4000 מאָנאַטלעך. אין יאָר 1925 האָט זי דערגרייכט די אויסערגעווייגלעכע צאָל פון פיר און דרייסיק טויזנט עולים, צווישן זיי פּופציק פּראָצענט פון פּוילן גופא. ביז סוף 1926 האָט זיך די צאָל ייִדן אין ארץ־ישראל פאַרגרעסערט אויף 147.000 נפשות.

די שטאַרקע אינפלאַציע פון פּוילישן זלאָטי אין די יאָרן 26־1925, און דער צו גלייכער צייט אויסגעבראָכענער עקאָנאָמישער קריזיס אין ארץ־ישראל גופא, האָט פּלוצים רעדוצירט ביז אַ מינימום די עליה פון פּוילן קיין ארץ־ישראל. מען האָט אין ארץ־ישראל גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער קריזיס איז נישט קיין פאַריבערגייענדיקער ווי מען זאָגט עס פון היינט אויף מאָרגן, און ביי אונדז אין פּאַלעסטינע־אַמט האָט זיך אָנגעהייבן אַ רעדוקציע. רעדוצירט האָט מען נישט אַלע פּאַראַמאָל, נאָר גרופּנווייז. קודם־כל פאַראייניקט פאַרשידענע אָפּטיילונגען, איז פאַר אַלעם ליקווידירט די אויבערשטע צוויי שטאָק. פון לאָקאַל איז געבליבן בלויז דער פּאַרטער. אַרבעט איז מיט יעדן טאָג געוואָרן וויניקער. מען איז געזעסן ביי די טישן „כאבלי ציון", דאָס האַרץ האָט ממש וויי־געטון, קוקנדיק אויף די פאַריתומטע סערטיפיקאַטן וועלכע זענען געלעגן אין מיין טיש־שופלאָד, — די גאַנצע פינף יאָר וואָס איך האָב געאַרבעט אין פּאַלעסטינע־אַמט זענען די סערטיפיקאַטן געווען אונטער מיין פערזענ־לעכער אויפזיכט און איך בין זייער שטאָלץ געווען אויף דעם דאָזיקן צוטרוי —. קומענדיק איצט, אינדערפרי, צו דער אַרבעט אין די כמעט ליידיקע צימערן, פלעגט מיר שטענדיק קומען אויפן געדאַנק דער פּסוק: „דרכי ציון אבלות". ביי מיין הונדערט־פּראָצענטיקן פּעסימיזם האָב איך דעם דעמאָלטיקן קריזיס שווער איבערגעלעבט, ער האָט טאַקע, אמת, געדויערט עטלעכע יאָר, דערפאַר זיך שפּעטער דערוואַרט אויף אַ צווייטן, נאָך אַ גרעסערן אויפשטייג פון דער עליה און איך האָב ווידער געאַרבעט

אין פּאַלעסטינע־אַמט, כּמעט גאַנצע דריי יאָר, ביזן טאָג פון מיין אַנטגיל־טיקן עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אין אַפּריל 1935.

איך בין נאָך דעמאָלט פאַרבליבן אַרבעטן פון יאַנואַר 1927 ביז אַפּריל פון זעלבן יאָר. ווען דער קריזיס האָט שוין דערגרייכט זיין העכסטע שטופע — קיין שעדיול איבער דער גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט אין ארץ־ישראל, האָט מען שוין אין אַפּריל נישט באַקומען. אין משרד זענען מיר געווען בלויז עטלעכע געציילטע מענטשן. איז מיר די דאָזיקע לאַגע גע־וואָרן ממש אומדערטרעגלעך און איך בין אַוועק צוריק צו מיין אַרבעט אין „יפאַ״־סעקרעטאַריאַט, ווו איך בין צו יעדער צייט געווען, ווי מען זאָגט עס, אַ געוווּנטשענע פּערזאָן, און אַחוץ מיין שטענדיקער אַרבעט, — די איבערזעצונגען — האָב איך באַקומען אַרבעט אין דער אָוונט־צייטונג פון „מאָמענט״ — אין „ראַדיאָ״, ווו איך פלעג איבערזעצן דערציילונגען, מאַכן די „לעצטע נייעס אויף אַקטועלע טעמעס״ און אַנדערע רעדאַקציע־אַרבעטן.

איינגעאָרדנט האָב איך זיך דעמאָלט צוזאַמען מיט מיין שוועסטער, דער דענטיסטין. מיין אייניקל שושנה איז שוין דאַן געווען אין זיבעטן קלאַס. סוף שול־יאָר האָט זיך איר שטאַרק פאַרוואָלט מאַכן דיזעלבע גע־שיכטע ווי איר ברודער; באַקומען, הייסט עס, אַ 6־קלאַסן צייגעניש און פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָ האָב איך זיך שוין גאַנץ קאַטעגאָריש אַקעגנ־געשטעלט.

לייכט איז עס מיר אפילו נישט אָנגעקומען, באַזונדערס האָט אויף איר געווירקט מיין שוועסטער, וועלכע האָט אויך געהאַלטן, אַז זי דאַרף פריִער פאַרענדיקן די שול. ענדלעך האָט זי נאָכגעגעבן און זי האָט די גימנאַזיע געענדיקט.

אויף די פעריען, האָבן מיר פאַר אונדזער יוגנט־סעקציע פון „יפאַ״־פאַרבאַנד, צוזאַמען מיט דער פאַך־שול, איינגעאָרדנט אַ זומער־לאַגער אין קוזמיר, אַ וווּנדערבאַרע געגנט ביים ווייסל־ברעג. אָפּגעדונגען אַ גרויס הויז ביי אַ פּויער — פאַר דער וווינונג האָט געצאָלט די פאַריינס־קאַסע, — דיווירטשאַפט אַ קאָלעקטיווע, האָט דאָס עסן פאַר יעדן איי־נעם אויסגעמאַכט זייער ביליק, ווייל די מיידלעך האָבן אַלץ אַליין צו־געגרייט. געשלאָפן איז מען אויפן באָדן אויף שטרויזעק. אין בעט האָט

מען אפילו יאָ געמומען ביי דער ווירטין — פאַר מיר; אַזוי האָט איינ־שטימיק באַשלאָסן דער גאַנצער קאָלעקטיוו און איך האָב זיך געמוזט דעם דאָזיקן באַשלוס אונטערוואַרפן...

צופעליק האָט אין יענעם זומער, אויפן זעלבן אָרט, איינגעאָרדנט אַ זומער־לאַגער אויך די פּועלי־ציון־יוגנט פון וואַרשע. חברה האָבן גע־שלאָסן באַקאַנטשאַפט און מען האָט איינגעאָרדנט געמיינזאַמע רעפעראַטן, שמועסן, דיסקוסיע־אָוונטן, געזאַנג און טענץ. מיט איין וואָרט: ס'איז געווען ליהודים. דעם גאַנצן ווינטער דערנאָך, האָבן אונדזערע מיידלעך נישט אויפגעהערש צו דערציילן וועגן די פאַרגאַנגענע שיינע טעג פון קאַזשימיעזש.

## קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

סוף ווינטער פון 1927 איז ביי מיר מיטאַמאָל רייף געוואָרן דער גע־דאַנק צו פאָרן זיך זען מיט מיין זון און ענדלעך כאַפּן אַ קוק אויף דער דאָזיקער וווּנדערבאַרער מדינה, וועלכע פאַרנעמט אַ זעקסטל פון ערד־קיילעך און בויט זיך אויף אַזעלכע נייע, כלומרשט משונהדיקע יסודות וואָס דער רוב פון אַנדערע פעלקער ווילן נישט אָדער קענען נישט בשום אופן אויף דעם מסכים זיין.

קיין נסיעה מעבר־לים האָט מען צו דעם נישט גערדאַרפט צו מאַכן. מיטן אינטערנאַציאָנאַלן שנעלצוג האָט געדויערט די רייזע וואַרשע־מאָסקווע — אָן צו טוישן דעם צוג — נישט מער ווי 26 שעה.

אָנהייב אַפּריל 1928, בין איך אין איינעם אַ טאָג, אַוועק אין דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע און דערלאַנגט דעם אַמבאַסאַדאָר אַ שריפטלעכע ביטע, וועגן דער איינרייזע־באַווילִיקונג זיך צו זען מיט מיין זון אין מאָס־קווע. אַמבאַסאַדאָר איז אין יאָר 1928 געווען וואָיקאָוו, — וועלכער איז שפּעטער דורך אַ פאַרברעכערישער האַנט אומשולדיק דערמאָרדעט גע־וואָרן, — ווען ער האָט אַדורכגעלעזן מיין ביטע, האָט מיר וואָיקאָוו גע־זאָגט, אַז ער איז צופעליק אַ פּערזענלעכער פריינט פון מיין זון, און ער האָט צוגעגעבן, אַז אויב איך וויל, קען ער מיר דעם ענין דערליידיקן טעלעגראַפיש אין פאַרלויף פון צוויי וואָכן. איך האָב אים באַדאַנקט און

אים דערקלערט, אַז איך בין אַ לערערין אין אַ שול און קען פריִער ווי אין חודש מאַי נישט פאָרן. אין די ערשטע טעג פון מאַי האָב איך באַקו־מען די איינרייזע־באַוויליקונג. געפאָרן זענען מיר דעמאָלט פון וואַרשע דריי פערזאָן: אַ ביאַליסטאָקער פריילין פרעס, אַ בונדיסטין, אַ לערערין אין אַ „צישאָ"־שול אין וואַרשע, וועלכע איז געפאָרן זיך זען מיט אַ יינגערער שוועסטער, וועלכע האָט געאַרבעט אין פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונגס־ענינים. די צווייטע מיטרייזנדע איז געוועזן אַ חברטע פון „יפאַ", פרוי סרעבריק. איר מאַן איז געוועזן אַ שותף אין ביכער־פאַרלאַג „צענטראַל" אין וואַרשע (היינט איז ער אייגנטימער פון פאַרלאַג „יזרעאל" אין תל־אביב) די חברטע סרעבריק איז אויך געפאָרן זיך זען מיט אירן אַ זון, אַן אינזשיניער, אין מאָסקווע.

אַרויסגעפאָרן זענען מיר פון וואַרשע 10 אינדערפרי און אויפן אַנ־דערן טאָג, 12 אַזייגער, זענען מיר געווען אין מאָסקווע.

מיינע מיטרייזנדיקע זענען אויפן באַנהויף אָפּגעוואַרט געוואָרן פון זייערע נאָענטע. איך האָב פון וועג נישט דעפּעשירט, נישט געוואָלט קיינעם שטערן אין דער אַרבעט און בין געפאָרן לויטן אָנגעגעבענעם אַדרעס. קומענדיק נאָך דער אַרבעט אַהיים, האָט מיך מיין זון געפונען אין זיין צימער, ווו עס האָבן געוווינט זיין פרוי און אירע אַן עלטערע שוועסטער. אַחוץ דעם האָט מיין זון געהאַט נאָך אַ צימער, אין אַן אנדער געגנט, אין אַ הויז פון קאָמינטערן, ביי אַ פאַמיליע פון אַ ייִדישן דאָקטאָר.

אויסער מיין זון האָב איך נאָך געהאַט אין מאָסקווע מיין ייִנגסטן ברודער משה. ער האָט געאַרבעט אויפן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. צו יענער צייט, האָט ער צוזאמען מיט זיינעם אַ חבר געאַרבעט איבער אַ גרויס ווערק: „די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד". זיי פלעגן זאַמלען די מאַטעריאַלן און פאַרשידענע ביבליאָטעקן און וויסנ־שאפטלעכע אינסטיטוציעס. די אַרבעט גופא האָבן זיי געמאַכט אין דער היים. מיין ברודער איז כסדר געזעסן על התורה ועל העבודה ווי להבדיל אַמאָל אונדזערע זיידעס און עלטערזיידעס, די רבנים. ער איז אַזוי אַריינ־געטון געווען אין זיין אַרבעט, אַז אפילו עפּעס אָנצוטון פלעגט אים זיין פרוי ברענגען גרייט אין שטוב אַריין. געווען איז זי דווקא נישט קיין ייִדישע — אַ טאָכטער פון אַ פויער פון מיטלשטאַנד — זיי האָבן

זיך באַקענט ביי זייער אַרבעט אין אַ ביוראָ. זי איז געווען אַזאַ גוטער און אָנשטענדיקער מענטש, אַז דאָס גאַנצע הויז ייִדישע שכנים האָבן זי גערופן די צנועה. ווען איך האָב זי בעסער דערקענט, האָב איך איר געזאָגט, אַז זי איז די ערשטע קריסטן, צו וועלכער איך דערנענטער מיך...

ביז מיטאָג פלעג איך מייסטנטייל זיין ביי מיין ברודער, ערשטנס צילוב דעם וואָס מיין זון און זיין פרוי זענען ביידע געווען באַשעפטיקט אין ביוראָס, אויסער דעם איז מיין ברודער געווען, ווי מען רופט עס, אַ קלוגער קאָמוניסט. מיט אים האָב איך געקענט רעדן אָפן נישט נאָר וועגן די פּאָזיטיווע פאַקטאָרן, נאָר אויך וועגן די נעגאַטיווע דערשיינונ־גען וואָס האָבן זיך מיר צייטנווייז געוואָרפן אין די אויגן. און אָבסער־ווירט, קען איך זאָגן, האָב איך גוט, ווייל מיך האָט מען נישט אַרומגע־פירט ווייזן, איך האָב אַלץ אַליין געזען און געהערט. מיין ברודערס פרוי האָט געהאַט געגוג צייט — קיין קינד האָבן זיי נישט געהאַט — מאָסקווע האָט זי גוט געקענט, און זי פלעגט מיט מיר גיין וווהין נאָר איך האָב געוואָלט. געוווינט האָט אויך אין מאָסקווע מיינער אַ פּלימע־ניק — אַ זון פון מיין עלטערן ברודער דעם „מזרחיסט" פון ביאַליסטאָק. דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט געהאַט אַ פּאָסטן און זיך נישט אינטערע־סירט מיט קיין שום פּראָבלעמען. ער וואָלט אייגנטלעך געווען מער אויפן פּלאַץ אין זיין געבורטשטאָט ביאַליסטאָק ביי זיין טאַטן אין געשעפט... ווייטערע קרובים, פריינט און באַקאַנטע, אַפילו תלמידות האָב איך אין מאָסקווע געפונען אָן אַ שיעור. פאַר דעם דאָזיקן עולם באַקאַנטע איז בכלל מיין קומען קיין מאָסקווע, געווען אַן אויסערגעוויינלעכע סענסאַציע.

אויסער מיינע נאָענטע אין מאָסקווע האָב איך געהאַט ווינען מיין ייִנגסטע שוועסטער אויף מערב־קאַווקאַז אין נאָוואָראָסייסק — אַ געוועזן פאַרשיקונגס־אָרט אין די צאַרישע צייטן — איצט אַ גרויסע פּאָרט־שטאָט ביים שוואַרצן ים.

אין מאַי 1928 האָב איך נאָך געפונען אין מאָסקווע אַ גרויסן לאָקאַל מיט א שילד „באָראָכאָוו־קלוב", וווהין איך פלעג אָפט גיין הערן פאָרטראַגן און באַריכטן וועגן בירא־בידזשאַן. דער זאַל איז תמיד געווען פול־געפּאַקט. פון וועמען איז אָבער באַשטאַנען די דאָזיקע אוידיטאָריע? צי האָבן די צוהערערס געהאַט עפּעס אַ שייכות מיטן באָראָכאָוו־ציוניזם?

דאָס האָב איך נישט געקענט פֿעסטשטעלן, קיין באַקאַנטע האָב איך דאָרט נישט געפֿונען, ווידער זיך צו ווענדן מיט אַ פֿראַגע צו אַ ווילד־פֿרעמדן מענטשן וואָלט שוין געווען נישט באַקוועם.

דער עולם באַזוכערס פֿון מיין זון זענען לגמרי געווען מענטשן פֿון אַן אַנדער וועלט. ווען איך פֿלעג וועגן אימיצן אַ פֿרעג טון צי איז ער אַ ייִד? האָט מען מיר מיט אַ שמייכל זייער פֿריינטלעך געענטפֿערט:

— ער איז אַ מענטש; מיר אָנערקענען נישט קיין ראַסן־פֿראַגע.

מיין זון, ווי געזאָגט, איז געווען שטאַרק באַשעפֿטיקט. אַהיים פֿלעגט ער קומען אַזייגער פֿיר־פֿינף נאָכמיטאָג. די מיטאָג־מאָלצייטן האָט יעדער איינער גענומען אין דער קאָאָפּעראַטיוו־קיך פֿון דער אינסטיטוציע אָדער פֿאַבריק ווו מען האָט געאַרבעט. אָפּטמאָל איז ער אויך אין די אָוונטן געווען פֿאַרנומען, אָבער דאָך פֿלעגן מיר געפֿינען צייט צו כאַפּן אַ שמועס. זונטיק אָבער, פֿלעגט ער מיר שוין אָפּגעבן זיין גאַנצע פֿרייע צייט. בעת אונדזערע אינטימערע חברישע געשפּרעכן, האָט ער מיר נישט איין מאָל געזאָגט: אָ, ווען איך און דו מאַמע וואָלטן אין דער יוגנט גע־ווען סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָלט זיך אי דיין, אי מיין לעבן גאַנץ אַנדערש געווען אויסגעוויקלט.

קיין פּערזענלעך לעבן, אַזוי צו זאָגן, האָט מיין זון קיינמאָל נישט געהאַט. פֿון 1905 ביז 1908, די בעסטע יוגנט־יאָרן, פֿאַרוואָגלט אין דער פֿרעמד; צו ערשט אין בערלין, שפּעטער אין דער שווייץ, געלעבט פֿון מאַכן פּאַפּיראָסן און נאַטירלעך היפּשלעך צוגעהונגערט. פֿון דער שווייץ אין 1910 צוריק אין בערלין. מאַטעריעל שוין אין אַ בעסערער לאַגע, האָט אים אָבער די אַרבעט, ווי אַ געשעפֿטס־אָנגעשטעלטער, נישט צופֿרידנגעשטעלט. בעת דער מלחמה אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער ביי די דייטשן. פֿון 1918 אין סאָוועט־רוסלאַנד. די ערשטע צייט גערוימט אין מאָסקווע דעם שניי אויף די גאַסן און זיך דערנערט מיט קאַרטאָפֿל־שאָלן. אַפֿילו אין 1928 מיט גאַנצע צען יאָר שפּעטער, בעת ער האָט שוין — ווי מען זאָגט — פֿאַרנומען אַן אָרט אין דער געזעלשאַפֿט, האָט ער אויך קיין פּערזענלעך לעבן נישט געהאַט. זיין פֿרוי, אַ גראָדנער מיידל פֿון אַ קליינבירגערלעך רייך הויז, האָט נאָך זייענדיק אַ גימנאַזיסטין חתונה געהאַט דעם ערשטן מאָל מיט דעם איינציקן זון פֿון מיין ייִנגערער

שוועסטער. אין 1914, בעת דעם קריגס־אויסברוך, זענען זיי אַלע געלאָפן קיין פעטערבורג. מיין שוועסטער אַ הארצליידנדע, איז נאָך אַ לונגען־אַנטצינדונג געפאָרן קיין קרים, כדי זיך צו דערהאָלן, איז אָבער אויפן וועג, אין דער שטאָט פעאָדאָסיע, געשטאָרבן. צוריקקומענדיק קיין פעטערבורג האָט איר מאַן געפונען דעם בן־יחיד זיינעם קראַנק אויף אַ טיפוס, פון וואָס ער איז אין עטלעכע טעג אַרום געשטאָרבן. בעת דער לויה האָט דער אומגליקלעכער מאַן און פאָטער באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע און איז געשטאָרבן אויפן קבר פון זיין איינציקן זון. אַזאַ מין שוידערלעכע טראַגעדיע האָט נאָר געקענט פּאַסירן מיט איינער פון מיין מאַמעס „גליקלעכע" טעכטער...

די צוויי און צוואַנציק יעריקע יונגע אלמנה איז דאַן אַוועקגעפאָרן פון פעטערבורג קיין מאָסקווע צו אירער אַן עלטערער שוועסטער, אַ פרוי פון אַ דאָקטאָר. זי אַליין איז אויך געווען א פאַרמאַצעווטין. אַנקומענדיק קיין מאָסקווע און וויסנדיק וועגן דער דאָזיקער טראַגעדיע, האָט מיין זון די צוויי שוועסטער אויפגעזוכט און דער אלמנה, וואָס איז געווען אַרבעטלאָז גלייך געשאפן אַרבעט. אין 1928 האָב איך געפונען ביידע שוועסטער צוזאמען וווינען אין איין צימער — פאַר דער צייט איז די עלטערע אוועק פונעם מאַן דעם בורזשוי — איר אַכט־יעריק מיידעלע אָבער געלאָזן ביים רייכן טאַטן, און דווקא נאָר צוליב זיינע בעסערע מאַטעריעלע באַדינגונגען.

דאָס זעקס־שטאָקיקע הויז, אויף איינער פון די פּרינציפּאַלע גאַסן פון מאָסקווע, וווּ עס האָבן געוווינט די שוועסטער ליפשיץ, האָט פריער געהערט צו דער גרויסער טיי־פירמע „וויסאָצקי עט גאָץ", איצט האָבן דאָרט געלעבט עטלעכע הונדערט ארבעטער־פאַמיליעס. די דירה, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען, האָט געהאט 7 צימערן ווו עס האָבן געוווינט זיבן פאַמיליעס, ס'רוב צוזאַמען מיט גרעסערע און קלענערע קינדער. אין דער געמיינזאַמער קיך זענען געשטאַנען גאַנצע 14 פּרימוס־מאַשינקעס. די אָרדענונג אין קיך, אין באָד־צימער און די אנדערע באַקוועמלעכקייטן, פלעגט יעדן טאָג מאכן אין אָרדענונג, לויט דער ריי, איינע פון די שכנות. באַזונדערס לעבעדיק פלעגט עס צו זיין זונטיק, בעת דער עולם איז געווען אין דער היים און אין קיך האָבן גערוישט

לכבוד יום־טוב אלע 14 פרימוסן פאַראַמאַל. די באַציִונגען אָבער צווישן די שכנים זענען געווען אין פולן זין פונעם וואָרט — חברישע.

צו מיין זון פלעגן קיין אַנדערע חברים ווי קאָמוניסטן נישט קומען. מיר איז עס אָבער דווקא געווען אינטערעסאַנט צו זען און צו הערן ווי רעאַגירן אויף דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער אומשיכטונג און אומשטעלונג אַנדערע קרייזן פון דער געזעלשאַפט? צייט האָב איך גע־האַט גענוג, האָב איך געהאלטן אין איין אויפזוכן חברים און באַקאַנטע. צייטנווייז פלעגן איך פשוט איבערראַשט ווערן פון דער איבערקערעניש וואָס איז פאָרגעקומען אין די מוחות פון אַ גרויסן טייל מענטשן, אין משך פון בלויז געציילטע צען יאָר צייט. ווי אַזוי עס האָט זיך לגמרי געביטן זייער פסיכאָלאָגיע, וועל איך לשם אילוסטראַציע ברענגען נאָר איייניקע פאַקטן:

צווישן דער גרויסער צאָל באַקאַנטע האָב איך אין מאָסקווע אָפּגע־פונען אַ געוויסע פאַמיליע געדענשטיין. די פרוי געדענשטיין איז נאָך געווען אַ חברטע פון מיין שוועסטער די בונדיסטקע. דער ה׳ געדענשטיין האָט געהאַט אין וואַרשע, אויף דער ביעלאַנסקע־גאַס איינעם פון די גרעסטע פעלץ־געשעפטן. ער האָט נאָך באַוויזן אַריבערצופירן זיין גרויסן סחורה־סקלאַד קיין מאָסקווע, ווי נאָר די מלחמה פון 1914 איז אויסגע־בראָכן, און אַ געוויסע צייט נאָך, אַפילו געמאַכט נישקשהדיקע ביזנעס. בעת עס האָט אין רוסלאַנד אָנגעהויבן שמעקן מיט רעוואָלוציע, האָבן זיך אַלע גרויסע פעלץ־געשעפטן אַריבערגעטראָגן קיין לייפּציק. געדענ־שטיין אָבער איז געבליבן אין מאָסקווע. אַ קורצע צייט פאַר דער אי־בערקערעניש, האָט מען אים אַנידערגעלייגט אויפן טיש פאַר זיין מאַ־גאַזין סחורה, אַ מיליאָן דאָלאַר; ער האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרקויפן, ווייל — ווי ער אַליין האָט עס מיר דערציילט — איז עס געווען נאָר דער קאַסטן־פּרייז. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים די גאַנצע סחורה קאָנפיסקירט.

אין יאָר 1928 האָב איך זיי געפונען אין מאָסקווע אין אַ פינף־צימערדיקער דירה. אין איינער האָט שוין געוווינט אַ באַאַמטער אַ קאָ־מוניסט. זיי, די געדענשטיינס, האָבן נאָך אַפילו געהאַט די יידישע דינסט, וועלכע זיי האָבן אין יאָר 1914 מיטגעבראַכט פון וואַרשע. אויסער דעם

וואָס זיי זענען געוואָרן אויס קאַפּיטאַליסטן, האָבן זיי נאָך פאַרלוירן זייער איינציקן זון, וועלכער איז פריווויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי און האָט זיך מער נישט צוריקגעקערט.

פון וואָס האָט איצט אַזאַ שטייגער ייִד געלעבט אין מאָסקווע?

זײַן פאַרהייראַטע טאָכטער — אַ קאָמוניסטין — האָט געאַרבעט קראַוואַטן. שטאָף האָט זי באַקומען אין איין קאָאָפּעראַטיוו און די פאַרטיקע סחורה האָט זי געליפערט אין אַ צווייטן. אויסאַרבעטן די קראַוואַטן האָט געהאָלפן די גאַנצע פאַמיליע, אפילו די דינסט. מען האָט געאַרבעט, געפירט אַ הויז און געלעבט. ווען איך האָב גאַנץ אָפנהאַרציק דעם הער גערענשטיין אַ פרעג געטאָן: ווי אַזוי האָט איר זיך צו דעם אַלעם צוגעפּאַסט, נאָך אייער רייכן לעבן אין וואַרשע? האָט ער מיר אַזוי געענטפערט:

— געלט ווילן דאָך מענטשן האָבן בעיקר מחמת קנאה, ווייל יענער האָט עס. בעת מען ווייסט אָבער, אַז קיינער האָט נישט, ווערט דער דאָזיקער קנאה־געפיל מיט דער צייט לגמרי אטראָפירט.

— אָבער זאָגט מיר דעם אמת, מיר קענען זיך דאָך נישט פון היינט — האָב איך געזאָגט — ווען איר באַקומט איצט די מעגלעכקייטן זיך אומצוקערן קיין וואַרשע צו אייערע פריערדיקע לעבנס־באַדינגונגען, צי וואָלט איר פון דאַנען נישט אַנטלאָפן?

— ניין! קאַטעגאָריש ניין. איך בענק שוין נישט לחלוטין נאָך יענעם אַרט לעבן, אַט זעט איר, מיר אַרבעטן אַלע, זענען געזונט, מונטער און צופרידן.

איך וואָלט נאָך לשם אילוסטראַציע געקאָנט ברענגען אַ גאַנצע ריי פאַקטן פון מיינע באַקאַנטע און קרובים, וועלכע האָבן געלעבט יאָרנלאַנג אין מאָסקווע נאָך פון די צאַרישע צייטן און האָבן זיך זייער לייכט צוגעפּאַסט צום נייעם רעזשים, און געאַרבעט אויף פּאָסטנס ווי בראַנזשיסטן אויף פאַרשידענע אַרבעטס־געביטן און נישט איין מאָל צו מיר געזאָגט, אַז זיי זענען צופרידן, וואָס די קאָפּדרייעניש האָט די רעגירונג און זיי אַרבעטן זיך רויִק אין זייער פאַך און מאַכן זיך זייער לעבן.

איך וויל אָבער זיין אָביעקטיוו: געווען אויך אַ געוויסער פּראָצענט אומצופרידענע, וועלכע האָבן כסדר געטענהט: „זכרנו את הדגה" און געקלאָגט נאָכן צאַרישן „סיר הבשר". די אומצופרידנקייט האָט זיך אָבער

תמיד אויסגעדריקט בנוגע דער ניי־געשאַפענער עקאָנאָמישער לאַגע. איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געהערט, אַז עס זאָל זיך ווער באַקלאָגן אין גייסטיקער אָדער מאָראַלישער הינזיכט. און פאַר מיר איז עס געווען אַ זייער פּאָזיטיווער מאָמענט: קיין אַנטיסעמיטיזם איז שוין, הייסט עס, אין סאָוועטן־רוסלאַנד נישטאָ. די גאַנצע אַזוי גערופענע „אַנטי־רעלי־גיעזע" באַוועגונג — איז לויט מיין מיינונג — פּאַקטיש געפירט געוואָרן הויפּטזעכלעך צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. ווען נישט די יעווסעקציע — וועלכע איז, איבעריקנס, באַשטאַנען מיינסטנטייל פון געוועזענע בונדיסטן — וואָלטן אפשר די שולן פאַר ייִדישע קינדער אין סאָוועט־רוסלאַנד געווען העברעיִשע. דער רוב ייִדישע עלטערן אָבער, זוכנדיק בעיקר אַ תכלית פאַר זייערע קינדער, האָבן בכלל די קינדער נישט געשיקט אין די ייִדישע, נאָר אין די רוסישע שולן. פּריוואַט, ביי זיך אין דער היים ווידער, האָט מען געקענט מיט די קינדער לערנען העברעיִש וויפל מען האָט נאָר אַליין געוואָלט. מיינער אַ חבר, געטער־מאַן, אַן אַמאָליקער לאַנגיאָריקער אייגנטימער פון אַ „חדר מתוקן" אין וואַרשע אויף פּראַגע, וועלכער איז ביים מלחמה־אויסברוך 1914, אַוועק מיט זיין פאַמיליע קיין מאָסקווע, האָט אין יאָר 1928 געלעבט אויסשליס־לעך פון פּריוואַטע העברעיִשע לקעציעס און האָט מיך אַפילו געפירט ווייזן, ווי ייִדישע בחורים לערנען גמרא. עס איז מיר אפילו אויסגעקומען צו הערן אַ בר־מצווה־דרשה אויף העברעיִש פון זייער דרייצן־יעריקן בחורל, בעת אַזאַ פייערונג ביי מיינע וואַרשעווער באַקאַנטע אין מאָס־קווע; ווו עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ היפשער עולם ייִדן פון דער גרויסער מאָסקווער כאָר־שול — צווישן זיי אפילו סטודענטן אין זייערע אוניפאַר־מעס — דווקא אום שמחת־תורה, נישט אום יום־כּפור, האָב איך אויך אַליין בייגעוווינט, און אַז איך האָב איינע פון די דאָזיקע געפרעגט:

— פון וואַנען נעמט זיך קיין עין־הרע אַזאַ עולם ייִדן אין שול אום שמחת־תורה? האָט ער מיר איינפאַך געענטפערט:

— עס האָט היינט דאָ געדאַוונט אַ גרויסער חזן.

נאָך דעם אַלעמען וואָס איך האָב געזען און געהערט פאַר מיין קורצן אויפהאַלט אין סאָוועט־רוסלאַנד בין איך נישט געקומען צום באשלוס — ווי איך פלעג עס אָפט צו הערן ביי אונדז אין פוילן און אין ארץ־ישראל

אויף פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען — אַז די רוסישע ייִדן זענען פאַר אונדז פאַרפאַלענע. שוין דעמאָלט האָב איך זיך געזאָגט, אַז אַ קיבוץ פון עטלע־כע מיליאָן ייִדן קאָן נישט און וועט נישט אונטערגיין, אפילו אין סאָוועטן־רוסלאַנד. פונקט אַזוי ווי ער איז נישט אונטערגעגאַנגען אין בבל, ווו דער דעמאָלטיקער קיבוץ האָט אַפילו געשאַפן דעם תלמוד בבלי. איך האָב אויך נישט געצווייפלט אויף קיין איין מאָמענט, אַז ווען די דריי מיליאָן רוסישע ייִדן וואָלטן קאָנצענטרירט געוואָרן אויף איין אָרט, וואָלטן מיר זיכער געהאַט אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד אַן אויטאָנאָמע ייִדישע רעפּובליק.

## קאַפּיטל דרייסיק

פאַרברענגענדיק אין מאָסקווע גאַנצע דריי חדשים, איז מיר שווער געוואָרן דאָס אַרומדרייען זיך אַזוי לאַנג אָן שום אַרבעט. זיך צוקוקנדיק מיט וואָס פאַר אַ טעמפּ און איפער מענטשן אַרבעטן דאָרט, לייסטן, שאַפן און בויען אַ נייע וועלט, פלעג מיך צייטנווייז פאַרכאַפּן אַזאַ מין קנאה־געפיל, אַז איך האָב זיך פּשוט קיין אָרט נישט געקענט געפינען. בין איך אַוועק אין פּאַספּאָרטן־אַמט און האָב דאָרט פאַרלענגערט מיין אויפהאַלט־רעכט אויף דריי חדשים און באַשלאָסן צו פאָרן קיין נאָוואָראָסייסק זיך צו זען מיט מיין ייִנגסטער שוועסטער און איר פאַמיליע און צוריקוועגס אָפּשטייגן אין ראָסטאָוו ביי מיינע זייער נאָענטע גוטע פריינט פון וואַרשע נאָך, און פון דאָרט צופאָרן קיין קרים זען די ייִדישע קאָלאָניעס.

אין פּאַספּאָרטן־אַמט האָב איך זיך צופעליק געטראָפן מיט מיינע אַ תלמידה פון וואַרשע, וועלכע האָט מיך, זעענדיק דאָ אין מאָסקווע, ממש נישט געוואָלט גלויבן אירע אייגענע אויגן. (און אָט קומט מיר אויס אומ־גליקלעכערווייז צו שרייבן וועגן מיין דעמאָלטיקער רייזע קיין נאָוואָ־ראָסייסק אין 1928 — דאָס הייסט מיט 14 יאָר צוריק — פונקט איצט אָנהייב סעפּטעמבער 1942, אין דעם מאָמענט ווען היטלערס בעסטיאַ־לישע מחנות שטייען פאַר די טויערן פון דער דאָזיקער פּאָרט־שטאָט ביים שוואַרצן ים).

געפאָרן בין איך דעמאָלט פון מאָסקווע קיין נאָוואָראָסייסק מיט אַ שנעלצוג גאַנצע צוויי מיט אַ האַלבן מעת־לעת. ווען מען פאָרט איבער די

אומענדלעכע שטחים און מרחקים פונעם דאָזיקן ריזיקן לאַנד, ווערט ערשט פאַרשטענדלעך די „ברייטע נאַטור" פונעם רוסישן מענטשן און דער עפּי־שער כאַראַקטער פון דער רוסישער ליטעראַטור...

מיין יינגסטע שוועסטער — איינע פון די שענסטע מיידלעך אַמאָל, אין ביאַליסטאָק — אַ לערערין אין אַ יידישער גימנאַזיע האָט חתונה געהאַט מיט אַ געוויסן באַמאַש — אַ ברודערן־זון פונעם דומע־דעפּוטאַט ד"ר באַמאַש — פון פאַך אַ כעמיקער, און זי איז מיט אים אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג (אין יאָר 1906), ער האָט באַקומען אַ פּאָסטן אין אַ כעמישער פאַבריק און זי איז אַריינגעטרעטן אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אין 1909 זענען זיי אַריבערגעפאָרן קיין נאָוואָראָסייסק, ווו ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־לייטער פון אַ זאַוואָד אונטערן נאָמען „צעמענט", — דערזעלבער זאַוואָד וועגן וועלכן גלאַדקאָוו האָט שפּעטער אָנגעשריבן זיין באַקאַנט בוך: „צעמענט" —. מיין שוואָגער איז ווירקלעך געווען נישט בלויז אַ גוטער פאַכמאַן, נאָר איינער פון די פּאָפּולערסטע געלערנטע כעמיקער אין אַלגעמיין. מאַטעריעל איז זיי זייער גוט געגאַנגען; זיי האָבן געלעבט ווי אמתע בורזשויעס אין אַ וווינונג פון זיבן צימערן, רייך מעבלירט, מאָדערנע איינריכטונג, אאַ"וו. קיין פּאַרטיי־מענטשן זענען זיי ביידע נישט געווען און מיט קיין פּאָליטיק בכלל זיך נישט אינטערעסירט.

קומענדיק קיין נאָוואָראָסייסק אין אויגוסט 1928, אויפן עלפטן יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, בין איך ממש איבערראַשט געוואָרן, צו האָבן געפונען די פאַמיליע פון מיין שוועסטער אין דערזעלבער זיבן־צימער־וווינונג, מיט צוויי דינסטן און דיזעלבע בורזשואַזע באַדינגונגען. נאָך מער איז געוואַקסן מיין שטוינונג, בעת איך האָב דערזען, אַז אויפן זעלבן „שטח", מיט אַ שטאָק נידעריקער, לעבן גאַנצע זיבן אַרבעטער־משפּחות.

געוווינט האָט מיין שוועסטער נישט אין נאָוואָראָסייסק גופא, נאָר אויסערן שטאָט, אין דער געגנט פונעם צעמענט־זאַוואָד וואָס האָט שוין דעמאָלט געענדערט זיין נאָמען אויף „פּראָלעטאַריער" און ווו עס זענען געווען באַשעפטיקט 2000 אַרבעטער. אין שטאָט אַריין פלעגט מען צופאָרן אָדער איבערן שאָסיי מיט אויטאָבוסן, אָדער איבערן וואַסער מיט אַ פּאַראָם.

די פאַמיליע פון מיין שוועסטער איז באַשטאַנען פון פינף פּערזאָן

— זיי האָבן געהאַט דריי קינדער — מיט די עלטערע צוויי קינדער האָט די שוועסטער אַליין געלערנט, מחמת אין דער שול מיט די קינדער פון די פאַבריק־אַרבעטער האָט זיי זייער פאָטער נישט געוואָלט שיקן, איבער צוויי מאָטיוון: ערשטנס, ווייל זיי האָבן דאָרט נישט געהאַט אַזאַ גוטע לערערין ווי מיין שוועסטער; צווייטנס, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַז זיינע קינדער זאָלן לערנען צוזאַמען מיט די אַרבעטער־קינדער. מיין שוועסטער איז מיט אַזאַ מין שטעלונג געווען זייער אומצופרידן. זי האָט בכלל געפונען פאַר נישט ריכטיק, זיין נישט וועלן זיך צופּאַסן צום נייעם רעזשים. ער האָט נאָך אָבער — ווי מען זאָגט עס נאָך עד־היום אין סאָוועטן־רוסלאַנד — ראשו ורובו געשטעקט אין דער „אינזשיניערן־קאַסטע". לויט דער ביטע פון מיין שוועסטער, האָב איך געפּרוווט אויף אים ווירקן ער זאָל דערלויבן שיקן די קינדער אין דער פאַבריקס־שול. איך האָב אים פּראָסט־פּשוט דערקלערט, אַז ער האָט נישט קיין שום רעכט, זיינע קינדער צוצוברעכן, זיי זענען נישט שולדיק וואָס ער קאָן נישט אַרויסקריכן פון זיין פּסיכאָלאָגיע, זיי זענען שוין געבוירן געוואָרן אין דער נייער אָרדענונג, פילן זיך אין איר גוט, חברן זיך סיי ווי מיט די אַרבעטער־קינדער; די סביבה, די גאַנצע אַטמאָספער איז שטאַרקער ווי זיין ווידערשטאַנד און סוף־כל־סוף וועט זיך שאַפן צווישן אים און זיינע קינדער אַ שרעקלעכער תהום.

לייכט איז עס מיר נישט אָנגעקומען. ער האָט אָבער נאָכגעגעבן און צום נייעם שול־יאָר זענען די קינדער אַוועק אין דער שול.

צוריקוועגס פון נאָוואָראָסייסק האָב איך פאַרבראַכט אַ וואָך צייט ביי מיינע אַלטע גוטע פריינט נאָך פון וואַרשע, און געפאָרן קיין קרים אין די יידישע קאָלאָניעס. ס'האָט מיר אָפּגעגליקט און צופעליק האָב איך זיך אויפן וועג באַקענט מיט חיים ווייצמאַנס אַ קוזינע און איר מאַן, ביידע האָבן זיי געאַרבעט אַלס אינזשיניערן און אויף זייערע וואַקאַציעס אויך געמאַכט אַ רייזע אין די יידישע קאָלאָניעס און מיר זענען שוין געפאָרן די גאַנצע צייט צוזאַמען. איך האָב זיי שוין נישט אָפּגעלאָזן, ווייל זיי זענען דאָך געווען ביי זיך אינדערהיים און זיי האָבן מיר אין אַ סך היניזכטן, פאַרלייכטערט מיין רייזע.

די יידישע קאָלאָניעס, די קאָלכאָזן, האָבן זיך געפונען ס'רוב אויפן

פלאַכלאַנד אַרום פעאָדאָסיע און אויך אַרום עוופּאַטאָריע, ווו ס׳זענען אַמאָל געווען די רייכסטע גוטבאַזיצערס און קיין יידישער פוס האָט דעם דאָזיקן באָדן נישט געטאָרט באַטרעטן. איצט אָבער זענען גרויסע שטחים געלעגן פוסט און וויסט, מחמת נאָך אין יעקאַטערינאָס צייטן האָבן פון דאָרט אויסגעוואַנדערט גאַנצע הונדערט טויזנט טאָטאַרן.

קיין באַזונדערע אָנשטרענגונגען מצד די אימיגראַנטן האָט זיך פאַר דער דאָזיקער קאָלאָניזאַציע נישט געפאָדערט. דעם באָדן האָט די מלוכה געגעבן אומזיסט, קיין זומפּן אויסטריקענען האָט מען נישט געדאַרפט, קיין ברונעמס גראָבן אויך נישט. דער „דזשאָינט" האָט אויסגעבויט שיינע באַקוועמע הייזער מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען און די דערפער האָבן געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק.

פאָלקס־שולן, קראַנקן־קאַסעס און קאָאָפּעראַטיוון האָט איינגעאָרדנט די רעגירונג. די מענטשן האָבן נאָר געדאַרפט צו אַרבעטן, זיך אומשיכטן און צופּאַסן צום נייעם לעבן אויף קאָלעקטיווע יסודות. אויף קיין „אַנטי־רעליגיעזער" אַגיטאַציע האָט מען זיך אין די יידישע דערפער נישט באַ־קלאָגט. געווען אפילו אין אַ סך דערפער שוחטים, מנינים צום דאַווענען אאַ"וו.

דווקא די דאָזיקע אומשיכטונג איז אָבער פאַר געוועזענע קרעמערס, מעקלערס און הענדלער, ס׳רוב פון דער פּראָווינץ, געווען איינע פון די שווערסטע זאַכן.

בעת מיינע באַזוכן ביי די קאָלאָניסטן איז מיר נישט איינמאָל אויס־געקומען צו הערן אויף מיין פראַגע:

— ווי לעבט זיך אייך דאָ, אין די נייע באַדינגונגען, אַלס יידישע ערד־אַרבעטער? פלעגנדיקן ענטפער:

— אייגנטלעך לעבט זיך אונדז נישט שלעכט, נאָר ווען „זיי" זאָלן דערלויבן, ווייניקסטנס ווינטער־צייט, למשל, ווען די אַרבעט אין פעלד איז שווערער, אַביסל אונטערצוהאַנדלען, וואָלט באמת געווען גאָר גוט.

ווי אונדזערע פּרדסנים אין ארץ־ישראל, אַזוי האָבן די יידישע קאָ־לאָניסטן אין קרים, נישט געוואָלט מאַכן זייערע קינדער פאַר קיין ערד־אַרבעטער און זיי צעשיקט אין די שטעט זיך לערנען. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און אויסער דעם קורס פון די אַלגעמיינע לימודים, איז

אין אַלע שולן איינגעפירט געוואָרן אָבליגאַטאָריש דער אונטעריכט פון לאַנדווירטשאַפט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, צוזאַמען מיט דער פּראַקטישער ערד־אַרבעט.

פון מיין רייזע אין נאָוואָראָסייסק אין די יידישע קאָלאָניעס אין קרים, בין איך צוריקגעקומען קיין מאָסקווע אין אַ גוטער שטימונג און מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ליקווידירט און אַז די פּרויען־פראַגע איז געלייזט אין פולן זין פון וואָרט. ווען איך האָב אין אַ קורצער צייט אַרום אָנגעהויבן רעדן וועגן פאָרן צוריק קיין פּוילן, האָט מיין זון דערפון געהאַט שטאַרק עגמת־נפש. אויסערלעך האָט ער זיך וואָס אַן אמת געהאַלטן רויק, איך האָב אָבער זייער גוט געפילט ווי שווער עס איז אים מיט מיר זיך צו שיידן, ווייל אויך פאַר מיר איז עס נישט געווען אַזוי לייכט.

אין איינעם אַן אָוונט, בעת מיר זענען צופעליק געבליבן אַליין אין שטוב, האָבן מיר זיך אָפּגעהאַרציק און ערנסט אַדורכגעשמועסט:

— זאָג מיר, מאַמע — האָט מיין זון אָנגעהויבן דאָס געשפּרעך, — פאַרוואָס ווילסטו נישט ביי אונדז פאַרבלייבן, וואָס אייגנטלעך ציט דיך צוריק אין אַנטיסעמיטיש־פאַשיסטישן פּוילן? צוליב דיין אַרבעט. האָסטו זיך שוין, לויט מיין העכסטער איבערצייגונג, געמעגט אָפּרוען. אָפּגעקנעלט כמעט פערציק יאָר ביי שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען און נאָך שווערערע מאָראַלישע איבערלעבונגען, קאָן שוין אייגנטלעך, זיין גענוג צו אַרבעטן. ווייס איך אָבער זייער גוט, אַז דאָס וועט זיין פאַר דיר זייער שווער. דיין ענערגיע און אַרבעטסזאַמקייט האָב איך נישט איינמאָל געבראַכט ווי אַ ביישפּיל פאַר אונדזערע פיל יינגערע חברטעס. האָסט דאָך אָבער ביי אונדז אַ ברייט אַרבעטס־פעלד אויפן קולטור־געביט, ווו דו קאָנסט נאָך אַ סך לייסטן און אינדערזעלבער צייט געפינען אַ גייסטיקע און מאָראַלישע באַפרידיקונג. איך האָב פאַר דיר — האָט מיין זון פאַר־געזעצט — אַ ריי קאָנקרעטע פאָרשלאָגן: רעדאַגירן אַ יידישן זשורנאַל, וואָס וועט אַרויסגעגעבן פונעם טישלער־קאָאָפּעראַטיוו; העברעישן אונ־טערריכט אין אוניווערזיטעט פאַר די סטודענטן פינעם אָריענטאַלישן פאַ־קולטעט; איבערזעצונגס־אַרבעטן, און אַ חוץ דעם אַלעם האָסטו די מעג־לעכקייט צו באַקומען אַ פּענסיע פאַר דיין פינף־און־צוואַנציק־יעריקער

טעטיקייט אַלס רוסישע לערערין אין פּוילן. אַז די סיבה פון דיין נישט וועלן ביי אונדז פאַרבלייבן זאָל זיין אונדזער נייע סאָציאַליסטישע אָרדע־נונג, דאָס, נאַטירלעך, קומט מיר גאָרנישט אויפן זינען. ווען דו זעסט אפילו שאָטנזייטן, פאַרשטייסטו זיכער נישט ווייניקער פון מיר, אַז צען יאָר זענען פאַר אַזאַ איבערקערעניש אַ גאַנץ קורצער פּעריאָד, אַז דאָס איז בלויז דער „קאָמוניזם אונטערוועגס". מיר זענען אָבער אַדורכגעדרונ־גען מיט אַ פעלזנפעסטן גלויבן אין דעם ענדגילטיקן זיג פון אונדזער אויפבוי און פון אונדזער באַפרייונגס־אַרבעט. בנוגע דיינע פּערזענלעכע און פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן האַלט איך, אַז פאַרן חבר בירנבוים איז אויך סאָוויעטן־רוסלאַנד אַ מער פאַסנדיקער אָרט ווי דאָס פאַשיסטישע פּוילן. סאַליע איז אין רומעניע מאַטעריעל גוט איינגעאָרדנט, און ווען זיי וועלן מיט דער צייט, קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס פינצטערע, אולטראַ־אַנטיסעמיטישע רומעניע איז פאַר זיי נישט קיין אָרט, וועל איך זיך באַ־מיִען זיי אַריבערצונעמען. די קינדער פון מיין יונג־פאַרשטאָרבענער שוועסטער זענען מיר זייער נאָענט. איז דאָך אָבער סעמיק (אריה־שמואל) אין ארץ־ישראל און ווי איך הער איז ער אַ גרויסער אידעאַליסט; האָט ער דאָך געפונען זיין וועג און איז וואַרשיינלעך צופרידן. זאַנקע (שושנה) ווידער, ענדיקט גימנאַזיע און פאָרט קיין פראַנקרייך שטודירן אַגראָנאָמיע. דער דאָזיקער איינפאַל געפעלט מיר זייער — האָט ער פאַרגעזעצט זיין געשפּרעך — מאַטעריעל וועל איך זען איר אויסצוהאַלטן, און שפּעטער זיך באַמיִען אַז זי זאָל קומען אַהער. ביי אונדז זוכט מען אַגראָנאָמען מיט ליכט. איך זע דעריבער נישט קיין שום שטערונגען איבער וועלכע דו וואָלסט זיך נישט געקאָנט ביי אונדז איינאָרדנען.

— איך האָב זיך מיין קינד זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דיין געשפּרעך. מיר איז פּונקט אַזוי שווער זיך צו שיידן מיט דיר, ווי דיר מיט מיר. וואָס קאָן מען אָבער טון אַז אונדזערע וועגן גייען זיך פאַנאַנ־דער. פאַקטיש זענען מיר נישט קיין פּאָליטישע קעגנערס, ווייל איך בין פּונקט אַזוי סאָציאַליסטיש אָדער קאָמוניסטיש — דער וואָרט „קאָמוניזם" שרעקט מיך לחלוטין נישט אָפּ — געשטימט ווי דו. אונדזער אַרבעט, אָבער, פירן מיר (לויט איער מיינונג) אין קעגנגעזעצטע ריכטונגען. איך גלויב אָבער, אַז דאָס איז נאָר אַ צייטווייליקע זאַך, אַ בלויזע מיספאַר־

שטענדעניש, וואָס מוז זיך, סוף־כל־סוף, אויפקלערן. שולדיק אין דעם זענען אונדזערע „יעווסעקציע"־פאַרשטייער, די געוועזענע בונדיסטן, וואָס האָבן אייך איינגערעדט ,אַז דער ציוניזם איז אַ „בורזשואַזע" באַוועגונג, וועלכע האָט די אויפגאַבע מיטן כוח פון ענגלישן געווער אַרויסצוטרייבן פון ארץ־ישראל די אַראַבער און פאַרכאַפּן פאַר זיך דאָס לאַנד. די דאָזיקע באַהויפּטונג פון דער „יעווסעקציע" איז פון גרונד־אויס אַ פאַלשע. פאַר מיר, און נישט בלויז פאַר מיר, נאָר פאַר דער ארץ־ישראלדיקער אַרבע־טערשאַפט און פאַרן גאַנצן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל אין אַלגעמיין, איז דער ציוניזם פונקט אַזאַ רעוואָלוציאָנערע באַפרייונגס־באַוועגונג ווי אייער סאָציאַליסטישער אויפבוי, וואָס שטרעבט אויפצובויען זיין אַלט־נייע היים אין ארץ־ישראל אויף גערעכטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע יסודות. און צו פּראָדוקטיוויזירן די יידישע פאָלקסמאַסן אין דער דיאַספּאָראַ און זיי צוצוגרייטן פאַר אַ בעסערן און שענערן לעבן אין זייער נאַציאָנאַלער היים. פאַר דעם דאָזיקן אידעאַל — ווי דו ווייסט עס וואויל מיין זון — האָב איך אָפּגעגעבן כמעט פערציק יאָר אַרבעט און אַ לעבנס־אידעאַל בייט מען נישט פון היינט אויף מאָרגן. אמת, אין פאַרלויף פון מיין גאַנצן לעבן, בין איך אַ רעוואָלוציאָנערין, אַ סאָציאַליסטין, אַפילו דעמאָלט ווען איך האָב נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען דעם געהעריקן מיין פון די דאָזיקע ווערטער, ווייל קיינער האָט מיך צו דעם נישט צוגעגרייט און נישט אויפ־געקלערט. אַליין בין איך צו דעם אַלעם דערגאַנגען מיט דער בלויזער אינטויציע. פון מיינע פריסטע קינדער־יאָרן אָן, זענען מיינע סימפּאַטיעס תמיד געווען אויף דער זייט פון די אָמשווערסטן ליידנדיקע און אונ־טערדריקטע. דער ציוניזם האָט מיר אויך אויסער מיין עכט־יידישער דערציִונג, געבראַכט דעם באַוווסטזיין, אַז אונדזער געיאָגטער און גע־פּלאָגטער יידישער פאָלק איז, מחמת זיין באַדנלאָזיקייט, דער אומגליק־לעכסטער צווישן די אומגליקלעכע, און איבער דעם דאַרף איך מיין גאַנצע ענערגיע און אַלע מיינע פעיִקייטן ווידמען נישט קיין אַנדערער נאָר אונ־דזער אייגענער יידישער באַפרייונגס־באַוועגונג. פאַר אַ פרייער און סאָ־ציאַליסטישער ארץ־ישראל. קיין שום פערזענלעכע מאָמענטן אין פאַ־מיליען־אַנגעלעגנהייטן קומען דאָ נישט אין באַטראַכט, אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין באַשלוס זיך אומצוקערן קיין פוילן. מיין גאַנץ לעבן — ווי עס

איז דיר מיין זון באַקאַנט — בין איך געווען, ווי מען זאָגט עס, אַ סאָציאַ־לער מענטש. איך האָב שטענדיק מיטגעלעבט דאָס לעבן פונעם ציבור; און איצט, אין אַ מאָמענט, ווען מיין שווער־געפּלאָגטער פאָלק שטייט אין סאַמע מיט פון זיינע אָנשטרענגונגען פאַר זיין נאַציאָנאַלער און פּאָליטי־שער גלייכבאַרעכטיקונג אין דער דיאַספּאָראַ, און אין רעכטן ברען פון זיין קאַמף פאַר דעם אויפבוי פון זיין נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל, זאָל איך אַנטלויפן פון קאַמף־פּלאַץ, ווייל איך האָב גראָד אַ גינסטיקע געלעגנהייט זיך בעסער איינצואָרדענען? איך בין פעסט איבערצייגט, אַז דו גופא, ווי מיינער אַ זון, וועסט עס אַליין נישט געפינען פאַר ריכטיק. איך בין פון תמיד אָן אַן אויסגעשפּראָכענע אָנהענגערין פון אַ סאָציאַ־ליסטיש־גערעכטער אָרדענונג אויף דער גאַנצער וועלט, נישט בלויז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך אין ארץ־ישראל. מיין העכסטער ווונטש איז אָבער, אַז די קינפטיקע סאָציאַליסטישע פעלקער־פאַרברידערונג זאָל נישט בלויז אנערקענען די רעכט פונעם יידישן פאָלק אויף זיין נאַציאָנאַ־לער היים אין ארץ־ישראל, נאָר זאָל אויך ממשותדיק, מיט ראַט און טאַט, מיטהעלפן צו דער רעאַליזירונג פון אונדזער טויזנטיעריקן אידעאַל. בנוגע דיין לעצטער פראַגע מכוח די שאַטנזייטן וועלכע איך האָב אין אייער לאַנד באַמערקט, וויל איך מיר דערלויבן צו זאָגן, אַז איין מאָמענט, נישט פון אייער פּראָגראַם, נאָר פון אייער טאַקטיק איז מיר לגמרי אומ־פאַרשטענדלעך: אייער באַציִונג צו אַנדערש דענקנדיקע און אַפילו צו אייערע אייגענע פּאַרטיי־חברים וועלכע האָבן אַן אַנדער אויפפאַסונג, אַפילו בלויז פאַר ניואַנסן, פון אייער ווייטערדיקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

נאָך דעם דאָזיקן שמועס, — אין וועלכן מיין זון האָט זיך באַמיט צו באַרעכטיקן די דאָזיקע טאַקטיק, ווייל רוסלאַנד איז פון אַלע זייטן אַרומ־גערינגלט מיט שונאים, מוז זי, לויט זיין מיינונג, זיין האַרט אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט מיט אַלע דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע קעגנער, — האָבן מיר זיך ביידע באַמיט, ווי ווייט מעגלעך, צו באַהערשן אונדזערע געפילן, וואָס מיר מוזן זיך צעשיידן. אַז אין צוויי יאָר שפּעטער, אין 1930, יועל איך צופעליק — ווי אַ פּראָפעסיאָנעלע איבערזעצערין — באַקומען צו איבערזעצן אויף יידיש טראָצקיס מעמואַרן „מיין לעבן" און דורך דעם פאַרלירן אויף שטענדיק די מעגלעכקייט זיך ווען עס איז נאָך אַמאָל צו

זען מיט מיין זון, האָב איך, פאַרשטייט זיך, פאַר מיין דעמאָלטיקן אָפּפאָרן פון מאָסקווע, נישט געקאָנט וויסן.

קורץ פאַר מיין אָפּפאָרן האָט מיר מיין זון געמאַכט אַן אָנגענעמע איבערראַשונג:

— דו וועסט, מאַמע, — האָט ער מיר געזאָגט זיך וויצלענדיק, — פון דאַנען אַוועקפאָרן אַלס רענטיערין. דעם קאָמינטערן איז דער־לויבט איבערצושיקן קיין אויסלאַנד אַכט טויזנט דאָלאַר מאָנאַטלעך שטיצע פאַר נאָנטע קרובים. איך האָב דעריבער די מעגלעכקייט דיר צו שיקן יעדן מאָנאַט 25 דאָלאַר אָפיציעל דורך אַ וואַרשעווער באַנק. אַזוי ווי דו האָסט באַשלאָסן שיקן שושנהן קיין פראַנקרייך שטודירן אַגראָנאָ־מיע, וויל איך, לפּחות, פון דיר אַראָפּנעמען די לאַסט צו זאָרגן וועגן איר.

גאַנצע פיר יאָר נאָכאַנאַנד האָב איך רעגולער באַקומען פון מיין זון די צוגעזאָגטע רענטע (פון 1928 ביז 1933), ביז עס איז פאַרווערט געוואָרן אַרויסצושיקן געלטער פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד קיין אויסלאַנד.

## קאַפּיטל איין און דרייסיק

קיין וואַרשע האָב איך זיך צוריקגעקערט ענדע אָקטאָבער און גלייך ווידער אָנגעהייבן מיין אַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון יידישן פרויען־פאַרבאַנד. ווי קליין און אומבאַדייטנדיק האָט מיר איצטער אויסגעזען די דאָזיקע טעטיקייט אין פאַרגלייך מיט דער גראַנדיעזער אַרבעט פאַרן בוי פון סאָציאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד. ווידער האָט מיך פאַרכאַפּט אַ שרעק־לעכער קנאה־געפיל, און עס האָט מיך כסדר פאַרפאָלגט דער געדאַנק וועגן ביטערן גורל פון אונדזער באַדנלאָזן פאָלק. די וועלט איז גרויס — האָב איך געטראַכט — נאָר פאַר אונדז איז אויף איר קיין פּלאַץ נישטאָ.

מאַטעריעל בין איך פאַרהעלטנישמעסיק געווען נישט שלעכט איינ־געאָרדנט. אין מאַי 1929 האָט מיין אייניקל שושנה געענדיקט די מיטל־שול און ענדע אויגוסט איז זי געפאָרן קיין נאַנסי לערנען אַגראָנאָמיע.

מיר איז, פאַרשטייט זיך, נישט לייכט געווען מיט איר זיך צו שיידן. איך האָב אָבער קיין ברירה נישט געהאַט, ווייל אין אַגראָנאָמישן אינסטי־טוט אין וואַרשע האָט מען קיין יידן נישט צוגעלאָזן.

געוווינט האָב איך דעמאָלט צוזאַמען אין אַ צימער מיט מיין יינגערע שוועסטער, די דענטיסטין.ביידע פלעגן מיר אינדערפרי אַוועקגיין צו דער אַרבעט ביז אָוונט. איך פלעג ס׳רוב אַהיימקומען זייער שפּעט, נאָר צום שלאָפן; ווייל מיין פּאַקטישע דירה איז אייגנטלעך געווען דער לאָקאַל פון פרויען־פאַרבאַנד „יפא״.

פאַר דער צייט פון די זעקס חדשים וועלכע איך האָב פאַרווײַלט אין ראַטנפאַרבאַנד בין איך לגמרי אָפּגעריסן געוואָרן פון די געשעענישן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פוילן בכלל, און אין דער ציוניס־טישער וועלט בפרט. מיין זון פלעגט מיר וואָס אַן אמת, פון צייט צו צייט ברענגען די ביולעטינען וואָס ער האָט באַקומען צוגעשיקט פון דער פּ. ק. פּ. (פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי). די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס האָבן מיר, דעם אמת זאָגנדיק, קנאַפּ וואָס צופרידנגעשטעלט. עס האָט אָבער נישט לאַנג גענומען און איך בין באַלד ווידער צוריק־באַקאַנט גע־ווען מיט דער בריים־פאַרצווייגטער פאָלקס־אַרבעט אין וואַרשע אויף די פאַרשידנסטע געביטן.

אין ארץ־ישראל האָבן דערווייל אָנגעהויבן בלאָזן אַנדערע ווינטן. אין פאַרלויף פון די צוויי יאָר 1927־29 האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד גרינטלעך געענדערט צום בעסערן, די אַרבעטסלאָזיקייט איז כמעט פאַרשוווּנדן, מען האָט ווידער אָנגעהויבן באַקומען סערטיפיקאַטן פאַר חלוצים, וועלכע האָבן זיך געפּלאָגט אין די שווערסטע באַדינגונגען אין די צייטן פון עליה־פאַרבאָט. אויסער דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע, האָט זיך אויך שטאַרק פאַרגרעסערט די צאָל פון פּריוואַטע אונטערנעמונ־גען. די עקאָנאָמישע דעפּרעסיע און די קריזיס־תקופה האָט זיך פאַרענ־דיקט און עס זענען אַנטשטאַנען האָפנונגספולע אויסזיכטן פאַר דער נאָג־טער צוקונפט. דאָס נייע שווער־געפּרוווטע ארץ־ישראל האָט אויסגעהאַלטן דעם שטורעם־עקזאַמען און באַוויזן איר ווידערשטאַנדס־פעיקייט. אויפ־געמונטערטע און אויפגעהייטערטע זענען דאָסמאָל געפאָרן אַ געוויס־גרויסע צאָל דעלעגאַטן צום 16־טן קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין ציריך (שווייץ)) פון 28טן יולי ביזן 14טן אויגוסט אין 1929. דער דאָזיקער קאָנגרעס, ווו עס איז פאָרגעקומען די קאָנסטיטואירונג פון דער פאַרברייטערטער יידישער אַגענץ, איז בכלל געווען שטאַרק באַזוכט.

ווי האָט אויסגעזען די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע פון די ייִדן אין פּוילן אין 30־1929 אויפן פערטן יאָר נאָך פּילסודסקיס מאַי־איבערקערעניש, אויף וועלכער מען האָט געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפענונגען, אַז דווקא זי וועט אונדז ענדלעך ברענגען די דערפילונג פון אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען? פאַקטיש איז אַלץ פאַרבליבן ווי געווען: דערזעלביקער סיים מיט זיין רעכטער מערהייט, מיטן „ענדעקישן“ גייסט, מיט זיין פּאַרלאַמענטאַרישער קורצזיכטיקייט און פולשטענדיקער מאַכטלאָזיקייט.

אין קלענערע ענינים, אָן אַ דעצידירנדיקן ווערט, האָט זיך די לאַגע כלומרשט פאַרבעסערט. די רדיפות, וועלכע האָבן קיינעם קיין נוצן נישט געבראַכט און האָבן בלויז צעשטערט, האָבן אויפגעהערט, מען האָט פון אונדז אָבער געפאָדערט, אַז מיר זאָלן האָבן געדולד און וואַרטן... דאָס זעלבע וואָס מיר האָבן געהערט במשך פון יאָרן, האָבן מיר ווייטער געהערט. ווען מיר האָבן אָבער אַרויסגעוויזן סימנים פון אומצופרידנקייט, האָט מען אונדז תיכף דערקלערט ווי שונאים פון דער מלוכה, פּונקט אַזוי ווי פאַר דער איבערקערעניש.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ייִדן האָט זיך מיט גאָרנישט נישט פאַרבעסערט. די ערשטע צייט האָט זיך אין פּלוג אויסגעדוכט אַז דער עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם ווערט ליקווידירט, אַז דער ספּעציעלער שטייער־שרויף לגבי די ייִדן ווערט לפּחות אָפּגעשאַפט. אַזוי האָבן געהאַפט די סוחרים, באַזונדערס די גרויסע, אין דער סאַמע ערשטער צייט נאָך דער איבערקערעניש. עס האָט זיך אין אָנהויב די באַציִונג צו די גרויסע קאָמערסאַנטן און אינדוסטריעלער עפּעס יאָ אויף אַ ווייל געענדערט, לאַנג אָבער האָט עס נישט געדויערט.

די ייִדישע מאַסן האָבן נישט אויפגעהערט צו ליידן אונטער דער שווערער לאַסט פון די כסדר־וואַקסנדיקע שטייערן, אונטערן דרוק פון דעם זייער רואינירנדיקן עטאַטיזם. דער קאַמף קעגן דער אָפן כוליגאַניש־אַנטיסעמיטישער ענדעציע און די כלומרשט מער מענטשלעכע באַציִונג לגבי די ייִדן מצד די אַנדערש געשטימטע מאַכטהאָבערס, האָט נישט געקענט אָפּשוואַכן די פאַרביטערונג פון די אַרבעט־און פּרנסה־לאָזע מענטשן, וואָס זענען בייזווייליק אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע עקאָ־

נאָמישע פּאָזיציעס. די נייע הערשערס האָבן פּונקט אַזוי ווייניק זיך גע־זאָרגט צו באַפרידיקן די באַדערפעענישן פון די פּאַראַרעמטע מאַסן ווי זייערע פריערדיקע פּאַרגייערס. זיי האָבן גאָר להיפוך געהאַט גרויסע טענות צו די יעניקע, וועלכע האָבן זיי אין דער דאָזיקער פליכט זייערער דערמאָנט. זיי האָבן זיך געפילט באַליידיקט, וואָס מ׳פאַרלאָזט זיך נישט אויף זייער חסד, וואָס מען האָט נישט קיין צייט צו וואַרטן ביז וואַנען זיי וועלן איינאָרדענען זייערע מלוכה־ענינים און ערשט דאַן געפינען צייט צו פאַרנעמען זיך מיט די פאָדערונגען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דידאָזיקע וועלכע ווילן נישט און קענען נישט וואַרטן — זענען מלוכה־שונאים. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די מאַסן און געפּרוּווט זיי קאָרומפּירן און אונטערגראָבן זייער גלויבן אין זייערע אָנפירערס און פאַרשטייערס, וועלכע זענען גלייך אַריבער אין דער אָפּאָזיציע, ווי נאָר עס איז פאַר זיי קלאָר געוואָרן די דורכזיכטיקע כוונות מצד די, וועלכע האָבן מנצח געווען אין דער מאַי־איבערקערעניש.

וואָס שייך מיין פּערזענלעכער לאַגע, האָט זי זיך אין פאַרלויף פון די דאָזיקע עטלעכע יאָר לגמרי סטאַביליזירט. איך האָב שוין איצט גע־לעבט אויסשליסלעך פאַר מיינע פליכטן, און דער אייגנטלעכער אינהאַלט פון מיין לעבן איז איצט געווען נאָר מיין אַרבעט.

פאַר די יאָרן 1929—1930 איז אונדזער „יפא“־פאַרבאַנד שטאַרק אויסגעוואַקסן. די צאָל פּרויען־פאַראיינען, נישט בלויז אין קאָנגרעס־פּוילן, נאָר אויך אין די מזרח־ראַנד־געביטן, האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט. אונדזערע אינסטיטוציעס אין וואַרשע האָבן זיך אַ דאַנק די רעגירונגס־סובסידיעס אַנטוויקלט אין אַזאַ מאָס, אַז מיר האָבן באַלד געמוזט פאַר־גרעסערן די ביוראָס און זענען אַריבער אין אַ גרויסן מאָדערן־איינגע־אָרדנטן לאָקאַל, ווו מיר האָבן קאָנצענטרירט אונדזערע אַלע קולטור־און דערציִונגס־אַנשטאַלטן.

אונדזער „יפא“־אָרגאַניזאַציע איז פאַקטיש — אויסער די פּרויען־סעקציע „יאַפ“ פון בונד — געווען יאָרן נאָכאַנאַנד די איינציקע גרויסע יידיש־נאַציאָנאַלע פּרויען־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן. אין דער „וויצאָ“ האָט זיך אונדזער פאַרבאַנד נאָך אָנגעשלאָסן תיכף בעת איר גרינדונג, אין 1920. גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע אירע אַקציעס, באַזוכט אירע

אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן און מיטגעהאָלפן אין איר אַגיטאַציע־ און אויפקלערונגס־אַרבעט אין וואָרט און אין שריפט אין די ייִדיש־רעדנדיקע לענדער. קיין אָפיציעלע „וויצאָ“־אָפּטיילונג האָט דעריבער אין פּוילן נישט עקזיסטירט. ערשט אין יאָר 1930 האָט פרוי ד״ר סאַלאָמעאַ לעוויטע, נאָך אַ באַזוך אין ארץ־ישראל, געגרינדעט אין וואַרשע אַ „וויצאָ“־פאַראיין, וועלכער האָט געפירט זיין טעטיקייט אויסשליסלעך צווישן די פרויען פון די רייכערע ייִדישע קרייזן.

נאָך אַ כמעט צוויי־יעריקער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, האָב איך אין יוני 1930 גענומען אורלויב און בין אַוועקגעפאָרן קיין בוקאַרעשט זיך זען מיט מיין טאָכטער און איר פאַמיליע. אויף די פעריען איז אויך געקומען מיין אייניקל פון נאַנסי. עטלעכע וואָכן האָבן מיר פאַרבראַכט אין מאָלדאַוויע אין אַ רומענישן דאָרף — קאָרקאַ, נישט ווייט פון דער שטאָט פיאַטראַ־ניאַמעץ, דאָרט ווו צבי האָט געבויט אַ בריק איבערן טייך „ביסטריצאַ“, אין דער געגנט זאַהאַרנע. אין דעם דאָזיקן דאָרף האָט געוווינט נאָר איין ייִדישע פאַמיליע, וועלכע האָט דאָרט געהאַלטן אַ גרויסן באַקאַליי־געשעפט.

דידאָזיקע געגנט — ווי איבעריקנס אַ סך אַנדערע אין רומעניע — איז געווען ממש אַ באַצויבערנדיקע. דער דאָרף איז געלעגן אין אַ טאָל, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט ריזיקע בערג־קייטן, באַדעקט מיט געדיכטע אורוועלדער. ביי די גרעסטע היצן אונטן אין טאָל, האָט מען אויף די באַוואַלדערטע בערג אויבן לגמרי פאַרגעסן אַז עס איז זומער־צייט, און די לופט דאָרטן, פונקט ווי אין דער אָרטשאַפט מעראַן, איז ממש מחיה נפשות.

אין חודש סעפּטעמבער, באַלד נאָך די פעריען, איז מיין אייניקל צוריקגעפאָרן קיין נאַנסי צו איר שטודיום. עס איז אונדזביידן ווידער שווער געווען דאָס שיידן זיך. איך האָב, ווי עס איז, נאָך זיך באַמיט צו באַהערשן; איר — מיין שושנהלען — איז עס אָבער נישט געלונגען. נישט איינמאָל האָט זי מיך מיט טרערן אין די אויגן געפרעגט:

— פאַרוואָס, באָבע, האָב איך נישט קיין היים ווי אַלע מיינע חברים און חברטעס? דער מאַמען כמעט נישט געקענט, דער טאַטע — ווי אַ פרעמדער מענטש. אין וואַרשע, דעמאָלט, נעבן דיר, האָב איך אַזוי נישט

געפילט מיין עלנטקייט; אין דער פרעמד איז עס מיר פשוט אומדער־טרעגלעך. איך וואָלט דעריבער געוואָלט וואָס גיכער פאַרענדיקן מיין שטודיום און דעמאָלט וועלן מיר בײדע פאָרן קיין ארץ־ישראל. סעמיק (שמואל־אריה) איז אויך דאָרט, וועלן מיר ווידער זיין צוזאַמען. מיר, באָבע, וועלן אַרבעטן און דו וועסט זיך שוין קאָנען אָפּרוען.

ווי אַזוי אַ סביבה קען ווירקן, באַזונדערס אויף אַ קינד, האָב איך ערשט געקענט באַמערקן, פאַרברענגענדיק דעם זומער אין בוקאַרעשט ביי מיין טאָכטער און איידעם. ביידע האָבן זיי נישט געהערט צו קיין שום פּאָליטישער פּאַרטיי. דער קרייז באַקאַנטע זייערע זענען געווען די רו־מענישע אינזשיניערן — זיינע מיטאַרבעטער און שעפן — און די ייִדי־שע גרויס־בורזשואַזיע, פאַבריקאַנטן און אינדוסטריעלער, וועלכע זענען געקומען מאַכן „ביזנעס", מיט וועמען זיי פלעגן זיך טרעפן ביים פעטער דעם גרויס־אינדוסטריאַל — צביס פאָטער איז אין צווישנצייט געשטאָרבן און די מוטער איז צוריקגעפאָרן קיין לאָדזש —. דער דאָזיקער גאַנצער עולם האָט זיך מיט דער ייִדישער באַפרייונגס־באַוועגונג קנאַפּ וואָס אינטע־רעסירט, העכסטנס מנדב געווען אויף די נאַציאָנאַלע פאָנדן. פאַר זיי איז רומעניע געווען — ארץ־ישראל. זייענדיק אין אַ לאַנד, וואָס איז בלויז דריי טעג רייזע פון ארץ־ישראל, פלעגט מען אַהין פאָרן אויף לוסט־רייזעס. קיין איין דונאַם באָדן האָבן זיי נישט געקויפט און נישט איני־וועסטירט דאָרטן דאָס מינימאַלסטע פון די אָנגעזאַמלטע קאַפּיטאַלן. עס איז זיי קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז עס קען קומען אַ מאָמענט, ווען מען וועט מוזן אַנטלויפן פון רומענישן „גן־עדן".

זיך צוקוקנדיק צום שטייגער לעבן פונעם דאָזיקן קלאַס ייִדן, האָב איך נישט אויפגעהערט צו באַדויערן וואָס דווקא מיין טאָכטער האָט זיך געמוזט פאַרקלייבן אינעם דאָזיקן פינצטערן אַנטיסעמיטישן רומע־ניע, ווו די סביבה האָט זיי אויפגעגעסן. אַממיינסטן איז מיר אַ שאָד געווען זייער פּיריעריקע מיידעלע חמדה, וואָס צו צוויי יאָר האָט זי נישט אַנדערש געקענט איינשלאָפן ווי נאָר אונטערן געזאַנג פון העברעיִשן שיר „בואי הנה ילדתי", און איצט האָט זי מיר איינמאָל אַ זאָג געטון, אַז זי איז נישט קיין ייִדיש קינד. איך האָב אויף דעם רעאַגירט אין אַ זייער ערנסטן טאָן, און צו איר געזאָגט:

— אויב דו ביסט נישט קיין ייִדיש קינד, ביסטו נישט מיין אייניקל און איך בין נישט דיין באָבע. אַלע זענען מיר ייִדן: איך, דיין מאַמע, דיין טאַטע און אויך דו.

מיין טאָכטער האָב איך בלויז געהאַלטן אין איין פרעגן:

— ווי אַזוי האָט איך די סביבה אייערע אין אַזאַ קורצער צייט, אַזוי אויפגעגעסן?

אין בוקאַרעשט בין איך געבליבן ביז איבער אַלע ימים־טובים, און אין אָנהויב אָקטאָבער, צוריקקומענדיק קיין וואַרשע, האָב איך זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון „יפא"־סעקרעטאַריאַט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך באַקומען צו איבערזעצן טראָצקיס מעמואַרן „מיין לעבן". די אַרבעט איז געווען דרינגענדיק, און איך האָב זי געמאַכט אין פאַרלויף פון זעקס וואָכן. באַקומען האָב איך דעמאָלט דעם האָנאָראַר פאַר דער איבערזעצונג — 1.250 פוילישע זלאָטעס. די דאָזיקע אַרבעט האָט מיך אַזוי פאַרכאַפּט, אַז צייטנווייז פלעגט זיך מיר אויסדוכטן, אַז דאָס האָב איך פערזענלעך אַדורכגעמאַכט די אַלע איבערלעבענישן.

טראָץ אָבער דער גרויסער גייסטיקער באַפרידיקונג, וואָלט איך זיכער אויף דעם פאַרציכטעט, ווען עס וואָלט מיר אויף איין מאָמענט נאָר איינגעפאַלן, אַז מחמת דעם פאַרליר איך די מעגלעכקייט ווען עס איז נאָך אַמאָל צו זען מיין איינציקן זון. דער פשוטער שכל הישר איז מחייב, אַז ווי אַ פּראָפעסיאָנעלע איבערזעצערין, נישט האָבנדיק קיין שייכות מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין אַלגעמיין, האָב איך נישט בדעה געהאַט צו אַגיטירן פאַרן טראָצקיזם. און פונקט אַזוי צופעליק ווי טראָצקין האָב איך געקענט אויך איבערזעצן סטאַלינס אַ ווערק. קיין שום אַרגומענטן האָבן נישט געהאָלפן. דעם פאַקט אָבער האָבן זיי שוין נישט געקענט ענדערן.

## קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

סוף אַפּריל 1932 האָב איך באַשלאָסן צו נעמען אַ לענגערן אורלויב און פאָרן אויף די זומער־פעריען צו מיין טאָכטער קיין רומעניע און

דערנאָך קיין מאָסקווע זיך צו זען מיט מיין זון. אָנהייב מאַי, קורץ פאַר מיין אָפּפאָרן קיין רומעניע, האָב איך אָנגעגעבן אַ ביטע אין סאָוויעטישן קאָנסולאַט וועגן אַ רייזע־באַווייליקונג קיין מאָסקווע. דידאָזיקע פּראָצע־דור ביז מען פלעגט באַקומען דעם ענטפער האָט געוויינטלעך געדויערט בערך אַ צוויי מאָנאַט, פונקט די צייט וואָס איך האָב געקלערט צו פאַר־ווײלן ביי מיין טאָכטער. געוווינט האָט מיין טאָכטער אין 1932 שוין נישט אין בוקאַרעשט, נאָר אין קישיניעוו, דאָרט ווו איר מאַן האָט באַקומען אַ גרויסע רעגירונגס־באַשטעלונג. איך בין פון דעם געווען זייער צו־פרידן, וואָס איך וועל פאַרברענגען דעם זומער אין אַ שטאָט מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג, לרוב ציוניסטן, און ווו מען רעדט נאָך אַלץ רוסיש.

אין קישיניעוו, אַ שטאָט פון בערך 120.000 נפשות, האָבן געלעבט אַכציק טויזנט יידן. די איבעריקע פערציק טויזנט זענען געווען מאָל־דאַווער, רוסן, אַרמענער און אַ קליינער טייל רומענער. די גרויסע מער־הייט איז געווען אָריענטירט סאָוויעטן־פריינטלעך און האָבן געוואָרט אויף אַ פּלעביסציט, וועלכער זאָל ענדלעך לייזן די בעסאַראַבישע פראַגע.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין קישיניעוו האָט געפירט אַן אינ־טענסיווע טעטיקייט הן אויפן פּאָליטישן, הן אויפן קולטורעלן געביט, און ענערגיש געאַרבעט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן. אין שפּיץ פון דער באַוועגונג זענען געשטאַנען פּאָפּולערע ציונים־ותיקים, ווי חבר יצחק בערגער, דער נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענער ח. בערליאַנד א״אַנד. געווען אויך אַן אַקטיווע „וויצאָ״־אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון מיין ערשטער תלמידה, חברטע מאַשע בערגער, איצט איינע פון די אַקטיווע ציוניסטישע טוערינס אין תל־אביב.

מיט מיין קומען קיין קישיניעוו, איז די פאַמיליע פון מיין טאָכטער אויטאָמאַטיש אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ציוניסטישער סביבה. צו־פעליק האָט דאָ מיטגעווירקט נאָך אַ פּאָזיטיווער מאָמענט: פון חיפה איז צו אונדז אויך געקומען, כדי מיט מיר זיך צו זען, מיין יינגערע שוועס־טער דינה שפּירא. איר ליבע צו ארץ־ישראל איז געווען אַזוי גרויס, אַז נישט בלויז אירע נאָענטע און באַקאַנטע, נאָר פשוט יעדן איינעם

מענטשן וועמען זי האָט נאָר באַגעגנט האָט זי געהאַלטן אין איין אַגיטירן, אַז ער זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל.

אויף די עטלעכע הייסע זומער־חדשים, בעת מיין טאַכטערס זעקס־יאָריקע מיידעלע האָט געהאַט פריי — געלערנט האָט זי אין אַ רומענישע שול — זענען מיר געפאָרן קיין בוגאַז, אַ קוראָרט ביי די ברעגן פון שוואַרצן ים, און גאָר נאָענט ביי דער רוסישער גרענעץ. געוווינט האָבן מיר ביי אַ רוסישער פאַמיליע, און אין די אָוונטן פלעגן מיר זען די באַלויכטענע דאָרפישע הייזלעך אויף דער אַנדערער זייט פון דער גרע־נעץ. די הויפּט־באַשעפטיקונג פון דער בוגאַזער באַפעלקערונג איז געווען פישפאַנג און חוץ דעם האָבן זיי געהאַט גרויסע וויינגערטנער. נישט ווייט פון בוגאַז איז געווען דער באַקאַנטער קוראָרט שאַבאָ, וווהין מ׳פלעגט שיקן לונגען־ליידנדיקע אויף אַ ספּעציעלער טרויבן־קוראַציע. די באַפעל־קערונג פון שאַבאָ איז באַשטאַנען פון דייטש־ און פראַנצויזיש־רעדנדיקע שווייצער. בעסאַראַביע בכלל איז אַן אויסערגעוויינלעך פּרוכטבאַר לאַנד; רייך נישט בלויז אין תבואה, נאָר געבענטשט מיט אַ גרויסער שפע פון פאַרשידענע גרינסן, פּרוכטן און מילך־פּראָדוקטן. צו יענער צייט איז ממש געווען — ווי מען זאָגט עס — אַ פאַרפלייצונג פון עסנוואַרג. נישט אומזיסט איז דאָרט אפילו אונדזער יידישער עולם געווען מער זאַט אין עסן ווי אין תורה... קיין שטיקל שוואַרץ ברויט איז דאָרט נישט געווען בנמצא. ווען מיר האָבן זיך אויף דעם געוווּנדערט, האָט דער עולם זיך געוויצלט:

— ביי אונדז עסט מען חלה אינדערוואָכן...

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. בעסאַראַביע, ווי אַמאָל מצרים, האָט אויך פאַרמאָגט דעם גרויסן „סיר הבשר" און די ריכטיקע „דגים". אַ געוויסע דערשיינונג וואָס איך האָב באַמערקט אין ים־קוראָרט בוגאַז איז מיר פאַרבליבן עד־היום אין זכרון: אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן מיר דערזען אַז דער גאַנצער ים־ברעג אויף מיילן־לאַנג איז באַדעקט מיט גאַנצע בערג פון כל־המינים פיש, אַז ס׳איז אוממעגלעך אַרויפצוגיין אויף דער פּלאַזשע. אַזעלכע מיני דערשיינונגען — האָבן אונדז דער־קלערט די דאָרטיקע איינוווינערס — קומען דאָרט פאָר זייער אָפט. די שטאַרקע ים־כוואַליעס, געטריבן פון עם ווינט, וואַרפן אַרויס צו די ברעגעס

אומגעהייערע מענגעס פיש פון אַלערליי גרויסן, אָנהייבנדיק פון די קליי־נינקע קילקעס ביז צען־קילאָדיקע פלאָנדרעס.

גלייך זענען פון דער דערבייאיקער שטאָט אַקערמאַן אָנגעקומען הונדערטער פורגאָנעס און ביז שפּעט אין אָוונט אָפּגעריייניקט די פּלאַזשע פון דער פיש־פאַרפלייצונג.

ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט פון בוגאַז קיין קישיניעוו האָב איך געפונען צוגעשיקט דורך מיין שוועסטער פון וואַרשע אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג פון סאָוויעטישן קאָנסולאַט, אַז קיין איינרייזע־באַוויליקונג קיין מאָסקווע וועל איך נישט באַקומען. אָן שום אָנגעגעבענע מאָטיוון. אַ ביטע צום צווייטן מאָל איז דערלויבט נישט פריִער ווי אין אַ יאָר אַרום.

מיין שוועסטער פון חיפה איז דערוויל אויף די ימים־טובים אַוועק־געפאָרן קיין וואַרשע און ביאַליסטאָק, כדי זיך צו זען מיט די אַנדערע שוועסטער און ברידער. מיך האָבן מיין טאָכטער און דער איידעם, נאָכן מאָסקווער אָפּזאָג, נישט געלאָזן אַוועקפאָרן און איך בין געבליבן אין קישיניעוו.

מיין קליין אייניקל, די זיבניאָריקע חמדה, איז צוריק אַוועק אין דער רומענישער שול. אין שטוב אָבער האָט זי זיך איצט געפונען נישט נאָר אין אַ יִדישער, נאָר אַפילו אין אַ ציוניסטישער סביבה.

צו יענער צייט האָט באַזוכט קישיניעוו ווי אַ שליח פון קרן־היסוד ד״ר עמנואל אָלשוואַנגער. ער איז געווען ביי אונדז אַן אָפטער גאַסט. עס איז אויך צו יענער צייט געקומען קיין קישיניעוו, לשם אַגיטאַציע־צוועקן, זאב זשאַבאָטינסקי ז״ל. אין שטאָט איז דעמאָלט געווען לעבעדיק. דער עולם איז געלאָפן פון איין מיטינג צום צווייטן. אין די שטובן האָבן זיך געפירט הייסע דיסקוסיעס; צווישן אונדזערע באַקאַנטע זענען אויך גע־ווען רעוויזיאָניסטן. די קליינע אונדזערע פלעגט זיך צוהערן צו די דיס־קוסיעס ביי אונדז אין שטוב. איינמאָל קומט זי צו צו מיר און זאָגט מיר אָט־וואָס:

— דו ווייסט, באָבע, איך קען שוין ווערן אַ רעוויזיאָניסטקע, איך קען זיך שוין שלאָגן.

אַזוי האָט זי „קורץ און בינדיק״ אויפגענומען דעם תוך פונעם רע־וויזיאָניזם.

איינמאָל איז זי געקומען פון שול אַן אויפגערעגטע, עפּעס זיך גע־סודעט מיט דער מוטער אין אַנדערן צימער און מיר גאָרנישט געזאָגט. שפּעטער האָט מיר מיין טאָכטער דערציילט, אַז חמדה איז געקומען צו איר מיט אַ געוויין, אָבער געבעטן נישט דערציילן דער באָבען, אַז היינט איז זי געווען אויף אַ לעקציע פון רעליגיע. דער לערער איז אַ רוסישער פּאָפּ, ער הייסט די קינדער זיך שטעלן אויף די קני, און זי וויל מער אויף די דאָזיקע לעקציעס נישט גיין. אויף צומאָרגנס איז מיין טאָכטער אַוועק אין דער שול, דערקלערט אַז זיי זענען ייִדן און געבעטן צו באַפרייען איר מיידעלע פון די רעליגיע־לעקציעס. אַ דאַנק דעם אינ־צידענט האָט מען באַלד באַפרייט פון די קריסטלעכע רעליגיע־לעקציעס, וועלכע זענען פריִער געווען אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע, אויך די איבעריקע ייִדישע קינדער.

נאָכדעם ווי איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן דעם ווינטער אין קי־שיניעוו, האָב איך מיט דער קליינער חמדהן אָנגעהויבן לערנען עברית. מיין טאָכטער האָט קעגן דעם גאָרנישט געהאָט. נאָר מיין איידעם האָט געפּרוּווט מיר דערקלערן, אַז חמדה האָט שוין אין איר קינדישן קאָפּ אַ מישמאַש פון פיר אייראָפּעיִשע שפּראַכן, און ער געפינט פאַר נישט ריכטיק איר צו דרייען אַ קאָפּ מיט אַ פינפטער, און דערצו נאָך מיט אַן אָריענטאַלישן לשון. אויף דעם האָב איך אים געענטפערט, אַז אַזוי גוט ווי איך פּרעטענדיר נישט אים צו ראָטן אין ענינים פון זיין בוי־פאַך, זאָל ער אויך מיר נישט געבן קיין עצות אין פּעדאַגאָגישע אָנגעלעגנהייטן. דעם אמת זאָגנדיק, בין איך אַליין שטאַרק מסופק געווען אין די רעזול־טאַטן פון מיין דאָזיקן עקספּערימענט. די פיר שפּראַכן וואָס חמדה האָט גערעדט: רוסיש, פּויליש, רומעניש און דייטש, האָבן דאָך פּאַקטיש נישט קיין שום צוזאַמענהאַנג מיט עברית. אָבער דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אַ מערקווירדיקע זאַך: שוין גלייך פון די ערשטע לעקציעס איז דאָס קינד אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט געוואָרן און האָט געלערנט מיט אַזאַ התמדה און אַזוי לייכט, אַז זי פלעגט זיך קוים קאָנען דערוואַרטן אויף דער נעכסטער לעקציע. אין פאַרלויף פונעם ווינטער איז זי גע־וואָרן אַ גאַנצע למדנות; בעיקר אָבער האָט זי שטאַרק ליב באַקומען די שפּראַך גופא. פאַרשטייט זיך, אַז עברית קאָן מען דאָך נישט לערנען

אַנדערש ווי אַן צוזאַמענהאַנג מיט ארץ־ישראל, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט אוןביים מיידעלע האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ שטאַרקע ליבע אויך צו ארץ־ישראל, וועגן וועלכער זי האָט נישט אויפגעהערט צו פאַנטאַזירן.

## קאַפּיטל דריי און דרייסיק

די פּלוצימדיקע קאַטאַסטראָפע אין יאָר 1933, וועלכע האָט געטראָפן ווי אַ דונער די ייִדן אין דייטשלאַנד און האָט מיט איין פעדערשטריך צע־שמעטערט אַלע זייערע דורות־לאַנגע עמאַנציפּאַציע־ און אַסימילאַציע־אילוזיעס; האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אויך צווישן די ייִדן פון פיל אַנדערע לענדער. אַ באַזונדערע מורא איז דאַן אָנגעפאַלן אויף די ייִדן אין רומעניע. אויב אַזעלכע גרויל־מעשים קאָנען פּאַרקומען אין קולטורעלן דייטשלאַנד, היינט וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פון פינצ־טערן רומעניע? און דאָס איז פּאַקטיש נישט געווען קיין אומזיסטע מורא. עס האָבן דאָס באַלד דערפילט די פרעמדע בירגער. עס האָבן זיך אָנגע־הויבן פאַרשטאַרקן די שיקאַנעס און רדיפות, און די טענדענץ וואָס גי־כער משלח צו זיין די דאָזיקע פרעמדע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. סוף ווינטער, קורץ פאַר מיין אָפּפאָר צוריק קיין וואַרשע, איז ביי מיינע קינדער אויך די שטימונג געוואָרן אַן אומרויִקע. מ׳איז נישט זיכער גע־ווען וואָס עס ברענגט דער מאָרגנדיקער טאָג. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אַליין שוין געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם מאָמענט ווען זיי וועט ענדלעך געלינגען זיך אַרויסצוקריגן פון דעם ליבהאַרציקן רומעניע. אַז די פרעמדע וועלן מוזן די ערשטע אַנטלויפן, וועגן דעם האָבן שוין קיין צוויי מיינונגען נישט געקאָנט זיין. עס האָט זיך נאָר געהאַנדלט וועגן דער צייט, ווי לאַנג זיי וועלן נאָך דאָ קאָנען פאַרבלייבן.

גלייך נאָך פּסח בין איך אַוועקגעפאָרן פון קישיניעוו. פאַר מיין אָפּ־פאָרן האָט מען פאַר חמדהן אַנגאַזשירט אַ העברעיִשע לערערין וואָס אַ חוץ די לימודים פלעגט זי מיט איר און מיט נאָך אַ מיידעלע צוויי שעה שפּאַצירן, כדי זיי זאָלן זיך איינאיבן אין דער העברעיִשער שפּראַך. איך בין אַוועקגעפאָרן אין אַ געגנוג שווערער שטימונג, און אין דעם זעלבן מצב־רוח האָב איך אויך איבערגעלאָזן מיינע קינדער.

צום גליק אָבער, ווי מיר ווייסן, זענען די יאָרן 1933—1935 געווען אַ צייט פון גרויסן אויפשטייג פון אונדזער באַוועגונג. עס זענען געווען יאָרן ווען עס זענען עולה געווען העכער הונדערט טויזנט ייִדן, זיבן און צוואַנציק טויזנט — פון דייטשלאַנד אַליין. בנוגע דעם וואַרשעווער פּאַ־לעסטינע־אַמט איז מקוים געוואָרן דער פּסוק: חדש ימינו כקדם. די אַרבעט איז געגאַנגען מיט אַ שטאַרקן טעמפּאָ. דער משרד האָט ווידער פאַרנומען גאַנצע צוויי שטאָק אין איינעם פון די גרעסטע הייזער אויף קרולעווסקע גאַס. די צאָל באַאַמטע איז ווידער אויסגעוואַקסן צו 75 פּערזאָן. איך האָב נאָר באַוויזן — ווי מען זאָגט עס אויף מאַמע־לשון — אַראָפּצוגיין פון דער פּור, און איך האָב גלייך צוריקבאַקומען מיין פּאָסטן. איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן ראשו ורובו אין דער אַרבעט, נישט אָנוועני־דיק נאַטירלעך, אַז אויף מיר וואַרטן נאָך עטלעכע פרישע שווערע קלעפּ.

ביז אָנהייב 1934 זענען נאָך מיינע קינדער געבליבן אין בוקאַ־רעשט, אָבער, ווי געזאָגט, שוין געשטאַנען גרייטע אויפן וועג, נישט קאָ־נענדיק זיך אָבער אַנטשליסן וווהין צו פאָרן. אין צענטער איז געשטאַ־נען די פראַגע וועגן ארץ־ישראל. אונדזער גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך אַ יאָר נאָכאַנאַנד געפירט אויסשליסלעך אַרום דעם ענין. מיינע נאָענטע חברים אין וואַרשע, סיי פון לינקס, סיי פון רעכטס, מיט וועמען איך האָב זיך וועגן דעם באַראַטן, האָבן מיך געהאַלטן אין איין וואָרענען:

— פועה, גיט נישט קיינעם קיין עצות, נעמט נישט אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זאָלן זיי פאָרן וווהין זיי ווילן.

געזאָגט האָבן דאָס מענטשן פּאָפּולערע אָנפירערס פון דער באַוועי־גונג, און אין אַ צייט ווען אין ארץ־ישראל איז געווען אַ גרויסע פּראָס־פּעריטי, און געהאַנדלט האָט זיך דאָ וועגן אַ מענטשן אַ גוטן פאַכמאַן — אַ בוי־אינזשיניער מיט אַ לאַנגיעריקן סטאַזש.

מיין לאַגע איז באמת געווען אַ שווערע. איך האָב ווי אַן אויפריכ־טיקער מענטש געפונען פאַר זיי אַן עצה. איך האָב צו זיי געשריבן אַט־וואָס:

— ווען איך וואָלט געווען אַ 36־יעריקער אינזשיניער, וועלכער געהערט נישט צו קיין שום פּאָליטישער באַוועגונג און זוכט נאָר אַרבעט ווי אַ „ספּעץ", וואָלט איך געפאָרן קיין סאָוויעטן־רוסלאַנד, בלויז שוין

מחמת דעם, ווייל דאָרט איז פאַר יעדן פּעיִקן, אַרבעטזאַמען פאַכמאַן פאַראַן אַ גרויס אַרבעטס־פעלד; אָבער אַזוי ווי דו געפינסט זיך אינגאַנצן אַ דריי טעג רייזע פון ארץ־ישראל, איז מיין עצה: אַז צבי זאָל דערוויייל פאָרן אַליין קיין ארץ־ישראל ווי אַ טוריסט און דאָרט אויפן אָרט וועט ער שוין זען וואָס ער האָט צו טון; וועט אים געפעלן וועט ער פאַרבלייבן, אלא נישט, וועט ער קומען צוריק.

מיין עצה איז אָנגענומען געוואָרן. צבי האָט גענומען אורלויב אויף זעקס וואָכן און אין אָנפאַנג פעברואַר 1934 איז ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל אַלס טוריסט. שפּעטער האָט ער זיך מיר מודה געווען, אַז אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זיין באַשלוס לטובת ארץ־ישראל האָט געהאַט זיין אַקטיוויטעט חמדהלע, וועלכע האָט אים די גאַנצע צייט נישט געלאָזט רוען און אים כסדר אַריינגעטענהט, אַז אין קיין אַנדער לאַנד אויסער ארץ־ישראל פּאַרט זי נישט.

קורץ פאַר זיין אָפּפאָר איז חמדהלע געוואָרן נישט געזונט. ער האָט שוין אָבער זיין רייזע נישט געוואָלט אָפּלייגן און מיין טאָכטער איז גע־בליבן אַליין מיטן קראַנקן קינד. אַלע מיינע נאָענטע אין וואַרשע האָבן עס געוווּסט, נאָר פון מיר האָט מען עס אויסבאַהאַלטן. עס האָט זיך שפּע־טער אַרויסגעוויזן, אַז דער קישיניעווער פּראָפעסאָר האָט געשטעלט אַ פאַלשן דיאַגנאָז, און אַז די קראַנקייט איז געווען נישט מער ווי אַ שווע־רער קייך־הוסט.

אויף דער שיף האָט זיך צבי באַקענט מיט אַן עלטערן בוי־אינזשי־ניער, אַ גאַליציאַנער, און איידער זיי האָבן נאָך געזען ארץ־ישראל, האָבן זיי ביידע באַשלאָסן נישט צו זוכן קיין שום פּאָסטנס, נאָר צוזאַמען עפענען אַ בוי־ביוראָ. אַראָפּגעשטיגן איז צבי אין חיפה, ווו עס האָט געוווינט מיין שוועסטער דינה שפּיראָ מיט איר פאַמיליע, וואָס איבעריקנס איר באַזוך אין קישיניעוו איז אויך געווען איינער פון די פּאָזיטיווע פאַקטאָרן לטובת זיין דעצידירן זיך פאַר ארץ־ישראל.

וועגן צבי'ס שותף האָט מען מיר אין פּאַלעסטינע־אַמט געגעבן זייער גוטע אינפאָרמאַציעס, אַז ער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש. דער דאָזי־קער עקספּערימענט איז נישט געווען קיין געלונגענער און האָט מיין איידעם געקאָסט אַ נישקשהדיקן רבי־געלט.

אין זין פון דורכפאַלן זענען זיי אָבער דאָן נישט געווען די ערשטע און נישט די לעצטע. די שולד פאַר אַזעלכע אומגעלונגענע עקספּערי־מענטן טראָגט צוממיינסטנס אונדזער דעמאָלסטיקע הנהלה. יאָרן נאָכ־אַנאַנד האָט נישט עקזיסטירט אין גאַנץ ארץ־ישראל קיין שום אינפאָר־מאַציע־ביוראָ, וועלכע זאָל געבן די געהעריקע אָנווייזונגען דעם נייעם איינוואַנדערער פון די פאַרשידנסטע שיכטן וועגן אַרבעטס־באַדינגונגען און איינאָרדענונגס־מעגלעכקייטן. נאָך עד־היום דערציילן מענטשן, וואָס געפינען זיך שוין יאָרן אין דער מדינה, אַז נאָך מיט פופצן־צוואַנציק יאָר צוריק, האָט זיך דאָ ממש געוואַלגערט געלט אין די גאַסן. פאַר גראָשנס האָט מען געקאָנט קויפן גרויסע שטחים באָדן, וווּ איצט זענען אויס־געבויט גאַנצע צענטראַלע שטאָט־פּערטלען. עס האָט אָבער, ווי געזאָגט, געפעלט די געהעריקע אינסטיטוציע וואָס זאָל די נייע עולים אינסטרו־אירן און זיי אָנווייזן וואָס זיי האָבן צו טון.

נאָך ערשטן אומגעלונגענעם עקספּערימענט זיינעם, האָט צבי באַ־קומען אין חיפה אַ פּאָסטן אין אַן אַנגעזעענער בוי־פירמע און האָט זיך, מיט דער מיטהילף פון מיין שוואָגער זרח בירנבוים פון פתח־תקוה, לעגאַל געמאַכט, זיך איינגעאָרדנט אין אַ צימער ביי מיין שוועסטער דינה און אָנגעגעבן אַ ביטע אויף אַרויסצופאָדערן זיין פרוי און קינד.

דער דאָקטאָר אין קישיניעוו האָט איר אָבער געראָטן נישט צו פאָרן מיטן קינד אין די זומער חדשים קיין ארץ־ישראל. האָבן מיר געדונגען אַ דירה אין אָטוואָצק און אין אָנהויב מאַי איז מיין טאָכטער מיטן מיי־דעלע געקומען קיין פּוילן. צביס מוטער איז אויך אַרויסגעקומען צו אונדז אויפן זומער פון לאָדזש קיין אָטוואָצק. חמדהלע האָט זיך זייער גוט פאַפּראַוועט, האָט באַלד אָנגעהויבן לערנען פלייסיק עברית ביי מיי־נעם אַ חבר אַ לערער, וועלכער האָט געוווינט אין אָטוואָצק און זיך אויך געקליבן מיט דער פאַמיליע זיינער בקרוב צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. זיבן אינדערפרי פלעג איך פאָרן אין משרד צו מיין אַרבעט און פינף נאָכמיטאָג פלעג איך צוריק זיין אין אָטוואָצק. מיין חבר בירנבוים האָט אויך באַשלאָסן סוף זומער צו פאָרן צו גאַסט, אַלס טוריסט, צו זיין ברודער אין פּתח־תקוה. קיינעם פון אונדז איז נאַטירלעך נישט איינגע־

פאַלן, אַז דער גורל האָט אונדז ווידער צוגעגרייט אַ טרויעריקע איבער־ראַשונג, אַ שווערן ביטערן קלאַפּ.

אין אַ געוויסן שבת נאָכמיטאָג האָט בירנבוים געזאָגט אַז ער פילט זיך עפּעס נישט גוט און וויל צופאָרן קיין וואַרשע צום דאָקטאָר, ביי וועלכן ער קורירט זיך שוין אַ לענגערע צייט.

מען האָט אים פון דאָרט באַלד גענומען אין אַ פּריוואַטער קליניק ביי איינעם פון די באַוווּסטע וואַרשעווער ספּעציאַליסטן — ד״ר אינדעל־מאַן. דער דאָקטאָר האָט געפונען, אַז ער מוז דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע, טראָץ דעם וואָס זיין האַרץ איז אָפּגעשוואַכט. מען האָט אים אָפּערירט. עטלעכע וואָכן צייט האָט ער זיך שרעקלעך געמאַטערט און איז גע־שטאָרבן פון אַ האַרץ־אַמבאָליע דעם 15טן אויגוסט 1934. אונדזער טאָכ־טער, וועלכע איז נישט אָפּגעטראָטן גאַנצע דריי וואָכן, טאָג און נעכט פון זיין בעט, איז געווען אַזוי ווי מיר אַלע, פון דעם דאָזיקן קלאַפּ שרעקלעך דערשיטערט. זי איז נאָך פאַרבליבן אין אָטוואָצק איבער סוכות. אין חודש אָקטאָבער האָט זי באַקומען פון איר מאַן די אויספאָ־דערונג־פּאַפּירן און איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך באַלד איינגעאָרדנט אין צוויי צימערן ביי מיין שוועסטער אין חיפה. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זי באַקומען אַ פּאָסטן אין דער עיריה. זייער חמדהלע איז שוין דעמאָלט אַלט געווען 9 יאָר און איז אָנגעקומען אין דער פינפטער כתה פון בית־ספר עממי. דאָרט האָט זי געלערנט בלויז אַ קורצע צייט, ווייל זיי האָבן איר אַוועקגעשיקט אין משמר־העמק אינעם דאָרטיקן קינדער־אַנשטאַלט.

מיין עלטער אייניקל, שושנה אַלשוואַנגער, האָט דורך דער צייט פאַר־ענדיקט איר אַגראָנאָמיע־שטודיום אין נאַנסי, און איז נאָך אָנהויב זומער 1933 עולה געווען קיין ארץ־ישראל, דאָס הייסט נאָך מיט אַ יאָר פריִער פאַר אונדזער טאָכטער און איידעם.

אָפּגעוואַרט לויט דער פאָרמעלער פאַראָרדענונג אַ יאָר צייט, האָב איך אין מאַי 1933 באַנייט צום צווייטן מאָל מיין ביטע אין סאָוויעטישן קאָנסולאַט וועגן אַן איינרייזע־באַוויליקונג קיין מאָסקווע און שוין סוף יוני ווידער באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער און ווידער אָן שום מאָטיוון. ערשט דאַן האָב איך געשריבן צו מיין זון, אַז ער זאָל זיך אינפאָרמירן, מיט

וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרזינדיקט אַז מען גיט מיר נישט די מעגלעכ־קייט איין מאָל אין פינף יאָר זיך מיט אים צו זען.

מיין זון האָט מיר גלייך געענטפערט און צווישן אַנדערן אַדורכגע־שמוגלט אין רוסישן בריוו עטלעכע ווערטער אויף יידיש „אַז דאָס איז פאַר לייבעלעס איבערזעצונג". אויסער דעם האָט ער מיר געמאָלדן, אַז ער איז איצט אַזוי באַשעפטיקט, אַז ער מוז איבעררייסן אונדזער קאָרעס־פּאָנדענץ און וועט דעריבער רעדן מיט מיר צוויי מאָל אין מאָנאַט טעלע־פאָניש. נאַטירלעך, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מחמת מיין „גרויסן חטא" איז אים נישט באַקוועם מיר צו שרייבן. יעדע פּופצן טעג פלעגט מען מיר אָנזאָגן פון דער וואַרשעווער טעלעפאָן־צענטראַלע, אַז צען אינאָווענט וועט זיין אַ טעלעפאָן פון מאָסקווע. און פון 1933 ביז 1935, גאַנצע צוויי יאָר נאָכאַנאַנד, האָבן מיר נישט קאָרעספּאָנדירט שריפטלעך, נאָר פאַר דער דאָזיקער צייט האָב איך פון אים אָפּגענומען עטלעכע געלעגנהייטלעכע פערזענלעכע גרוסן.

מיין אַרבעט אויף פאַרשידענע געביטן, באַזונדערס אָבער אין פּאַ־לעסטינע־אַמט, — און ווי אויבן שוין געזאָגט, איז עס געווען אין די יאָרן פון דער גרויסער עליה 1933־35 — האָט מיך אַזוי פאַרכאַפּט, אַז דער טאָג פלעגט מיר פּשוט זיין צו קורץ, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם אָבער, האָב איך זיך געזאָגט, אַז איצט איז שוין די העכסטע צייט אַוועק־צופאָרן קיין ארץ־ישראל. מיינע ביידע אייניקלעך — די אינדיווידואַ־ליסטן — (אריה־שמואל און שושנה) האָבן זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צום קאָלעקטיוון קיבוץ־לעבן און זענען דאָרט געווען אויף גרויסע צרות. איך בין נאָך אַרבעטס־פעיִק — האָב איך זיך געטראַכט — וועל איך באַקומען אַ פּאָסטן און זיי וועלן ווידער האָבן אַ שטוב. ליידער האָט זיך מיין פּאָרן פאַרשפּעטיקט, ווען איך וואָלט פריִער געווען געפאָרן, וואָלט אפשר מיר נישט געטראָפן דער מוראדיקער קלאַפּ וואָס דער אכזריותדיקער גורל האָט מיר ווידער צוגעגרייט.

אין אַ געוויסן פאַרמיטאָג, אין די ערשטע טעג פון אַפּריל 1935, איז געקומען אין פּאַלעסטינע־אַמט איינע פון מיינע נאָענטע חברות, פרוי שעק. זי איז אַריין אין צימער ווו איך בין געזעסן ביי מיין אַרבעטס־טיש, מיך פריִער באַגריסט פון וווייטן, זיך צוגעזעצט ביים טיש פון מיין אַרבעטס־

חבר און פאָרן אַוועקגיין, צוגעקומען צו מיר, מיר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט:

— איך דריק אייך אויס מיין מיטגעפיל צום אומגליק וואָס אייך האָט געטראָפן אין ארץ־ישראל.

אַן אויפגעציטערטע בין איך אויפגעשפרונגען פון שטול. וואָס מיט מיר איז ווייטער געשען ווייס איך נישט. מען האָט מיך אַריינגענומען אין צי־מער פון דאָקטאָר, געמונטערט, אאַ״וו. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מיין אייניקל אריה־שמואל איז געשטאָרבן נאָך אַ צוויי־טעג־דויערנדיקער לונגען־אָנטצינדונג אין „הדסה״־שפּיטאָל אין ירושלים. ער איז קראַנק געוואָרן בעת זיין לעצטער אַרבעט ביים ים־המלח. געאַרבעט ביז דער לעצטער מינוט, מיט אַ טעמפּעראַטור פון 40 גראַד, ביז ער איז געפאַלן אין חלשות. מען האָט אים אַוועקגעפירט קיין ירושלים אין „הדסה״ און אויף צומאָרגנס איז ער שוין נישט געווען. געקומען קיין ארץ־ישראל צו זעכצן און אַ האַלב יאָר. עלף יאָר געטריקנט די זומפּן און אין עלטער פון 27 יאָר אַוועק־געשטאָרבן.

און איך האָב עס איבערגעלעבט.

איך בין געבליבן אַ קורצע צייט אין דאָקטאָר־צימער אויף דער סאָפאַ. האָב זיך אויפגעהויבן און זיך צוריקגעזעצט צו מיין אַרבעט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אין משרד האָבן שוין אַלע עס געוווּסט, נאָר מען האָט באַהאַלטן די ציטונגען. מיינע אַלע נאָנטע האָבן עס שוין אויך געוווּסט. מיין שוועסטער האָט באַוויזן אַרויסצורייסן די מעלדונג פון דער ציטונג וואָס איז געווען ביי אונדז אין שטוב. די לעצטע — ווי עס געשעט געוויינטלעך, — האָב איך זיך דערוווּסט. איידער מיר זענען יענעם אָוונט געגאַנגען שלאָפן, האָב איך געזאָגט צו מיין שוועסטער:

— צירל, דו זאָלסט זיך נישט דערשרעקן, אויב דו וועסט מיך אינ־דערפרי דאַרפן אַוועקפירן אין אַ משוגעים־הויז.

איך בין געבליבן לעבן, אפילו נישט אַראָפּ פון זינען און אויף מאָרגן, ווי תמיד, געגאַנגען צו מיין אַרבעט. איך האָב גלייך געבעטן דעם חבר קאַשטאַן צו שרייבן אין ירושלים אין דער סוכנות מען זאָל מיר תיכף שיקן אַ דרישה פון מיין איידעם צבי כהן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און איך האָב די אַרויספאָדערונג באַקומען און פונקט ערב פסח, דעם

17טן אַפּריל 1935, בין איך שוין געווען אין חיפה, אין דער שטוב פון מיינע קינדער און מיין שוועסטער דינה שפּירא.

ווען איך האָב זיך דערוווּסט פון מיין אומגליק האָב איך גלייך געשריבן צו מיין זון קיין מאָסקווע, אַז איך פאָר קיין ארץ־ישראל און נאָך אַן איבעררייס פון צוויי יאָר האָב איך גלייך פון אים באַקומען אַ בריוו ווו ער האָט מיר צווישן אַנדערעס געשריבן:

— וואָס דו פאָרסט קיין פּאַלעסטינע פרייט מיך און קרענקט מיך צוגלייך. ס'פרייט מיך וואָס דו פאָרסט אין דעם לאַנד פאַר וועלכן דו האָסט אָפּגעגעבן דיין לעבן. עס קרענקט מיך, ווייל ביי אונדז וואָלסטו געלעבט רויִקער און אינטערעסאַנטער.

פון דעמאָלט אָן, פון 1935 ביז 1942, פאַר די זיבן אַ האַלב יאָר וואָס איך בין שוין אין לאַנד, האָב איך פון אים קיין שום בריוו נישט באַקומען. געהאַט האָב איך אָבער טעלעגע מאָל שריפטלעכע גרוסן, נישט דירעקט פון אים, נאָר דורך מיין ברודערן־זון, דעם שריפטשטעלער מאַרק ראַקאָווסקי, און לעצטנס אויך פון מיין ברודערס אַ טאָכטער, וועלכע געפינט זיך איצט אין אַלטייסקי קראַי, אין דער שטאָט ביסק, אַז מיין זון איז איצט אויך אין דער הויפּטשטאָט פון אַלטייסקי קראַי, אין קאַרנעאול, — סיביר — זי וועט זיך, שרייבט זי מיר, באַמיִען אים צו געפינען און מיר צושיקן זיין אַדרעס.

## קאַפּיטל פיר און דרייסיק

בעת איך האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן צו מיין רייזע קיין ארץ־ישראל, איז מיר אויף קיין איין מאָמענט נישט איינגעפאַלן אַז איך וועל דאָ אין לאַנד נישט באַקומען קיין אַרבעט. דער איינציקער מענטש וואָס האָט אין דעם געצווייפלט איז געווען דער לייטער פונעם פּאַלעסטינע־אַמט, חבר שאַפאַר. ער האָט עס מיר אָבער דירעקט נישט געזאָגט, נאָר בכלל נאָך מיין עולה זיין, געוואָלט אָפּהאַלטן:

— וואָס לויפט איר, חברה ראַקאָווסקי? — האָט ער מיט מיר געטענהט, — מיר דאַרפן אייך דאָ האָבן, איר האָט אַ בכבודיקן פּאָסטן, איר וועט נאָך באַוויזן.

ווען איך האָב גערעדט מיט חבר יצחק גרינבוים וועגן אַ פּאָסטן אין ירושלים, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— פאַר אייך, חברה ראַקאָווסקי, וועל איך אַלץ טון וואָס אין מיינע מעגלעכקייטן.

קורץ פאַר מיין אָפּפאָרן איז געווען אין וואַרשע אויך דער חבר באַרלאַס און ער האָט מיר געזאָגט אָט־וואָס:

— וועגן אַרבעט זייט רויִק, איך האָב פאַר אייך אַ צוגעגרייטן זייער פּאַסיקן פּאָסטן, אין אַרכיוו פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אייער אַרבעט דאָרט איז אַ המשך פון אייער אַרבעט דאָ אין וואַרשע. מען האָט דאָך אייך פון אייער פּאָסטן נישט אָפּגעזאָגט. איר גייט אַוועק, ווייל איר זייט עולה קיין ארץ־ישראל, האָט איר נישט פאַרלאָרן אייערע רעכט אויף פאָרצוזעצן אייער אַרבעט דאָרט.

זייער שווער איז מיר געווען דאָס צעשיידן זיך מיט מיין ייִנגערער שוועסטער צירל, דער געוועזענער בונדיסטקע. נאָך דער רוסישער איבער־קערעניש האָט איר שוין דער בונדיזם מער נישט צופרידנגעשטעלט. זי פון איר זייט האָט אויך שווער איבערגעלעבט מיין אַוועקפאָרן.

טראָצדעם וואָס מיר זענען אַ גאַנצע ריי יאָרן געווען אויסגעשפּראָ־כענע פּאָליטישע קעגנערינס, האָט דאָך מיין שוועסטער פון 1998 ביז 1905 געלעבט ביי מיר אין שטוב. שפּעטער האָבן מיר, פון 1927 ביז 1935, אַכט יאָר נאָכאַנאַנד געוווינט אין איין צימער. בכלל זענען מיר גייסטיק געווען אַזוי נאָענט, קעגנזייטיק זיך אַזוי גוט פאַרשטאַנען, צוזאַמען אַזויפיל איבערגעלעבט, אַז ס'איז נישט געווען קיין צו־שווערע זאַך, וואָס מיר זאָלן נישט שטענדיק גרייט זיין איינע פאַר דער צווייטער צו טון. מיין שוועסטער צירל, פון פאַך אַ דענטיסטקע, איז בכלל, ווי מען זאָגט עס אויף פּראָסט ייִדיש, אַ זייער געראָטענער מענטש. שיין, קלוג, פעיִק, אויס־סערגעוויינלעך ענערגיש און טעמפּעראַמענטפול, און זעלבסטפאַרשטענד־לעך, געהאַט גרויס דערפאָלג...

זי האָט אָבער אַדורכגעמאַכט אַ זייער טראַגיש פאַמיליען־לעבן, וואָס האָט שטאַרק געווירקט אויף איר געמיט און זי ממש צעבראָכן.

בעת איך בין, אין אַפּריל 1935, אַוועקגעפאָרן פון פּוילן קיין ארץ־



פועה ראַקאָווסקי מיט די מיטאַרבעטער פון צענטראַלן פּאַלעסטינאַ־אַמט אין וואַרשע,
ערב איר עולה־זיין קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1935.

ישראל, איז זי נאָך געבליבן אין וואַרשע, וואַרטנדיק אויף דעם צוזאָג פון אירע צוויי דערוואַקסענע מיידלעך, זי אַריבערצונעמען קיין פּאַריז.

פאַר די יאָרן 1935־39, דאָס הייסט, ביזן סאַמע קריגס־אויסברוך, האָב איך פון מיין שוועסטער באַקומען אָפטע בריוו. אין נאָוועמבער 1939 האָב איך פון איר נאָך באַקומען אַ בריוו, שוין נישט פון וואַרשע, נאָר פון ביאַליסטאָק, אַז עטלעכע טעג פאַר דער דייטשער אינוואַזיע איז איר געלונגען צו אַנטלויפן קיין ביאַליסטאָק. זי געפינט זיך צייטווייליק ביי אונדזער ברודער און האָט שוין אַרבעט ביי איר דענטיסטישן פאַך. דעם גאַנצן יאָר 1940 האָבן מיר כמעט רעגלמעסיק קאָרעספּאָנדירט. אין סוף זומער 1941 האָב איך באַקומען פון מיין שוועסטער דעם לעצטן בריוו, ווו זי בעט מיך זיך צו דערוויסן צו אירע קינדער זענען נאָך אין פּאַריז, ווייל איצט איז זי שוין פון זיי אינגאַנצן אָפּגעריסן. איך האָב געשריבן אויפן אַלטן אַדרעס און באַקומען פון איר עלטערער טאָכטער אַן ענטפער, אַז זיי זענען געבליבן אויפן אָרט. דעם דאָזיקן בריוו האָט איך איר גלייך איבערגעשיקט קיין ביאַליסטאָק אויף מיין ברודערס אַדרעס. פון צירלען אָבער האָב איך שוין עד־היום קיין בריוו בכלל נישט באַקומען. פאַר־שטייט זיך, אַז איך שטעל מיר פאַר דאָס ערגסטע, ווייל אַנדערש קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין, אַז זי זאָל צו מיר נישט שרייבן.

## קאַפּיטל פינף און דרייסיק

דעם 17טן אַפּריל, ערב פסח 1935, בין איך — ווי געזאָגט — נאָך אַן הפסקה פון גאַנצע 15 יאָר, צום צווייטן מאָל געקומען קיין ארץ־ישראל.

אַ צעבראָכענע פון מיינע נאָרוואָס איבערגעלעבטע שווערע פּערזענ־לעכע טראַגעדיעס, האָב איך געפילט, אַז ווי תמיד, מוז איך אויך איצט געפינען אַ טרייסט נאָר, אין מיין אַרבעט.

נישט לאַנג וואַרטנדיק בין איך גלייך דעם ערשטן טאָג חול־המועד אַוועקגעפאָרן קיין ירושלים, ווו איך האָב געהאַט אויסזיכטן צו באַקומען אַ פּאָסטן. פאַרשטייט זיך, אַז קודם־כל האָב איך זיך געווענדעט צו מיינע לאַנגיעריקע חברים און ידידים פון וואַרשע, וועלכע האָבן מיר

פייערלעך געהאַט פאַרזיכערט אַז קיין אַרבעט וועט מיר נישט פעלן. מיין אַנטוישונג און פאַרביטערונג איז אָבער געוואַקסן נישט פון טאָג צו טאָג, נאָר פון שעה צו שעה, מיטן מאָמענט ווען איך האָב אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין די טירן פון אונדזערע פירערס און מאַכטהאָבערס. אפילו מיינע אײַבערגעגעבנסטע פריינט האָבן דאָ נישט געהאַט צו מיר איצט, די געהעריקע באַציִונג פון אַמאָל. דורך זיי האָב איך זיך נאָר בלויז דערוווּסט, אַז דער הויפּט־מאָטיוו פאַרוואָס מען גיט מיר נישט קיין פּאָסטן איז דאָס וואָס איך בין צו־פרי געבוירן געוואָרן...

הייסט עס אַז די שולד איז מיין עלטער.

אַז אין די העכסטע אינסטיטוציעס פון אונדזער זיך בויענדיקער נאַציאָנאַלער היים הערשט אָנשטאָט דער יידישער עטיק, — דער פינצטערסטער ביוראָקראַטיזם; אַז אונדזערע וואָרטפירערס האַלטן נאָך איצט ביי דער תקופה פון פאַר מתן־תורה, ווען מ׳פלעגט זקנים אַראָפּשליידערן פון די הויכע פעלדזן־בערג. דערפון האָב איך, נאַטירלעך, קיין שום אָנונג נישט געהאַט. שווער איז מיר נאָר געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז מ׳זאָל אַ טיכטיקן, ענערגישן, אַרבעטספעיִקן מענטשן, וועלכער קען נאָך ברענגען נוצן, נישט געבן קיין אַרבעט, בלויז דערפאַר, וואָס ער קאָן, ווי אַן עלטערער מענטש, אין אַ האַלב יאָר אַרום קראַנק ווערן און מ׳וועט אים דאַרפן באַשטימען אַ פּענסיע; אַזעלכע מיני „לאָגישע” מאָטיוון איז אַ פּשוטער בשר ודם נישט בכוח משיג צו זיין. און דעם וועטאָ, אַז מ׳זאָל מיך נישט צולאָזן צום פּאָסטן פאַר אַכט פונט אַ חודש, וועלכן איך האָב געזאָלט שוין באַקומען, האָט געלייזט בלויז איינאונאיינציקע פּערזאָן.

נאָך די פאַרשידנסטע רעזולטאַטלאָזע אינטערווענצן פון מיינע חברים און פריינט — סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס — האָב איך זיך געווענדעט דירעקט צו דעם מענטשן פערזענלעך. ער האָט מיך אויסגעהערט און זייער אָפיציעל געענטפערט: אַז איך זאָל האָבן געדולד ביז נאָכן קאָנגרעס. (עס איז גראָד געווען האַרט פאַרן 19טן קאָנגרעס אין לוצערן — שווייץ). ווי אַ לאַנגיעריקע לערערין האָט מיר, זעלבסטפאַרשטענדלעך, קיין געדולד נישט געפעלט, האָב איך געוואַרט...

ווען איך בין, אין אַ געוויסער צייט נאָכן קאָנגרעס, צום צווייטן מאָל ווידער צו אים געקומען אין ביוראָ, האָט ער מיר גאַנץ קורץ געמעלדן, אַז

ווי אַ פּערזאָן וועלכער שטייט אויף דער וואָך פון בודזשעט, קען ער ביי דער איצטיקער פינאַנציעלער לאַגע פון דער סוכנות קיין נייע באַאַמטע נישט צונעמען. און ווי האָט ער באמת געקאָנט ביי זיך פועלן צו באַשווערן דעם בודזשעט פון דער סוכנות, מיט נאָך גאַנצע אַכט פונט אַ חודש ?...

נאָך דעם דורכפאַל אין דער סוכנות בין איך געפאָרן קיין תל־אביב צו מיינע לאַנגיאָריקע פּאַרטיי־חברים, געוועזענע „צעירי־ציון"־פּאַרשטייער אין פוילן. נישט איין שעה בין איך אָפּגעזעסן אין די קאָרידאָרן ביי די טירן פון זייערע קאַבינעטן, ביז איך פלעג באַקומען אַן אוידיענץ. דערזעלביקער ביוראָקראַטיזם, נאָר מיט אַ גרינעם אונטערשלאָק... מיט זיי אָבער האָב איך, לכל הפחות, געקענט רעדן ווי מיט חברים, און געפאָדערט מען זאָל מיר געבן אַרבעט אין איינער פון די מפא"י אָדער הסתדרות־אינסטיטוציעס, ווו זיי האָבן פאַר דער לעצטער צייט איינגעאָרדנט אַ געוויסע צאָל יונגע חברים און חברות, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען אין וואַרשעווער פּאַלעסטינע־אַמט.

אויב איך, די „באָבע" אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און די איניציאַטאָרין פון דער ציוניסטישער פרויען־באַוועגונג אין פוילן זאָל, נישט געקוקט אויף מיין נאָך פולשטענדיקער אַרבעטס־פעיִקייט, אויף מיין ענערגיע און אַרבעטסוויליקייט, נישט קאָנען באַקומען אין ארץ־ישראל קיין אַרבעט, אויסשליסלעך צוליבן „חטא" פון מיין עלטער, איז דאָס נישט בלויז אַ באַנקראָט פון מיין פּערזענלעכן אַרבעטס־און קאַמפס־לעבן, נאָר אויך פון דער גאַנצער מיטאַרבעט מצד דער יידישער פרוי פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג.

אַלע גענוג לאַנג־דויערנדיקע אונטערהאַנדלונגען זענען געבליבן אָן דערפאָלג. קיין פּאָסטן האָב איך נישט באַקומען.

מער אָבער פון מיין פּערזענלעכער סיטואַציע, האָט מיך באַאומרויִקט די לאַגע פון מיין עלנטער אייניקל שושנה אַלשוואַנגער, נאָך דעם ווי זי האָט, אין געוויסערמאָס, זיך דערהאָלט פון די דורכגעמאַכטע קלימאַטישע קראַנקייטן, האָט זי פון ירושלים, זיך צוריקגעקערט קיין חיפה. נישט געקוקט אויף אַלע מיינע באַמיִונגען האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט

אויף איר ווירקן אַז זי זאָל גיין אין אַ קיבוץ, ווו זי האָט די זיכערסטע אויסזיכטן זיך איינצואָרדענען ביי איר פאַך, ווי אַן אַגראָנאָם.

זי האָט געפונען פאַר ריכטיק צו אַרבעטן ביז מיטאָג ווי אַ הויז־אָנגעשטעלטע און שניידערין. זיך אַריינטראַכטנדיק אין דער צוועקלאָזי־קייט פון אַזאַ מין איינאָרדענען זיך, האָב איך איר געמאַכט פאָלגנדיקן פאָרשלאָג:

— איך בין גרייט דיר צו געבן די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן זיך צו קוואַליפיצירן, ענטוועדער ווי אַ ביוראַליסטין, אָדער אַלס שניידערין, קלייב אויס — האָב איך איר געזאָגט — איינס פון די צוויי פאַכן וועל־כער עס געפעלט דיר בעסער, קיין דרוק וועל איך אויף דיר נישט מאַכן, איך וויל נאָר, בעיקר, אַז דו זאָלסט האָבן אַ פאַך, ווייל די עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פאַר דער באַפרייונג פון דער פרוי. כמעט פיר יאָר צייט האָסטו אָפּגעגעבן דעם שטודיום פון אַגראָנאָמיע, דער פּאַסנדיקסטער פאַר ארץ־ישראל, און קומענדיק אַהערצו האָסטו באַלד, נאָכן ערשטן — לגמרי צופעליק־אומגעלונגענעם — עקס־פּערימענט אויף דעם דאָזיקן געביט, גלייך באַשלאָסן צו וואַרפן דעם דאָ־זיקן פאַך. אויב אַזוי, מוז מען ווידער אָנהויבן פונדאַסניי, און לערנען אַן אַנדער פּראָפעסיע.

לייכט איז עס מיר נישט אָנגעקומען, אָבער ענדלעך האָט זי נאָכגע־געבן און איז אַריינגעטראָטן אין איינעם פון די ערשטקלאַסיקע מאָדע־מאַגאַזינען פון חיפה, כדי זיך צו קוואַליפיצירן אַלס שניידערין. מיטן דיפּלאָם פון אַגראָנאָמיע נייט זי איצט קליידער פאַר די דאַמען אין דער ייִדישער שטאָט תל־אביב.

אפשר איז זי גערעכט...

נאָכדעם, ווי איך האָב איר דעמאָלט, אין יאָר 1935, גלייך נאָך מיין קומען, ציטווייליק איינגעאָרדנט, בין איך צוריקגעפאָרן קיין ירושלים, דאָרט ווי איך האָב געוווינט אין דעם יאָר, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל און וווהין עס האָט מיך געצויגן אויך איצט. צופעליק וווינט אויך אין ירושלים מיין ייִנגערער ברודער, וועלכער האָט געלעבט עטלעכע יאָר אין בערלין און אין אָנהויב 1933 נאָך באַוויזן, צו־זאַמען מיט זיין פרוי, זיך אַריינצוקריגן קיין ארץ־ישראל.ביידע גוטע פאַכ־

לייט: ער, אַ פאַרמאַצעווט, זי אַ שיינהייטס־פלעגערין, האָבן זיי אין ירושלים געעפנט אַ כעמישע לאַבאָראַטאָריע און אַ שיינהייטס־סאַלאָן און מאַכן — ווי מען זאָגט עס אין אַמעריקע — אַ לעבן. און ווי מיר ווייסן, שטאַמט דאָך די גאַנצע קאָסמעטיק פון אָריענט און האָט תמיד געהאַט גרויס דערפאָלג ביי דער יידישער פרוי, נאָך אין די צייטן פון ישעיהו הנביא...

אַ דאַך איבערן קאָפּ — ווי מען זאָגט — האָב איך צייטווייליק, אין יאָר 1935, באַקומען ביי מיין ברודער און דאָס איז דאָך די הויפּטזאַך. און לויט די נייעסטע טעאָריעס פון דער מאָדערנער מעדיצין דאַרפן דאָך עלטערע מענטשן עסן וואָס ווייניקער, לכל־הפּחות אַוועקגיין פון טיש נישט אינגאַנצן זאַטע. צום גליק האָב איך אויך נאָך פאַרמאָגט מיין אייגנס עטלעכע צענדליק פונט. אויף דעם אופן האָב איך זיך, ווי נישט איז, דורכגעלעבט אין פאַרלויף פונעם יאָר, וואָס איך בין געווען לגמרי אַר־בעטלאָז. און — ווי שוין געזאָגט — נאָך געהאָלפן מיין אייניקל זיך לער־נען אַ נייעם פאַך. איך בין געווען פאַרביטערט און אויפגערעגט אויף דער מענטשלעכער אומגערעכטיקייט. אויף מיין אַלגעמיינער שטימונג אָבער, האָט עס ווייניק וואָס געווירקט; נישט איינמאָל אין מיין לעבן אַזוי רייך אין ליידן, האָבן איך אַדורכגעמאַכט שווערע מאַטעריעלע מאָ־מענטן און תמיד דערויף רעאַגירט קאַלטבלוטיק און נישט פאַרלאָרן דעם מוט.

אין איינעם אַ טאָג איז צו מיר געקומען מיין לאַנגיעריקע חברטע, פון וואַרשע נאָך, די העברעיִשע שריפטשטעלערין פרוי דבורה לאַכאָווער, און האָט מיר געבראַכט צום איבערזעצן אַן אַרטיקל פון קרן־קימת, פון עברית אויף יידיש און האָט מיר איבערגעגעבן אָט־וואָס:

— נעכטן האָב איך דערציילט — האָט זי מיר געזאָגט — דעם חבר נ. ביסטריצקי, אַז דו געפינסט זיך שוין העכער אַ האַלב יאָר אין לאַנד און באַקומסט נישט קיין פּאָסטן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס מען האָט דיר אין וואַרשע נאָך פאַרזיכערט, אַז דאָ וואַרט אויף דיר דער המשך פון דיין אַרבעט ווי אַ באַאַמטע פון וואַרשעווער פּאַלעסטינע־אַמט. דער חבר ביסטריצקי, דערציילט זי, האָט זיך אויף דעם שטאַרק געוווּנדערט, און דערצו באַמערקט, אַז עס איז נישט בלויז אַן אומרעכט, נאָר אפילו אַ

נאַרישקייט, אַז מ׳זאָל נישט אויסנוצן די פעיִקייטן פון דער ח׳טע פועה ראַקאָווסקי ווי אַן איבערזעצערין פון אונדזערע פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן אויף ייִדיש פאַר די גלות־לענדער. גיט איר איבער — האָט ער צוגע־געבן — דעם דאָזיקן אַרטיקל און זאָגט דער חברה ראַקאָווסקי, אין מײַן נאָמען, אַז איך גאַראַנטיר איר די גאַנצע איבערזעצונגס־אַרבעט פון אונ־דזער קרן־קימת־פּראָפּאַגאַנדע אויף ייִדיש.

מאַכנדיק אַ „שהחיינו״ אויף מײַן ערשטער ייִדישער איבערזעצונג אין ארץ־ישראל, האָב איך דעם חבר ביסטריצקי אָוועקגעטראָגן דעם אַרטיקל און באַקומען מײַן ערשטן האָנאָראַר — געצאָלט האָט מען מיר נישט פון אַרטיקל, נאָר פון דער שורה — און ערשט דאַן האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ווען נישט מײַן איבערגעטריבענע אויפריכטיקייט, האָב איך געקאָנט אויסמײַדן דעם גאַנצן קאַמף פאַר אַ פּאָסטן אַלס אַ „פּקידה״ און גלײַך באַקומען אַרבעט אין מײַן פאַך ווי אַן איבערזעצערין. פאַרוואָס־זשע האָב איך עס לכתחילה נישט געמאַכט? איך האָב עס נישט געטון, פּשוט מחמת דעם, ווײַל איך האָב נישט געוואָלט געבן קיין פּתחון־פּה די שאָ־וויניסטישע אַנטי־ייִדיש־קעגנערס אין ארץ־ישראל, וועלכע, קענענדיק מײַן אויסגעשפּראָכן פּאָזיטיווע שטעלונג צו אונדזער פאָלקס־שפּראַך, אַז זיי זאָלן באַהויפּטן, אַז די חברה פועה ראַקאָווסקי איז געקומען קיין ארץ־ישראל פאַרשפּרייטן די ייִדישע שפּראַך.

אַן אויפגעמונטערטע בין איך פון חבר ביסטריצקי אָוועק אין קרן־היסוד־ביוראָ, צום חבר לייב יפה. מכּוח די גאַנצע שקלא וטריא וועגן מײַן פּאָסטן האָט ער שוין געהאַט געהערט, און איז, פאַרשטייט זיך, אויך געווען זייער אויפגערעגט. אויף מײַן ביטע וועגן ייִדישע איבערזעצונ־גען, האָט ער צו מיר גלײַך געזאָגט:

— מיט פאַרגעניגן, ח׳טע ראַקאָווסקי, גיב איך אײַך די גאַנצע אי־בערזעצונגס־אַרבעט פון קרן־היסוד אויף ייִדיש. איך וועל זיך נאָך באַ־מיִען אַז איר זאָלט אויך באַקומען אַרבעט פון דער סוכנות.

זאָגנדיק די ווערטער האָט ער מיר געגעבן צו איבערזעצן עטלעכע אַרטיקלען. אין אייניקע טעג אַרום האָב איך באַקומען אַ בריוו פון ד״ר לייטערבוך, ווי ער בעט מיך קומען וועגן אַרבעט אין דער אַגיטאַציע־אָפּטיילונג פון דער סוכנות; מיט איין וואָרט, איך האָב שוין כּסדר באַקו־

מען אַרבעט פון אַלע דריי אינסטיטוציעס. און מיין פּערזענלעכע פראַגע איז אַזוי אַרום געווען אַ געלייזטע, הן מאַטעריעל און דערצו האָט זי מיר געגעבן אַ גרויסע מאָראַלישע באַפרידיקונג.

אַרבעטנדיק אויף דעם אופן, עטלעכע מאָנאַט צייט — מיט מיין אַר־בעט איז מען געווען צופרידן, דער עיקר האָט מען געכאַפּט התפעלות פון מיין פּינקטלעכקייט, — איז מיר איינגעפאַלן זיך צו ווענדן צו חבר יצחק גרינבוים מיט פאָלגנדיקן פאָרשלאָג:

— אַז אַלע דריי אינסטיטוציעס צוזאַמען, זאָלן מיר געבן אַ שטענ־דיקן פּאָסטן ווי אַן איבערזעצערין און מיט אַ באַשטימטן מאָנאַטלעכן געהאַלט.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און איך האָב באַקומען אַ פּאָזיציוון ענטפער, אַז נאָך אַ געמיינזאַמער באַראַטונג צווישן די פאָרשטייערס פון אַלע דריי אינסטיטוציעס, ווער איך באַשטימט ווי אַן איבערזעצערין מיט אַ געהאַלט פון 7 פונט אַ חודש.

אויף די דאָזיקע באַדינגונגען האָב איך געאַרבעט זייער אינטענסיוו אַריבער פינף יאָר צייט. אַרבעט אין אַלע דריי אינסטיטוציעס איז תמיד געווען איבערגעגנוג. ערשט מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, אין 1939, האָט זיך די דאָזיקע שריפטלעכע אַגיטאַציע־אַרבעט פאַרן גלות, פון דער סוכנות און די קרנות, כמעט לגמרי אָפּגעשטעלט.

פון מיין פּאָסטן, אָבער האָט מען מיך נישט אָפּגעזאָגט.

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָווושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה) (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אַפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (פּאָעמע) (אויספאַרקויפט)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) **שלמה וואָגאָ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגעניש (זכרונות)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאָס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג — ווארשע — מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישׂראליקלעך
64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע״
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען **(אויספארקויפט)**
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) ד"ר א. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו **(אויספארקויפט)**
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פּולער יואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) מרדכי שטריגלער — גורלות
87) ד"ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג **(זכרונות)**
89) מ. ד. גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן
90) ז. י. אנכי — ר' אבא און אַנדערע כתבים
91־92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**
94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות **(קראָקע)**
95—96) יאָנאָס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן **(זכרונות)**
97—98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**
99) פועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) י. הירשהויט — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
102) משה זאַנשיין — יידיש וואַרשע
103) אַלעקסאַנדער מינץ — דער קאָמוניזם אין פּוילן **(זכרונות)**

## עס גרייט זיך צום דרוק:

מיכאל באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**
ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 **(זכרונות)**
מרדכי שטריגלער — געאָרעמט מיטן ווינט **(היסטאָרישער ראָמאַן)**
ד"ר א. מוקדוני — אין וואַרשע און אין לאָדזש **(מיינע באַגעגענישן)**
ברוך האַגער — מלכות חסידות
פּנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען

## פרעסע־שטימען וועגן די ביכער־סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

★

**ש. ניגער** שרייבט וועגן מרדכי שטריגלערס „גורלות" („די אידישע צייטונג" בוענאָס־איירעס, 6טער מאַי 1953):

מרדכי שטריגלער, דער גרויסער כראָניקער און טיפער פסיכאָלאָגישער אויספאָרשער פון גזרת היטלער, שליסט מיט די צוויי ביכער „גורלות" זיין פירנדיקן ציקל „אויסגעברענטע ליכט"... שליסט ער טאַקע אָט דעם ציקל, וואָס איז זיכער איינס פון די רייכסטע און ווערטפולסטע ווערק אין דער ייִדישער (און אפשר נישט נאָר אין דער ייִדישער) ליטעראַטור פון נאָך דעם דעם צווייטן וועלט־קריג? מיין איינדרוק איז, אַז דאָס איז נאָך נישט זיין לעצט וואָרט וועגן גזרת ת״ש־תש״ח. שטריגלער האָט אונדז נאָך וואָס צו דערציילן וועגן יענער עפּאָכע — און נישט בלויז ווי אַ דערציילער — אַ קינסטלער, נישט בלויז ווי אַ פּאָעט, — אויך ווי אַ כראָניקער פון זיין צייט, ווי אַ באַגלויבטער עדות, אַן אָבסערווירער און אַן אויסטייטשער פון די פינף־זעקס קאַטאַסטראָפאַלע היטלער־יאָרן, וואָס האָבן נישט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע.

„אויסגעברענטע ליכט" איז ווי מיר לייענען אין דעם נאָכוואָרט, „בלויז די שילדערונג פון פופצן חדשים היטלער־גיהנום" (2, ז. 350).




דער גהינום האָט לענגער, אַ סך לענגער געברענט, זיינע טומאה־פייערן פלאַקערן נאָך עד־היום, זייער אַש איז נאָך ווייס אַרום און אין די נשמות פון די אויסגעברענטע נאָך ברענענדיקע ליכט.

שטריגלער האָט אויסגעקליבן אויף צו באַשרייבן גראָד דעם לאַגער פון „ווערק צע", — אַ לאַגער, ווו מען

האָט געגרייט אַמוניציע, ווי איינ־איינעם מיט דייטשן און אונטער זיי־ער השגחה האָבן מיט דערשראָקענער אכזריות קאָמאַנדעוועט ייִדן, אַלערליי ייִדן. דאָס איז געווען אַ לאַגער, וואָס האָט ווי שטריגלער שרייבט, „געוווי־מלט מיט לעבן" (דאָרט, ז. 350), מען האָט געשיקט אַהין אַלץ נייע און נייע טויזנטער ייִדישע מענער און פרויען פון אַלערליי מינים: יונג און אַלט, פרום און פריי, טיף־ייִדיש און אינגאַנצן פאַרגויישט, ערלעך און פאַרדאָרבן, שטאַרק און שוואַך, גאַנץ און צעבראָכן. עס זענען געווען דאָרט חסידישע רביים און, להבדיל, משומדים און האַלבע משומדים. עס זענען געווען דאָרט אַמאָליקע סוח־רים און קרעמערס, בעלי־מלאכות און אַרבעטער; סאָציאַליסטן און מענטשן פון דער אונטערוועלט... עפּעס אַ מין תבת נח איז עס געווען — שיר נישט דער פּויליש־ייִדישער קיבוץ אין מיניאַטור...

פון אָט דער פיל־קערפּערדיקער און פיל־נשמהדיקער מאַסע האָט מ. שטריגלער זיך באַמיט אַרויסצוציִען „עטלעכע צענדליק געשטאַלטן, וואָס יעדער איינער פאַר זיך האָט סימ־באַליזירט אַ געוויסן קרייז און לע־בנסשטייגער" (דאָרט). אָבער נישט אַזוי דעם געזעלשאַפטלעכן קרייז און דעם אַמאָליקן קאָלעקטיוון לעבנס־שטייגער ווייזט אונדז שטריגלער, נאָר דעם יחיד, וואָס רעפּרעזענטירט אים, וואָס ווערט פונעם מענטשן, פונעם איינציקן מענטשן אין די שווידערלעכע אומשטענדן פון שרעק, טיראַניע און הפקרות? וואָס בלייבט אין אים פון פריִער?

אַזוי ווי אין די פריִערדיקע בענד פון „אויסגעברענטע ליכט" אינטע־רעסירט שטריגלערן אויך דאָ דער מענטש — אַפילו אין דעם אומ־מענטש. דער מענטש געזען פון אי־נעווייניק.

אַזוי ווי אין די פריִערדיקע, איז מרדכי שטריגלער אויך אין די איצ־טיקע בענד נישט סתם אַזוי אַ כראָ־ניקער: ער איז אַ כראָניקער — אַ פסיכאָלאָג.

די פראַגע, וואָס ער שטעלט זיך, איז נישט וואָס? וואָס איז מיט די מענטשן? נאָר — פאַרוואָס און ווי אַזוי?

ער האָט אַ מעגלעכקייט צו שטעלן און צו פאַרענטפערן אָט די פראַגן, ווייל ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז און פאַר זיך אַליין דאָס גאַנצע אויסלעבן זיך פון די מענטשן אין לאַגער, נישט נאָר זייער געפייניקט ווערן אָדער זייער פייניקן אַנדערע. מיר זעען וואָס פאַר אַ מיטלען יעדער פון זיי נוצט צו שטילן, ווי עס איז, דעם הונגער, דעם נשמה־הונגער, דעם הונגער נאָך ברויט, אויך דעם סעק־סועלן הונגער. מיר זעען די אַלע

חפציות און אַמביציעס פון די, וואָס זוכן מאַכט.

און דער עיקר איז, וואָס אונדז ווערט קלאָר, אַז יעדער איינער פון די פאַרשקלאַפטע און די פאַרשקלאַ־פערס, אַפילו דער פאַרגרעבטסטער, דער נידעריקסטער, דער געפאַלנס־טער, האָט אין זיך ערגעץ ווו אַ באַ־האַלטענעם פונק, אַ טראָפּן פון מענטשלעכקייט, — און עס זענען דאָ מאָמענטן, ווען דער האַלב־פאַר־לאָשענער פונק בליצט אויף פון אונ־טערן גרויען נאָך נישט אָפּגעקילטן אַש.

אָט האָט דער „טראַנספּאָרט" פון קראָקע געבראַכט אין לאַגער אַריין אַ חסידישן רבין, — דעם העלבראַ־מער רבין, צענעמען זיינע רייד און זיין פרום־שטאָלצע האַלטונג אַפילו אַזעלכע פאַרדאָרבענע און ברוטאַלע נפשות ווי די קאָמענדאַנטן אייזענ־בערג און ראַנגער, אַפילו פעלאַן וועלכע טיילט זיך מיט איר העסלע־כע מאַכט און איר שיינעם קערפּער מיט יעדן איינעם וואָס געפעלט איר.

דער העלבראַמער רבי האָט באַ־וויזן מיטצוברענגען מיט זיך מחזו־רים און אַפילו אַ שופר, און אַז עס קומט ראש־השנה, ווערט פון זיין באַראַק עפּעס אַ מין שול, — און אַפילו די אויסגעלאַסנסטע קאָמענ־דאַנטן, די הפקר־יינגען און הפקר־פרויען דערפילן אין זיך עפּעס, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג נישט געפילט.

פעלאַ, דער קוואַל פון יעדער טומאה אין לאַגער, טוט צוליב איר אַלטער, פרומער מוטער — און באַ־וויזט זיך אין דעם רבינס באַראַק... „זי האָט איצט איינגעהילט דעם קאָפּ אין אַ פרומען שאַל און זיך אַוועק־געזעצט אין אַ ווינקל. זי האָט אויך מיטגעצויגן דעם פאַרגאַפטן, טעמפּן ראַנגנער" (איר פרישן געליבטן), (ז. 57).

קויפמאַן, דער ווילדער שלעגער, „כאַפּט אָן דעם ערשטן בעסטן מחזור, וואָס עמעצער האַלט, און נעמט פון דאָרט אַרויסכאַפּן שטיקער הייסע ווערטער מיט זיינע בלאַס־געוואָרע־נע ליפּן" (ז. 58)...

דאָס אַלץ קומט פאָר אין רעכטן מיט פון עפּעס אַ ווילדער אָרגיאַס־טישער אויסגעלאַסנקייט וואָס האָט געהאַט אַרומגעכאַפּט שיר נישט דעם גאַנצן לאַגער... „צוזאַמען מיט דער צעלאָזנקייט האָט אויך די פּוסטקייט זיך אַראָפּגעלאָזט און גענומען מאַ־נען דאָס אירעקע. עס איז נישט איי־נעם באַפאַלן אַזאַ ווערטלאָזיקייט און מידקייט, — ביז צום עקלען פון זיך אַלייך. צוזאַמען מיט דער געשלעכט־לעכער אויפגעבראַכנקייט איז געקו־מען דער דאָרשט נאָכן אַנטלויפן דערפון צו עפּעס אַנדערש, זאָל עס זיין גאָט, זאָל עס זיין אַ גלויבן אין

עפּעס — זאָל עס זיין גלאַט אַן איי־לוזאָרישער אָנהאַלט״... (ז. 63).

און דאָס איז נישט קיין אַבסטראַק־טע גענעראַליזאַציע ביי שטריגלען. דאָס איז אַ סך־הכל פון איינציקע קאָנקרעטע פאַקטן, וואָס ער דער־ציילט פון בילדער און סצענעס, וואָס ער מאָלט פון מענטשן, וואָס ער כאַ־ראַקטעריזירט.

אַט באַקענט ער אונדז מיט סטאַ־שעקן, אַ משומד, וואָס איז גראָד גע־ווען זיין שכן אין באַראַק. סטאַשעק, אַ בייזער, אַ פאַרביטערטער ציני־קער, האָט זיך פאַרליבט אין איינער אַמאַריע, אויך אַ משומדתטע, מיט אַ צלם אויף דער ברוסט, — און ער האָט נישט אויפגעהערט צו זיין פאַרליבט אין איר אויך נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוווסט, אַז מיט איר גאַנצן הייליקן אויסזען איז זי אַ פּשוטע זונה. עפּעס האָט אויפגע־וואַכט אין אַט דעם קאַלטן, פאַרבי־טערטן ציניקער, און — „איינמאָל, ווען מעכעלע (מרדכי) האָט זיך פאַר־שפּעטיקט און ערשט אינמיטן נאַכט זיך אַריינגעשאַרט אין באַראַק, האָט ער געהערט ווי סטאַשעק העשעט שטיל אין זיין שטרויזאַק אַריין...״ (ז. 98). דער האַרטער און אָפּגעזונ־דערטער סטאַשעק האָט נישט גע־קענט פאַרטראָגן די עוולה, וואָס איי־זענבערג, דער קאָמענדאַנט, האָט אים אָפּגעטריבן פון „זיין״ מאַריען.

די דאָזיקע דערנידערונג איז אַפילו פאַר אים שוין געווען צו פיל.

און ער איז נישט געווען קיין אויסנאָם.

„יעדער לאַגער־איינוווינער מוז האָבן איבער וועמען זיך העכער צו האַלטן, וועמען צו מאַכן נידעריקער פון זיך, אויב ער וויל נישט פּלאַצן פון שפלות (ז. 99). אַפילו אַזאַ ווי סטאַשעק האָט נישט אויסגעהאַלטן די שפלות.

דאָס איז איינער פון שטריגלערס הויפּט־מאָטיוון.

אַט איז פּיכטהאָלץ, נאָך אַ משומד, וואָס דער גורל האָט אים צוריקגע־בראַכט צו ייִדן אין „ווערק צוויי״. איינמאָל דערפילט ער, אַז ייִדן, נישט נאָר גויים, שטויסן אים אָפּ פון זיך. איז ער אומגליקלעך גאָר אויף אַ נייעם שטייגער. ס׳טייטש, טראַכט ער, „דאָ זענען אַלע גלייך, פאַרוואָס קומט אים נישט דאָס ביסל נאָענט־קייט, דאָס ביסל גליקלעכע פאַרגע־סנקייט, פון וועלכער אַלע דאָ ביים טיש געניסן״? (ז. 102). ער וויל אויך הערן ווי דאָס ייִנגל זינגט דאָרט גע־בירטיגס אַ לידל וועגן עפּעס אַ מאַ־רעוויכער אברהמל...

און דער מין דערנידעריקט און אומגליקלעך־זיין אין לאַגער אינטע־רעסירט שטריגלערן נישט ווינציקער, אויב נישט נאָך מער, ווי דאָס הונגערן אָדער געשלאָגן ווערן.

דערפֿאַר באַשרײַבט ער מיט אַלע אײנצלהײטן זעלדינס, דעם סטודענט־פילאָזאָפס, נאַיִווע און אומגליקלעכע ליבע צו אײנער פון די בלוי־אויגיקע מײדלעך, וואָס זעלדין איז געווען זיכער, אַז זי איז רײן און אומשולדיק, שטריגלער פילט־מיט, לײַדט־מיט מיט אַזוינע ווי זעלדין, כאָטש זײ זענען אים אַזוי פרעמד. דעם קאַפיטל, ווו ער דערצײלט זעלדינס ליבע־געשיכטע, לאָזט ער אויס מיט אַ פאָר קלוג־תמימותדיקע פאַראַגראַפן, ווו ער ווערט ליריש און זאָגט:

„און זײט אים מוחל, מענטשלעך, איר אַלע גוטע און פרומע לײַט, פאַרוואָס ער האָט דאַן נישט מיטגעלאַכט (פון זעלדינען) און פאַרוואָס זײַן ייִנגליש הערצל האָט זיך דאַן פאַרקוועטשט נישט ווויסנדיק אַלײן פאַרוואָס“ (ז. 113).

מענטשלעך האָט אַ מענטשלעכע שטעלונג צו יעדן אײנעם פון לאַגער, — צום רשע אַפילו, און נישט נאָר צום ייִדישן, אויך צום דײַטשן רשע.

ער איז אים נישט מוחל — בשום אופן איז ער אים נישט מוחל די זינד, דעם פאַרברעכן, די טיִיִועלישע אכזריות, — אָבער ער ווײסט, ער פילט, אַז אויך אָט דער אוממענטש איז... נישט מער ווי אַ מענטש. און כאָטש ער האָט אויף קײנעם קײן רחמנות נישט, איז אויף אים אַלײן גאָטס רחמנות, ווען מען טרעפט אים אין אַ מאָמענט, ווען ער פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע, אַז ער איז אַ שקלאַף, וואָס איז געוואָרן האַר איבער אַנדערע שקלאַפן.

אָט איז שומאַן, דער וואַך־בירגער פון ווערק „צע“. אין דער הײם איז ער געווען אַ טישלער, — און עס טרעפט, אַז „עס בענקט זיך אים, דעם גרויען מערדער שומאַן, נאָך זײַן טישלער־ווערקשטאַט פון דער הײם“ (ז׳ 139). און אין אָט אַזוינע פאַרבענקטע שעהן פונעם מערדער גײט אים אין לעבן צו הערן מעכעלעס מבינות אויף דעם טישל, וואָס ער, שומאַן, האָט געמאַכט, אַזוי שטאַרק איז עס אים נוגע אַז ער וויל זײַן זיכער אין דער אויפריכטיקײט פון מעכעלעס גוטער מײנונג... „דאָס זאָגסטו מיר דערפֿאַר, וואָס איך בין וואַכפירער, אָדער ווײַל דער טיש געפעלט דיר?“ איך וויל, אַז דו זאָלסט איצט ענטפערן דעם טישלער און נישט דעם באַפעלער פון דאַנען!“ (ז. 141).

אין דעם „באַפעלער“ האָט אויפגעוואַכט דער הײמישער טישלער...

הינטער דעם ווילדן, אכזריותדיקן איצט האָט זיך באַהאַלטן און איז פלוצלונג אויפגעדעקט געוואָרן — דער נאָרמאַלער אַמאָל, — און שטריגלער האָט אים דערפילט:

„עפּעס אין דער סודותפול שוידער־לעכער וואַכפּירער פּלוצים פּאַר אים געוואָרן צוריק אַ מענטש אויף די פּאָר מינוט“...

און אָט דאָס איינער פון שטריג־לערס גרויסע אויפטוען.

די שוידערלעכקייט פון שומא־נען דעם וואַכפּירער, האָבן אַלע געזען, אָבער זיין ווערן — זאָל זיין כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט — צוריק אַ מענטש, זיין פאַרבאָרגענע פעאי־קייט עס צו ווערן, — דאָ איז מרדכי שטריגלערס גרויסע אַנטדעקונג.

אַפילו אין דעם גראָבן אַבראַמען, אין אָט דעם מיאוסן סאַדיסט, וואָס שטריגלער דערציילט וועגן אים ממש אומגלויבלעכע ווילדקייטן, — אין אָט דעם מנובל, וואָס האָט אַלע־מען פיינט געהאַט, אַפילו דעם קליינעם מעכעלע, — דעם, וואָס אַלע זענען געווען גוט צו אים, ווייל ער איז געווען גוט צו אַלע־מען, — אַפילו אין אָט דעם מיאוסטן פון אַלע מיאוסע נפשות, האָט מרדכי שטריגלער דערשפירט אַ מענטש־לעכן שטריך — זיין בענקען נאָך „ז יי ן ח יי מ ק ע ן“. אויב אברהם האָט מעכעלען „נישט דער־שטיקט“, כאָטש עס האָט זיך אים געחלומט דאָס צו טון, איז עס גע־ווען נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַזוי שטאַרק ענ׳לעך צו זיין חיימקען (ז. 196).

שטריגלער איז געוווינט צו זיין אין ר׳ לווי יצחק בערדיטשעווערס ראָלע, צו דער ראָלע פון מלמד זכות זיין אויף דעם, וואָס טראָגנ־דיק טלית און תפילין שמירט ער די רעדער פון וואָגן אָבער דער פאַל פון אַזאַ מין רעדער־שמירער, ווי דער גראָבער אַבראַם, האָט אים אַליין פאַרחידושט, און ער שרייבט: „וואָס דעם מענטשנס באַשעפער קען זיך דערלויבן פאַר אַ שפּאַסן! ער נעמט אַזאַ ריזיקע מאַסע, אַ הוילן געפלעכט פון פליישיקער תאווה, רציחה, און אָנגעצונדענעם קנויל פון לעכצענדיקע אָדערן א. אז. וו. ער לאָזט אין אָט דעם באַרג פלייש אין קנויטן אויסשפּילן אַלע אינסטינק־טן, אַלע רויע גלוסטעניש, וואָס האָבן זיך אין דער חיה מענטש גע־זאַמלט דורך אַלע וועלדער־וואַנדע־רונגען זיינע א. אז. וו., נאָר איין נקמה האָט ער דערביי אָן אים גע־נומען אין פאַראויס. ער האָט זיך געמאַכט פאַרלירן אַ קליין קייקעלע געפיל, אַ קליין פינקעלע ליב־שאַפט“... (ז. 196).

און אָט דאָס קליינע קייקעלע גע־פיל, אָט דאָס קליינע פינקעלע ליב־שאַפט האָט מרדכי שטריגלער באַ־מיט זיך אויסצוגעפינען און אַרויס־צוראַטעווען פון די מ״ט שערי טו־מאה, פון דעם תהום־אינסטינקטן און רויע גלוסטענישן, וואָס האָט זיך

געפֿענט פֿאַר אים אין „ווערק צע״ און אין אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דאָס האָט ער געטון אין די פֿריערדיקע בענד, דאָס טוט ער אויך אין די לעצטע צוויי בענד פֿון זיין ווערק „אויסגעברענטע ליכט״.

ער טוט עס דאָ נאָך מיט מער אימפעט און מער מייסטערשאַפֿט ווי פֿריער, ווייל דער תהום האָט זיך דאָ שוין כמעט אינגאנצן פֿונאַנדערגעעפֿנט, און ווען נישט פֿאַר באַרגענע ליכט־שטראַלן, וואָלט די פֿינצטערניש אים פֿאַרפֿלייצט.

אַ דאנק אָט די פֿונקען, אָט די ניצוצות, וואָס ער ברענגט אַרויף פֿון אָפּגרונט, ווערן באַלויכטן פֿאַר אונדז כמעט אַלע טיילן פֿון דעם געפֿאַנגענעם און אומגעבראַכטן ייִדישן קיבוץ, אַפֿילו די געפֿאַלענע און אָפּגעפֿאַלענע, — און מיר זעען ווי יעדער פֿון זיי האָט באַגעגנט זיין גורל און ווי אַפֿילו דער, וואָס איז געפֿאַלן אונטער זיין שווערער לאַסט, — ווי אַפֿילו דער געפֿאַלענער האָט אין זיין לעבן און אין זיין שטאַרבן געהאַט מאָמענטן, ווען ער האָט אויף אַ רגע זיך אויפֿגעהויבן, אָדער געוואָלט זיך אויפֿהויבן.

אָבער נישט אַלע זענען געפֿאַלן.

עס זענען געווען יחידים, — אמת טאַקע נאָר יחידים, — וואָס פֿון די יסורים זענען זיי, פֿאַרקערט גאָר, דערהויבן און געלייטערט געוואָרן.

דאָס ערשטע אָרט צווישן זיי פֿאַרנעמט מעכעלע. און ער איז ווערט, אַז מען זאָל זיך מיט אים נאָענטער באַקענען, און נישט בלויז ווי מיט דעם מחבר, נאָר אויך ווי מיט דעם העלד, דעם הויפּט־העלד פֿון זיין ווערק.

**יעקב באָטאָשאַנסקי** שרייבט וועגן רבקה קוויאַטקאָווסקיס בוך „פֿון לאַגער צו לאַגער״ („די פּרעסע״, בוענאָס־איירעס, 12טער יאַנואַר 1951):

רבקה קוויאַטקאָווסקאַ, איז די זעקסטע פֿרוי וואָס דער פֿאַרלאַג פֿון צ. פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישן ייִדן אין אַרגענטינע, האָט אין זיין סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום״ אונטער דער רעדאקציע פֿון מ. טורקאָוו און אדמיניסטראַציע פֿון א. מיטלבערג אַרויסגעגעבן זייערע ביכער.

דאָס ווייבלעכע איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין די ביכער פֿון די ערשטע פֿינף פֿרויען, דריי פֿון

זיי טאַניאַ פוקס ע"ה און צו לענ־
גערע יאָר זיי פרידע זרובבל און ר.
שושנה קאַהאַן האָבן אין פּראָזע באַ־
שריבן זייערע ליידן בעת דעם
דריטן חורבן, רחל ה. קאָרן האָט
אַרויסגעבראַכט די זעלביקע ליידן
אין קאָנצענטרירטע לידער און




ציפּורה קאַצענעלסאָן — נאכומאָוו
האָט פאַרעפנטלעכט אַ טייל ביאָג־
ראַפיע פון איר ברודער, דעם הע־
ברעאיש יידישן פּאָעט יצחק קאַ־
צענעלסאָן.

אָבער אַ סך מער ווי אין די ביי־
כער פון די פריערדיקע, איז דאָס
ווייבלעכע געקומען צום אויסדרוק
אין דעם בוך „פון לאַגער אין לאַ־
גער" פון רבקה קוויאַטקאָווסקאַ.
דאָס איז דאָס ערשטע בוך אין
וועלכן אַ יידישע פרוי דערציילט
וועגן די איבערלעבונגען און וועגן
דעם אומקום פון דער יידישער פרוי
אין די לאַגערן.

אַט צוליב דעם פאַקט אַליין פאַר־
דינט דאָס בוך „פון לאַגער צו לאַ־
גער" אויפמערקזאַמקייט. צוליב דעם
וואָס דער שטאָף איז איבערגעגעבן
געוואָרן אינטערעסאַנט און ער באַ־
שטייט פון אַזעלכע מענטשלעכע
דאָקומענטן וואָס האָבן נישט גע־
טאָרט בלייבן אומבאַקאַנט; און עס
איז פיינלעך דאָס צו זאָגן, אָבער
דאָס בוך פאַרדינט אויפמערקזאַמ־
קייט צוליב דעם, וואָס רבקה
קוויאַטקאָווסקאַ באַווייזט זיך מיט
איר ערשטלינג בוך ווי אַ טאַלאַנ־
טירטע שרייבערין. זי באַשרייבט אַ
סך מער טויט ווי לעבן, אָבער זי
טוט דאָס מיט אַ לעבעדיקן טאַלאַנט.

עס איז שווער צו פאַרשטיין צוליב
וואָס רבקה קוויטקאָווסקאַ האָט איר
בוך געשריבן ווי אַ דערציילונג און
נישט ווי מעמוארן. דאָס דערציי־
לערישע איז אין תוך קליין. עס
הייבט זיך אָן אין מאָמענט, ווען
האַנס ביבאָוו דער לייטער פון לאָד־
זשער געטאָ רופט די יידן זיי זאָלן
אים פאָלגן. ליקווידירן די געטאָ און
זיך לאָזן פירן. און צווישן די דאָזי־
קע וואָס דאַרפן פאַרלאָזן די געטאָ
איז פאַראַן דער שניידער הערש־
לייב, זיין ווייב די געוועזענע אשת

חייל, ביילע איז זייער איינציקע טאָכטער חווה, וואָס איר חתן איז אַוועק פריער קיין ראַטנפאַרבאַנד. דער טראַנספּאָרט גייט קיין אָשוויענטשים, ווו די פאַמיליע פאַרלירט זיך און חווה בלייבט אַליין. וועגן הערש לייבן און ביילען הערט מען נישט די גאַנצע צייט. אין צווייטן טייל — דאָס בוך האָט דריי טיילן און צוואַנציק קאַפּיטלען — אין צענטן קאַפּיטל דערשיינט „ביילעס טאָגבוך“, וואָס איז געשריבן אין אַ צו אינטעליגענטער שפּראַך פאַר אַ פשוטער ייִדענע.

דערנאָך קומען שוין באַשרייבונגען וואָס מאכן דעם איינדרוק פון קאָנצענטרירטע און אַ ביסל פאַרליטעראַרישסטע מעמוארן, וועלכע קייטלען זיך שוין נישט בעלעטריסטיש, נאָר כראָנאָלאָגיש.

פאַראַן דאָ און דאָרט שפּראַך פעלערן וואָס וואָלטן געקענט אויסגעמיטן ווערן. דאָ און דאָרט איז עס אַ לאָקאַליזם אין אופן פון בינדן די פראַזע און אַמאָל איז עס סתם אַ אומפּאָרזיכטיקייט. ייִדיש איז אַ לאַקאָנישע שפּראַך און קען אָפט אויסמיידן די צייטווערטער „איז“ „געווען“ א. א. וו. אָבער אַמאָל קען מען די דאָזיקע ווערטער נישט אויסמיידן און ביי רבקה קוויאַטקאָווסקאַ פעלט צומאָל אַן „איז“, אַז די פראַזע לייענט זיך אַזש שווער.

ביי איר טוט איינער דאָס און דאָס און „צו צו“ און עס פעלט פאַר דעם טאָפּלטן „צו“ אַן „איז“ ממש ווי אָטעם... בכלל אָבער פאַרמאָגט די מחברטע אַ שפּראַך מיט אָטעם און מיט אַ צאַרטקייט און זי קען אין אַ פשוטער פראַזע איבערגעבן דעם אינהאַלט און דעם קלאַנג פון די ליידן. זי שילדערט ווי מיידלעך זיצן אין לאגער און זינגען בענקשאַפטלידער און —

„די מיידלעך האָבן געענדיקט. שווייגנדיק אַ ווײַלע געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און איינציקווייז זיך צעגאַנגען אויף זייערע נאַרעס, פון אונטער די דעקעס האָט זיך געהערט אַ שטיל, דערשטיקט געוויין“.

און מיר דערהערן דאָס געוויין. דאָס בוך הייסט „פון לאַגער אין לאגער“. אויבנאויפיק ווייזט עס אויס, ווי עס וואָלט געווען אַ שפּראַך־פעלער אין טיטל, עס וואָלט געדאַרפט זיין „פון לאַגער צו לאַגער“, אָבער ווען מען לייענט דאָס בוך, זעט מען, אַז ס׳איז נישט קיין פעלער, נאָר אַ געדאַנק. מען שיקט די פרויען אַוועק נישט פון איין לאגער צום צווייטן, נאָר מען שיקט זיי אַוועק פון לאגער, מען זאָגט זיי נישט, אַז מען שיקט זיי צו אַן אַנדער לאַגער, אָבער זיי געפינען זיך ווידער אין אַ לאַגער. פאַראַן אין

דעם אַ שטילער געשריי און אַ טראַגיק, וואָס ווערט פאַרשאַפט פון זינלאָזיקייט. מיט דעם גאַנצן סיסטעם זייערן האָבן די דייטשן געטריבן זייערע קרבנות אויך אָן אַ זין. צוליב וואָס האָט מען די פרויען, וואָס רבקה קוויאַטקאָווסקא שילדערט, געטריבן פון אָשוויענטשים קיין שטוטהאָף, פון שטוטהאָף קיין דאַנציג?

צוויי ווייבלעכע מאָמענטן קומען צום מיינסטן צום אויסדרוק אין רבקה קוויאַטקאָווסקיס בוך: די פיזישע שוואַכקייט פון דער פרוי און איר ווייבערישע בענקשאַפט נאָך מאַן און איר מורא פאַר איר פאַרלירן דאָס ווייבלעכע אויסזען. עס בלייבן לעבן געציילטע, הונדערטער קומען אום. און זיי קומען אום מיט אַזוי ווייניק ווידערשטאַנד. געציילטע ווייזן אַרויס אַן אויסערגעוויינלעכע ווידערשטאַנד־קראַפט. ביי די מיינסטע איז דער איבערגאַנג פון לעבן צום טויט ווי ביי — הינדלעך. אָט לעבעדיקע און פאַרבויגן דאָס קעפל. חווה איז אַ מאָדנע סינטעז פון ביידע: זי איז אי שוואַך, אי זי פאַרמאָגט אַ ס ך ו י ד ע ר־ ש ט אַ נ ד. די שרייבערין ווייזט אַרויס פיינעם טאַקט און ברענגט זי נישט אַרויס העלדיש. זי ווערט דווקא אַ וויזז טון אַ העלדישקייט ביי אַ פרוי, וואָס ווערט נאָר איין מאָל געוויזן. דאָס איז דאָס מיידל מאַרגאָט, וואָס מען טרעפט אַליין מיט אַ געפאַנגענעם פראַנצויז און מען שמייסט זי. מען פייניקט זי ערשט דערנאָך, אַז זי זאָל אויסזאָגן ווער דער מאַן איז געווען און זי גיט אום בשום אופן נישט אויס. זי לאָזט זיך שלאָגן, די אַלטע ס. ס. ווייבער לאַכן פון איר, ווען זי דערקלערט ,אַז זי האָט אים געזען נאָר איין מאָל, אָבער זי גיט אים נישט אויס...

חווה ווייזט אַרויס כאַראַקטער, ווען זי דאַרף העלפן איר חברטע סאָניע, וואָס איז שוואַנגער און דאַרף האָבן אַ קינד. דאָס איז דאָס איינציקע מאָל, ווען זי ווערט געשילדערט מיט אַ באַזונדער פעסטקייט.

סאָניע האָט דאָס קינד אין שפּיטאָל און דאָס עופהלע שטאַרבט, ווייל די מאמע ציטערט צו שטאַרק איבער דעם און מען נעמט דאָס אַוועק פון איר. זי באַגראָבט די וויקעלעך און שמאטעס פון קינדעלע און ליגט אַ גאַנצע נאַכט איבער זייער „קבר“ און זי גייט אַראָפּ פון זינען. דער דאָזיקער עפּיזאָד איז דער אמת אַליין, באַשריבן איז ער פּשוט און ער ווירקט ווי אַ גרויסע טראַגעדיע.

מען האָט די לאַגער־פרויען אָפּגעשוירן די האָר און דורך דעם

האָבן זיי פאַרלוירן זייער ווייבלעכ־
קייט. און ווי זיי אַליין האָט כסדר
געצויגן צו מענער און זיי זענען
אָפט נאָכגעגאַנגען מיט אַזאַ פאַר־
צווייפלטער בענקשאַפט, וואָס דריקט
זיך אַריין מיט אַ יאָמער אין האַר־
צן. די באַגעגעניש מיט פראַנצויזי־
שע געפאַנגענע איז אַ פּאָעמע פון
געזאַנג פון איינזאַמע און פאַר־
שקלאַפטע צו איינזאַמע פאַרשקלאַפּ־
טע פרויען און אַ בשותּפותדיקער
גלויבן אין ליבע און פרייהייט. אָט
אַ דער שטריק, דאָס פאַרייניקן דאָס
בענקען נאָך ליבע מיט דעם בענקען
נאָך פרייהייט, איז דער ווייבלעכס־
טער אין בוך.

פאַראַן פרויען אין רבקה קוויאַט־
קאָווסקאַס בוך, וואָס וואָלטן געקענט
ווערן העלדינס פון אַ ראָמאַן, ווי איר־
קע, איטע און איבערהויפּט דינה. אַ
סך ווידערשטאַנד כוח ווערט געוויזן
אין פרומקען, וואָס ווערט דורך אַ
טעות פאַרשיקט אין אַ דייטשן
שפּיטאָל און אויפן וועג ווערן איר
אָפּגעפרוירן די הענט און די פיס.
אין פרומקען האָט די מחברטע
אויסגעזונגען דעם פיזישן ליידן פון
דער פרוי און איר קענען אַריבער־
טראָגן ווייטיק. פרומקע האָט דער־
לעבט צו זען די באַפרייונג און אַ
גליקלעכע פאַרמאַכט די אויגן.

דאָס בוך האָט אייניקע כאַראַק־
טעריסטישע סימבאָלישע געדאַנקען.
די גרעסטע פּייניקערן און שלעגערן
איז די פרוי זאָכע, אַן אָנפירערן
פון אַ שפּיטאָל; זי איז אַ פּוילישע.
שילדערט די שרייבערן דעם שעף
פון אַ דאַנציקער באַראַק, בראַנעק,
ווי די מילדקייט אַליין. און אָט דער
בראַנעק איז זאָכעס ברודער... די
קוויאַטקאָווסקאַ האָט ערשטנס גע־
וויזן, אַז ביי די פּאָליאַקן האָבן צווי־
שן ברידער און שוועסטער געקענט
זיין אַזעלכע צוויי עקסטרעמען און
אַז די ז י איז ערגער...

פאַראַן אויך אינטערעסאַנטע דיס־
קוסיעס אין בוך, וואָס ברענגען
אַרויס די געדאַנקען פון די ליידנ־
דיקע פרויען. נאָך אַ געשלעג אַי־
בער אַ פּושקע פאַר קאַווע און זופּ,
קומט אַ שמועס, ביי וועלכן איין
פרוי, מיטן נאָמען רות זאָגט:

„אויב די שענסטע פון אונדזער
פאָלק איז אונטערגעגאַנגען, זאָל
דאָס שמוציקע, פאַרלויזיקטע אויך
אונטערגיין!״

און די שוישפּילערן מלכה קוואַל
ענטפערט איר:

„די שענסטע און די בעסטע אויך
די שטרויזעק וואָלט זיכער נישט
געהאַט מער כאַראַקטער ווי מיר
אַלע — זיי וואָלטן געווען די זעל־
ביקע קליינע מענטשעלעך ווי מיר
אַלע און אוודאי נישט קיין העלדן״.

אינטערעסאַנט איז אַ שמועס
צווישן פרויען פון פאַרשידענע לענ־

דער, ווען ס׳קומט די בשורה פון
דערלייזונג, נאָך דעם ווי פרומקע
זינגט דעם פּאַרטיזאַנען הימן, וואָס
זי האָט געהערט פון די ליטווישע
פּאַרטיזאַנען און די אונגארישע
פרויען בעטן זיך מ׳זאָל זיי דאָס
פּאַרטייטשן, ווייל זיי פאַרשטייען
נישט קיין יידיש. איינע ווארפט זיי
פאָר, וואָס זיי האָבן נישט אויסגע־
לערנט קיין יידיש, ענטפערן זיי, אַז
די אנדערע זענען מיט זייערע יידי־
שע לידער סיי ווי נישט קיין יידן...
אויפגעהאלטן יידישקייט האָבן נאָר
די אונגארישע יידן, וואָס זענען
פרום. זאָגט שוין איינע, אַז די ריכ־
טיקע זענען אין בעלכאטאָוו, ווו עס
זענען דאָ יידישע שולן, אַ ביבליאָ־
טעק, ווו ס׳גאַנצע שטעטל רעדט
יידיש, אַפילו דאָקטוירים און אַד־
וואָקאטן, זאָגט אַ דריטע, אַז די
ריכטיקע יידן זענען אין שאַוועל, ווו
ס׳איז דאָ אַ יידישע און העברעאישע
גימנאַזי׳ע, די גאנצע יוגנט רעדט
יידיש און העברעיש. אַ טשעכישע
יידישקע פרעגט טרוקן, וואָס מ׳האָט
פון יידישקייט און זי זאָגט, אַז ווען
די עלטערן וואָלטן זיך אַסימילירט,
וואָלטן מיר נישט געקומען אין
לאגער און אַז נאָכן קריג וועט זי
בדאי חתונה האָבן מיט אַ כינעזער,
אַבי נישט צו ברענגען קיין יידן
אויף דער וועלט. און אַ רומענישע
יידישקע צעשרייט זיך:

„איבער אַזעלכע ווי איר ליידן
מיר! איבער אייערע זינד זענען מיר
אין לאגער געקומען. נאָר אַ דאנק
די מעשים טובים פון די רומענישע
יידן זענען מיר אויסגעלייזט גע־
וואָרן״.

דאָס גאנצע בוך פון ר. קוויאַט־
קאָווסקא איז אייגנטלעך אַ קיבוץ
גלויות פון יידישע פרויען, וואָס
ווערן געוויזן מיט זייערע כאַראַק־
טערס, געדאַנקען, דערציִונג, לייכט־
זין און ערנסט, דערהויבנקייט און
געפאלנקייט, זייער רעאגירן אויף
די ליידן און זייער פּאַסיווער אומ־
קום און זייער ליבע צום לעבן.

רבקה קוויאַטקאָווסקאַס „פון לאַ־
גער אין לאגער״ געהער צו די בעס־
טע ביכער פון דער סעריע „דאָס
פוילישע יידנטום״, ס׳איז אַ בוך,
וואָס לייענט זיך, פאַרכאַפּט, ווירקט
אין האָט אַ ווערט אויך ווי אַ דאָקו־
מענט וועגן די ליידן פון דער יידי־
שער פרוי בעת דעם דריטן וועלט־
חורבן.

**מאַרק שווייד** האָט געווידמעט דעם בוך פון יאַנוש קאָרטשאַק „משהלעך,
יאָסעלעך, ישׂראליקלעך“, איבערגעזעצט אין ייִדיש דורך יהושע פּערלע,
פאָלגנדיקע אָפּשאַצונג („דער פאָרווערטס“, ניו־יאָרק):

זעלטן ווען עס מאַכט זיך, אַז אַ
בוך פון ייִדישן אינהאַלט, איבערזעצט
פון אַ פרעמדער שפּראַך, זאָל מיט־
ברענגען מיט זיך אַזויפיל ריינע,

**יאַנוש קאָרטשאַק**

# משהלעך, יאָסעלעך, ישׂראליקלעך



עכטע ייִדישקייט און אַזויפיל טיפן
ייִדישן חן, ווי עס פאַרמאָגט אָט דאָס
בוך, וואָס איז פאַרבליבן ווי אַ גע־
בענטשטע מצבה נאָך דעם מיליאָן
אומגעבראַכטע ייִדישע קינדער אין
פּוילן.

ס'איז צום באַוווּנדערן די לעב־
האַפטיקייט, און אַפילו די צייטמע־
סיקייט, פון „משהלעך, יאָסעלעך,
ישׂראליקלעך“, וואָס איז געשריבן
געוואָרן מיט שיעור אַ האַלבן יאָר־
הונדערט צוריק אין פּויליש און איז
פונקט מיט דרייסיק יאָר צוריק דער־
שינען צום ערשטן מאָל אין דער
פּרעכטיקער ייִדישער איבערזעצונג,
וואָס דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון
פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע האָט
איצט אויפסניי אַרויסגעגעבן. אי
דער שרייבער, יאַנוש קאָרטשאַק, אי
דער איבערזעצער, יהושע פּערלע,
זענען צווישן די קדושים פון חורבן.

איידער עס ווערן פאַנאַנדערגעווי־
קלט די איינצלהייטן פונעם אינהאַלט
פון בוך פון לעבן פון דעם שרייבער,
זאָל דאָ פריִער געזאָגט ווערן, אַז
קיין שול, ווו עס ווערט געלערנט
ייִדיש, קיין לערער און קיין דער־
וואַקסענער תּלמיד דאַרף מער נישט
זיין אָן דעם בוך, וואָס באַשיינט און
פאַרהערלעכט אַלע „משהלעך, יאָסע־
לעך, ישׂראליקלעך“.

און גלייך ווי איבערדרוקן דאָס
ווערק אַליין וואָלט געווען נישט אין
פּלאַץ און נישט אין צייט, האָט
מאַרק טורקאָוו, דער רעדאַקטאָר פון
דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע
ייִדנטום“, צוגעגעבן עטלעכע פאָר־
רעדעס, וואָס העלפן אַרויסהייבן און

באַלייכטן דאָס ווערק און דעם פאַר־הייליקטן שרייבער.

דאָס איז איינס פון יענע ווערק, אַנטקעגן וועלכע כלומרשטע פיינ־שמעקער לעסטערן, אַז עס איז פּראָ־פּאַגאַנדע אָדער פּובליציסטיק, אָבער ווערק וואָס זייער לעצטער סך־הכל איז שטענדיק אַ קינסטלערישער.

„משהלעך, יאָסעלעך, ישראליק־לעך" הייבט זיך אָן מיט אַ סצענע אויפן וואָקזאַל, ווו עס פאַרזאַמלען זיך די אַרומגעוואַשענע ייִדישע קינ־דער מיט קלומעקלעך פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, איידער זיי פאָרן אַרויס אויף אַ פּאָר וואָכן אין אַ זו־מער־קאָלאָניע. די עלטערן זענען גע־קומען צו דער באַן זיי באַגלייטן, די אויפזעער דרייען זיך אַרום און גי־בן אַכטונג, און די באַן גייט אָפּ נאָכן דריטן קלונג.

אין פינף־און־צוואַנציק נישט־לאַנגע קאַפּיטלען גיט איבער דער שרייבער די ליכטיקע קינדער־וועלט מיט אירע שפּילערייען און איבער־לעבונגען, וואָס עפענען פאַר די ייִדי־שע קינדער נישט נאָר דעם כישוף פון דער נאַטור מיט איר אינערלע־כער וועלט פון געוויקסן און לעבע־דיקע באַשעפענישן, נאָר ווו די קינ־דער דערזען אויך צום ערשטן מאָל ווי אַזוי עס פונקציאָנירט די מענטש־לעכע געזעלשאַפט.

דאָס זענען די ליכטיקע קינדער פון דער סמאָטשע גאַס, פון דער גענשע און פון דער קראָכמאַלנע, פון דער סטאַווקע, דזשיקע און מי־לע, פון גזשיבאָוו און פון שילעץ, פון גאַנץ וואַרשע וואָס איז פאַרשני־טן געוואָרן.

דאָס גאַנצע בוך קוועלט מיט דער פרייד פון ייִדישע קינדער. די פריי־לעכקייט ווי מען דערזעט אַ פייגע־לע, אַ מייזעלע, אַ בושעל, אַ נעס־טעלע אויף אַ בוים. דאָ איז דאָס בוך פול מיט אַזעלכע קינדישע פראַגן, ווי: צי איז טאַקע דאָ אויפן בוים אַ נעסט פון וועוויערקעס? צי זענען אין וואַלד דאָ וועלף? צי קען מען זיך סמען מיט שוואָמען? צי זענען דאָ אַזעלכע גרויסע פיש וואָס קאָנען אַראָפּשלינגען אַ מענטשן?

דאָ שפּילט מען זיך אין אַ הייל פון גזלנים, דאָ כאַפּט מען אַ זשאַבע אָדער אַ שנעקל, דאָ דערהרגעט אַ ייִנגעלע אַ בין, וואָס האָט אים גע־וואָלט דערהרגענען. דאָ גיבן זיך די קינדער אַליין קאָנצערטן אין די אָוונטן, ווען יענע, וואָס האָבן שטי־מעלעך צום זינגען, עפענען ברייט די קעלעכלעך און זינגען וויפל זייער האַרץ גלוסט. דאָ צולויפט זיך פריי די פאַנטאַזיע פון די קינדער און ווער עס דערפילט אין זיך דעם דראַנג עפּעס צו באַשאַפן, שאַפט אַ ליד וועגן אַ שוסטער, וועגן אַ שמיד און

וועגן פאָרן צוריק אַהיים קיין וואַרשע.

און אַזוי ביז צום לעצטן זון־אַונטערגאַנג אַון ביז צום לעצטן מעשהלע.

יאַנוש קאָרטשאַק איז געווען איינער פון יענע קינסטלער, וואָס לעבן איינזאַם, אָבער זיי טוען זייער אַרבעט אין דער וועלט. שלום אַש, אין זיין קורצער פאָררעדע צום בוך, רופט אים אָן דער הייליקער דאָקטאָר, אָבער די באַצייכענונג ווערט אים געגעבן נישט אַזוי פאַר זיין גרויס לעבן, ווי צוליב זיין וווּנדערלעכן טויט. אַש דערציילט וועגן אַ סצענע אויף דער מוראַנאָווער וואָקזאַל אין וואַרשע, אויפן באַנהויף פון דער אָטוואָצקער ליניע, ביים יידישן שפיטאָל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די סטאַנציע פאַר דער ליניע צו די גאַז־קאַמערן. אין יענע יאָרן, דערציילט ער, האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט די קינדערלעך אין זייערע שבתדיקע בגדימלעך, משטיינס געזאָגט, און נייע קאַשקעטלעך און אָפּגעשמירטע שטיוועלעך. און די עלטערן פון די קינדער האָבן יאַנוש קאָרטשאַקן דעמאָלט מיט ליבשאַפט גערופן „דער משוגענער דאָקטאָר". און אַש פאַרענדיקט מיט אַ לויב צום אָנדענק פון דעם, וואָס האָט געהייליקט גאָטס נאָמען אויך דורך זיין לעבן.

אויף יענעם אייגענעם וואָקזאַל, ווו דער „משוגענער דאָקטאָר" פלעגט זיך אין זומער צייטן פאַרזאַמלען מיט יידישע קינדער און זיי אַוועקפירן אויף עטלעכע וואָכן אין גן־עדן אַריין, אויף יענעם וואָקזאַל איז ער אויך צוזאַמען מיט די יידישע קינדער, אונטער דער בייטש פונעם תליון, געפאָרן דעם לעצטן וועג צו דער גאַז־קאַמער, מיט איין קינד אויף דער האַנט, אַ צווייט קינד ביי דער אַנדערער האַנט און אַרומגערינגלט מיט זיינע משהלעך, יאָסעלעך און ישראליקלעך. אָבער דאָס איז שוין געווען דער „הייליקער דאָקטאָר".

יצחק גרינבוים, דער באַרימטער אַדוואָקאַט און ציוניסט, גיט צו צום בוך אַ באַלייכטנדיק קאַפּיטל זכרונות וועגן יאַנוש קאָרטשאַק פון די יאָרן ווען זיי זענען ביידע צוזאַמען געווען סטודענטן אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט, ווו זיי האָבן שטודירט מעדיצין. פון אָט דעם קליינעם שטרענג־געצייכנטן פאָרטרעט קומט אַרויס קאָרטשאַק אַ יונגער אידעאַליסט, וועלכער צייכנט זיך אָן זיין לעבנס־וועג אַלס פּעדאַגאָג מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט צו דער קינדערשער נשמה.

קאָרטשאַק איז זיין גאַנץ לעבן פאַרבליבן אין פוילן און האָט זיך איינגאַנצן אויסגעלעבט אין דער קינדער־היים, פריער אין דער פרייער

וואַרשע אויף דער קראָכמאַלנע גאַס און שפּעטער אונטער די נאַצישע הענקער, אויף דער שעננע גאַס אין געטאָ. גרינבוים דערציילט ווי אַזוי ער איז נאָך לאַנגע יאָרן געקומען צוריק קיין וואַרשע און זיין אַמאָליקער יוגנט־חבר, יאַנוש קאָרטשאַק, איז געקומען צו אים צו באַראַטן זיך וועגן אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. עס איז שוין אָבער געווען שפּעט, ווייל מיט אַ חודש שפּעטער האָט דער נאַציזם פאַרפלייצט פּוילן. און גרינבוים פאַרענדיקט מיט דעם גלויבן, אַז דאָס הייליקע בילד פון קאָרטשאַקן, ווי ער גייט אַרויף אויף די טרעפּ פון דעם טויטן־וואָגן, אויפן אָרעם האַלטנדיק אַ קליין קינד און ביי דער האַנט פירנדיק אַן אַנדער קינד, וועט אויף אייביק בלייבן איינגעקריצט אין האַרץ פון יידישן פאָלק.

די לענגסטע און רייכסטע איבערזיכט פון יאַנוש קאָרטשאַקס לעבן און זיין אַרבעט גיט איבער אין דעם בוך מאַרק טורקאָוו.

דאָרט דערציילט ער, ווי אַזוי קאָרטשאַק, כאָטש ער האָט געהערט צו אַן אינטעליגענטער אַסימילירטער יידישער משפּחה אין וואַרשע, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווי אַזוי ער איז, זייענדיק אַ סטודענט אין אוניווערזיטעט, אויך געוואָרן אַ פּראָסטער אַרבעטער אין אַ פאַבריק, ווי אַזוי ער איז פריִער געווען טעטיק אין די פּוילישע סאָציאַליסטישע פאַראיינען און שפּעטער אין די זומער־קאָלאָניעס פאַר די אָרעמע יידישע קינדער. ער ווייזט אָן אויף קאָרטשאַקס קאַמף אויפצווייזן די חסרונות פון דער עקזיסטירנדיקער קינדער־דערציִונג. טורקאָוו שילדערט קאָרטשאַקס מוטיקן אַרויסטריט אין דער צייט פון אַ זיצונג ביי פּראָפעסאָר פּקניקאָווסקי, ווו עס איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון פּראָמינענטע יידן און קריסטן צו באַטראַכטן די יידישע לאַגע.

דאָס גאַנצע בוך איז געשריבן אין אַ פּרעכטיקן סטיל, אָפּטמאָל ליריש, אָפּט דראַמאַטיש. געשריבן מיט פופציק יאָר צוריק, איז עס פונדעסטוועגן ווי אַ פאָרלויפער, וואָס שילדערט אין פאָראויס מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט אונדזערע היינטיקע ריזיקע יידישע קינדער־קעמפּס אין אַמעריקע, ווו אַלץ פון וואָס קאָרטשאַק האָט געחלומט איז דערגרייכט געוואָרן. נאָר אָנשטאָט „באַנק“ זאָגט מען שלאָף־שטוב.

פון די בלעטער קריגט מען דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן אויסגעשעפּט די יידישע קינדער־וועלט. דער גאַנצער כישוף פון אונדזערע קינדער־יאָרן ליגט אין דעם בוך. מיר אַליין זענען עס די געוועזענע משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 99

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la Ley

COPYRIGHT BY
**PUA RAKOWSKI, Israel**

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 30 DE JULIO DE 1954 EN LOS "TALLERES GRAFICOS ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

PUA RAKOWSKI

# MEMORIAS

*

Editado por

UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

Buenos Aires — 1954